STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 08628

RETER UN FARRETER

Mordekhai Mishkin

•

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

מרדכי מישקין

רעטער און פאַררעטער

ראָמאַן פונם לעבן פון דער יידישער יוגנט
אין פוילן און ארץ-ישראל, פון די טעג פון
דעם וועלט-קריג ביז דער היינטיקער צייט

פאַרלאַג ת. בזשאָזאַ, וואַרשע, 1937

Copyright 1937, by Mordecai Mishkin
Printed in Poland

M. MISZKIN: Reter un farreter
Wydawnictwo Ch. Brzoza, Warszawa.

איבערדרוקן אָדער איבערזעצן אָן א דערלויבעניש פון מחבר ···
שטרענג פארבאָטן.

Drukarnia „Rekord", Warszawa

פאַרוואָרט:

מיין ראָמאַן „רעטער און פאַררעטער“ איז טיילווייז געבויט אויף היסטאָרישע פאַקטן פון דער נישט לאַנגער פאַרגאַנגענהייט. עס ווערן אין אים געשילדערט די טאַטן פון די אידעאַלע יונגעלייט „חלוצים“, וועלכע האָבן געקעמפט, געליטן און געפאַלן פאַר דעם ווידער־אויפבוי פון ארץ־ישראל.

אין אים ווערן אויך באַשריבן די טעטיקייטן פון אַ גרופע ארץ־ישראלדיקע שומרים, וועלכע האָבן אין מלחמה־צייט געשפּיאָנירט צום גונסטן פון ענגלאַנד. זיי האָבן עס געטאָן נישט צוליב געלט־פאַרדינסטן, נאָר צוליב אידעאַלע מאָטיוון, גלויבנדיק, אַז אונטער ענגלאַנדס הערשאַפט וועט פאַרווירקלעכט ווערן דער חלום פון אַ יידישע אייגענע היים, און אַזוי אָרום געוואָלט צולייגן אַ יידישע האַנט אויף אַ ווירקזאַמען אופן צו ענגלאַנדס נצחון.

די העלדישע מעשים פון דערדאָזיקער אידעאַלער גרופע זענען שוין לאַנג ווערט געווען באַשריבן צו ווערן. עס איז נישט אַזוי אַ באַרעכטיקונג צו זייערע מעשים, ווי דער אויסדרוק פון באַוווּנדערונג פאַר זייער העלדנמוט, קוראַזש, ליבע און זעלבסטאויפּאָפּפערונג פאַר אונזער פאָלק.

זאָל מיין ראָמאַן דינען פאַר אַ דענקמאָל פאַר יענע אידעאַלע מאַרטירער.

מ ר ד כ י   מ י ש ק י ן

געווידמעט מיין ליבן פריינט ל. ס. ב י ע ל י

דער מחבר

קאַפּיטל איינס

דאָס איז געווען אין אַ האַרבסטיקן פאַרנאַכט אין דעם קליי־נעם פּוילישן שטעטל זוועצק.

איבערן הימל האָבן איינע נאָך די אַנדערע שנעל זיך געצויגן שווערע, בלייענע וואָלקנס, ווי זיי וואָלטן איילן אין אַ רייזע ער־גיץ־ווו ווייט, ווייט צום זוים פון הימל, איבערלאָזנדיק די נידעריקע שורות הייזלעך הינטער זיך אין גרויען נעפּל, און זיי, די הייזלעך, האָבן זיך ווי געטוליעט צוזאַמען און געזוכט שוץ איינע ביי די אַנדערע.

ליידיק זענען געווען די קרומע געסלעך פון שטעטל, נאָר פון צייט צו צייט האָבן שאָטנס פון איינצלנע מענטשן שנעל דורכגע־שפּרייזט דורך זיי און זענען פאַרשוווּנדן.

דאָס האָבן די מיטגלידער פון דער גרופּע „צעירי־ציון”, יונגע בחורימלעך און מיידלעך, שנעל און געהיים, פון אַלע זייטן שטעטל, זיך געצויגן צו דער ביבליאָטעק אָפּצוהאַלטן דאָרט זייער פאַר־זאַמלונג.

אין געהיים האָבן געמוזט אָפּגעהאַלטן ווערן די פאַרזאַמלונ־גען פון דער דערמאָנטער גרופּע, ניסט אַזוי צוליב דער מורא פאַר דער פּאָליציי, ווי פאַר אַ צאָל עלטערן פון דיזאָזיקע מיטגלידער. זיי, די איבערגעגעבענע חסידים פון ר׳ שמואלקעס הויף, וואָלטן וועלטן געקערט, ווען זיי דערוויסן זיך, אַז זייערע זין און טעכ־טער געהערן צו אַזאַ חברה.

זענען דעריבער די יונגע מיטגלידער שטיל, ווי אַריינגעגנבעט זיך אין הויז פון דער ביבליאָטעק, אָבער ווען זיי זענען שוין געווען אינעווייניק, האָט די איינגעהאַלטענע פרייד זיך אַרויס־

געריסן מיט שטורעם. דער באהאלטענער סוד האט אלע חברים נאכמער צוזאמענגעבונדן. מען האט זיך ווארעם געגריסט, געדריקט די הענט, און יונגער, הארציקער געלעכטער האט פארהילכט די לופט.

דער ערשטער צו באגריסן די אריינגעקומענע איז געווען גבריאל רעזניק, דער ביבליאטעקאר און פארזיצער פון דער ציוניסטישער גרופע. ער איז געזעסן אויבנאן ביי א קיילעכדיקן טישל, איבער וועלכן עס איז געהאנגען א בליי־לאמפ, און געשריבן עפעס אין א פאפיר. ביי יעדן קלאפ פון דער טיר, האט ער אויפגעהויבן דעם קאפ, געענטפערט דעם צוגעקומענעם מיט „שלום" (שאלאם) און צוריק פארזונקען אין שרייבן.

ענדלעך האט ער אויפגעהויבן די אויגן, ארומגעקוקט זיך און געפרעגט:

— זענען שוין אלע דא?

און נישט ווארטנדיק אויף קיין ענטפער, צוגעגעבן:

— א, ניין, חנהלע פעלט דאך נאך!

אבער אין דערזועלבער רגע האט א פראל געטאן די טיר און הנהלעם קלינגענדיקער געלעכטער האט זיך געלאזט הערן:

— שלום! — האט זי ווי שפרינגענדיק אויסגערופן, אראפגעווארפן פון זיך די פעלערינע, אין וועלכער זי איז געווען איינגעוויקלט און א שאר געגעבן מיט דער האנט אירע שאטינע האר, וועלכע זענען אין צוויי לאנגע צעפ געפאלן איבער אירע שלאנקע פלייצעס. — אביסל פארשפעטיקט, געמוזט ווארטן, ביז דער פאטער איז ארויין אין „שטיבל" צו מעריב, און דערנאך איז אויפצולהכעיס אנגעקומען אונזער יאכנעצע, זאל לעבן.

— ווער איז דאס די יאכנעצע? — האט א בחורל זי א פרעג געטאן.

— כא, כא, כא, — האט געקלונגען איר געלעכטער, — ער ווייס נישט, ווער יאכנעצע איז; דאס איז דאך מיין שוועגערין, זאל לעבן.

חנהלע האט גלייך אויסגעקרימט דאס פנים אין אן ערנסטער מינע, און פארשטעלנדיק מיט די הענט דאס פנים, ווי צו ליכטבענטשן, צוגעגעבן מיט א ניגון:

— יאכנעצע, זאל לעבן, מיין ברודערס וויבעלע, איז פרו

מער פון מיין מאַמען. זי איז די קאָמענדיקע רביצין, און רעדט שוין איצט בוימלדיק. זי זאָגט אַלץ צו מיין מאַמען: „זעט, רביצין, שוויגער־לעבן, אויף חנהלען דאַרף מען אכטונג געבן. זי איז צו־פרייליך און לאַכט אַזוי הויך". און גראָד איצט איז זי אָנגע־קומען און מיר נאָכגעקוקט מיט אירע שפּיציקע אויגן.

— טאָ ווי אַזוי, חנהלע, ביזטו דאָך אַוועק? — האָט איר אַ פרעג געטאָן איר חברטע, שיינדל מאַלעץ.

— איך האָב געזאָגט, אַז איך גיי צו דיר, — האָט חנהלע געענטפערט.

— און איך, — האָט שיינדל זיך פאַנאַנדערגעלאַכט, — האָב געזאָגט, אַז איך גיי צו דיר. ווען זיי ווערן געוואָר, וואָלט אונז ביידן נישט געפעלט...

— חברים, גענוג געשמועסט! — האָט זיך געלאָזט הערן גבריאלס ברוסטיקע שטימע. — זעצט זיך אוים אויף די ערטער און לאָמיר אָפּהאַלטן אונזער אסיפה.

אַלע האָבן זיך אויסגעזעצט, ווער בײם טישל, ווער ביי זייטיקע בענקלעך און אַ שטילקייט האָט באַהערשט די לופט.

— חברים, — האָט גבריאל אָנגעהויבן, — דאָס ערשטע וויל איך אייך אָפּגעבן אַ באַריכט פון אונזער גרופּע „צעירי־ציון". פון דער צענטראַלע אין וואַרשע קומען אָן גוטע ידיעות. טראָץ די שוועריקייטן צוליב די באַשרענקונגען פון דער טערקי־שער רעגירונג, קויפט דער „קרן־קימת" אַלץ מער באָדן אין ארץ־ישראל, און אַנדערע חברים באַזעצן זיך דאָרט איינציקווייז און אין קבוצות. דאָס לעבן אין די קבוצות איז אַן אידעאַלס, וואָס מיר קאָנען זיך גאָרנישט פאָרשטעלן. מען לעבט אין איין משפחה און מען אַרבעט האַנט־ביי־האַנט. די שווערסטע אַרבעט ווערט געטאָן מיט פרייד און געזאַנג, איין אידעאַל באַזעלט אַלעמען, און דאָס איז — דאָס אויפבויען פון אונזער איינן לאַנד.

— ווי דערלעבט מען שוין צו זיין דאָרט! — האָט אַ חסידיש בחורל אויסגערופן.

— שוויג, ווערניקאָווסקי, שוויג! — האָט גבריאל אים אָפּ־געענטפערט. — וויל נאָר, ווערסטו דערלעבן. אָט זענען די לעצטע פּאָר וואָכן צוועלף פון אונזערע חברים פון פּוילן אָפּגעפאָרן קיין

ארץ־ישראל. אַלץ ווענדט זיך נאָר אָן אונז אַליין. מיר דאַרפן זיך איינשפּאַרן, וועלן מיר זיין דאָרט, אין אונזער לאַנד.

— אָבער אונזערע עלטערן ווילן פון דעם גאָרנישט הערן! — האָט זיך יענץ בּחורל אַלץ געשפּאַרט.

— מיר דאַרפן אויף זיי נישט קוקן! — האָט גבריאל אים ווידער געענטפערט. — ווען אונזערע עלטערן וואָלטן פאַרשטיין, וואָס עס טוט זיך מיט אונז, יידן, אויף דער ברייטער וועלט, וואָלטן זיי, אָנשטאָט שטערן, אונז נאָך געהאָלפן אין אונזער אַרבּעט.

— ר' שמואלקע האָט געדאַרפט הערן דידאָזיקע רייד, — האָט זיך אָפּגערופן אַ צווייט בּחורל, — ווען ר' שמואלקע זאָל נאָר וועלן פאָרן קיין ארץ־ישראל, וואָלטן אַלע חסידים אים נאָכ־געפאָרן.

— מיש נישט אַריין מיין טאַטן! — האָט חנהלע אויסגע־רופן פון איר אָרט, און אַ פּאַראיבל האָט זיך געהערט אין איר טאָן. — מיין טאַטע מיינט אַלץ אויף אַן אמת, ער איז אויך אין דעם נישט שולדיק, עס איז זיין דור אַזוי. לאָמיר פריער אויס־טרעטן אַ וועג, וועלן אונזערע עלטערן, די חסידים, דערנאָך צו אונז קומען.

— און איצט, חברים, — האָט גבריאל געבּיטן דעם טאָן און געוואָרן ערנסט, — מוז איך אייך בּאַריכטן טרויעריקע נייעס. איך וועל פאַר אייך לייענען דעם „הפועל־הצעיר" פון ירושלים וועגן דעם טויט פון אַ חבר אין אַ קבוצה, וואָס איז דערמאָרדעט גע־וואָרן פון אַראַבּער.

ער האָט גענומען אין האַנט אַ צייטונג פון טיש און אָנגע־הויבּן לייענען לאַנגזאַם, מיט אַ ציטער אין קול:

„דער טויט פון משה בּאַרסקי.

„שבּת איז קראַנק געוואָרן אַ חבר פון דער קבוצה אין דגניה, און משה בּאַרסקי איז פאַרנאַכט אַוועקגעריטן אויף אַן אייזל קיין מלחמיה צו בּרענגען פון דאָרט רפואות, אָבער אַבּיסל שפּעטער האָט זיך דאָס אייזל אומגעקערט אַליין, אָן רייטער. מען האָט אָנ־געהויבּן זוכן, און אַרום האַלבּע נאַכט האָט מען אים געפונען אַ דורכגעשאָסענעם מיט דריי קוילן בּיים בּרעג פון ירדן צו מזרח־

זייט. לעבן אים איז געלעגן אַן אַראַבישער שוך. די מערדער האָבן אוועקגערויבט דעם חברס געווער".

— לאָמיר זיך, חברים, אויפשטעלן, צו זיין אָנדענקען, — האָט גבריאל אויסגערופן.

די פאַרזאַמלטע האָבן זיך אַ שטעל אויף געגעבן, און אַ הייליקע שטילקייט האָט אָנגעפילט די לופט.

אָבער אין דעמזעלבן מאָמענט האָט זיך פלוצלינג דערהערט אַ געמיש פון שטימען פון הינטער די פענסטער פונדרויסן. די שטימען זענען אַלץ געוואַקסן אין העכערע קולות. עס האָבן זיך דערהערט שווערע טריט ביים שוועל, און די טיר פון דער ביבליאָטעק האָט זיך אויפגעפּראַלט מיט ראַש.

— אָט זענען די פושעים אַלע דאָ! — האָט זיך אַ מענגע חסידים, יינגערע און עלטערע, אַריינגעריסן אינעווייניק צו די פאַרזאַמלטע. — בחורים און מוידן צוזאַמען, אַ חלול השם!

— דו, שגץ, ביזט אויך דאָ, האַ? — האָט אַ חסיד, דערזעענדיק זיין זון, אים אָנגעהויבן טרייסלען פאַרן קאָלנער. — צדיק מיינער, איך האָב געמיינט, אַז דו ביזט אין „שטיבל", בין מנחה למעריב, לסוף ביזטו דאָ צווישן די אפיקורסים!

— טאַטע... — האָט דאָס בחורל אָנגעהויבן.

— שוויינ! גלייך אַרויס פונדאַנען! — האָט דער פאָטער געשריגן. — דו שגץ, דיין געביין זאָל דאָ מער נישט זיין!

— געוואַלט, יידן! — האָט פלוצים אויסגעשריגן נאָך איינער. — זי, חנהלע, דעם רבינס טאָכטער, איז דאָך אויך דאָ! אוי, וואָס פאַר אַ חלול השם, וואָס פאַר אַ בושה! לאָמיר, יידן, קיינעם נישט אַרויסלאָזן פונדאַנען און שיקן אָנזאָגן דעם רבין, אַזאַ בזיון!

— מיר פרעגן אייך נישט! — האָט גבריאל אויפגעהויבן אַ פויסט און זיך אַ ריס געטאָן פון אָרט מיט פלאַמענדיקע אויגן. — מיר טוען גוטע אַרבעט צו העלפן בויען ארץ־ישראל.

— דו, אפיקורס, ימח־שמך! — האָט אַ יונגער חסיד זיך געריסן פאָראויס, גבריאלן אַנטקעגן. — ער איז דער אָנפירער, ער, מיט זיינע טריף־פּסולס, ברענגט חורבן אין שטאָט. לאָמיר אים אָנברעכן די ביינער.

הענט האָבן זיך אָנגעהויבן פלעכטן און געהויבן זיך אינדערלופטן מיט געבייליטע פויסטן.

— איר וועט אים נישט אָנרירן, איר הערט?! — האָט פּלוצלינג חנהלע אויסגעשריגן נישט מיט איר קול, און אירע טיף־בלויע אויגן האָבן זיך אָנגעצונדן מיט אַ גלאַנץ. — איך זאָג אייך, איר וועט אים נישט אָנרירן. איך וועל אייך אייערע הענט צעבייסן!

די הענט האָבן זיך אָנמעכטיק געגומען אַראָפּלאָזן.

דערווייל האָט ארום ביבליאָטעק אָנגעהויבן וואַקסן אַ רעדל מענטשן. אימיצער האָט אָנגעזאָגט ביים רבין אין הויז, און באַלד איז די רביצין מיט יאַכנעצען אויך געווען אינעווייניק.

— רביצין לעבן, שוויגער לעבן, — האָט יאַכנעצע, טייטלענדיק אויף חנהלען, מיט נקמה אויסגעזונגען מיט אַ ניגון, — האָב איך אייך נישט געזאָגט, אַז חנהלע געפעלט מיר נישט?! זי טוט דאָך אונדז אָן שאַנדע! דעם שווער, זאָל לעבן, דעם צדיק, זאָל אַזאַ זאַך טרעפן! צו שיינדלען איז זי נעגאַנגען, האָט זי מיר געזאָגט, אָט ווו זי איז מיט שיינדלען. ווי איז אונדז! אָן אַכצניעריק מיידל, אַ רבים אַ טאָכטער, זאָל זיין אַזאַ חצופה, צו פאַרברענגען מיט זכרים אין איין צימער!

— דו, שיינדל, אַ חרפה צו דיר! — האָט די רביצין אויסגעלאָזט דעם כעס צו דער חברטע. — דו האָסט פאַרשלעפּט מיין חנהלען. גיי, ווייס, ר׳ נפתלי מאַלעצעס טאָכטער זאָל זיין אַזאַ קינד.

— מאַמע, שווייג! — האָט חנהלע געפּרוווט אַרויסרעדן.

— דו שווייג! — איז די רביצין צוגעלאָפן מיט אימפּעט צו חנהלען, וואָס איז געשטאַנען אַ צעטומלטע, און איר אַ שלעפּ געטאָן מיט קראַפט. — דו חצופה, וואָס קלערסטו נאָך? אַהיים גיי, וואָרום איך וועל דיך דאָ צעפּאַטשן פאַר אַלעמען אין די אויגן.

חנהלעס לענגלעך פּנים האָט געפלאַמט מיט צאָרן און חרפּה. זי האָט אָבער נישט גערעדט קיין וואָרט, נאָר שטום אָנגעקוקט גבריאלן, און זיך איינגעוויקלט אין דער פעלערינע.

— איך וועל אָבער דאָס הויז נישט פאַרלאָזן — האָט זי, שטייענדיק ביים שוועל, אויסגערופן, — ביז איר, אַלע חסידים, וועלן פונדאַנען נישט אוועק. איך וויל נישט, אַז איר זאָלט אימיצן שלאָגן. איר זענט נישט קיין שיכּורע פּויערים!

די רביצין האָט מיט אַ ווונק געוויזן דער מענגע חסידים, זיי זאָלן גיין צו דער טיר. אַלע האָבן איר געפאָלגט, און בורטשענ־

דיק זיך אַרויסגערוקט. דעמאָלט האָט חנהלע, אַרומגענומען אין אַ רעדל פֿון דער רביצין, יאַכנעצען און פֿיל אַנדערע מענער און פֿרויען, ווי אַ געכאַפּטע פֿאַרברעכערין, מיט אַן אַראָפּגעלאָזטן קאָפּ, געשפּרייזט אַ דערשלאָגענע און אָנגעברויזטע מיט צאָרן אַהיים.

קאַפּיטל צוויי

די געשיכטע מיט דער געכאַפּטער פֿאַרזאַמלונג האָט בײַם רבי שמואלקען אין הויז אויפֿגעהויבן אַ גרויסן שטורעם.

עס איז דעם רבין, ר׳ שמואלקען, געגאַנגען, ערשטנס, טאַקע אין דער עצם־זאַך, אַז זײַנס אַ טאָכטער, אַ בוגרת, זאָל זיך חברן מיט יונגעלײַט אַפּיקורסים, וואָס לייענען ביכלעך, קומען זיך צונויף אין ביבליאָטעקן און טוען אָפּ ווער ווייסט וואָס פֿאַר אַ ווילדע מעשׂים, רחמנא לצלן! אָבער נאָכמער פֿון דעם איז עס געגאַנגען אין פּרעסטיזש: וואָרום וואָס פֿאַר אַן אויסזען קאָן עס האָבן, ווען אין און אַרום שטעטל זאָלן מיידלעך מורמלען וועגן רבי ר׳ שמואלקען און זײַן טאָכטער? און נישט נאָר דאָס אַליין האָבן די מיילער געמורמלט. דערגרייכט האָבן צום רבין קלאַנגען, אַז זײַן חנהלע פֿירט גאָר אַ ליבע מיט גבריאלן, הערש דעם אייער־הענדלערס זון. ווײַבער האָבן איבערדערציילט, ווי חנהלע האָט זיך אײַנגעשטעלט פֿאַר אים און נישט דערלאָזט, אַז חסידים זאָלן אים שלאָגן.

אָט די קלאַנגען האָבן געמאַכט אויפֿציטערן ר׳ שמואלקעס וועזן: ס׳טײַטש, ער זאָל זיך מחותּן זײַן מיט הערש דעם אייער־הענדלער? מיט הערשן, וואָס פֿאָרט איבער די דערפֿער אויפֿצוקויפֿן אייער פֿון פּויערטעס און ציט פֿון דעם חיונה? דאָס וואָלט דאָך געווען אַ חילול הכּבֿוד נישט נאָר פֿאַר אים אַליין, נאָר אויך פֿאַר די עלטערן, די הייליקע רביים, זכרונם לברכה! דאָס וואָלט דאָך אונטערגעגראָבן דעם גאַנצן אָנזען פֿון רבינס הויף. הייגט דער בחור גבריאל אַליין. אמת, ער האָט געלערנט אין ישיבֿות, אָבער ער איז דאָך אַראָפּגעקומען אַ משכּיל, אַן אַפּיקורס, אָנגעלייענט זיך מיט טריף־פּסולים, און נאָך אײַנגעפֿירט אַ ביבליאָטעק, אַראָפּצופֿירן אַנדערע פֿון יידישן וועג. אַן אמתער ירבֿעם בן נבֿט!

בעסער וואָלט זיך ר׳ שמואלקע געווונטשן דעם טויט, רחמנא ליצלן, איידער צו זען אזא יונגגמאַן פאַר אַן איידעם.

פון חנהלען אַליין האָט מען ביים רבין אין הויז גאָרנישט געקאָנט וועגן דעם דערגיין. זינט מען האָט איר געבראַכט מיט חרפּה אַהיים און ר׳ שמואלקע האָט איר מיט כּעס דערלאַנגט אַ פּאַטש, איז זי געוועזן שטאַרק פאַרצאַרנט און צונויפפרעסנדיק די ליפּן, אויף קיין זאַך נישט געוואָלט ענטפערן.

באַראַטן האָט זיך דעריבער ר׳ שמואלקע מיט די הויז־מענטשן, וואָס צו טאָן מיט חנהלען, ווי צו פאַרהיטן פון דעם אומגליק, וואָס רוקט זיך אָן אויף זיי.

יאַכנעצע, וואָס איז אויך געזעסן ביי דער באַראַטונג, האָט אויף איר שטייגער אָנגעהויבן מיט אַ ניגון:

— ווען איר זאָלט מיך הערן, רבי, שווער לעבן, — האָט זי געזאָגט, — דאַרפט איר חנהלען גלייך חתונה מאַכן. זי וועט דעמאָלט אַלע נאַרישקייטן פאַרגעסן און ווערן אַ פרום, יידיש ווייב.

— איך האָב עס שוין לאַנג געזאָגט, — האָט די רביצין מספּים געווען, — אַ מיידל, אַז זי דערגרייכט אַכצן יאָר, לאָזט מען נישט אַרומגיין פריי.

— מיר האָבן דאָך וועגן דעם מיט איר גערעדט, — האָט ר׳ שמואלקע ווי זיך פאַרטיידיקט, — און זי האָט גאָרנישט גע־וואָלט הערן.

— אָ, רבי, שווער לעבן, — האָט יאַכנעצע געזאָגט, — איר זאָלט אַזוי רעדן? ביי חנהלען פרעגט איר? מיין טאַטע האָט מיך אויך נישט געפרעגט. איך האָב אויך נישט געוואָלט אייער לייבושן...

— דו ביזט אַנדערש, מיין קינד, — האָט ר׳ שמואלקע גע־זאָגט, — נאָר פונדעסטוועגן ביזטו גערעכט. איצט אַוודאי. מען מוז איר נויטן, זי זאָל חתונה האָבן און אַרויסשלאָגן זיך פון קאָפּ די הולטאַיעס. אָבער ווי פּאַסט מען צו אייליק פאַר איר אַ גוטן חתן?

— דאָס איז אויך אַ דאגה... — האָט יאַכנעצע געזאָגט. — און ווו איז אַברהמעלע ר׳ אשר טעוועסקערס? האָט איר שוין פאַר־

געפֿן, אז ר׳ אשר האָט געשיקט א שדכן, איינעם פֿון זיינע קרובים, וועגן דעם ענין?

— וואָס זאָל איך דיר זאָגן, מיין שנור, דו ביזט געבענטשט מיט חכמה פֿון הימל. מיין לייבוש האָט גאָר א באַזונדער זכות צו האָבן אַזאַ אשת חיל. ר׳ אשר געפֿעלט מיר טאַקע, ער שטאַמט פֿון גזע קדושים, זיין יחוס אבות ציט זיך אַזש ביזן בעל־שם־טוב, זכרונו לברכה. מען זאָגט אויך, אַז אברהמעלע, זיין זון, איז גע־ראָטן איינגאַנצן אין אים. ער פּראָוועט שוין אויך אַמאָל א טיש, ווען ר׳ אשר פֿאָרט זומער קיין קאַרלסבאַד. דאָס וואָלט באמת גע־ווען א גוטער זיווג, ווען נאָר חנהלע זאָל זיך נישט עקשנען...

— וואָס זאָרגסטו זיך אַזוי וועגן איר עקשנות, שמואל? — האָט די רביצין אויסגערופֿן. — זי וועט פֿאָלגן, זי וועט מוזן פֿאָלגן!

— חנהלע, חנהלע! — האָט די רביצין אויסגעשריגן. — קום גיכער אַהער, דער טאַטער דאַרף דיך.

חנהלע, וואָס איז דעמאָלט געזעסן ביי זיך אין צימער, פֿאַר־טיפֿט אין א האַנט־שטיקעריי־אַרבעט, איז אַריינגעקומען און דורך א דינעם שפּאַלט פֿון די האַלב־פֿאַרמאַכטע אויגן אָנגעקוקט אַלע איינעם, לענגער אָנגעקוקט יאַכנעצן, און אויסגערופֿן:

— אַ, שוין ווידער אַן אסיפֿה וועגן מיר. וואָס דאַרפֿסטו מיך, טאַטע?

— זעץ זיך, טאָכטער, — האָט ר׳ שמואלקע אָנגעוויזן חנה־לען אַן אָרט לעבן זיך, און אָנגעהויבן ווייך, — זעץ זיך, מיר האָבן דאָ באַטראַכט, אַז דו, מיין טאָכטער, ביזט אפֿשר נישט שולדיק אין דער סיבה, וואָס מיט דיר האָט געטראָפֿן. א מיידל, א בתולה, אין דיינע יאָרן איז אין סכנה. דו, חנהלע, דאַרפֿסט חתונה האָבן. עס איז געקומען די צייט.

— איך וויל נישט חתונה האָבן! — האָט חנהלע זיך אויפֿ־געהויבן פֿון אָרט.

— זיץ, חנה, זיץ! — האָט דער רבי אַרויסגערעדט העכער, באַפֿעלעריש. — איך בין אויף דיר גוזר, דו מוזט פֿאָלגן, וואָס איך זאָג. איך האָב נישט פּאַרדינגט ביים רבונו של עולם אַזויפֿיל באַשטראָפֿט צו ווערן. איך וועל דיך נישט לאָזן זינקען חס ושלום!

— איך זינג נישט, טאטע, — האט חנהלע, אוועקזועצנדיק זיך, ארויסגערעדט מיט הארץ, — מיר האבן קיין זינגר נישט גע־טאן. מיר האבן זיך צונויפגעזאמלט וועגן ארץ־ישראל.

— אונזער הייליק לאנד וועט זיך אליין אויפבויען, ווען השם־יתברך וועט וועלן, — האט ר׳ שמואלקע געענטפערט אויפ־געגט, — און פארברעננען מיט זכרים איז א זינד, א גרויסע זינד. זיי זענען מופקרים, זיי פירן דיך אראפ פון גלייכן וועג. דו ביזט מיין טאכטער, און טארסט נישט פארשעמען אונזער כבוד. דו וועסט חתונה האבן מיט איינעם פון אנשי שלומנו, דיינס גלייכן.

— טאטע, — האט חנהלע געענטפערט שטיל, אבער אנט־שלאסן, — איך וועל איצט נישט חתונה האבן. אז עס וועט קו־מען די צייט, וועל איך הייראטן מיט מיין באשערטן.

— דאס האבן איר די ביכער אויסגעלערנט, — האט זיך אנגערופן יאכנעצע, — אפשר איז גבריאל דעם אייער־הענדלערס זון איר באשערטער? ער באזארגט עס איר מיט ביכער, ער ליגט איר אין קאפ.

חנהלע האט איר גארנישט געענטפערט, נאר איר אנגעקוקט מיט צארן און די אונטערשטע ליפ האטביי איר געציטערט.

— רבונו־של־עולם! — האט ר׳ שמואלקע זיך אויפגע־הויבן פון ארט, אנגעהויבן שפאצירן הין־און־צוריק איבערן חדר און אויפגערייצט גערעדט. — איז דאך אמת, וואס מען זאגט! זי טראגט זיך ארום מיט מחשבות וועגן הערשם זון. איך וועל עס אבער נישט דערלאזן — איז זיין קול געוואקסן מיט א ציטער.— איך וועל איר אוועקטרייבן פון מיין טיש, ווי א ווידערשפעניקע טאכטער. איך בעט ביים רבונו־של־עולם, עד זאל מיך אזוי נישט שטראפן. מיינע אויגן זאלן נישט דארפן זען אזא בושה.

— דו, חצופה! — האט די רביצין פלוצלינג זיך פאנאנ־דערגעשריגן. — דו דערקירצעסט דעם טאטנס יארן. דו וועסט פאלגן. דו מוזט! באראטיק דיך, שמואל, זי וועט מסכים זיין. מיר זענען נאך דערוויל אירע עלטערן.

חנהלע האט נישט געענטפערט קיין ווארט, האט זיך אויפ־געהויבן פון ארט, און, ווארפנדיק א בליק פול מיט פאראכטונג אין יאכנעצעס זייט, האט זי לאנגזאם ארויסגעשפרייזט פון חדר.

זי איז אריין צו זיך אין צימער, ארויפגעפאלן אויף איר בעטל און איינגעגראבן דעם קאפ טיף אין קישן. א לאנגע צייט נאכדעם האט זיך פון איר צימער געטראגן א פארשטיקט, אפ־געהאקט געוויין.

קאפיטל דריי

אין א פאר טעג ארום איז חנהלע אליין ארויס שפאצירן אויפן שליאך, וואס האט געפירט צו שעדלעץ. דער רוגז פון יע־נעם אוונט האט זיך נאך אלץ געצויגן און חנהלע האט כמעט נישט גערעדט מיט די שטוביקע. דער רביצין האט שוין אינדער־שטיל געוויטאקט איר הארץ, זעענדיק, ווי איר טאכטער איז אזוי פארצארנט און פארזארגט. געוווסט האט זי אלס מאמע, אז חנה־לע איז אין תוך א גוט קינד. האט שטארק ליב די עלטערן און וועט געווים נאכגעבן. זי וועט נישט קאנען דערווידערן דעם טאטן, אים פארשאפן וויטאקן, און וועט ענדלעך איינשטימען אויף דעם שידוך. האט זי, די רביצין, דעריבער ביי זיך שוין בארעכנט און בארעכטיקט חנהלעס פארזארגטקייט, איידער זי גייט באשליסן צו טאן דעם נייעם שריט אין לעבן, חתונה צו האבן מיט דעם, וואס טאטע־מאמע היישן. די רביצין האט אפילו אין הארצן רחמנות געהאט אויף איר טאכטער, געהאט מיטלייד, וואס איר קינד ליידט אזוי, און איז דעריבער געווען צופרידן צו זען, ווי חנהלע ציט אויף זיך ארויף א מאנטל און נעמט זיך צו פארלאזן דאס הויז. אדרבא, זאל זי א ווײַלע ארויסגיין און זיך צעשטרייען.

— וווהין גייסטו, חנהלע? — האט זי איר ווייך געפרעגט.

— שפאצירן, — האט חנהלע געענטפערט אנגעבלאזן, — כ'וועל קומען אין א פאר שעה ארום.

אריבער איז חנהלע דאס בריקל הינטערן שטעטל, און אראפ־נעמענדיק זיך פון ברייטן וועג, זיך געלאזט אויף דער שמאלער סטעזשקע, וואס האט געפירט צום לאנגן סאסנאוון וואלד. דער־גרייכנדיק די ערשטע שיטערע ביימער פון וואלד, האט זי זיך אפ־געשטעלט, ארומגעקוקט אין אלע זייטן, און נישט באמערקנדיק קיין לעבעדיק באשעפעניש, האט זי מיטאמאל האסטיק אנגעהויבן

צו שפּרייזן טיפער אין וואַלד, און מיט די פיס געבראָכן די טרו־קענע דינע צווייגלעך, וואָס האָבן איר געפלאָנטערט די טריט.

ביי א פּערטל וויאָרסט האָט זי אַזוי געשפּרייזט אין וואַלד, ביז זי האָט דערגרייכט דעם אויסגעהאַקטן ברייטן פּלאַץ ביי דעם פּאַרלאָזטן וועכטער־ביידל, ווו זומער פלעגן די שטעטלדיקע „דאַטשניקעס" האַלטן זייער שפּייז און זאַכן, אונטער דער שמירה פון באַצאָלטן וואַלד־וועכטער. איצט, אין האַרבסטיקן, גרויען טאָג, איז דאָס ביידל געשטאַנען לײדיק, פּאַרלאָזן, מיט צעבראָכענע שייבלעך אין די קליינע פענסטער־לעכער, און אויף דער דרויסנ־דיקער באַנק ביים ביידל האָבן זיך געוואַלגערט צעריסענע, פאַר־געלבטע פּאַפּירן און אָנגעוואָרפענע שמאַטעס, רעשטלעך פון זו־מערדיקע טעג. חנהלע האָט אַראָפּגעשאַרט די אָנגעוואָרפענע זאַכן פון באַנק און געוואָלט זיך צוזעצן.

פּלוצלינג האָבן זיך פון צווישן די קוסטעס פון אַנדערן זייט ביידל געלאָזט הערן א שאָרכן און אַן אָפּקלאַנג פון טויבע טריט. חנהלע האָט זיך האַסטיק אַרומגעקוקט אין דער ריכטונג, פון וואַ־נען די טריט האָבן זיך געהערט, האָט באַלד אויך דערזען א פיגור, און אויסגעשריגן:

— גבריאל!

גבריאל האָט זיך דערנענטערט צו איר, און מיט א שטראַלנ־דיקן פּנים אָנגעכאַפּט איר ביי ביידע הענט, זי באַגריסט:

— חנהלע, — האָט מיט פרייד געקלונגען זיין שטימע, — איך וואַרט שוין דאָ ביי א שעה צייט. ווי נאָר איך בין געקומען אין ביבליאָטעק און געפונען דיין בריוועלע, האָב איך זיך גלייך געלאָזט אַהער צום באַשטימטן פּלאַץ.

חנהלע האָט נאָך אַלץ געהאַלטן ביים אַרומקוקן זיך אַרום, און ביי יעדן שאָרך פון א בוש, ווי אויפגעציטערט.

— וואָס ציטערסטו, חנהלע? — האָט גבריאל איר געפרעגט.

— איך האָב מורא פאַר „שפּיאָנען", — האָט זי געענט־פערט, — מען זאָל אַמאָל מיך דאָ נישט כאַפּן מיט דיר. מער וואָלט אונז שוין נישט געפעלט. פאַר מיר אַרט מיך נישט, אָבער דיך וואָלט מען אויף שטיקער צעריסן.

— אָבער וואָס פעלט דיר איין? — האָט גבריאל געפרעגט. —

קיינער האָט דאָך דיך נישט געזען, און ווען מען גייט עס איבער־הויפּט אָן?

— ווען, פרעגסטו? — האָט חנהלע ביטער אַ לאַך געטאָן. — און ווען איז עס אָנגעגאַנגען צו פאַרמסרן אונז יענע נאַכט אין ביבליאָטעק? איך האָב אַ פאַרדאַכט, אַז דאָס איז יאַכנעצעס אַרבעט. זי קוקט מיר נאָך, און האָט דעמאָלט אָנגעבעטן הסידישע יינגלעך אין „שטיבל", מען זאָל מיר נאָכגיין און זען, וווּ איך קום אַהין.

— פאַרגעס וועגן דעם, חנהלע. קום, לאָמיר זיך צוזעצן אויפן באַנק.

זיי האָבן זיך צוגעזעצט אויפן באַנק, און גבריאל האָט אַרייַנגעקוקט אין איר פּנים, און באַמערקט, ווי אירע אויגן זענען פאַררויטלט פון געוויין.

— חנהלע, דו האָסט געוויינט? — האָט ער מיט שרעק אויסגערופן.

— מען גייט מיך חתונה צו האָבן, גבריאל, — האָט חנהלע אָנגעהויבן מיט אַ ציטער אין קול, און גערעדט אָפּגעהאַקטע ווערטער, — זיי ווילן אונז צעשיידן... זיי האָבן פאַר מיר שוין אַ שידוך... דער טאַטע זאָגט, אַז איך וועל אים פאַרקירצן די יאָרן... איך האָב די לעצטע טעג זייער געליטן.

— באַרואיק דיך, מיין טייערע, — האָט גבריאל געזאָגט, אַ פיר געטאָן מיט דער האַנט איבער אירע כוואַליעדיקע האָר, און דערנאָך אָנגענומען איר האַנט און געגלעט, — באַרואיק דיך. מיר וועלן באַטראַכטן, וואָס צו טאָן; מיר וועלן זיך אַן עצה געבן.

— עס איז נישט גוט, גבריאל, — האָט חנהלע גערעדט מיט האַרץ, און אין די אויגן האָבן זיך באַוויזן טרערן, — אין הויז ווערט איצט פאַר מיר אַ גיהנום. אַלע קוקן אויף מיר ווי אויף אַ פאַרפירטע. דער טאַטע זיפצט און באַטראַכט עס ווי אַ שטראָף פון הימל, איך קאָן עס נישט אַריבערטראָגן! שלעכטע געדאַנקען מישן זיך מיר אין קאָפּ.

— און דו ווילסט דאָס זיין צווישן די חלוצים און חלוצות צו העלפן בויען ארץ־ישראל? — האָט גבריאל געזאָגט מיט פאַראיבל אין קול. — שוין די ערשטע שוועריקייט, וואָס דו באַגעגנסט אויף דיין וועג, מאַכט דיך אָנמעכטיק, פירט דיך צו פאַרצווייפלונג,

און דו ווילסט זיך אונטערנעמען גיין אויף א וועג, וואס איז אויס־געזעצט מיט דערנער?

גבריאלס רייד האבן אויף איר געמאכט אן איינדרוק. איר פנים האט זיך מיטאמאל ווי אויסגעלייטערט, אירע טיף־בלויע אויגן זענען געווארן גרעסער און געשיינט ווי אויסגעוואשן, ווי א זון נאך א רעגן.

— ביזט גערעכט, גבריאל, — האט זי געזאגט, און זיך גע־טוליעט צו אים, — איך בין א שוואכלינג. איך וועל זיך אבער באמיען צו זיין שטארק, שטארקער פון אנדערע. אבער לאמיר זיך בעראטן, וואס זאלן מיר איצט טאן?

— איך האב צוגעטראכט אן עצה! — האט גבריאל געזאגט:

— זינט דעם איבערפאל אויף אונז אין ביבליאטעק בין איך גע־קומען צום באשלוס, אז איצט מוזן מיר אנהויבן ממשותדיקע שריט צו פארווירקלעכן אונזער אידעאל. אזוי אנגיין לאנג קאן עס נישט. מען וועט זיך נאך דערוויסן פון אונזער ליבע.

— מען רעדט שוין איצט פון דעם. — האט אים חנהלע איבערגעשלאגן. — מיין טאטע האט מיר אין כעס געזאגט, אז איך טראג זיך ארום מיט מחשבות וועגן הערשס זון.

— און ווי נאר זיי וועלן זיך דערוויסן, אז עס איז אמת, — האט גבריאל ווייטער גערעדט, — דעמאלט וועסטו ליידן דאפלט. און נישט נאר דו אליין. אויך מיך וועלן דיין טאטנס קאזאקן פון גרויס קנאה צום רבין, מאכן פאר א בעל־מום. זיי וועלן מיר ענג מאכן אפילו דאס קורצע שטיקל צייט, וואס איך דארף דא זיין. דעריבער האב איך צוגעטראכט אזא פלאן.

— איך בין גרייט אויף אלעם, וואס דו וועסט אויפגעבן, — האט חנהלע אים איבערגעשלאגן.

— מיר ביידע זאלן פארן צוזאמען קיין ארץ־ישראל, — האט גבריאל געזאגט.

— אבער ווי אזוי? — האט חנהלע אים אנגעקוקט פארוואונ־דערט. — וועט דען מיין טאטע מיך לאזן?

—ווארט, הער פריער אויס דעם גאנצן פלאן! — האט גבריאל געענטפערט. — דו ווייסט דאך, חנהלע, אז פאר מיר האט שוין מיין טאטע צוגעגרייט געלט. ער האט שוין ביי 400 רובל, אבער מיין רייזע דארף נישט קאסטן אפילו קיין העלפט. דער טא־

טע וויל נאר, כ'זאל האבן מיט וואס אויסצוקומען די ערשטע צייט אין ארץ־ישראל. אבער איך זארג מיך נישט וועגן דעם. וועט, אלזא, חנהלע, דאס געלט זיין פאר אונז ביידן אויף הוצאות.

— אבער ווי אזוי וועל איך אוועקפארן פונדערהיים? — האט חנהלע אים נישט פארשטאנען.

— ווי איך פון פריזיוו, — האט איר גבריאל געענטפערט.

— דו מיינסט אנטלויפן? — האט זי אויף אים אנגעשטעלט א פאר אויגן.

— יא, אנטלויפן, — האט גבריאל געענטפערט, — אנט־לויפן פאר דיין גליק, פאר אונזער אלעמענס גליק. דו וועסט נאר איבערלעבן עטלעכע שווערע מינוטן ביים פארלאזן דיין הויז, און דערנאך באפרייסטו זיך מיטאמאל פון אלע קייטן.

א ווײַלע זענען זיי געזעסן שטיל.

— יא, עס איז א גוטער פלאן, — האט חנהלע ענדלעך ארויסגעמורמלט, און א ווייכער גלאנץ, ווי א רעגנבויגן אויף אן אויסגעלייטערטן הימל, האט זיך נאכמער געשפילט אין אירע אויגן, — עס איז אן אויסגעצייכנטער אויסוועג. איך וועל פריי ווערן פון יאכנעצן. פארן טאטן וועט אויך זיין בעסער. עס איז גלייכער, ער זאל מיך נישט זען, פון מיר נישט וויסן, איידער האבן דעם צער, וואס איך, א פארפירטע, האב חתונה מיט הערש דעם אייער־הענדלערס זון, דעם אפיקורס. יא, עס איז א טייערער אויס־וועג: אנטלויפן, און...

— בויען א נײַ לעבן. — האט גבריאל פאר איר פארענ־דיקט.

נאך ביי א שעה זענען זיי אזוי געזעסן אין וואלד, ארומ־גערינגלט פון די ביימער, וואס זענען געווען די איינציקע צו וויסן זייער סוד. זיי האבן זיך געקוויקט מיט די טייערע מינוטן פון זיין צוזאמען. זיי האבן ארומגערעדט אלע איינצלהייטן, ווי ער, גבריאל, וועט פריער אוועקפארן קיין אדעס און וועט דארט אויף אירווארטן, און דער אגענט, וואס פירט אים אויף א פאלשן פאס־פארט אריבער אויף א שיף קיין סטאמבול, וועט אויך איר, חנה־לען, אריבערפירן. דערווייל האבן זיי באשלאסן, וועט זי, חנהלע, ווערן גוט און פרום, זיך צוהערן צום שידוך מיט ר' אשר טעוו־סקערס זון, אוו אפשר אויך דערלאזן צו שרייבן תנאים מיט אים.

תּנאים איז נישט קיין חתונה, און מען קאָן זיי בּרעכן. זיי האָבּן פאַנטאַזירט וועגן דעם מאָמענט, ווען חנהלע וועט אַנטלויפן, וועגן בּריוועלע, וואָס זי וועט איבּערלאָזן.

ענדלעך האָט זיך חנהלע געכאַפּט, אַז עס ווערט שפּעט. זי איז מיטאַמאָל צוגעפאַלן צו גבריאלן, אַרומגעכאַפּט זיין קאָפּ, און אָפּגעפּרעסט אַ לאַנגן, קלינגענדיקן קוש אויף זיינע בּאַקן. איינ־איינציקן קוש, וואָס האָט אויסגעדריקט מער גייסטיקע ליבּע, ווי קערפּערלעכן גענוס, און זיך מיטאַמאָל אויפגעשטעלט.

זי איז אַליין אַרויס פון וואַלד, ווידער זיך אַרומגעקוקט אין אַלע זייטן און שנעל זיך געלאָזט צום שליאַך.

גבריאל איז נאָך פאַרבּליבּן אין וואַלד בּיז עס האָט זיך אָנ־געריקט די נאַכט. דעמאָלט האָט ער, אָנלייגנדיק מער וועג, זיך פאַרנומען אין אַן אַנדער ריכטונג, און איז מיט אַ צווייטן וועג אַריין אין שטעטל פון אַן אַנדער זייט.

קאַפּיטל פיר

שוין לאַנג איז אין זוועצק נישט געווען אַזאַ אויפלעבונג בּיי ר' שמואלקען אין הויף, ווי אין די לעצטע פּאָר וואָכן נאָך סוכּות.

שוין פאַר די ימים־נוראים האָבּן זיך פאַרשפּרייט קלאַנגען, אַז ר' שמואלקע גייט זיך מתחתן זיין מיט ר' אשר טעוועסקער. אַבּרהמעלע, ר' אשרס זון, וועט חתונה האָבּן מיט חנהלען, ר' שמואלקעס טאָכטער. חסידים פון בּיידע נאָענטע הויפן האָבּן זיך געפרייט און אָנגעהויבּן פילן אַ מין נאָענטשאַפט איינע צו די אַנ־דערע, ווי זיי וואָלטן זיך אַליין קליבּן צו ווערן קרובים אין בּלוט און פלייש.

דערווייל האָבּן זיך אָנגערוקט די ערנסטע גרויסע טעג פאַרן יום־הדין; עס האָט זיך געטראָגן אין דער לופט דער אויסגעצוי־גענער קול פון שופר, און אַנדערע געדאַנקען האָבּן פאַרנומען דעם מח, און געמאַכט פאַרגעסן וועגן דעם נייעס פון ר' שמואלקעס שידוך. די חסידים זענען געווען בּאַשעפטיקט מיט דער פראַגע וועגן פאָרן צום רבּין אויף ימים־נוראים, ווער קיין טעוועסק, ווער קיין זוועצק. עס איז אויך געלעגן ווי אַ שווערע משא אויף

בלייצעס די מורא פאר דעם יום־הדין, וואס האט זיך דערנענטערט און אלע זייטיקע זאכן זענען ארויס פון זינען.

אבער גיך זענען די „גרויסע טעג" פון יום־הדין אריבער. מען האט אפגעאטעמט פרייער. די גרויסע נייעס וועגן שידוך צווישן ביידע הויפן האט זיך באנייט, און טאקע אויך באשטע־טיקט. עס איז אפיציעל ארויס פון טעווסקער הויף די ידיעה, אז אברהמעלע פארט אויף חול־המועד סוכות קיין זוועצק. ער וועט זיך דארט זען מיט ר' שמואלקען און זיין טאכטער. און דעמאלט וועט מען באשטימען די צייט פון קנס־מאל, און אויך פון דער חתונה.

און אזוי איז טאקע געווען, חול־המועד איז אברהמעלע גע־קומען קיין זוועצק. ער האט דארט פארבראכט צוויי טעג אין הויף ביי ר' שמואלקען, און נאך זיין אוועקפאר, איז ארויס די מעלדונג, אז שבת־חנוכה צו־נאכטס וועט מען פראווען א פריילעכע תנאים ביי ר' שמואלקען אין הויז.

און איצט, א פאר וואכן נאך סוכות, איז אין זוועצק געווען פריילעך.

מיט פאמפע און רעש האט זיך דאס גאנצע שטעטל געגרייט צו דער גרויסער תנאים־נאכט פון חנוכה, ווען אין זוועצק וועלן אראפקומען ר' אשר טעווסקער מיט זיין משפחה און מקורבים. עס וועלן זיך אויך צוזאמענקומען ר' שמואלקעס רייכסטע און שענ־סטע חסידים. ר' שמואלקע וועט דאך ווייזן, וואס ער פארמאגט, און א נייע רינגעלע וועט אנגעקניפט ווערן אין דער גרויסער יחוס־קייט פון ביידע משפחות.

אזא זאך איז פאר זוועצק געווען א היסטאריש געשעעניש, און אלע אין שטעטל, סיי נאנטע, סיי ווייטע, האבן זיך מיט דעם געפריים. אבער מער פון אלעמען האט שוין אויסגעקוקט אויף דערדאזיקער נאכט ר' שמואלקע אליין. ער האט שוין געוואלט זוכה זיין צו הערן, ווי זיין חנהלע ווערט אנגערופן מיטן נאמען „כלה". קיינער פון די זייטיקע האט דאך נישט געוווסט, ווי שמאל ר' שמואלקע האט געהאלטן מיט זיין טאכטער. נישט איין נאכט האט ער פון זארג און ווייטאק נישט געקאנט שלאפן. זי, זיין טאכטער, איז דאך שוין געשטאנען ביים שוועל פון אפגרונט. פארשלעפט פון שלעכטע קאמפאניעס, אין קאפ שלעכטע געדאנקען, און פלעגן

פארבערנגען מיט בחורים, זכרים. וואס האט שוין געקאנט זיין ערגער? אבער גאט ברוך הוא האט אים דאך געהאלפן, זיך צו־געהערט צו זיין שווער געמיט, און אן ענדערונג איז אריינגעטראטן אין חנהלען. אן ענדערונג צום גוטן. ווען ער, ר׳ שמואלקע, און זיינע הויזיקע זענען צו איר צוגעשטאנען וועגן שידוך מיט אברהמעלען, האט זי אנגעהויבן שווייגן. שטום פארשלאסן דאס מויל, און גארנישט געענטפערט. אבער דאס שווייגן איז דאך שוין געווען אליין א האלבע הסכמה, און מען האט איר מער נישט גע־פרעגט. מען האט אנגעהויבן טאן וועגן ענין — און פארטיק... מען האט דאך באגריפן אויך איר לאגע. שוין אזוי גיך קאן זיך דאס א מענטש שיידן מיטן יצר־הרע, מיט פריערדיקע געדאנקען און געלוסטן? מען האט איר מיטגעפילט. מען האט איר געלאזט מיט איר שווייגן, מיט איר אומעטיקן פנים. מיט דער צייט וועט זי אנדערש ווערן. האט מען געגעבן אנצוהערן צו ר׳ אשרן, וועגן דעם שידוך מיט זיין זון. פון ר׳ אשרס צד איז געקומען גיך אן ענטפער מיט זייער גרייטקייט און מיט דעם אפענעם פארשלאג, אז ר׳ אברהמעלע זאל באזוכן חול־המועד ר׳ שמואלקען אין זוועצק, און אפשטימען די צייט פון תנאים.

און איצט האט שוין ר׳ שמואלקע געווארט מיט אומגע־דולד אויף דעם מארגן נאך די תנאים. טיף אין הארצן האט נאך ערגעץ געטליעט אן אומרו, טאמער וועט די גוטע ענדערונג לאנג נישט אנהאלטן ביי חנהלען. עפעס איז איר פנים געווען באדעקט ווי א מאסקע, אן קיין שום אויסדרוק פון פרייד. איר בליק איז שטענדיק געווען א פארכמורעטער, און זי איז שטענדיק ארומגע־גאנגען א צעטומלטע, נישט געהערט, וואס מען רעדט צו איר, אזוי צעטראגן איז זי געווען. ר׳ שמואלקע האט טיף אין הארצן פאר־דעכטיקט, אז חנהלע האט זיך נאך אינגאנצן נישט באפרייט פון שטן. ער לויערט נאך אויף איר. זי בענקט נאך זינד. ער האט זיך געשראקן, טאמער קאן זיך נאך שטארקן איר יצר־הרע, קריגן די אויבערהאנט, און זי, חנהלע, וועט זיך ווידער פארעקשנען, ווי צום אנהויב, אז זי וויל נישט חתונה האבן, און וועט נאך אים פארשאפן נאכמער בזיון און שאנד.

ר׳ שמואלקעס זארג איז אבער פארלויפיק געווען אן אומ־זיסטע. חנהלע האט זיך נישט פארעקשנט, נאר שטום און גלייכ־

נילטיק, ווי זי וואָלט גאָרנישט געווען אַ מענטשלעך באַשעפעניש מיט אַ ווילן, געלאָזט מיט זיך טאָן, וואָס די שטוביקע האָבן גע־וואָלט. די רביצין און יאַכנעצע האָבן פאַר איר געלאָזט נייען אַ ניי קלייד. זיי האָבן אויף איר דאָס קלייד געמאָסטן, איר, חנה־לען, געדרייט אין אַלע זייטן, און זי האָט געפאָלגט. יאַכנעצע האָט בשעת־מעשה געלויבט איר חתן אברהמעלען, איר פאַרגעשטעלט, וואָס פאַר אַ גרויס גליק חנהלען שטייט פאַר, ווען איר צוקונפטי־קער מאַן איז אַזאַ גרויסער מענטש אַ צדיק. זי האָט זיך דערביי געוווּנדערט, וואָס חנהלע שווייגט און איז אַזוי גלייכגילטיק צו אַלעם.

— דו בענקסט נאָך אודאי צו יענע אַפּגעריסענע אויסוואָרפן, — האָט יאַכנעצע צו איר גערעדט, — זיי גייען דיר פון קאָפּ נישט אַרויס. פאַרשטייט זיך, עס איז אַ געלוסט. מען פאַרבּרענגט מיט זכרים צוזאַמען, דאָס איז דאָך אָבער אַ גרויסע זינד. ווען דו וועסט אָבער האָבן דיין אייגענעם מאַן, וועסטו אָן זיי אַלע־מען פאַרגעסן. גלויב מיר, וועסט נאָך אַמאָל פון זיך אַליין אָפּלאַכן, וואָס דו האָסט זיך אַזוי נאַריש געמאַכט.

חנהלע האָט זיך געצוווּנגען אַ לאַך צו טאָן, הערנדיק יאַכ־נעצעס רייד. אָבער גאָר אַן אַנדער באַדייטונג האָט געהאַט איר ווייטאָקדיקער געלעכטער, און גאָר אַנדערע מחשבות האָבן זיך באַהאַלטן אין איר מח. אַזוינע פאַרבאַהאַלטענע געדאַנקען, וואָס אַפילו יאַכנעצע וואָלט קיינמאָל נישט פאַרדעכטיקט חנהלען, וויפל זי האָט אויף איר געקוקט מיט חשד.

חנהלע האָט אויף אַלעם, וואָס מען האָט מיט איר געטאָן אין הויז, געקוקט ווי אויף אַ צייטווייליק אָפּקומעניש. זי האָט זיך נישט געוואָרט, נישט אויסגעדריקט איר ווידערווילן און פאַרדרוס, כדי נישט צו דערוועקן קיינעמס פאַרדאַכט. אירע געדאַנקען זענען אינגאַנצן געווען פאַרנומען מיטן אויסאַרבעטן די איינצלהייטן פון דעם פּלאַן, וואָס זי און גבריאל האָבן באַשלאָסן דורכצופירן. זי האָט זיך אָפט געוואָלט זען מיט גבריאלן און דעריבער געזוכט שווייגנדיק נאָכצוגעבן אין הויז, מען זאָל איר לאָזן צו־רו, און געבן מער פרייהייט און זי האָט אירס דערגרייכט. קיינער אין הויז האָט נישט געהאַט דאָקעגן, אַז חנהלע זאָל אָפט אַרויסגיין אַביסל שפּאַצירן. אָבער דער אומשולדיקער שפּאַציר, וואָס חנה־

לע פלעגט נעמען, כּדי ארויסצושלאָגן זיך אַלץ פון קאָפּ, האָט איר אָפּט געפירט צו יענעם בּיידל אין וועלדל, ווו גבריאל פלעגט אויף איר שוין ווארטן.

חנהלע פלעגט דאָרט אויסרעדן פאַר גבריאלן איר האַרץ, און זיך מיט אים בּאַראַטן, ווי זי זאָל זיך האַלטן אין הויז פאַר דער צייט, וואָס זי וועט נאָך זיין דאָרט, בּיז זי וועט אַנטלויפן. צוזאַמען האָבּן זיי אָנגענומען דעם בּאַשלוס, אַז חנהלע מוז איינשטימען אויף אירע תּנאים מיט אברהמעלען ר׳ אשר טעוועסקערס. געראַנגלט האָבּן זיי זיך פריער, געזוכט אַנדערע וועגן, און נישט געוואָלט טאָן אַזאַ זאַך. עס איז געוועזן קעגן זייער געוויסן, און עס האָט אויך געפאָדערט אַ גרויסע אָנשטרענגונג פון חנהלען, זי זאָל שפּילן די ראָלע פון אַ „כּלה״ צו אַ רבּים זון, ווען אין אירע געדאַנקען און געפילן איז זי געווען ווייט פון דעם. זיי האָבּן אָבּער קיין אַנדער בּרירה נישט געהאַט. ער, גבריאל, האָט ערשט אַרום פּורים געקאָנט פאַרלאָזן זוועצק, און ערשט פאַרן אַוועקפאָרן וואָלט אים זיין פאָטער הערש געגעבּן דאָס געלט אין האַנט אַריין, און ער וואָלט געקאָנט געבּן אַ טייל פון זיי חנהלען, זי זאָל האָבּן מיט וואָס צו קומען צו אים קיין אָדעס. ער, גבריאל, האָט אפילו דעם טאַטן זיינעם נישט געקאָנט אָנפאַרטרויען פון זיין ליבע צו חנהלען, דעם רבּין ר׳ שמואלקעס טאָכטער, און אַנטפּלעקן פאַר אים זיין פּלאַן. וואָרום אַ שטיל, פּשוט יידל איז געווען אָט דער הערש ד׳ער אייער־הענדלער, און דערצו אַ געטרייער חסיד.

דער רבּי ר׳ שמואלקע האָט זיך געמעגט שעמען צו ווערן מיט אים אַ מחותּן, און ער, הערש, וואָלט צוליבּ דעם קיין פאַראיבּל נישט געהאַט אויף ר׳ שמואלקען. ער האָט געוווּסט זיין פּלאַץ, און וואָלט אַליין געהאַלטן אין דער דעה, אַז ער פּאַסט טאַקע נישט צו זיין ר׳ שמואלקעס מחותּן. ווען ער, הערש, זאָל וויסן, אַז זיין זון קלייבּט זיך צו אַנטלויפן מיט חנהלע דעם רבּינס, וואָלט ער אויפגעציטערט נישט ווינציקער פון רבּין אַליין. ער וואָלט אפשר אַליין געלאָפן, און דערציילט ר׳ שמואלקען פון דעם, ער וואָלט געוואָלט פאַרהיטן, אַז צוליבּ זיין זון זאָל דער רבּי נישט אַריינפאַלן אין אַ צער און חרפּה.

האָט גבריאל געמוזט זיך אויסבּאַהאַלטן אויך פון זיינע אייגענע. חנהלעס אַנטלויפן האָט אַזוי־אַרום געקאָנט ערשט אויסגע־

פירט ווערן ארום פסח־צייט. דאָס אנטלויפן האָט אויך געמוזט דורכגעפירט ווערן פאָרזיכטיק, מען זאָל זיך גישט כאַפּן, און איר אָפּהאַלטן מיט געוואַלט. האָט חנהלע דעריבער געמוזט דערווייל שווייגנדיק איינשטימען אויף די תנאים. דאָרט ביי די תנאים וועט זי זיך איינשפּאַרן, מען זאָל די חתונה אָפּלייגן אויף וואָס לענגער, און דערווייל, ביז דער צייט פון דער חתונה, וועט זי שוין...

חנהלע פלעגט אויפציטערן, פאַרשטעלנדיק זיך, וואָס פאַר אַ גערודער זי וועט אַרויסרופן מיט איר אַנטלויפן. איר האַרץ האָט איר אָפּט געקלעמט פון צער צו די עלטערן, אָבער —

— גבריאל, — פלעגט זי אים זאָגן, און אויפדריקן מיט די ציין אַלס אַנטשלאָסנקייט, — איך וועל עס טאָן. איך וועל זיין שטאַרק דורכצוברעכן אַלע צוימען, און מיר שאַפן אַ נייעם וועג.

און ענדלעך איז געקומען שבת־חנוכה, די תנאים־נאַכט.

שוין דעם גאַנצן שבתדיקן טאָג איז געווען אַ גרויסער יום־טוב אין זוועצק. דאָס שטעטל האָט געהאַט גרויסע געסט: ר׳ אשר טעוועסקער מיט זיין זון דעם חתן, זיין ווייב, די רביצין, מיט טעכ־טער, איידעמס און שנירס און פיל מקורבים זענען אַלע אַראָפּגע־קומען אויף שבת קיין זוועצק.

אינדרויסן איז געשטאַנען אַ ליכטיקער פראָסטיקער טאָג. די ערד און די דעכער פון די הייזער זענען געווען באַדעקט מיט מילך־ווייסן שניי, וואָס האָט געגלאַנצט מיט טויזנטער בריליאַנטן אַנט־קעגן די קאַלטע שטראַלן פון דער ווינטער־זון. אַטלאָס און זיידנס, שוואַרצע און ווייסע, פון די קאַפּאָטעס ביי די מענער און קליידער ביי די ווייבער, האָבן זיך געשפּיגלט אין שניי און זון, געגלאַנצט און געשימערט אַרום און אַרום.

אין „שטיבל", ביי ר׳ שמואלקען, האָט זיך דאָס דאַווגען פאַרצויגן ביז שפּעט. ר׳ אשר אַליין, וואָס איז געווען אַ גרויסער בעל־מנגן, האָט געדאַוונט ביים עמוד, און געזונגען נייע נגונים וואָס די זוועצקער חסידים האָבן אַזוינס נאָכנישט געהערט. דער חתן, ר׳ אברהמעלע, האָט געהאַט „מפטיר", און אויסגעזונגען די הפטורה מיט גרויס געשמאַק. ביי ר׳ שמואלקען זענען געשטאַנען

טרערן אין די אויגן פון גליק, און ביידע רביצינס, אין דער וויי־בערשער זייט פון „שטיבל״, האבן זיך צעקושט.

שפעטער, נאכן דאווגען, האט מען געפראוועט א יום־טוב־דיקן טיש: ר׳ שמואלקע האט אפגעטרעטן ר׳ אשרן זיין פלאץ, און זיך געזעצט ביי דער זייט. דער חתן ר׳ אברהמעלע איז געזעסן אינמיטן, צווישן ביידע רביים, און חסידים האבן דעם טיש ארומ־גערינגלט פון אלע זייטן. ר׳ אברהמעלע האט געזאגט „תורה״ סיי „מתנגדישע״, ווי דינים און פלפול, סיי חסידישע מיט אנווינקונ־גען און געהיימע רמזים. ווידער איז ר׳ שמואלקעס הארץ געווען גערירט, און ער האט אויסגעשריגן צו ר׳ נפתלי מאלעץ, איינעם פון די זוועצקער בעלי־מנגנים, ער זאל זינגען א נגון. ר׳ נפתלי האט געעפנט דאס מויל, פארוואָרפן א האנט איבער דעם לינקן אויער און פאה, פארמאכט דבקותדיק די אויגן, און געוויזן, וואס זוועצק קען. דער נגון האט זיך געשטארקט און געשטארקט, און ר׳ נפתלי האט זיך אויפגעהויבן און ארויס אינמיטן חדר אין א טאנץ. אנגעהויבן האט זיך דער טאנץ מיט צוויי, אבער איינער נאך דעם אנדערן זענען ארייננגעצויגן געוואָרן אין אים מער און מער חסידים, ביז ר׳ אשר און ר׳ שמואלקע מיט דעם חתן זענען שוין אויך געווען אינמיטן. אקסל אין אקסל האבן זיך ליכטיקע פנימער מיט אויפגעהויבענע אויגן צום הימל געטראגן אינדער־לופטן, און געזאנג פול מיט עקסטאז האט אנגעפילט די לופט.

ביי די ווייבער, וואס האבן ארייננגעקוקט דורך די פענסטער פון דער ווייבערשער זייט, האבן זיך די פיס פון זיך אליין גע־הויבן צום טאקט. די רביצין האט געשיקט איר איניקל, א קליין מיידעלע, זי זאל שנעלער ארייגרופן חנהלען פון הויז, זי זאל זען, ווי שיין איר אברהמעלע טאנצט. חנהלע איז אריין צעגערנדיק, גלייכגילטיק, יאכנעצע איז אבער באלד צוגעלאפן צו איר, מיט גע־וואלט איר א רים געטאן צום פענסטער, און טייטלענדיק אויף אברהמעלען, צו איר געזאגט:

— זעסט, חנהלע, סארא שיינער ער איז? די שכינה רוט דאך אויף אים, אויף דיין אברהמעלען.

אברהמעלע איז ווירקלעך אין דער מינוט געווען זייער שיין.

צעהיצט פון תורה זאגן, צעפלאמט פון טאנצן, האבן זיינע אויגן געגלאנצט מיט א ווונדערבארן גלאנץ, זיינע לענגלעכע באקן

זענען געווען באַגאָסן מיט רויטקייט ביז איבער די פּוּכיקע, בלאָנדע הערעלעך, וואָס האָבן געשפּראָצט אויף זיי אין אַ בערדעלע אַרום און אַרום. דאָס שוואַרצהאָריקע שטריימעלע, וואָס האָט אויסגעזען ווי אַ קרוין אויף זיין קאָפּ, האָט אים צוגעגעבן אַ שאַטנדיקן קאָליר און פיל חן. חנהלע האָט אים באַטראַכט נייגיריק. ער איז איר זאָגאַר געווען געפעלן. באַלד אָבער האָט גבריאלס געשטאַלט אַ שווים געטאָן פאַר אירע אויגן, און איר בליק איז געבליבן ווי פאַרגליווערט. איר קאָפּ איז שוין געווען פאַרנומען מיט אירע געדאַנקען, און זי האָט אברהמעלען יאָ געזען און נישט געזען. פאַר דער רביצין און יאַכנעצען איז עס אָבער געווען גענוג, זיי זאָלן איינע דער אַנדערער איבערווינקען, און מיט פרייד קוקן אויף הנהלען, וואָס ענדלעך זעט זי, חנהלע, אַליין שוין אויך איין איר גליק.

באַלד האָט זיך אָנגערוקט די נאַכט. צו דער תּנאים־נאַכט האָט דער הויף צום ערשטן מאָל אַריינגעצויגן פון שטעטל עלעקטרישע ליכט, וואָס אין זוועצק איז עס געווען אַ נייעס, און די קליינע, עלעקטרישע לעמפּלעך, אויסגעהאָנגען איבערן באַלקן פון שטיבל אין אַלע זייטן, אָנשטאָט דעם מיטלסטן גרויסן הענג־לאָמפּ, האָבן צוגעגעבן פייערלעכקייט דערדאָזיקער נאַכט.

שפּעטער איז אין „שטיבל“ דער גרויסער טיש געווען איבערגעדעקט מיט אַ ווייסן טישטוך און עס איז געווען אָנגעלייגט און אָנגעשטעלט מיט פלעשער וויין און גרויסע טאָרטן. אויבנאָן איז געזעסן דער חתן, אברהמעלע, ביי זיין זייט — חנהלע די כּלה, און ביי זייערע זייטן די עלטערן, די רביים מיט די געסט.

מען האָט שוין אָנגעהויבן דורכפירן די תּנאים־צערעמאָניע. די עלטערן האָבן גערעדט צווישן זיך, באַשעפטיקט זיך אַרום אַ גרויסן פּאַפּיר, אין וועלכן אַ מקורב האָט געשריבן מיט סופרישע אותיות. דער חתן, זיצנדיק ביי דער כּלהס זייט, האָט זיך געפילט ווי פאַרלעגן. ער האָט אַלע ווייַלע געוואָרפן אַ זייטיקן בליק אויף איר, און דעם בליק תּיכּף אָפּגעכאַפּט צוריק שנעל.

חנהלע, די כּלה, איז געווען אָנגעטאָן אין אַ ניי, ווייס זיידן קלייד, מיט לאַנגע אַרבל און אַן ענגן קראַגעלע, געשפּיליעט ביים האַלז. אויפן קאָפּ האָט זי געטראָגן אַ בלויען זיידענעם באַנד, וואָס האָט איינגעפּאַסט אירע שאַטינע האָר, וועלכע זענען געווען אויס־

געפלאָכטן מיט די צעפּ איבערן קאָפּ איינגעגנומען, קיילעכדיק, ווי א געדרייט פלעכטל פון א חלה. ערשט איצט האָט מען געקאָנט זען, אז חנהלע איז א וווּנדערבאַר, שיין מיידל. דאָס לענגלעכע פּנים, א לויכטנדיקס, א קלאָרס, און די טיף־בלויע אויגן מיט די לאַנגע ווייעס איבער זיי, פול מיט געהיימער קראַפט. עס איז אָבער איר פּנים געווען באַצויגן מיט א שאָטן, און דערציילט פון א געהיימניש, וואָס זי, די כלה, טראָגט מיט זיך אזא סוד, וואָס נאָר זי אליין וויים צו באַשיידן.

אברהמעלע האָט געזוכט צו פאַרבינדן א שמועס מיט איר.

— זינגד זי היינט געווען אין שטיבל ביים עסן? — האָט ער זי געפרעגט.

— יאָ, — האָט זי זיך אָנגעכאַפּט אין דער פראַגע, אַרויסצוגיין פון פאַרלעגנהייט פון שווייגן, — איך האָב געזען, ווי איר האָט געטאַנצט. איר טאַנצט גרויסאַרטיק.

— וואָס שייך טאַנצן? — האָט ער זיך געריוטלט פון קאָמפּלימענט. — איך האָב איהנען געדאַרפט נעמען קיין טעוועסק, וואָלטן זי געזען ביי אונז די רקודים (טענץ).

חנהלע האָט לייכט א שמייכל געטאָן.

— וואָס דענקט איר וועגן ארץ־ישראל? — האָט זי אים פּלוצלינג א פרעג געטאָן.

אברהמעלע איז געוואָרן צעטומלט פון דער אומגעריכטער פראַגע.

— וואָס שייך ארץ־ישראל? -- האָט ער געשמייכלט. — אודאי, אונזער הייליק לאַנד, ווען גאָט ברוך הוא וועט וועלן, וועט קומען משיח און ער וועט אונז ברענגען אַהין.

— יאָ, — האָט חנהלע שטיל גערעדט צו אים, — אָבער דאָס, וואָס מען פאָרט איצט אַהין, מען וויל גרינדן יידישע ישובים. איך מיין די ציוניסטן.

— דאָס איז אפּיקורסות, — האָט ער איר שאַרף געענטפערט, — די ציוניסטן, זיי גלויבן נישט אין גאָט, און ווילן אליין אַלץ טאָן.

דערווייל האָט מען שוין ביים שרייבן די תנאים דערגרייכט צום אָפּשטימען די צייט פון דער חתונה.

— ראש־חודש ניסן, אם ירצה־השם, — האָט ר׳ שמואלקע אַ זאָג געטאָן.

— ניין, — האָט זי אויסגערופן מיט אַ ציטער אין קול, — איך וויל נישט אַזוי שנעל. עס וועט זיין רעכט ארום סוכּות־צייט.

— מען טאָר לאַנג נישט אָפּלייגן, טאָכטער, — האָט ר׳ שמואלקע געזאָגט, — דערצו איז מען פון די ימים־נוראים צופיל אויסגעמאטערט.

— אָבער איך וויל נישט ראש־חודש ניסן, איך וויל נישט! — האָט חנהלע געזאָגט אַנטשלאָסן. — עס איז צו־שנעל!

— אָבער נאָך פּסח קומט דאָך ספירה? — האָט ר׳ שמואלקע נישט אָפּגעלאָזט.

— וועלן מיר עס אָפּלייגן אויף שבת נחמו, — האָט ר׳ אשר געזאָגט.

— שבת נחמו, שבת נחמו! — האָבן אַלע מספּים געווען, און חנהלע האָט געשוויגן.

מער האָט איר נישט געאַרט. זי האָט נאָר געוואָלט, אַז נישט פאַר פּסח. איצט, אַז די דאַטע פון דער חתונה איז געווען באַשטימט, האָט זי אויסגעקוקט מיט אומגעדולד, אַז אַלעס זאָל זיך שוין ענדיקן. איר האַרץ האָט געקלאַפּט, און זי האָט זיך געפילט, ווי זי באַגייט איצט אַ פאַרברעכן.

נאָכדעם איז שוין אַלץ דורכגעגאַנגען פאַרביי איר ווי אין אַ חלום. מען האָט געלייענט פּאַפּירן, מען האָט געבראָכן טעלער, מען האָט איר געווונטשן „מזל־טוב״, און פון אַלע זייטן איר אָנגעקושט פולע באַקן. זי האָט אַלץ געזען און געהערט, געשאָקלט מיטן קאָפּ און געענטפערט, אָבער אירע אויגן זענען געווען ווי באַצויגן מיט אַ נעפּל, און זי האָט נישט געקאָנט געניי ארומנעמען אַלץ, וואָס מיט איר קומט פאָר.

עס איז שוין געווען נאָך האַלבע נאַכט, ווען די קלאַנגען פון די נגונים און טענץ זענען אויסגעלאָשן געוואָרן צוזאַמען מיט די עלעקטרישע לעמפּלעך. חנהלע האָט אין איר צימער געצויגן פון זיך דאָס נייע זיידענע קלייד, און אריינוואַרפנדיק זיך אין בעט, האָט זי איינגעגראָבן דעם קאָפּ אין קישן, און זיך צעכליפּעט אין אַ פאַרשטיקט געוויין.

קאַפּיטל פינף

אַריבער איז דער לאַנגער ווינטער, און אָנגעקומען איז דער ערב פסח.

ביים רבין ר' שמואלקען אין הויז איז מען געווען שטאַרק פאַרנומען מיט די צוגרייטונגען צום פסח. די ווייבער האָבן גע־אַרבעט אַליין, און אכטונג געגעבן אויף די געדונגענע גויעם ביים סקראָבען, רייניקן און וואַשן די ווענט, פאַדלאָגעס פון די הייזער און די כּלים. די מענער, די חסידים, זענען געווען באַשעפטיקט איבערן קאָפּ מיט דעם באַקן „שמורה־מצה". דאָס איז געווען אינגאַנצן אַ מענערשע אַרבעט. אַליין האָבן זיי געבשרט די ספּעציעלע אויוונס אין שטיבל. אַליין האָבן זיי געקנאָטן, געוועלגערט און געזעצט אין אויוון די מצה, נאָכדעם ווי זיי זענען געגאַנגען פריער טבילה, און זיך צוגעגרייט צו טאָן די אַרבעט מיט כּונה „לשמה".

אָן דער כּלה, אָן חנהלען, האָט מען אין יענע פאַרשמייעטע טעג אינגאַנצן פאַרגעסן, און זי האָט עס אויסגענוצט פאַר זיך.

אין איר בוזעם, איינגעניייט אין אַ בייטעלע, זענען געלעגן צען פינף־רובלדיקע פאַפּירלעך, ווי אויך אַן אדרעס צו דעם אַגענט אין אָדעס, וווּ גבריאל וועט אויף איר וואַרטן.

גבריאל איז שוין פון נאָך פּורים אָן נישט געווען אין זוועצק. זיין טאַטע האָט אים אויסגעפּראַוועט קיין ארץ־ישראל שטילערהייט, ער זאָל נישט דאַרפן גיין דינען „פאָניען". הערש, זיין פאָטער, האָט נאָר איין בריוו געהאַט פון אים פון אָדעס, און געמיינט, אַז גבריאל איז שוין לאַנג אין ארץ־ישראל.

גבריאל האָט אָבער פאַרן אוועקפאָרן געזען זיך צום לעצטן מאָל מיט חנהלען אין בײדל פון וואַלד, איר איבערגעגעבן די פּופּציק רובל און איצט געזעסן אין אָדעס, געוואַרט אויף איר קו־מען, ווי זיי האָבן אָפּגערעדט.

חנהלע האָט איצט, אין די ערב יום־טובדיקע טעג, אָפט שפּאַצירט אויף יענעם שליאַך, וואָס האָט געפירט צום וועלדל,

און צום טויזנטסטן מאָל איבערגעטראַכט אַלע איינצלהייטן פון איר אַנטלויפן, וואָס זי האָט געדאַרפט די טעג אויספירן.

געצויגן האָט איר צו יענעם שליאַך צוליב דער בענקשאַפט נאָך גבריאלן. זי האָט זיך געלאָזט פאַלש פאַנטאַזירן, אַז דאָס גייט זי זיך טרעפן מיט אים. ער, גבריאל, וואַרט דאָס איצט אויף איר דאָרט אין בײדל. ווען זי האָט זיך אומגעקערט פון שפּאַציר אַהיים, האָט זי זיך ווידער בפירוש געלאָזט איינרעדן, אַז אָט נאָר־וואָס האָט זי אים געזען, זיך מיט אים אָנגעשמועסט, און אויף אירע ליפּן שפּירט זי נאָך דעם טעם פון לעצטן, לאַנגן קוש, ווען זיי האָבן זיך מיט געוואַלט אָפּגעריסן איינער פון אַנדערן.

חנהלע האָט דאַן אַ פּיר געטאָן מיט דער האַנט איבער איר בוזעם, אָנגעטאַפּט די „פּאַפּירלעך“, און זיי געדריקט צום האַרצן: אָט די אַסיגנאַציעס וועלן איר העלפן. נאָך געציילטע טעג, און זי דערנענטערט זיך צו איר גליק, צו איר גבריאלן.

און אַזוי איז גיך אַנגעלאָפן דער פּסח.

עס איז געווען די צווייטע סדר־נאַכט, וואָס האָט ווי אַ דונער פון הימל געבראַכט אַ קלאַפּ ביי ר׳ שמואלקען אין הויף, און גע־מאַכט אויפציטערן גאַנץ זוועצק מיט דער שרעקלעכער נייעס:

מען האָט שוין דעמאָלט אין „שטיבל“ לאַנג געהאַט אָפּגע־דאַוונט. די ווייבער האָבן שוין באַוויזן צושטעלן קאָכן, און מען איז צוגעטראָטן צוגרייטן דעם סדר ביים גרויסן טיש, אַרום וועלכן עס האָבן זיך אַרומגעזעצט צענדליקער חסידים. פיר גרויסע עלעקטרישע לאָמפּן האָבן געוואָרפן אַ ליכטיקן גלאַנץ איבערן טיש, און זיך געשפּיגלט אין די פלעשער רויטן וויין, אין די באַגילדטע בעכערס און ווייסן געשיר, וואָס האָבן געשימערט מיט פּראַכט איבער דעם שניי־ווייסן טישטוך. אַ פריילעכקייט איז געווען אויס־געגאָסן איבער אַלעמענס פּנימער, די פריילעכקייט פון הייליקן יום־טוב.

אַלע זענען געווען פריילעך, נאָר די רביצין אַליין, ר׳ שמואלי־קעס ווייב, איז געווען פאַרזאָרגט. אַלע ווייבער זענען שוין געווען אויסגעזעצט ביים ווייבערשן טיש, ביי די מאַנסביל זאָגט מען שוין דעם „קידוש“, און זי, חנהלע, איז נאָך נישטאָ. פאַרנאַכט, אַז עס איז נאָך געווען ליכטיק, איז זי אַרויס שפּאַצירן, און זיך נאָך אַלץ נישט אומגעקערט. ליפּשע, די רביצין, האָט געברענט מיט

צאָרן אויף איר טאָכטער, וואָס האָט פאַרגעסן, אַז היינט איז א סדר־נאַכט, און זיך געוויס ערגעץ פאַררעדט מיט א חברטע.

די רביצין האָט זיך געקאָכט אין הארצן, האָט אָבער קיינעם נישט געדאַכט פון דעם, און ביי יעדן קלאַפּ פון טיר געמיינט, אַז אַט־אַט גייט חנהלע אריין. אָבער די מינוטן האָבן זיך געצויגן, מען איז שוין פארטיק געווען מיטן „קידוש", דאָס איינינקל וועלוועלע האָט זיך שוין אויפגעשטעלט פרעגן די „קשיות", און חנהלע איז נאָך אַלץ נישט געווען. אַן אומרואיקייט האָט זיך אָנגעהויבן צו באַזעצן ביי איר אין הארצן. זי האָט שוין אָפּן איבערגערעדט צו די ווייבער וועגן דעם, און א שושקעריי האָט זיך געטראָגן פון ווייבערשן טיש:

— וואָס קאָן עס זיין? ווו איז עס חנהלע? צי האָט עפּעס מיט איר נישט געטראָפן?

די מאַנסבילן האָט מען דערווייל נישט געוואָלט שטערן אין סדר, און די רביצין מיט יאַכנעצן האָבן זיך שטיל אַרויסגעשאַרט פון טיש און זיך אַרויסגעלאָזט אין גאַס, אפשר וועט מען עטוואָס געוויר ווערן.

געשטאַנען זענען זיי לאַנג אינדרויסן און אויסגעקוקט אוממיסט. שטיל איז געווען די אויסגעשטערנטע פסח־נאַכט אין קליינעם שטעטל, און קיין טראָט האָט נישט געשטערט די שטילקייט.

מיטאַמאָל איז איינגעפאַלן דער רביצין, אפשר ליגט גאָר חנהלע ביי זיך אין צימער. מעגלעך, אַז זי איז שוין לאַנג צוריקגעקומען און האָט זיך א ווײלע צוגעלייגט און איז איינגעשלאָפן. זי האָט זיך שנעל אריינגעכאַפּט אין הויז, און מיט א ליכט אין האַנט, האַסטיק אויפגעפּראַלט די טיר פון חנהלעס חדר. באַלד אָבער האָט זי מיטאַמאָל אַרויסגעלאָזט אזא שרעקלעך געשריי, אַז מען האָט עס דערהערט אין שטעטל און צונויפגעלאָפן צעשראָקענע צו ר' שמואלקען אין הויז.

דערזען האָבן אַלע, ווי חנהלעס בעט איז געווען צעוואָרפן, דער קליידער־אַלמער אָפן, און קליידער צעשליידערטע האָבן זיך געוואַלגערט אויף דער פּאָדלאָגע. אויפן טיש איז געלעגן אַן אָפן בריוועלע מיט חנהלעס האַנטשריפט.

אין דעם בריוועלע האָט עס די רביצין געכאַפּט א חלשות. ..

איז איבערגעפלויגן מיט די אויגן נאָר איבער א פּאָר שורות און גלייך צוליב דעם אויסגעבּראָכן אין ווילדן געשריי.

דאָס בריוועלע האָט זיך געלייענט אַזוי:

„טייערע עלטערן!

„דאָס בריוול גרייט איך נאָך צו פון ערב יום־טוב. ווען איר וועט עס לייענען, וועל איך שוין זיצן אויף דער באַן, וואָס וועט מיך פירן צו מיין ציל. איך זעגן זיך מיט אייך אויף לאַנגע יאָרן. איך קאָן נישט אָננעמען אייער אָרט לעבן, קאָן אָבער אויך נישט זיין נאָענט פון אייך און אייך פאַרשאַפן חרפּה. מיין אַוועקגיין איז דער בעסטער אויסוועג. איך טו עס אום יום־טוב, כדי צו זיין זיכער, אַז קיינער פון די זוועצ־קער יידן וועט מיך נישט טרעפן ביי דער באַן, און כדי איר זאָלט זיין אין כּעס אויף מיר און נאָך מיר נישט בענקען.

„זוכט מיך נישט, וויל איך וועל זיך צוריק נישט אומ־קערן. איך האָב פאַרברענט הינטער זיך אַלע בריקן. פאַר־געסט מיך בעסער, ווי איך וואָלט געשטאָרבן.

„גיט אָפּ די תנאים צו מיין חתן און בעט מיין אַנטשול־דיקונג. פאַרגיט מיר, טייערע עלטערן, איר פאַרשטייט מיך נישט, אַז גאָט וועט וועלן, וועלן מיר זיך נאָך אַמאָל זען.

אייער טאָכטער חנהלע.”

דערגרייכט האָט דאָס בריוועלע צו ר' שמואלקען ביים טיש. אָפּגעשטעלט האָט מען דאָס זאָגן פון דער הגדה, און ר' שמואלקע האָט געפירט מיט די אויגן איבער די שורות. ער האָט לאַנגזאַם געלייענט יעדעס וואָרט, און לאַנגזאַם האָט זיך אויך דער קאָליר פון זיין פּנים אָנגעהויבן בייטן, פריער איז עס געווען רויטקייט, דער־נאָך האָט א בלאַסקייט זיין הויט באַצויגן. די הענט האָבן אים גע־ציטערט און פייערדיקע רעדלעך האָבן זיך אָנגעהויבן צו דרייען פאַר זיינע אויגן.

איבער אים זענען געשטאַנען צעטומלטע אַלע אויפגעזאַמלטע, און דער יאָמער פון דער רביצין האָט זיך געטראָגן איינדערלופטן:

— וואָס טוט מען? וואָס טוט מען?

— מען דאַרף שיקן שפּאַנען פערד מיט פּאָליציי, אפשר וועט

מען זי נאָך געפינען בײ דער באַן־סטאַציע, — האָט אײנער געזאָגט.

האָט מען אָבער אױסגערעכנט, אַז די באַן־סטאַציע איז נאָך דרײ װיאָרסט פון שטעטל, און אַז אַ צוג איז שױן מיט צװײ שעה צוריק דורכגעגאַנגען די סטאַציע און איז שױן בײ דער מינוט נאָנט פון װאַרשע.

מען האָט געזוכט אַנדערע עצות, ביז מען האָט באַשלאָסן די זאַך איבערצוגעבן דעם שטעטלשן אַדװאָקאַט װאָלפּאָװסקין. ער, װאָלפּאָװסקי, זאָל מעלדן דעם פּריסטאַװ און בעטן, מען זאָל טע־לעגראַפירן קײן װאַרשע, מען זאָל דאָרטן זוכן בײ די באַן־הױפן אַ מײדל מיט די און די סימנים, אָנגעבנדיק אַ פולע שילדערונג פון חנהלעס אױסזען און איר קלײדונג.

אונטערגענומען האָט זיך אײנער פון די חסידים צו לױפן צום אַדװאָקאַט די זאַך צו דערלײדיקן, און ר׳ שמואלקע איז דער ער־שטער געקומען צו זיך:

— צום סדר! — האָט ער באַפױלן. — צוריק צום סדר!

אװעקגעזעצט האָבן זיך אַלע צוריק צום טיש און גענומען זאָגן די הגדה. עס איז אָבער גיכער געװען ענלעך צו יום־כּפּור, װי צו פּסח. געװײנט האָט די רביצין אָן אַן אױפהער און טרערן האָבן זיך געקײקלט פון אירע באַקן. זי האָט כּסדר געשאָקלט מיטן קאָפּ, װי מען װאָלט באַװײנט אַ טױטן. געשושקעט האָבן זיך די איבע־ריקע װײבער מיט יאַכנעצן אָן אַ זײט. זײ האָבן זיך געקאָכט מיט צאָרן אױף חנהלען, װאָס האָט אָנגעטאָן אַזאַ חרפּה, און יאַכנעצע האָט צוגעגעבן, אַז זי האָט פון אַלעמאָל געװוּסט, אַז מיט חנהלען װעט זיך גלאַט נישט אױסלאָזן, צופיל פּאַרשײט איז זי געװען.

דער אײנציקער, װאָס האָט זיך איבערגעשטאַרקט, איז געװען ר׳ שמואלקע אַלײן. ער האָט געהײסן ר׳ נפתלין זינגען פרײלעכע ניגונים און אַלײן אַרום הױך מיט דעם פרײלעכן סקאַרבאָװן נגון פון „אדיר הוא״ און „אחד מי יודע״, דערנאָך האָט ער געזונגען דעם טראַדיציאָנעלן „חד גדיא״ אױף טערקיש, ליגנדיק אָנגע־שפּאַרט אין הסב־בעט, װי עס װאָלט גאָרנישט געשען.

ערשט, װען דער סדר איז געװען אַריבער, האָט מען באַ־מערקט, װי װאַקלענדיק ר׳ שמואלקע שפּרײזט עס צו זיך אין הױז, װי אַ פלוצלינגע עלטער האָט מיטאַמאָל אײנגעבױגן זײן פּלײצע, װי אָנגעלאָדן אױף איר אַ ביטערע שװערע משא.

קאַפּיטל זעקס

אין דעמזעלבן אָוונט איז חנהלע, איינגעוויקלט אין אַן אָפּגע־טראָגענעם מאַנטל און באַדעקט מיט אַ טיכל איבערן קאָפּ, וואָס האָט דערגרייכט ביז צו די אויגן, געזעסן אין אַ ווינקל פון אַ ליידיקער באַנק אין דעם וואָקזאַלעכל פון דער באַן־סטאַציע ביי זוועצק. זי האָט דורכגעלאָזט דעם צוג, וואָס איז געגאַנגען קיין וואַרשע; מורא האָבנדיק, טאָמער וועט מען איר זוכן אויף דעם וועג, און געוואַרט אויף דעם צוריק־גייענדיקן צוג קיין בריסק. זי איז געזעסן איינגעשרומפּן אין אַ ווינקל און געציטערט מיטן גאַנצן קערפּער. ווען מענטשן וואָלטן זיך דעמאָלט צוקוקן צו איר, וואָלטן זיי זי־כער באַמערקט, אַז עפּעס איז נישט גלאַט מיט דעם מיידל; מען וואָלט געוויס פאַרדעכטיקט, אַז דאָס מיידל אַנטלויפט נאָכן באַ־גיין אַ פאַרברעכן. קיינער איז אָבער אין יענעם פּסחדיקן אָוונט נישט געווען אין דעם קליינעם וואַרטע־זאַל פון דער באַן־סטאַציע, און קיין זאַך נישט באַמערקט.

ביי דעם נידעריקן קאַסע־פענסטערל האָט זי מיט אַ ציטערדי־קער האַנט אַריינגעשטעקט אַ פינף־רובלדיקע אַסיגנאַציע און אַרויסגעשטאַמלט:

— ברעסט ליטאָווסק!

נישט געוואָלט האָט זי נעמען קיין בילעט גלייך קיין אָדעס, מען זאָל נישט אויסגעפינען, וווּהין זי איז געפאָרן.

דער קאַסיר האָט איר אַרויסגעוואָרפן אַ גרין בילעטל מיט קליין געלט, און חנהלע האָט זיך צוריק פאַררוקט אין ווינקל.

ענדלעך האָט זיך דערהערט אַ לאַנגער פייף, און דער צוג איז אָנגעקומען.

אַריינגעשליכט האָט זיך חנהלע אין אַ וואַגאָן, און דאָרט זיך אויך פאַררוקט אין אַ ווינקל. זי האָט געזוכט זיך צוזאַמענצו־קנייטשן, צו ווערן קלענער, מען זאָל איר נישט באַמערקן. די פּאָר מינוטן, וואָס דער צוג איז געשטאַנען אויף דער סטאַציע, איז איר אויסגעקומען ווי אַן אייביקייט. זי האָט זיך אַלץ געשראָקן, אַז אָט לויפט מען אַרויף, און מען שלעפּט זי מיט געוואַלט צוריק אָוועק קיין זוועצק. אָבער באַלד האָט זיך דערהערט אַ שטיל רייבן פון די רעדער אָן די אייזערנע שינעס, און חנהלע האָט דער־

שפּירט, אַז זי רירט זיך פון אָרט און דער צוג אונטער איר הויבט זיך אָן באַוועגן.

ערשט איצט האָט זי אַרויסגעלאָזט אַ לאַנגן זיפץ, ווי זי וואָלט זיך באַפרייט פון אַ געוואַלטיקער אָנשטרענגונג, און ברייטער פאַנאַנדערגעעפנט די אויגן. דער צוג האָט דערווייל שוין אויפגענומען זיין שנעלן גאַלאָפּ. דורך די פענסטער האָבן אַלע ווײַלע שוואַרצע ביימער, ווי שוואַרצע גייסטער, זיך געוואָרפן אויף דער בלויער, קלאָרער פרילינג־נאַכט, געפּאַכעט אויף איר מיט לאַנגע בייטשן, און גלייך פאַרשווונדן. חנהלען האָט זיך געדוכט, אַז דאָס פּאַכעט מען אויף איר מיט בייטשן פון זוועצק, פון איר פאָטערס הויז. איר האָט עס אָבער נישט געשראָקן. איין געפיל האָט איר באַהערשט, אַז דאָס פליט זי איצט צו איר נייעם לעבן, צו איר גבריאלן. אין קלאַפּן פון די באַן־רעדער האָט זי געהערט אַ מאָנאָטאָנעם אויסזינגען פון דעם וואָרט: גבריאל, גבריאל, און זי האָט געוואָלט, אַז זיי, די רעדער, זאָלן וואָס שנעלער און האַסטיקער קלאַפּן: גבריאל, גבריאל, און שנעלער ברענגען צו איר ציל, צו אים...

עס איז שוין געווען נאָך האַלבער נאַכט, ווען דער צוג איז אָנגעקומען קיין בריסק. דער וואָקזאַל אין דער גרויסער שטאָט איז געווען באַלויכטן מיט גרויסע עלעקטרישע לאָמפּן. אונטער זייער ליכט האָט זיך חנהלע מיט אַ קליין פּעקעלע אונטערן אָרעם, וואָס איז געווען אָנגעפילט מיט אַ פּאָר קליידלעך, אונטער־וועש און עטלעכע טרוקענע מצות, וואָס זי האָט מיטגענומען פון דער היים, געלאָזט זיך שפּרייזן לענג־אויס דער לאַנגער שטיינערנער פּלאַטפאָרמע, ביז זי האָט, אָנגעוויזן פון שילדן, דערגרייכט די בילעטן־קאַסע און, אַריינשטעקנדיק אין פענסטער פינף אַסיגנאַציעס, אַרויסגערעדט שאַרף און הויך:

— אָדעסאַ, עקספּרעס.

אַ ווײַלע שפּעטער איז זי שוין געזעסן אין גרויסאַרטיקן עקספּרעס־צוג מיט די ברייטע פענסטער און הויכע ווענט מיט גאָלדענע אויפשריפטן. דער עקספּרעס האָט זיך האַסטיק געלאָזט אין וועג, געשלונגען פאַסן ערד, און סאָפּענדיק שווער, דורכגעלאָזט באַלויכטענע וואָקזאַלן און שטעט, פליענדיק דירעקט קיין קיעוו און אָדעס.

אַ טאָג און אַ נאַכט איז זי אַזוי געפלויגן אין עקספּרעס, און חנהלע איז נישט געווען פאַרמאַטערט. פאַרקערט, וואָס נענטער זי האָט זיך גערוקט צו דרום, צו אָדעס, אַלץ איז איר מוט און קוראַזש געוואַקסן. זי האָט אויסגעקוקט מיט אומגעדולד, ווען זי וועט שוין דערגרייכן איר ציל. ענדלעך האָט זיך דערהערט אַ לאַנגער, שנײדיקער פייף פון לאָקאָמאָטיוו, און די קאָנדוקטאָרן, שפּרײַזנדיק אין אײַלעניש מיט לאַמטערנעס אין די הענט איבער די וואַגאָנעס, האָבן געהאַלטן אין איין אויסרופן:

— אָדעסאַ, אָ—ד—ע—ס—אַ!

חנהלע, ווי געשטויסן פון אַ קראַפט, האָט די ערשטע טאַנצנדיק זיך געלאָזט צו דער טיר, צום אַרויסגאַנג.

צעטומלט איז זי אַ ווײַלע געבליבן שטיין בײַם ברייטן אָדעסער וואָקזאַל. מענגעס מענטשן: רייזנדע, באַדינער, טרעגער און מאַטראָסן האָבן זיך געדרייט אַרום איר, ווי אין אַ ווירבל־ווינט, און אַ געמיש פון קולות האָט זיך געטראָגן אין דער לופט. באַלד אָבער האָט זי זיך דורכגעשלאָגן אַ וועג, און אַרײַנשפּרינגענדיק אין אַ קאַרעטקע אויף גומענע רעדער, האָט זי דערלאַנגט דעם קוטשער דאָס צעטעלע מיט דעם אַדרעס פון אַגענטס הויז.

נאָך אַ האַלבער שעה האָצקענדיקן פאָרן באַרג־אַרויף, באַרג־אַראָפּ, האָט זיך די קאַרעטקע ענדלעך פאַרקירעוועט צו אַן איינשטאָקיק הײַזל און זיך אָפּגעשטעלט.

האַסטיק איז חנהלע אַראָפּגעשפּרונגען די פּאָר טרעפּלעך פאַר דעם פראָנט־אַרײַנגאַנג, אויפגעעפנט די טיר און דערזען — גבריאלן.

געזעסן איז ער בײַם טיש און אין עפּעס אַרײַנגעקוקט. ווי ער האָט איר דערזען, איז ער אויפגעשפּרונגען פון אָרט. אָן ווערטער זענען די ביידע פאַרליבטע צוגעפאַלן איינער צום אַנדערן און זיך אַרומגענומען אין אַ לאַנגן קוש. עס האָט זיך דערהערט חנהלעס אַ פאַרשטיקטער געוויין, זי האָט געכליפּעט אָפּגעריסן, היסטעריש, און גבריאל האָט צו איר גאָרנישט גערעדט, ער האָט געגלעט אירע פייכטע האָר, צוגעדריקט איר נענטער צו זיך און בײַ אים אַליין זענען די אויגן געווען פייכט, גלאַנציק...

דערהערנדיק די באַוועגונג אין צימער, האָט זיך פון אַנדערן חדר געעפנט די טיר, און עס האָט זיך באַוויזן אַ ייִד מיט אַ געלן

קאָפּ האָר און ברייטן פּנים. ער האָט אַ ווײַלע צוגעקוקט די סצענע צווישן גבריאלן און חנהלען, און באַלד האָט זיך זײַן פּנים נאָכמער אויסגעברייט אין אַ שמייכל און ער האָט אַרויסגערעדט הויך, שאַרף, אויף אָדעסער לשון:

— אָ, גאָספּאָדין רעזניק, אייער באַרישנע איז שוין דאָ, זיך פּאַרט דערוואַרט!

— דאָס איז אונזער אַגענט! — האָט גבריאל זיך אָפּגעריסן פון חנהלען און איר דערקלערט. — ער וועט אונז איבערפּעקלען אויף אַ שיף קיין סמירנאַ.

— און איר, באַרישנע, — האָט זיך דער אַגענט געווענדט צו חנהלען, — ווײַט זיך אויס פון וועג. גוט, וואָס איר זענט געקומען. אונזער אָדעסאַ איז אַ גרויסע שטאָט און גאָספּאָדין רעזניק איז אַ שיינער קאַוואַליער, פיל באַרישנעס וואָלטן אים אויסגעכאַפּט.

חנהלע האָט אַ שמייכל געטאָן. זי האָט זיך גאָרנישט געפילט פאַרמאַטערט. די פרייד פון זײַן נאָענט צו גבריאלן האָט איר דערפרישט און אָנגעפילט מיט לוסטיקייט. נאָכדעם, ווי דער גאַלער אַגענט האָט געמאַכט פאַר זיי דעם סאַמאָוואַר מיט טיי, און זיי האָבן זיך אָנגעגעסן מיט טרוקענע מצה, האָט חנהלע פאָרגעשלאָגן, אַז גבריאל זאָל זי נעמען אויף אַ שפּאַציר, ווײַזן די גאַסן פון אָדעס.

געוואָלט האָט זי נישט אַזוי אָנקוקן אָדעס, ווי צו זײַן מיט גבריאלן אַליין און דורכשמועסן זיך וועגן ווײַטערדיקע פּלענער. פאָרנדיק אַהער אין די לאַנגע שעהן אין צוג, האָט זי דערטראַכט עפּעס אַ זאַך, וואָס וועט מאַכן זיכער איר פאַרבינדונג מיט גבריאלן און פון דערהיים וועט מען נישט קאָנען מיט קיין שום מיטלען איר אָפּרייסן פון אים. און זי האָט עס איצט געוואָלט רעדן מיט גבריאלן וועגן דעם.

גבריאל האָט איר גענומען צום פּאָרט פון שוואַרצן ים, וואָס איז געווען נישט ווײַט פון אַגענטס הויז. גבריאל האָט שוין פאַר די דרײַ וואָכן אין אָדעס געוווּסט ווי צו אָריענטירן זיך אין די גאַסן און נישט מורא געהאַט פאַר פאַרבלאָנדזשען.

אָנגעשפּאַרט אָן גבריאלן און האַלטנדיק איר האַנט פעסט אין זײַן אָרעם, האָבן זיי אַזוי געשפּאַצירט לענג־אויס דעם ברייטן פּלאַץ, האַרט בײַם פּאָרט. עס איז שוין געווען אַ וואַרעמער זומער־טאָג אין

דרומדיקן אָדעס, די זון האָט געשיינט הערלעך און באַגאָסן מיט גאָלדענעם גלאַנץ די שוואַרץ־בלוילעכע וואַסערן, וואָס האָבן זיך גע־גאָרבט אין דינע בלעזלדיקע כוואַליעס ביז ווייט צום האָריזאָנט. טויזנטער אַרבעטער מיט בלויזע קעפּ, אין דינע בלוזעס מיט פאַ־נאַנדערגעשפּיליעטע אָפענע ברוסטן און קורצע אַרבל, האָבן שטייענדיק אויף הויכע משא־שיפן און אָפענע באַרזשעס, באַוועגט זיך אין אַלע זייטן. זיי האָבן געוואָרפן פּעק, געצויגן אין דער הויך און אין דער נידער אָנגעצויגענע שטריק מיט גרויסע משאות, גע־פּאַקט אין ראָגאָזשעס. אַ געמיש פון קולות האָט אָנגעפילט די לופט, און דורך די קולות האָבן זיך דורכגעשפּאָלטן הויכע, קרעפּ־טיקע געזאַנגען. עס האָבן זיך געהערט אָפּגעהאַקטע לידער, איבער־געשניטן אָפּט דורך אַ לאַנגן און הייזעריקן בלאָזן פון אַ שיף־קוימען, וואָס האָט געוויקלט הימל און וואַסער אין שוואַרצן קנוי־ליקן רויך.

חנהלען האָט דער גרויסער טומל באַצויבערט. עס איז פאַר איר געווען אַ נייעס און זי האָט דערפילט, ווי זי איז אויך אַריינגע־נומען געוואָרן אין דעם נייעם לעבן, וואָס רעגט און באַוועגט זיך אַרום מיט אַזאַ קראַפט. זי האָט זיך געפילט ווי אָנגעגאָסן מיט שטאַרקן ווײַן, פאַרשיכורט מיט נייע כחות.

— גבריאל, — האָט זי זיך געדריקט צו אים שטאַרקער, — עס איז דאָ אַזאַ שיינע וועלט און מיר האָבן עס אין זווינצק גאָר־נישט געוווּסט.

— וואַרט, חנהלע, — האָט גבריאל איר געענטפערט, — אַ שיינע וועלט וועט ערשט נאָך קומען. ארץ־ישראל איז פיל שע־נער.

— מיינע עלטערן, — האָט חנהלע אַ זיפץ געטאָן, — ווען זיי ווייסן, ווי גוט מיר איז. מאַדנע, זיי ווילן דאָך מיין גליק און באַ־וויינען איצט מיך, ווען איך בין אַזוי גליקלעך.

— טראַכט נישט פון זיי, — האָט גבריאל צו איר געזאָגט,— קוק נישט אויף צוריק. אָט הערסטו דאָס רעווען פון די שיפן? אויף איינער פון זיי וועלן מיר אין עטלעכע טעג אַרום זיצן און זיך לאָזן איבער דעם ברייטן ים צו אונזער ציל.

חנהלע האָט אַ ליכטן ציטער געטאָן. זי האָט זיך ווי אויפגע־כאַפּט פון אַ חלום. די שרעק, אַז מען וועט איר יאָגן פון דער היים

און מיט געוואַלט איר שלעפּן צוריק קיין זוועצק, וואָס האָט איר פאַרפאַלגט די גאַנצע צייט, האָט זיך איצט אויפגעוועקט ביי איר אין האַרצן. זי האָט זיך דערמאָנט פון איר נייעם אויסגעטראַכטן פּלאַן.

— גבריאל, — האָט זי געזאָגט, — איך בין טאַקע גליקלעך, אָבער מיך שרעקט דאָס האַרץ. איך האָב אַ געפיל, אַז מיר זענען נאָכנישט זיכער, מען וועט אין דער היים נישט שווייגן. מיינע על־טערן וועלן זיך אָנשטויסן, אַז איך בין אַנטלאָפן צו דיר און וועלן מיך זוכן. איך טראַכט די גאַנצע צייט פון דעם. מיר מוזן עפּעס טאָן, וואָס זאָל מאַכן זיכער, אַז זיי וועלן מיך פון דיר מער נישט אָפּרייסן, אונז נישט קאָנען צעשיידן.

— וואָס מיינסטו, חנהלע? — האָט גבריאל געפרעגט, נישט פאַרשטייענדיק.

— איך האָב צוגעטראַכט אַן עצה, — האָט חנהלע גערעדט, שטאַמלענדיק, — מיר דאַרפן דאָ שטעלן אַ חופה... ווערן מאַן און ווייב... און פאָרן צוזאַמען אַלס אַ יונג פּאָרפאָלק... דעמאָלט וועט עס שוין זיין אַ געשעענער פאַקט און קיינער וועט אונז מער נישט קאָנען צעשיידן.

גבריאל איז געווען איבערראַשט.

— איך מיין נישט, — האָט חנהלע ווייטער גערעדט, — מיר זאָלן אָנהויבן פירן אַ פאַמיליען־לעבן. מיר אין אונזערע באַציאונ־גען בלייבן ווייטער ווי געווען, ווי אַ בחור און אַ מיידל, אָבער אַ חתונה־פּאַפּיר פון אַ רב מוז מען האָבן. דעמאָלט וועלן מיר זיין זיכער.

— קיינער וועט אונז אַזוי אויך נישט שיידן, נאַרעלע, — האָט גבריאל ענדלעך געזאָגט, — אָבער ווען דו ווילסט ווערן מיין ווייבעלע, אַרט מיך אויך נישט. פאַרקערט, איך בין נאָך צופרידן. אָבער ווי קומט צו דיר אַזאַ געוואַגטע אידעע, חנהלע, איך דערקען דיך גאָרנישט?

— דו וועסט מיך נאָך ערשט דערקענען, — האָט חנהלע גע־ענטפערט, — פון דער מינוט, וואָס איך האָב פאַרלאָזן זוועצק, פיל איך זיך אַליין ווי אַן אַנדערע. איך בין אַרויס אָפן אין אַ קאַמף, און איך וועל זיך פאַר קיין זאַך נישט אָפּשטעלן.

— איך וועל איבעררעדן מיט אונזער אַגענט, — האָט גבריאל

געזאָגט, — ער וועט אונז קריגן אַ רב, און מיר וועלן פּראַווען אַ שטילע חתונה. אין אָדעס וועט מען קריגן אַ רב, וואָס וועט אונז קיין איבעריקע קשיות נישט פרעגן, און דורכפירן די צערעמאָניע.

לאַנג האָבן זיי נאָך אַזוי גערעדט. אַרומגעשמועסט אַלע קלייניקייטן פון זייער אָפּפאָר, צונויפגעלייגט דאָס געלט צוזאַמען, און ווען זיי האָבן זיך אומגעקערט אַהיים, האָבן זיי זיך געפילט פריי, ווי אויסגעליידיקט פון שווערע געדאַנקען און בענקשאַפט, וואָס האָט זיי געהאַלטן אַזוי געשפּאַנט די גאַנצע צייט פון זייער צעשיידונג.

* *
*

פּאַרטרויט האָט גבריאל דעם אַגענט פון זיין פּלאַן צו שטעלן אַ חופּה מיט חנהלען, און דער אַגענט האָט זיך אונטערגענומען דאָס דורכצופירן פאַר זיי פאַר גאָר קליינע קאָסטן.

קורץ נאָך יום־טוב האָט דער אַגענט, נישט רעדנדיק מער קיין וואָרט וועגן דעם, דורך אַ ווונק געהייסן גבריאלן און חנהלען אים נאָכצוגיין. ער האָט זיך מיט זיי אַריינגעזעצט אין אַ דראָזשקע, זיי געבראַכט פאַר אַ הויף הויז און זיי אַריינגעפירט אין אַ ברייטער שטוב. די ווענט אין גרוימען חדר זענען געווען אָנגעשטעלט מיט פּאַליצעס ספרים און צוויי בילדער — איינס פון ווילנער גאון, דאָס אַנדערע פון בעל־שם־טוב — האָבן אַראָפּגעקוקט, איינס אַנטקעגן דעם אַנדערן, פון ביידע זייטן ווענט.

— חנהלע, — האָט גבריאל, אַרומקוקנדיק זיך, אַ שושקע געטאָן צו איר, — די ביידע בילדער זענען סימבאָליש פאַר אונז. די ביידע גאונים זענען געווען צעקריגט ביי זייער לעבן. דער ווילנער גאון איז געווען אַ מתנגד, און דער בעל־שם־טוב אַ חסיד, איצט קוקן זיי פרידלעך איינער אויף דעם אַנדערן. ביי אונז וועלן מיר חלוצים אויך אַמאָל לעבן מיט די חסידים בשלום.

באַלד האָט זיך אין דער טיר באַוויזן אַ מיטל־יאָריקער ייד מיט אַ שיינעם פּאַטריאַרכאַלישן פּנים און אַ לענגלעכע שוואַרצע באָרד.

— שלום־עליכם, קינדער, — האָט דער רב צו זיי געזאָגט, נישט געבנדיק קיין האַנט, — זעצט זיך!

הנהלע און גבריאל האָבן זיך געזעצט ביי די זייטן, און דער רב אויבנאָן.

— פונוואַנען זענט איר? — האָט ער זיי געפרעגט פריינט־לעך. — דערציילט מיר אַלעס.

— רבי, — האָט גבריאל געזאָגט, — מיר זענען פון דער ליי־טע, קלייבן זיך פאָרן קיין ארץ־ישראל, ווילן מיר נישט פאָרן צו־זאַמען אַלס בחור און מיידל, נאָר שטעלן אַ חופה כדת משה וישראל.

— ווי איך זע אָן אייך, — האָט דער רב געזאָגט, — זענט איר איידעלע קינדער, טאָ פאַרוואָס האָט איר נישט חתונה געהאַט אין אייער היים מיט דער ברכה פון אייערע עלטערן?

— ווייל איך אַנטלויף פון פריזיוו, רבי, — האָט גבריאל גע־זאָגט שטילער, — האָט מען אינדערהיים פון קיין זאַך נישט גע־טאָרט וויסן.

דער רב האָט אַ גלעט געטאָן די באָרד, זיי מער אָנגעקוקט, אַ טראַכט געטאָן אַ ווילע און געזאָגט:

— עס איז נאָר אַ מקצת אמת. עטוואָס איז דאָ נישט דער־זאָגט, און עטוואָס איז דאָ אויסבאַהאַלטן פון מיר. נאָר אָרנט־לעכע קינדער זענט איר סיי־ווי, גוט, וואָס איר זענט געקומען היינט, ראש־חודש, איך האָב באַשטעלט עדות און אַ מנין מענטשן, און מיר וועלן אייך געבן קדושין כדת.

אַ ווילע שפּעטער איז פאַנאַנדערגענומען געוואָרן אַ קליינע רויטע לייוונט, און פיר יידן האָבן עס געהאַלטן אויסגעשפּרייט אי־בער פיר קליינע שטאַנגען. הנהלעס פּנים איז געווען איינגעהילט אין אַ ווייסער טוך ביז איבערן מויל, באַלד האָט מען זי אַרומגע־דרייט און אַוועקגעשטעלט לעבן גבריאלן אונטער דער רויטער חופּה. הויך האָט גבריאל אָפּגעזאָגט דעם „הרי את", און אָנגעטאָן אַ רינגעלע אויף איר פינגער. הנהלעס קערפּער האָט זיך געטרייסלט פון קלעמעניש, און האָט זיך אָנגעשטרענגט נישט צו וואַקלען זיך: אָט דאָס איז איר חופּה, באַגלייט פון פרעמדע בליקן. זי האָט זיך דערמאָנט די פראַכט פון איר תנאים מיט אברהמלען, די פרייד פון טאַטע־מאַמע. טרערן האָבן געשפּאַרט צו אירע אויגן. זי האָט פאַר־

ביסן די ליפּן אונטערן טיכל, און באַהערשנדיק זיך, געשלונגען די שטיקנדיקע טרערן.

ענדלעך איז אַלץ פאַריבער, און אַנגעלאָדן מיט אַ כתובה און אַ פּאַפּיר פון רב, אַז ער האָט דורכגעפירט די קדושין, זענען גבריאל און חנהלע רעזניק געגאַנגען געשלאָסן אָרעם אין אָרעם אהיים.

חנהלע האָט זיך אָנגעשפּאַרט אָן גבריאלן און געזאָגט:

— איצט, גבריאל, אַרט מיך שוין קיין זאַך נישט. איצט קאָן מען אונז נישט צעשיידן.

דער אַגענט, וואָס איז נאָכגעגאַנגען פון הינטן, האָט זיי אָנגעיאָגט, זיך אויסגעגליכט מיט זיי, און געזאָגט:

— זעט איר, גאָספּאָדין רעזניק, ביי אונז אין אָדעס איז עס איינס און צוויי. איצט וועלן מיר גיין צוזאַמען מאַכן אַ שנאַפּס און טאַקע אמתן שטאַרקן שפּיריטעס.

קאַפּיטל זיבן

חנהלעס שרעק איז נישט געווען אומזיסט. איר פאַרגעפּיל האָט איר נישט אָפּגענאַרט. זי האָט זיך געשראָקן, אַז אינדערהיים וועט מען נישט שווייגן, מען וועט זוכן אָן עצה ווי איר אָפּצוזוכן און ברענגען אהיים, און אַזוי איז טאַקע געווען.

ווי נאָר עס איז אַריבער דער יום־טוב פּסח, האָט מען ביי ר' שמואלקען אין הויז אָפּגעהאַלטן אַ באַראַטונג, וואָס צו טאָן. מען האָט גערופן וואָלפאָווסקין, דעם שטעטלשן אַדוואָקאַט, און ביי אים געפרעגט אָן עצה. עס איז ביי אַלעמען קיין ספק נישט געווען, אַז דאָ שטעקט גבריאלס האַנט, און חנהלע איז עס אַנטלאָפן צו אים. מען האָט געשיקט נאָך הערש דעם אייער־הענדלער, גבריאלס פאָטער, און אים אויסגעפרעגט וועגן זיין זון. הערש דער אייער־הענדלער איז געשטאַנען פאַרן רבין אַ פאַרציטערטער, און געשווירן, אַז ער ווייס נישט פון וואָס צו זאָגן. געזען האָט מען, אַז ער, הערש זאָגט דעם אמת, און מען האָט שוין גערעדט צו אים ווייכער. מען האָט אים נאָר געבעטן, אַז ווי ער וועט דערהאַלטן אַ בריוו פון גבריאלן, זאָל ער אים ברענגען ווייזן.

אין אַ קאַרגער וואָך אַרום האָט הערש געבראַכט גבריאלן אַ בריוו פון אָדעס, אין וועלכן ער האָט געשריבן, אַז ער קלייבט זיך אַ ליאַדע טאָג אָפּצופאָרן קיין ארץ־ישראל. האָט מען אויף דעם בריוו געפונען דעם אַדרעס פון אַגענט, ביי וועמען גבריאל איז איינגעשטאַנען.

— איצט איז אַלץ איינפאַך, — האָט וואָלפּאָווסקי דער אַדוואָקאַט געזאָגט, — איך וועל שוין אַלץ באַזאָרגן. אייער טאָכטער וועט זיין צוריק. אויך ער, הערשס זון, וועט ביי מיר גלאַט נישט אָפּשניידן. פאַרלאָזט זיך, רבי, אויף מיר, גלייך מאָרגן פרי גייט אַ דעפּעשע קיין אָדעס. דער פּריסטאַוו איז מיינער, ער וועט פאַר מיר אַלץ טאָן.

און דער אַדוואָקאַט האָט טאַקע ריכטיק באַזאָרגט.

עס איז געווען אויף מאָרגן נאָך דער „חתונה", ווען חנהלע און גבריאל, צוזאַמען מיטן אַגענט און זיין ווייב, זענען געזעסן אַרום טיש און געגעסן פרישטיק, ערשט עס האָבן זיך דערהערט שווערע טריט ביים שוועל פון הויז. דער אַגענט האָט געוואָרפן אַ בליק דורכן פענסטער, און דערזען דריי פּאָליציאַנטן מיט שווערדן ביי די זייטן.

— גאָספּאָדין רעזניק! — האָט דער אַגענט אויסגעשריגן צו גבריאלן. — שנעל אויפן בוידעם! דאָ איז אַ מסירה פון אַ שפּיאָן. מיין ווייב וועט אייך ווייזן, וווּ צו באַהאַלטן זיך.

גבריאל, אַ בלאַסער, האָט שנעל זיך אויסגעדרייט צו דער הינטער־טיר און איז פאַרשוווּנדן, נאָך אים האָט זיך געלאָזט דעם אַגענטס ווייב.

די פראָנט־טיר האָט זיך געעפנט, און די דריי פּאָליציאַנטן זענען אַריינגעטראָטן אין הויז.

זיי האָבן זיך אַרומגעקוקט אַרום און אַרום, און איינער, מיט אַ פּאַקעט אונטערן אָרעם, האָט אָנגעדייט אויף חנהלען און געזאָגט:

— ווער ביזטו, באַרישניאַ? ווו איז דיין פּאַספּאָרט?

חנהלע איז געווען צעשראָקן, בלאַס, און נישט געענטפערט קיין וואָרט.

דער אַגענט איז דער ערשטער געקומען צו זיך.

— זי איז מיינע אַ פּלימעניצע, — האָט ער געפּרוּווט שמייכלען, — געקומען צו מיר צו־גאַסט אויף יום־טוב, אויף „פּאַסכאַ“.

דער פּאָליציאַנט האָט נישט געלייגט קיין אַכט אויף דעם אַגענטס רייד, האָט אַרויסגענומען געלאָסן דעם פּאַקעט פון אונטער דעם אָרעם, אַריינגעקוקט דאָרט אין איינעם פון די אָנגעוואָרפענע פּאַפּירן, און געזאָגט:

— איז דיין נאָמען כאַנאַ פּערלשטיין?

חנהלע האָט זיך געכאַפּט, אַז דאָס זענען זיי צוגעשיקט געוואָרן פונדערהיים. מען זוכט עס זי, און מאָדנע, איר שרעק איז גלייך פאַרשוווּנדן. עס איז ביי איר געווען ווי אַן ערוואַרטעטע זאַך. זי האָט זיך אויפגעשטעלט, איר אַקסל האָט אַ צוק געטאָן, זיך אויפגעשפּיצט, און דאָס פּנים האָט אָנגענומען אַן אַנטשלאָסענעם אויסדרוק.

— יאָ, איך בין עס! — האָט זי דרייסט געענטפערט.

— פון זוועצק, ביי שעדלעץ?

— יאָ, ריכטיק.

— געפינט זיך דאָ מיט דיר איינער גבריאל רעזניק?

— ניין. ער איז געווען, אָבער שוין לאַנג אַוועקגעפאָרן.

— וווּהין?

— איך ווייס נישט.

— קום, באַרישניאַ, מיט אונז, — האָט דער פּאָליציאַנט געזאָגט מיט אַ חוזק־שמייכל, — מיר האָבן דיך געפּאַקט.

— איך גיי! — האָט חנהלע געענטפערט.

דער אַגענט האָט זי אָנגעקוקט צעטומלט. ער האָט באַמערקט, אַז חנהלע ווייס די סיבה, פאַרוואָס די פּאָליציי איז נאָך איר געקומען, און אָנגעהויבן איבערקלערן וועגן איר פאַרדעכטיקע מחשבות.

— שרעקט זיך נישט, — האָט חנהלע, אָנטועענדיק דעם מאַנטל, אים צוגעוואָרפן אין יידיש, — דאָס בין איך אַנטלאָפן פון מיינע עלטערן, און זיי זוכן מיך אַרום, ציטערט נישט. איך האָב קיינעם נישט באַגנבעט, און מען וועט מיך אין קאַשע נישט אויפעסן. אַבי ער איז פריי.

זי האָט זיך געמאַכט גרייט און געלאָזט זיך מיט די פּאָליציאַנטן פון הויז.

כאָטש אָדעס איז אַ גרויסע שטאָט, האָט דאָך דאָס בילד, ווי

חנהלע איז געגאַנגען, באַגלייט פֿון צוויי פּאָליציאַנטן בײַ בײדע זײַטן, און אײנער פֿון פֿאָרנט, אַרױסגערופֿן נײַגעריקײט און װוּנ־דער. מען האָט זי אַנגעהױבן נאָכגײן און זיך שושקען. מען האָט זי אָנגענומען פֿאַר אַ פּראָסטיטוטקע, װאָס איז געכאַפּט געװאָרן בײַ אַ גנבֿה, פֿאַרטשעפּענדיק מאַטראָסן, אַזױנע געשיכטעס האָבן אָפֿט פּאַסירט אין יענעם געגנט נישט װײַט פֿון פּאָרט בײַם ים. װען מען האָט אָבער אַרײַנגעקוקט אין חנהלעס פּנים, האָט מען זיך געװוּנ־דערט און געצװײפֿלט, צי דאָס אַרעסטירטע מײדל איז פֿון יענעם פּאָרט. חנהלע איז געגאַנגען מיט אַן אױפֿגעהױבענעם קאָפּ, האָט געשמײכלט מיט טראַציקײט, און אירע אױגן, קוקנדיק יעדן גלײַך אין פּנים, האָבן געלױכטן מיט רײנקײט און אומשולדיקײט.

זי איז געװען גליקלעך, װאָס גבֿריאל איז פֿרײַ, און פֿאַר זיך אַלײן האָט זי זיך נישט געקימערט.

* *
*

אַז די פּאָליציאַנטן זענען אַװעק, איז גבֿריאל אַראָפּגערופֿן גע־װאָרן פֿון בוידעם. דערהערנדיק, אַז חנהלע איז אַרעסטירט, איז ער געװאָרן צעטומלט, און װי צעמישט אָנגעהױבן לױפֿן הין־און־צוריק איבערן חדר, זוכנדיק אין די געדאַנקען אַן עצה, װי זי צו ראַטעװען.

דער אַגענט האָט אים איבערגעהאַקט די טראַכטונגען.

— איר, גאָספּאָדין רעזניק, — האָט ער אים געזאָגט, — מוזט אױך גלײַך פֿון דאַנען אַװעק. איר מוזט זיך אױסבאַהאַלטן. יעדע מינוט קאָן מען דאָ װידער קומען און אַרעסטירן מיך מיט אײַך צו־זאַמען.

נישט געקענט האָט גבֿריאל אין אָדעס קײן לעבעדיקן נפֿש. ער האָט אָבער געװוּסט, אַז אין שטאָט געפֿינען זיך פֿיל משׂכּילים, שרײַבער און כּלל־טוער. ער האָט זיך דערמאָנט, אַז פֿיל פֿון די גרױסע העבֿרעאישע שרײַבער און פּאָעטן, װעמענס נעמען ער האָט אַזױ פֿאַרגעטערט, װױנען אין אָדעס. ער האָט באַשלאָסן זיך לאָזן זוכן זײער הילף.

בײַ אַ האַלבן טאָג האָט זיך גבֿריאל אַרומגעדרײט איבער די

נאַסן פֿון יידישן קוואַרטאַל, און נישט געוווּסט, ווו און צו וועמען זיך צו ווענדן. ער איז געווען מיד און אויסגעשעפּט, און געזוכט אַ הויז, ווו אַ ווײַלע אָפּצורוען. ער האָט באַמערקט פֿונוויטן אַ הויכע ווײַסע געבײַדע מיט לאַנגע פֿענסטער און פֿאַרשפּיצטן פֿאַרנט מיט גלאָקעס. ער האָט דערקענט, אַז עס איז אַ שול, און איז דאָרט אַרײַן. עס איז שוין געווען מנחה־צײַט. נישט ווײַט פֿון דער טיר, בײַם פּאָליש, איז געשטאַנען אַ רעדל מענטשן און געשמועסט. אַ יונגערמאַן, אָנגעקליידט אין אַ סטודענטישן מונדיר, מיט אַ גע־שטופּלטן פּנים און ברילן אויף די אויגן, האָט געמאַכט מיט די הענט, גערעדט און אויפֿגעוויזן, ארויפֿרוקנדיק אַלע ווײַלע די ברילן אויפֿן נאָז. גבריאל האָט צוגעלייגט אַן אויער, האָט אויפֿגעכאַפּט אָפּגעהאַקטע ווערטער פֿון שמועס, און דערהערט, אַז עס האַנדלט זיך וועגן ארץ־ישראל.

גבריאל האָט אָפּגעוואַרט אַ ווײַלע, און ווען דער סטודענט האָט געענדיקט, איז ער צו אים צוגעגאַנגען, און אים אַ ריר גע־טאָן בײַם אַרבל.

— איך דאַרף אײַך אויף אַ מינוט, — האָט גבריאל געזאָגט צו אים.

— מיך? — האָט דער סטודענט אָנגעקוקט גבריאלן מיט וווּנ־דער, און מיט אים זיך אָפּגערוקט אָן אַ זײַט.

— איך ווייס נישט, אייגנטלעך, וועמען איך דאַרף, — האָט גבריאל געזאָגט מיט אַ ציטערדיקער שטים, — איך בין אַ פֿרעמ־דער, געפֿין זיך אין אַ גרויסער צרה. איך האָב אײַך געהערט רעדנ־דיק וועגן ארץ־ישראל, ווענד איך זיך צו אײַך.

דער סטודענט האָט מיט אים אָנגעהויבן אַרומשפּאַצירן אי־בערן פּאָליש פֿון שול, און האָט געזאָגט:

— אויב איך וועל נאָר קאָנען מיט עפּעס אײַך העלפֿן, וועל איך עס טאָן. דערציילט, וועגן וואָס עס האַנדלט זיך.

שפּאַצירנדיק אַזוי, האָט גבריאל אים דערציילט די גאַנצע גע־שיכטע, פֿון חנהלעס אַרעסט און פֿון זײַן עלנטקייט, נישט האָבנ־דיק ווו זיך אַהינצוטאָן אין דער פֿרעמדער שטאָט.

דער סטודענט איז געווען גערירט.

— מײַן נאָמען איז גפֿן, — האָט ער זיך אָפּגעשטעלט און

געזאָגט, — קומט מיט מיר, און ביי מיר אינדערהיים וועלן מיר זיך בעראַטן, אויב מען קאָן עפּעס טאָן פאַר אייך.

גפן האָט גבריאלן געבראַכט צו זיך אהיים, און אים פאָרגע־שטעלט פאַר זיין פאַמיליע, זיין פאָטער, מוטער און שוועסטער.

גבריאל האָט זיי מיט אַלע איינצלהייטן דערציילט זיין געשיכ־טע און די הויזיקע זענען אַלע געווען גערירט פון זיין לאַגע, און אַרומגערעדט וועגן עצות, ווי אים צו העלפן.

— איר, חבר רעזניק, — האָט דער סטודענט גפן געזאָגט, — בלייבט ביי אונז אין הויז, ביז מען וועט זען, וואָס מ׳וועט קאָנען טאָן עפּעס פאַר דעם מיידל.

גבריאל האָט עס באַטראַכט ווי אַ נס פון הימל. די פאַמיליע גפן איז געווען אַן אָנשטענדיק בעל־הבתישע, פון יידיש־נאַציאָנאַ־לע קרייזן. דער סטודענט האָט געקענט גוט העברעאיש און אויך תלמוד, און פלעגט דעריבער אָפט קומען אין שול לערנען אַ בלאַט גמרא. די גאַנצע משפחה האָט זיך באַצויגן צו גבריאלן זייער סימ־פּאַטיש, און געזוכט באמת אים צו העלפן.

אויפן אַנדערן טאָג האָבן זיי אויסגעפונען דעם „פּאָליציי־אוטשאַסטאָק״ (באַצירק), וווּ חנהלע געפינט זיך. די פרוילין גפן האָט זיך מיט איר געזען, זיך איר פאָרגעשטעלט און האָט איר דערציילט, אַז גבריאל איז ביי זיי אין הויז.

חנהלע איז געווען איבערראַשט און דער גרוס האָט זי דער־פרישט. חנהלע האָט דערציילט דער פרוילין, אַז מען האָט זי גע־וואָלט אָפּשיקן מיטן עטאַפּ אהיים, אָבער אַ דעפּעשע איז אָנגע־קומען פון זוועצק, אַז מען זאָל זי דאָ אָפּהאַלטן, ביז מען וועט איר ברענגען פון זוועצק אהער קיין אָדעס דעם פּאַספּאָרט.

פינף טעג איז חנהלע געזעסן אין אוטשאַסטאָק אַרעסטירט. ערשט דערנאָך איז אַראָפּגעקומען קיין אָדעס דער רבי ר׳ שמואלקע, באַגלייט פון וואָלפאָווסקי דעם אַדוואָקאַט, און נאָכדעם, ווי זיי האָבן צוגעשטעלט חנהלעס פּאַספּאָרט מיט אַ רעקאָמענדאַציע־בריוו פון דעם שעדלעצער איספּראַווניק, האָט מען זי באַפרייט, און זיי האָבן זי גענומען צו זיך אין האָטעל, וווּ ר׳ שמואלקע איז פאַר־פאָרן.

אין האָטעל־צימער, פאַרבלייבנדיק מיט חנהלען אַליין, ווען

וואָלפּאָווסקי איז אויף אַ ווײַלע אַרויס, האָט ר׳ שמואלקע אויסגע־לאָזט זײַן אָנגעלאָדן האַרץ צו זײַן טאָכטער:

— נו, חנהלע, וואָס זאָגסטו? — האָט ר׳ שמואלקע אָנגע־הויבן. — אַ שיינע זאַך האָסטו אָפּגעטאָן, האַ? אַנטלאָפן פונדער־היים, און נאָך אום יום־טוב!

חנהלע איז געזעסן און געשוויגן, קוקנדיק אויף איין פונקט אויפן וואַנט.

עס איז געווען ווי פאַר אַ שטורעם, און איר פּנים האָט אויס־געדריקט איינגעהאַלטענע אויפגערעגטקייט. זי האָט זיך באַהערשט מיט צונויפגעקלעמטע ציין און געשוויגן.

— דו ביזט מיר און דײַן מאַמען מקצר ימים, — האָט ר׳ שמואלקע ווייטער גערעדט, — פאַרשאַפסט אונז בזיונות. איך ווייס זאָגאַר נישט, צי ר׳ אשר טעוסקער וועט וועלן אָנהאַלטן דעם שידוך מיט דיר!

— ער פאַרשפּאָרט עס צו טאָן! — האָט חנהלע אויסגעזייט אַן ענטפער, ווי צווישן די ציין.

— וואָס מיינסטו? — האָט זיך ר׳ שמואלקע געגעבן אַ הויב אויף פון אָרט.

— איך מיין, — האָט זיך אויך חנהלע געגעבן אַ שטעל אויף, זיך אויסגעגלייכט, ווי גרייט צום קאַמף, — איך מיין, אַז איך פאָר איצט נישט אַהיים.

— וואָס? — האָט ר׳ שמואלקע אויסגעשריגן. — איצט שפּאַרסטו זיך נאָך? וועסט נישט פאָרן מיט גוטן, וועסטו עס טאָן מיט בייזן! מיטן עטאַפּ וועט מען דיך ברענגען צו שלעפּן אַהיים. איך רוף נאָך אַריין וואָלפּאָווסקין.

די אויגן האָבן בײַ אים געברענט מיט פײַער, און די הענט האָבן געציטערט. חנהלען האָט אַ קלעם געטאָן בײַם האַרצן, זי האָט אָבער אַ שאָקל געטאָן מיטן קאָפּ, ווי זי וואָלט פאַרטריבן פון זיך די רחמנות־געפילן.

— פאָטער! — האָט זי אַרויסגערעדט מיט האַרץ. — אַז דו וועסט מיך ברענגען אַהיים, וועסטו זיך נאָך פאַרשאַפן ערגערע בזיונות. איך קאָן סײַ־ווי אברהמעלעס כּלה נישט זײַן, איך בין אַן אַנדערנס אַ ווײַב. איך האָב חתונה געהאַט.

— וואָס?! — האָט ר׳ שמואלקע אויסגעשריגן נישט מיט

זיין קול. זיינע אויגן האָבן זיך פון וווּנדער ברייט צעעפנט, ווי ער וואָלט נישט באַגריפן, וואָס זיין טאָכטער רעדט צו אים. — עס איז אַ שקר! אומישנע זאָגסטו דאָס, איך זאָל דיך דאָ איבערלאָזן. דו וועסט אָבער פאָרן מיט מיר אַהיים.

— עס איז אמת, פאָטער, עס איז אמת! — האָט חנהלע אויסגעשריגן, אַרויסגענומען האַסטיק פון בוזעם די כתובה און דערלאַנגט אים. — נאַ, לייען; וועסטו זיך איבערצייגן. איצט, אויב דו ווילסט, ברענג מיך אַהיים, אַן עגונה.

ר' שמואלקע האָט שנעל איבערגעלאָפן מיט די אויגן איבער דער כתובה, און זיין פנים האָט זיך פאַרקרימט אין אַן אויסדרוק פון פאַרצווייפלונג. ער האָט אַראָפּגעלאָזט די אויגן, זיך אַריינגעזעצט אין דער שטול, און אַ ווײַלע אָנגעהאַלטן זיך אָן די הענטלעך, ער זאָל נישט אומפאַלן.

חנהלען האָט אַ דריק געטאָן ביים האַרצן.

— פאָטער, — האָט זי זיך איבערגעבויגן איבער אים און געזאָגט אין אַ געענדערטן טאָן, פול מיט ווייכקייט, — מיך ווייטאָקט זייער, וואָס איך פאַרשאַף דיר צער, עס קאָן אָבער אַנדערש נישט זיין. איר אַלע אינדערהיים פאַרשטייט מיך נישט. מיר זענען מענטשן פון באַזונדערע דורות, און אַזאַ ברוך קאָן נישט אויסגעמיטן ווערן.

ביי ר' שמואלקען זענען געשטאַנען טרערן אין די אויגן. ער האָט גאָרנישט געהערט חנהלעס רייד, נאָר געווען פאַרזונקען אין אייגענעם ווייטאָק.

— חתונה געהאַט?—האָט ער געמורמלט ווי צו זיך אַליין,— אָן אַ טאַטן און אָן אַ מאַמען? נישט געבעטן אונזער ברכה? ווי צו די אויערן, וואָס הערן אַזוינע שלעכטע אָנזאָגן.

— פאָטער, — האָט חנהלע געזאָגט, — גבריאל איז אַן אָרנטלעכער בחור.

— אָרנטלעך... גבריאל? — האָט ר' שמואלקע איבערגעחזרט די ווערטער, פלוצלינג האָט ער זיך ווי אויפגעכאַפּט, אַ ווילדער כעס האָט אים אַרומגענומען, זיינע אויגן זענען ווי געקראָכן פון די לעבער, און ער האָט זיך אויפגעשטעלט.

— חוצפה! — האָט ער געשריגן. — דו רעדסט וועגן אָרנטלעכקייט? דו? איך וועל קריעה רייסן. געשטאָרבן. ביי מיר איז

אַ טאָכטער געשטאָרבן... מיט הערשט זון חתונה געהאַט! ר' לייבוש זוועצקערס אַן איידיקל! אייעק! — האָט העכער געדונערט זיין קול, ביז הייזעריקייט. — גיי גלייך אַוועק פון מיינע אויגן. דו חצופה, איך וויל דיך מער נישט זען, פון דיר מער נישט הערן. גיי גלייך אַרויס!

זיינע אויגן האָבן געפלאַמט, ווי ער וואָלט פאַרלוירן דעם זי־נען, דאָס פּנים איז געווען אָנגעגאָסן מיט רויטקייט. אַ שוידער איז אַריבער איבער חנהלעס לייב. זי האָט געפילט, אַז זי מוז גלייך אַרויסגיין, ווען נישט, קאָן נאָך פאַרקומען עפּעס שוידערלעכס.

זי האָט געכאַפּט דעם מאַנטל אויף דער האַנט, האָט געטראָטן אויף הינטער דורך דער לענג פון האָטעל־צימער, דערווייטערנדיק זיך אַלץ מער פון פאָטער, און אים נאָכגעקוקט. ווען זי האָט דער־גרייכט די טיר, האָט זי אויסגעשריגן:

— פאָטער, זיי געזונט!

— אַרויס, אַרויס, דו חצופה! — האָט אַלץ געדונערט ר' שמואלקעס קול.

* *
*

אַליין איז חנהלע געבליבן שטיין אינמיטן פון דער אומבאַ־קאַנטער גאַס ביים האָטעל, און האָט צום לעצטן מאָל געוואָרפן אַ לאַנגן בליק צו דעם פענסטער, ווו איר פאָטער האָט זיך געפונען אינעווייניק. דערנאָך האָט זי צוגערופן אַ דראָזשקע, גע־זאָגט דעם אַדרעס פון גפן, און זיך אַהין געלאָזט.

דאָרט, ביי די גפנס, האָט זי געטראָפן גבריאלן. די גפנס האָבן זי אויפגענומען האַרציק, ווי אַן אַלטן פריינט אין דער פאַמיליע. חנהלע האָט זיך באַהערשט, און אין דער אָנוועזנהייט פון דער פאַ־מיליע געשוויגן, און נישט דערציילט פון ברוך מיטן פאָטער. ווען אָבער שפּעטער, אַז זי איז געבליבן מיט גבריאלן אַליין, האָט זי אויסגעבראָכן אין אַ געוויין, איר קערפער האָט געציטערט און זיך געוואָרפן אין קאָנוווּלסיעס. זי האָט אים דערציילט, ווי דער פאָטער האָט איר אַרויסגעטריבן, און זי באַגלייט מיט זיינע שרעקלעכע אויגן, וועלכע שטייען פאַר איר געשטאַלט און מאַכן אויפטרייסלען איר נשמה.

גבֿריאל האָט געגלעט אירע האָר און זי באַרואיקט.
— עס האָט אַנדערש נישט געקאָנט זיין, — האָט ער ווייך געזעצט, — מיר האָבן עס נישט געקאָנט אויסמיידן.

קאַפּיטל אַכט

עס איז שוין געווען דער צווייטער טאָג, ווי די שיף „יאַלטאַ", אַרויסשווימענדיק פון די שמאָלע דאַרדאַנעלן ביי דער טערקישער הויפּט־שטאָט, האָט זיך געגליטשט איבער דעם בלויען מיטללענ־דישן ים, אויף דעם וועג קיין יפו.

עס איז געשטאַנען אַ זומערדיקער, זוניקער פרימאָרגן. פונ־וויטנס ביי איין זייט, לענג־אויס די ברעגן פון די דורכפאָרנדיקע לענדער, האָבן זיך פון וויטנס אויסגעטיילט רוקנס און שפּיצן פון בערג מיט אַנגעוואָרפענע הייזלעך. זיי זענען געווען איינגעוויקלט אין אַ דינעם טומאַן, אין בלוי־גרוילעכן רויך פון פרימאָרגן־טוי און אויסגעזען ווי פאַרוועגדט, אָפּגעמעקט. פון דער אַנדערער זייט האָט זיך אויסגעשפּרייט דער אומענדלעכער ים. דאָס וואַסער איז געווען באַגאָסן מיט גאָלדענע זונען־שטראַלן, און קנייטשנדיק זיך אין גאַרבן, האָבן זיי געפינקלט ווי מיט טויזנטער בריליאַנטן אַרום און אַרום.

חנהלע און גבריאל האָבן שוין איצט, אין פריען מאָרגן, גע־שפּרייזט אויף דעם שמאָלן דעק פון דער קליינער שיף, געזוינגען אין זיך די קלאָרע, קילע לופט, און זייערע פּנים האָבן ווי געשפּרונגען אונטער זיי. זיי זענען געווען איבערפילט מיט נייע געפילן, אַנגע־ברויזט און פאַרשיכּורט מיט זיי ווי מיט גוטן וויין, און נישט גע־ווּסט, ווי זיך צו באַרואיקן. ווען באַקאַנטע פון זוועצק וואָלטן איצט אַ קוק געטאָן אויף זיי, וואָלטן זיי דאָס פּאָרל געוויס נישט דערקענט: חנהלע, וואָס האָט אין אָדעם אָפּגעשוירן אירע לאַנגע צעפּ, האָט איצט, אין קורצע, קיילעכדיק־אַרומגעשוירענע האָר אַרום קאָפּ, אויסגעזען מער יונגל ווי מיידל. איר לענגלעכער פּנים מיטן הויכן שטערן און אָדלער־נאָז האָט איצט, אין קורצע האָר, נאָכ־מער אַרויסגעוויזן זיינע שאַרפע ליניעס, שטריכן פון איר פעסטן כאַראַקטער, און אירע טונקל־בלויע אויגן, מיט דער אָפּשפּיגלונג

פון בלויען ים, האָבן געגלאַנצט מיט פּיכטקייט פון באַגייסטערונג. זי האָט אויף זיך געטראָגן אַ ווייסע בלוזקע מיט קורצע אַרבל און ברייטן אויסשניט ביים האַלז, אַ מתנה פון פריילין גפן פאַרן אָפּפאָר. זי האָט זיך געפילט גרינג, פריי, ווי באַפרייט פון אַ שווערער משא, ווי די היימישע קליידער מיט די לאַנגע אַרבל און ענגע, הויכע קאָלנערס וואָלטן נישט פון שטאָף געווען, נאָר פון שווערע קייטן, וואָס האָבן איר געהאַלטן געפּענטעט די הענט און געדריקט דעם האַלז.

אויך גבריאל האָט אויסגעזען גאָר אַן אַנדערער מענטש. זיין היטל האָט זיך ערגעץ געוואַלגערט אין קאַיוטע, און זיינע פּאַסמעס האָר האָבן דעם קאָפּ ווי אויפגעהויבן, און ער האָט אויסגעזען ווי אויסגעוואַקסן העכער. ער האָט געטראָגן אַ ווייסע בלוזע, איבערגעוואָרפן איבער שוואַרצע הויזן און אַרומגעגאַרטלט מיט אַ שוואַרצן לעדערנעם פּאַס. עס איז גאָרנישט געווען יענער טיפּ פון שטעטלדיקן בחור, הערש דעם אייער־הענדלערס זון.

יאָ, שטעטלשע וואָלטן זיי זיכער נישט דערקענט, ווייל זיי אַליין האָבן זיך קוים דערקענט זיי זענען זיך אויסגעקומען ניי און אַנדערש אין זייערע אייגענע אויגן, און האָבן אויך מיט קלאַפּנדיקע הערצער דערוואַרט אַ ניי און אַנדערש לעבן.

זיי האָבן געשפּאַצירט אויפן דעק הין און צוריק און געוואָרפן אויגן אויף אַלע זייטן, באַטראַכט די מיטרייזנדיקע, און געזוכט צו געפינען נאָך אַזוינע ווי זיי, אַזעלכע, וואָס פאָרן אַנצוהויבן אַ ניי לעבן אין ארץ־ישראל, און מיט זיי פאַרבינדן אַ באַקאַנטשאַפט.

אָבער קיין סך רייזנדיקע האָט די שיף נישט געהאַט, און אויך די, וואָס זענען געפאָרן, האָבן געהאַט טונקעלע פּנימער פון פרעמדע, אָריענטאַלישע פעלקער, נישט קיין יידן. עס זענען געלעגן אויף זייערע קלומקעס גריכישע ווייבער מיט קינדער, עס האָבן געשמועסט צווישן זיך איטאַליענער אין הויכע קולות, עס זענען געווען טערקן מיט קיילעכדיקע היטעלעך, סערבן און סלאָוואַקן און אַנדערע טונקעלע, אָפּגעברענטע פּנימער פון מזרח־טיפּן. עס האָט זיך געהערט דער קלאַנג פון פרעמדע שפּראַכן, פון וואָס גבריאל און חנהלע האָבן נישט פאַרשטאַנען קיין וואָרט.

פלוצלינג האָבן זיי הינטער זיך פאַרנומען אַ שטילן, אומעטיקן ברומען פון אַ געזאַנג, און צו זייערע אויערן האָבן דער־

גרייכט אָפּגעהאַקטע העברעאישע ווערטער פון אַ באַקאַנט העב־רעאיש לידל. זיי האָבן זיך שנעל אומגעדרייט, געזוכט, פונוואַנען עס טראָגט זיך דאָס ברומען, און זייערע אויגן האָבן זיך אָנגע־פילט מיט וווּנדער.

אָנגעשפּאַרט אָן וואַנט, די הענט אַרונטערגעבויגן הינטערן קאָפּ, איז געלעגן אויסגעצויגן אַ יונג, אַ ריז, זיין קאָפּ, אַרויפגע־זעצט מיט אַ קורצן האַלז אויף ברייטע, פעסטע אַקסלען, איז גע־ווען באַדעקט מיט פעך־שוואַרצע געקרייזלטע האָר. זיין האָר־באַדעקטע ברוסט, אַנטפּלעקט אַנטקעגן זון, פון דעם אַנטבלויזטן, קורצן העמדל, איז געווען אויסגעשטאַרצט און געוויזן שטאַרקע מוסקולן, ווי זיי וואָלטן געווען געהאַקט פון בראָנז. בכלל האָט ער אויסגעוויזן ווי אַ בראָנזענע פיגור, ווו אַלץ איז האַרט, שטייף און רונדיק. דער יונג האָט געהאַלטן די אויגן צוגעמאַכט, ווי פאַרטיפט אין געדאַנקען, און פון זיין מויל האָט זיך דאָס גע־טראָגן דאָס שטילע ברומען פון העברעאישן ליד.

גבריאל און חנהלע זענען געשטאַנען אַ ווײַלע איבער אים, באַטראַכט זיין מוסקוליעז, טונקל־הויטיק פּנים און זיך גוט צוגעהערט, צי מאַכן זיי נישט קיין טעות.

„שם בארץ חמדת אבות“, האָבן זיי אָבער געהערט קלאָרע העברעאישע ווערטער, אַרויסגעברומט אַזוי אומעטיק, האַרציק.

— ווייזט אויס, אַ ייד, — האָט גבריאל אַ שושקע געטאָן חנהלען.

דער יונג האָט דאָס וואָרט דערהערט, און האַסטיק אָן עפן געטאָן די אויגן.

— כּן, יהודי (יאָ, אַ ייד), — האָט ער אַ זאָג געטאָן אין ספרדישן דיאַלעקט. איז אויפגעשפּרונגען פון אָרט און אויסגע־שטרעקט זיי אַ קליינע, שטייפע האַנט.

— שלום, חברים!

חנהלע און גבריאל האָבן וואַרעם געדריקט זיין האַנט, און מיט האַרץ געענטפערט:

— שלום, שלום!

איצט, שטייענדיק, האָט דער יונג נאָכמער אויסגעזען ווי אַן אמתער אַטלעט. זיין אָפּגעברענט פּנים, מיט די שפּראָצונגען פון

אַ בערדל אַרום די באַקן, האָט זיך אינגאַנצן אויסגעקנייטשט אין אַ שמייכל.

— איך האָב אייך געמוזט פאַרשוואַרצן די הענט, — האָט ער אויסגעדרייט זיינע הענט און געוויזן, ווי זיי זענען איינגעגעסענע מיט שוואַרצן אַש, — כ'בין נאַר־וואָס פון דער אַרבעט און מען קאָן די הענט נישט דערוואַשן.

— פון דער אַרבעט? — האָט גבריאל זיך געוווּנדערט. — אויף דער שיף אַרבעט?

— יאָ, איך שאַר קוילן, — האָט דער יונג געזאָגט, — דערפאַר פאַר איך אומזיסט.

איבערגעשמועסט האָבן זיי זיך אין העברעאיש, וואָס גבריאל האָט גערעדט פליסיק, אָבער חנהלע איז געווען אין פאַרלעגנהייט, און דער יונג האָט עס געמערקט און באַלד באַמיט זיך צו רעדן אויף יידיש, כאָטש זיין יידיש איז געווען אַ צעבראָכענער מיט אַ דרום־רוסישן אַקצענט, ווי אַפגעוווינט פון אַ לאַנגער צייט.

זיי האָבן זיך אויסגעזעצט אויף דער פאַרלאָזגע פון דעק, זענען פאַרגאַנגען אין אַ שמועס וועגן זייער לעבן, און ער, דער יונג, האָט דער ערשטער דערציילט זיין געשיכטע:

— מיין נאָמען איז וועלוול דוואָרקין, — האָט ער אָנגעהויבן, — אָבער אין ארץ־ישראל רופט מען מיך זאב חצרי. איך האָב געלעבט אין ארץ־ישראל איבער פיר יאָר און פאָר איצט צוריק אַהין. איך בין געבאָרן אין מיין געבורטס־שטעטל סוראַזש, משערניגאָווער גובערניע, ערשט מיט זעקס חדשים צוריק. איך האָב געוואָלט זען די עלטערן, משפחה, און דער עיקר נאָך אַ זאַך: איך האָב אין סוראַזש געהאַט געלאָזט אַ מיידל, וועמען איך האָב ליב געהאַט נאָך פון יונגלווייז, און די גאַנצע צייט אין ארץ־ישראל געטרוימט וועגן איר. האָב איך געוואָלט זי אַריבערנעמען מיט מיר. אָבער גלייך, ווי איך בין געקומען אַהיים, האָב איך איינגעזען מיין טעות. מען האָט זיך פאַר מיר אינדערהיים דערשראָקן. די פיר יאָר אין ארץ־ישראל האָבן מיך אינגאַנצן געענדערט: פון שוואַכן, אינטעליגענטן יונגל בין איך פאַרוואַנדלט געוואָרן אין דעם, וואָס שטייט איצט פאַר אייך: אַ יונג מיט אַ פויערשן קאַרק, מיט אַ גראָבער הויט, מיט פאַרהאַרטעוועטע הענט און אָפגעברענטן, פאַרווילדעוועטן פנים. מיינע עלטערן האָבן זיך פאַר מיר

דערשראָקן און באַדויערט, וואָס פון מיר איז געוואָרן. אויך דאָס מיידל האָט זיך אין מיר אַנטוישט. זי האָט זיך מיט מיר געשעמט פאַר אירע באַקאַנטע און איז געוואָרן קאַלט צו מיר.

— האָט איר אַ זאָרג! — האָט חנהלע אַ לאַך געטאָן.

— יאָ, — האָט חצרי געענטפערט, — דאָס אַרט מיך גאָר ווייניק, ווייל אויך איך בין אין איר אַנטוישט געוואָרן. די פיר יאָר אין ארץ־ישראל האָבן מיך נישט נאָר איבערגעבויט קערפּער־לעך, נאָר אויך גייסטיק. איך האָב שוין נישט געהאַט די רוסישע אידעען אין קאָפּ, און האָב קיין געמיינזאַמעס נישט געקאָנט האָבן מיט יענעם רוסישן אינטעליגענטן מיידל. איך בין דורכגעדרונגען מיט באַגייסטערונג פאַר אונזער אידעאַל פון בויען אונזער לאַנד אויף סאָציאַליסטישע יסודות, און וועגן וואָס, מיינט איר, טראַכט אַזאַ מיידל? וועגן אַ מאַן, אַ שיינער דירה מיט באַקוועמלעכקייטן, שיינע קליידער. איך האָב זיך אַזוי אַרומגעדרייט אַן עלנטער אין מיין געבורטס־שטעטל, אַ פרעמדער, און געבענקט נאָך די חברים, און נאָך אונזער אַרט לעבן אין ארץ, האָב איך איין טאָג אָפּגע־זאָגט „זיי געזונט" צו מיינע עלטערן און קעגן זייער ווילן, איך זאָל פאַרבלייבן אינדערהיים און ווערן אַ „מענטש", זיך געלאָזט צוריק צו מיין אמתער היים, קיין ארץ־ישראל. גענוג געלט אויף הוצאות האָב איך נישט געהאַט, האָב איך זיך דערשלעפּט קיין סטאַמבול און פון דאָרט זיך פאַרדונגען אויף דערדאָזיקער שיף אַלס אַ קוילן־שאַרער, און שווים עס איצט צוזאַמען מיט אייך צו די ברעגעס פון אונזער לאַנד.

חנהלע און גבריאל האָבן אים אָנגעקוקט מיט אַנטציקונג. זיין אַטלעטישע פיגור, זיין קינדערשער שמייכל, און זיין גרייט־קייט און פרייהייט צו לעבן לויט זיין אידעאַל, האָבן זיי באַ־גייסטערט. עס איז פאַר זיי געשטאַנען אַ העלד, אַ טיפּ פון יענע העלדן, וועגן וועלכע מען לייענט פיל אין ביכער, אָבער מען באַ־געגנט אַזוי ווייניק אין לעבן.

חצרי האָט דערווייל זיך מער אויסגעצויגן אויף דער פּלייצע, מיטן פּנים צום בלויען הימל, צוגעזשמורעט די אויגן און געזאָגט:

— און איצט, חברים, לאָמיר הערן אייער געשיכטע.

גבריאל איז געווען דער רעדער. ער האָט אים דערציילט פון זייער פּויליש שטעטל, פון זייער געהיימער ציוניסטישער גרופּע,

און ענדלעך פון זייער אנטלויפן קיין ארץ־ישראל. ער האט אים אויך דערציילט פון זייערע איבערלעבונגען אין אדעס, פארשוויינגדיק נאר איין זאך, — דאס וואס זיי האבן געהייראט.

די געשעעניש פון דער הייראט האבן זיי באשלאסן היילק צו האלטן בסוד. זיי האבן נאך נישט געדענקט אנצוהויבן פירן א פאמיליען־לעבן, און געוואלט, אז דער פאקט פון דער חתונה זאל פארגעסן ווערן פון זייער אייגענעם זכרון. זיי זענען איצט געפארן אנצוהויבן א נייע לעבן אן מיטלען, נאר מיט דעם שוויים פון זייער פנים, און זאלן זיי אנהויבן א פארהייראט לעבן, און עס זאל נאך קומען א קינד, וואלט עס זיי פארפלאנטערט און צעשטערט אלע זייערע פלענער.

חצרי האט אויסגעהערט זייער געשיכטע. זיין פנים האט זיך אלץ מער געקנייטשט אין צופרידנקייט קעגן דער זון.

— ווי רופט מען אייך, חברים? — האט ער געפרעגט.

— מיך — גבריאל רעזניק, — האט גבריאל געזאגט, — און זי — חנהלע פערלשטיין.

— הערט, חברים, — האט חצרי געזאגט, — דאס ערשטע לאמיר אייך „משנה השם'' זיין (ענדערן די נעמען). דו, חבר, הייסט פון איצט שוחט (רעזניק אין רוסיש מיינט שוחט). און דו, חברה, — האט ער אנגעזשמורעט זיינע אויגעלעך אויף חנהלען, — איז דאס ערשטע — אוים מיט דעם „לע'', ביי אונז אין ארץ־ישראל זענען נישטא קיין „בת יחידות'', מיר פארציען נישט און לאסטשען נישט. דיין נאמען איז חנה, א חברה גלייך מיט אלעמען, צו דער ארבעט, און דיין פאמיליען־נאמען פערלשטיין, וועט זיין — מרגלית.

— אלזא, חנה מרגלית איז מיין נאמען, —האט חנהלע איבערגערעדט מיט א געלעכטער, — מרגלית, ווי שיין עס איז!

די איבעריקע צייט, ביז די „יאלטא'' איז אנגעקומען קיין יפו, האבן זיך שוין אלע דריי געהאלטן צוזאמען. ווי נאר חצרי פלעגט ווערן פריי פון זיין קוילן־שארן, זענען זיי ארויפגעקומען צוזאמען, און פארבראכט אין שמועסן וועגן ארץ־ישראל, און דעם לעבן פון די חלוצים. חצרי האט זיי דערציילט, אז ער איז צוגעשריבן צו די „פועלי־ציון'', געהערט צו דער גרופע „שומרים'', פאר זיי אנטוויקלט די אידעאלאגיע פון דער פארטיי,

די סאָציאַליסטישע טענדענצן. ער האָט פאַר זיי געשילדערט זיינע וואָגלעניש אין די קאָלאָניעס, זיין שווערע אַרבעט ביים גראָבן און האַקן די האַרטע ערד, זיינע קאַמפן מיט די אַראַבישע באַנדעס, גנבים, יאָגנדיק זיך נאָך זיי, רייטנדיק אויף פערד.

חצרי האָט זיי דערציילט, אַז איצט איז ער געשיקט פון „השומר" קיין גליל, ווו ער היט אַ יידישע קאָלאָניע נישט ווייט פון דגניה.

אַזוי ווי גבריאל און חנהלע האָבן נישט געהאַט קיין באַשטימטע פּלענער פאַר זייער צוקונפט, און אויך נישט קיין באַקאַנטע, ביי וועמען זיך אָפּצושטעלן, האָט זיי חצרי פאָרגעלייגט, אַז ער וועט זיי העלפן קריגן אַרבעט אין מרחביה, ווו ער האָט אַליין די ערשטע צייט געאַרבעט, און האָט דאָרט פיל פריינט פון די יידישע קאָלאָניסטן און די פּויערים.

— איר וועט נאָך אַמאָל זיין גוטע חברים, — האָט ער געזאָגט, — איר פאַרמאָגט קוואַלן פון איינגעפרעסטער, פאַרשטיקטער ענערגיע; אונזער לאַנד וועט זיי ביי אייך דערוועקן. זי וועט אייך איבערשאַפן, און איר וועט זיך אַליין נישט דערקענען.

* *
*

אין אַ ליכטיקן, זוניקן פרימאָרגן האָבן חנה און גבריאל באַטראָטן דעם באָדן פון ארץ־ישראל.

די אָפּגעריסענע אַראַבער מיט זייער טומל און געפילדער, „שליידערנדיק מענטשן און געפּעק" פריער פון שיף אין קליינע לאָדקעס און נאָכהער אויפן ברעג, די נידעריקע ערדענע הייזלעך ביים אַריינפאָר קיין יפו, די אָפּגעלאָזנקייט און אָנגעוואָרפנקייט אַרום און אַרום, האָבן נישט געקאָנט אָפּשוואַכן זייער ביידנס באַגייסטערונג. זייערע הערצער האָבן געקלאַפּט מיט שטורעם. ענדלעך איז אַ שטרעבונג פאַרווירקלעכט געוואָרן. עס איז נישט קיין חלום, זייערע פיס טרעטן איצט אויף דער ערד, וואָס האָט אויסגעפילט זייערע האָפענונגען.

זאב חצרי האָט געשפּרייזט פאָראויס, און זיי, חנה און גבריאל, געאָרעמט נאָך אים.

— וואָס שלעפּט איר אַזוי די פּיס, חברים? — האָט חצרי אויסגערופן פריילעך. — לעבעדיקער, מונטערער דאַרף מען שפּרייזן ביי אונז אין לאַנד.

— אַה, חבר חצרי, — האָט חנה אים געענטפערט, — דאָס האַרץ איז אַזוי פול, אַז עס איז שווער עס נאָכצוטראָגן. איר זענט שוין דאָ צום צווייטן מאָל, שפּירט איר עס ווארשיינלעך נישט.

— דיינע אויגן, חברה חנה, גלאַנצן מיט אַ פייכטקייט, — האָט חצרי זיך צו איר אויסגעדרייט, און זיך אויסגעגלייכט ביי דער אַנדערער זייט, — דו ווײנסט גאָר?

— עס איז פון פרייד, חבר חצרי, פון פרייד. איך קאָן זיך נישט העלפן, — האָט חנה געשלונגען די טרערן, — די טרערן קומען פון זיך אַליין. ווי ליכטיק עס איז דאָ אין לאַנד! אַזא העלקייט האָב איך נאָך קיינמאָל נישט געזען.

— איך טראַכט אויך וועגן דעם, — האָט גבריאל אויסגערופן, — דער העללעכסטער זומער־טאָג אין זוועצק איז טונקל אַנטקעגן אַזא ליכטיקייט. איך בין פול באַנאָסן מיט ליכט דורך און דורך.

— איר וועט נאָך ערשט זען די שיינקייט און פּאַרבנרייכקייט פון אונזער לאַנד! — האָט חצרי אויסגערופן מיט שטאָלץ, ווי ער וואָלט געריכט אַ זאַך, וואָס געהערט נאָר צו אים אַליין. — איר וועט נאָך זען, אַז עס איז ווערט צו ליידן פאַר איר אויפבויאונג. מיר מיט אונזער אַרבעט וועלן מאַכן, אַז די ליכטיקע זון וועט נישט שיינען אויף וויסטענישן, נאָר אויף בליענדע פעלדער.

— און אונזערע עלטערן וועלן צו אונז קומען, — האָט חנה פאַרענדיקט, — און בענטשן אונזער אַרבעט.

אין ערך צוויי טעג זענען אַלע דריי געשטאַנען אין יפו, אויסגערוט זיך פון וועג, און דאַן זיך געלאָזט צום „עמק" צו עפולה, ווו חצרי האָט געהאַט באַקאַנטע חברים אַרבעטער און פריינט צווישן די קאָלאָניסטן, און געווען זיכער, אַז ער וועט די נייע חברים גבריאלן און חנהן באַזאָרגן מיט אַרבעט.

קאַפּיטל נײַן

עס זענען שוין געווען פאַראיבער צוויי יאָר, זינט חנה און גבריאל זענען געווען אין ארץ־ישראל און האָבן געאַרבעט אין פאַרשידענע קבוצות אין שומרון און עמק.

עס איז געווען, ווי חצרי האָט זיי פאָראויסגעזאָגט, אַז דאָס נײַע לעבן פון אַרבעט אין ארץ־ישראל וועט זיי איבערשאַפן. זיי, חנה און גבריאל, זענען ווירקלעך געוואָרן אַנדערע מענטשן, נײַע, איבערגעבוירענע.

ווי בײַ אַלע אַנדערע קבוצהניקעס אַרבעטער אין די קאָלאָניעס זענען זייערע פּנימער געוואָרן אָפּגעבּרענט פון דער זון. די קינבּאַקן האָבן אַרויסגעשטאַרצט פון שווערער אַרבעט, און די אָדערן און מוסקולן פון די הענט און פיס זענען געווען שטײַף און אָנגעצויגן. ווען מען האָט זיי געזען שטייענדיק איבערגעבויגן מיט די גרויסע, שטרויענע היט איבערן קאָפּ, איבער די גראָבּאײַזנס, וועלכע זיי האָבן געהאַלטן שטײַף אין זייערע פאַרגרעבטע הענט, האָט מען ווינציק געקאָנט אונטערשיידן פון זיי, ביז יענע אײַנגעבוירענע אַראַבּישע פעלאַכן, וועלכע זענען פון קינדווייז־אָן אויפגעוואַקסן בײַ דער ערד.

געאַרבּעט האָבן זיי אין פאַרלויף פון דער צײַט בײַ אַלע שווערע אַרבעטן; זיי האָבן אין אָנהויב געהאָלפן פלאַנצן די אַקאַליפּטוס און תות־ביימער צו טריקענען די זומפּן פון עמק. זיי זענען אויך שיפלעך איבער די זומפּן געקראָכן, געזויגן אין זיך דעם פאַרפּעפּושטן און מיט גיפט אָנגעזאַפּטן געדוך, ביז חנה איז קראַנק געוואָרן, און קוים צו זיך געקומען פון דעם געלן קדחת. דערנאָך זענען זיי אַריבער קיין שומרון, געאַרבעט בײַ פעלדער, ווײַנגערטנער און פּרדסים. זייערע רוקנס האָבן זיך אויסגעקרימט פון שטענדיק בויגן זיך אונטער די אָראַנזש־ביימלעך, זייער הויט פון די הענט איז געשוואָלן געווען מיט מאָזאָליעס פון די רידלעס, אַקערס, גראָבּאײַזנס און שנייד־מעסערס, דאָס געצייג, וואָס זיי האָבן פון די הענט נישט אַרויסגעלאָזט.

זיי האָבן זיך אָבער נישט אונטערגעגעבן און געאַרבעט מיט פּליים און חשק. זיי פלעגן אויסגלייכן אויף אַ ווײַלע דעם רוקן, טיף אײַנאָטעמען די לופט, אָפּווישן דעם שוויס פון שטערן, און

באַלד ווידער מיט נייער אָנשטרענגונג, פרישער ענערגיע, געזעצט מיט קראַפט אין דער שטיינערנער ערד, ווי זיי וואָלטן עס געטאָן צום ערשטן מאָל.

אַזוי איז עס געווען די ערשטע צייט. ביי ביידן, גבריאלן און חנהן צוגלייך, האָט געלעבט די באַגייסטערונג פאַר דעם נייעם לעבן פון בויען דאָס לאַנד, און דאָס האָט אין זיי געגאָסן נחת און פרישן מוט, שפּעטער אָבער, אין צווייטן יאָר, איז אריינגע־טרעטן אַן ענדערונג. גבריאל און חנה, אָנשלאָגנדיק זיך מיט דער שווערער ווירקלעכקייט, האָבן גענומען זיך פאַנאַנדערגיין אויף צוויי באַזונדערע וועגן, וואָס האָט זיי אָנגעהויבן דערווייטערן איינע פון דעם אַנדערן. זייערע געפילן צום לאַנד זענען ביי זיי ביידן שוין נישט געווען דיזעלבע.

חנה האָט מיט יעדן טאָג אַלץ מער ליב באַקומען דעם חברשן אַרט לעבן, וואָס די חלוצים האָבן דאָרט געפירט. דאָס לײדן, די שווערע אַרבעט, דער מאַנגל אין גוטע שפּייז, דאָס שלאָפן אויף האַרטע ברעטער אין לייוונטענע און פון ברעטער אויפגעשלאָגע־נע געצעלטן, ווו דער רעגן האָט אָפט דורכגעדרינגען, און גע־ווייקט די געלעגערס, האָבן איר נאָכמער פאַרשטייפט, און אָנגע־פילט מיט עקשנותדיקער לוסט צום קאַמף פאַר דעם אויפבוי פון לאַנד. עס איז איר אַלץ געווען ליב און גוט. מיט יעדער שוועריג־קייט און שטרויכלונג איז איר באַגייסטערונג געוואַקסן, און זי האָט נאָך מיט דעם איינגעטיילט אַנדערע. קוקנדיק אויף דעם שלאַנקן מיידל מיט אירע בלויע אויגן אויפן פאַרברענטן פּנים, וואָס האָבן געגלאַנצט מיט באַגייסטערונג און טיפקייט, האָבן פיל וואַקלענדיקע אַרבעטער, וואָס זענען צוליב די שווערע באַדינ־גונגען געווען ביי פאַרצווייפלונג, געוואָרן אָנגעגאָסן מיט נייעם מוט, און ווידער גענומען דעם גראָב־אייזן אין דער האַנט.

חנה איז געווען באַליבט ביי אַלע חברים און איז געוואָרן דער צענטער פון דער אַרבעטער־קבוצה אין מרחביה, ווו זי און גבריאל האָבן געאַרבעט די לעצטע צייט.

אין דעם דאַמאָלסדיקן שווערן לעבן פון די חלוצים אין עמק יזרעאל, אין זייער קאַמף מיט די ווילדע אַראַבער, וועלכע האָבן געלויערט אויף זייער לעבן, איז עס נאָר געווען דער צוזאַ־מענבונד פון די אַרבעטער צווישן זיך, זייער איבערגעגעבנקייט

און נאָנטקייט איינער צום אַנדערן, וואָס האָט זיי אויפגעהאַלטן אויף זייער פּלאַץ.

אויסגעמאַטערטע און מידע, פלעגט מען אין די פאַרנאַכטן, נאָכדעם ווי מ'האָט אָפּגעגעסן דאָס שוואַרצע ברויט, אָדער דעם פּיטעס, זיך אויסגעזעצט אין אַ האַלב רעדל אַרום די ביידלעך. מען האָט זיך אויסגעצויגן, אָנגעשפּאַרט איינער אויפן אַנדערן, און זיך צעלאָזט אין אַ געזאַנג. מען האָט געזונגען אָנפאַנגס אומעטיקע לידער, ווו מען האָט אויסגעגאָסן דעם שטומען צער איבער דער שווערער לאַגע, איבער דער פאַרצווייפלונג, וואָס האָט אַזוי שטאַרק געפּרעסט דאָס האַרץ, אָבער וואָס מען האָט נישט אַרויסגעבּרענגט פאַרן מויל. באַלד אָבער איז מען אַריבער צו פריילעכע נגונים, ווו מ'האָט אַריינגעלייגט זיסע טרייסט, פרישן מוט און נייע באַגייסטערונג פאַר דעם אידעאַל פון בויען דאָס לאַנד.

נאָך די פריילעכע נגונים האָט מען זיך געגעבן מיטאַמאָל אַ שטעל אויף און אַריבער אין טענץ. פאַרגעסן איז מיטאַמאָל געוואָרן די מידקייט, די געשוואָלענע פיס האָבן גרינג זיך געהויבן צום טאַקט, פלינק און לייכט.

און דאַמאָלס, ביים זינגען ווי ביים טאַנצן, איז חנה געווען דער מיטלפּונקט פון אַלעמענס אויפמערקזאַמקייט.

עס איז געווען די חסידישע ירושה אין איר בלוט, פון קינדערווייז אָן די איינגעזאַפּטע געזאַנגען און טענץ, אין זוועצקער שטיבל ביי איר טאַטן דעם רבין, וואָס האָט איר אַזוי געמאַכט אויסנעמען ביי אַלעמען אין די אויגן.

פון אַלעמענס שטימען האָט זיך איר קול אויסגעטיילט מיט אַ באַזונדערער דבקות און עקסטאַז, וואָס האָט געצונדן פייערן אין דעם געזאַנג, און דאַן, ווען מען איז אַריבער צו טענץ, זענען אַלע פון איר מיטגעריסן געוואָרן.

דעם קאָפּ פאַרוואָרפן הויך, די אויגן פאַרמאַכט און פאַרריסן צום הימל און דאָס מויל אָפן אין געזאַנג, האָט זיך חנה אַזוי ריטמיש געטראָגן אין דער לופטן, איר קערפּער האָט זיך עלאַסטיש געבויגן, זיך באַוועגט צום טאַקט פון געזאַנג, און איר ווייס קליידל האָט זיך געשפּרייט ווי אַ וויכער איבער דעם גריגעם גראָז. איינציקווייז פלעגט מען זיך אויפשטעלן, אַריינוואַרפן

זיך מיט איר אין טאַנץ, און, ווי אַמאָל בײַם טאַטן אין זוועצק, אַקסל אין אַקסל האָט מען זיך געדרייט, טופּענדיק מיט די פֿיס, וויגנדיק מיט זיך דעם בּלויען, לויטערן הימל, די גרינע מיט גראָז אויסגעבּעטע ערד אונטער די פֿיס, און פֿאַרהילכנדיק מיט אַ פֿרייד־לעכן עכאָ די ווייטקייט פֿון ברייטן טאָל.

לאַנג פֿלעגט מען אַזוי טאַנצן, בּיז די בּלויע נאַכט פֿלעגט זיך אַראָפּלאָזן איבּערן טאָל, אײַנהילנדיק אַלץ. אין איר שאָטנדיקן שלײַער, און דאַן, אויסגעשעפּטע פֿון כּחות אָבּער אָנגעשעפּטע מיט פֿרישן מוט, פֿלעגט מען זיך אײַנציקווײַז לאָזן צו די שאָטנ־דיקע געצעלטן, צו אַ זיסן שלאָף פֿאַר אַ נײַעם טאָג פֿון אַרבּעט.

ליבּ זענען געווען די טענץ און געזאַנגען, און ליבּ איז גע־ווען חנה מרגלית, וואָס האָט אין זיי אַרײַנגעבּלאָזן מער לעבּן.

ליבּ האָבּן זי געהאַט די חברות, די מיידלעך פֿון דער קבוצה אַרבּעטער, און נאָכמער האָבּן זי ליבּ געהאַט די בחורים. נישט געוווּסט האָט קיינער, אַז זי איז פֿאַרהייראַט צו גבריאלן. זיי האָבּן געוווינט אין צוויי בּאַזונדערע געצעלטן און די חברים, בחורים, האָבּן זיך בּאַצויגן צו איר, ווי צו יעדער אַנדערער חברה. מען האָט זיך אָפּט שטיפֿעריש געראַנגלט מיט איר, זי אַרומגענומען און געוואָלט איר אײַנטיילן אַ שטאַרקן קוש. חנה פֿלעגט זיך שטיפֿעריש ראַנגלען, אומוואַרפֿן איר אָנגרײַפֿער, און ווען זי האָט זיך פֿון קוש נישט אַרויסגעדרייט, האָט זי אָפּגע־ענטפֿערט לאַכנדיק מיט אַ הילכיקן פּאַטש.

אַזוי איז געווען מיט חנהן. גאַנץ אַנדערש איז אָבּער פֿאָרגע־קומען מיט גבריאלן. נאָך דער פֿריילעכער ערשטער צײַט, האָט זיך בּיסלעכווײַז אָן אומעטיקייט, ווי אַ וואָלקן, אָנגעהויבּן צו בּאַזעצן אויף זײַן פּנים. ס'איז געוואָרן קענטיק, אַז עפּעס אַ וואָרעם עסט זײַן האַרץ, און שלעכטע געדאַנקען בּאַהערשן זײַן מוח.

די סבּות דערצו זענען געווען פֿאַרשידענע.

עס איז דאַמאָלס געווען אַ שווערע צײַט פֿאַר דעם יידישן חלוץ־אַרבּעטער. די פֿאַרדינסטן זענען געווען קליין, מאָגער און די אַרבּעט שווער, און איבּער אַלעם — די געפֿאַר פֿון אַראַבּער, וואָס האָט זיך אויפֿגעוועקט קעגן דעם „יאהוד'', וואָס איז גע־קומען בּאַצווינגען דעם „טאָל''. פֿון נאָנטע און ווײַטע קאָלאָניעס

זענען געקומען גרוסן וועגן רויבערייען און מאָרדן. די רייכע עפענדים, כאָטש זיי האָבן אָפּגענומען געלט פאַר זייערע פעלדער, האָבן אַליין אָנגעשיקט פּרעמדע בעדואינער און דרוזן און יענע האָבן מיט געוואַלט אָפּגעשניטן פּאַרטיקע תּבואה פון די יידישע פעלדער און פאַרטריבן די יידישע אַרבעטער. מען האָט אויך אָפּט אוועקגערויבט פי, פערד און כלים. די יידישע שומרים, כאָטש זיי האָבן באַוויזן העלדישקייט, האָבן דאָך נישט געקענט אומעטום אָפּראַטעווען די לאַגע.

אויך מרחביה האָט איבערגעלעבט שרעק און טומל, פיל פון קאָלאָניסטן און קבוצה־אַרבעטער האָבן זיך אָנגעשטעקט מיט פאַרצווייפלונג. זיי האָבן אַלץ איבערגעלאָזט הינטער זיך און אויפֿ־געגעבן דעם קאַמף. זיי האָבן איבערגעלאָזט זייערע חברים, דאָס לאַנד, און זענען אַוועק, ווער צוריק אַהיים קיין רוסלאַנד, ווער אין דער נייער וועלט, קיין אַמעריקע.

זיי, די שוואַכע, האָבן זיך נישט געוואָלט מודה זיין אין זייער שוואַכקייט, האָבן זיי זיך גערעכטפאַרטיקט מיט נייע אידעען, אַז אומזיסט און נוצלאָז איז דער קאַמף, און אַרויסגעוואָרפן זענען די קרבנות. זיי האָבן זיך נאָך באַמיט איבערצורעדן אַנדערע צו גיין מיט זיי.

אָט מיט דעם געדאַנקען־גאַנג און מיט דעם יאוש האָט זיך עס אויך אָנגענומען גבריאל.

ער, גבריאל, וואָלט אפשר נישט געווען זיך אונטערגעגעבן צו די שוואַכע, האָט אים אָבער אויך געהאָלפן אַ פאַרבאַהאַלטע־נער אייפערזוכט־געפיל צו חנהן.

די אורזאַך פון זיין אייפערזוכט איז געווען — חצרי. זאב חצרי איז איצט געווען אַ שומר אין אַ קאָלאָניע ביי דער גרענעץ פון טאָל אין גליל, נישט ווייט פון מרחביה, און ער איז געווען אַן אָפטער גאַסט ביי די אַרבעטער אין מרחביה.

קומען פלעגט ער צוליב חנהן און גבריאלן. ער, חצרי, איז געווען שטאָלץ אויף זיי, און געהאַלטן, אַז אים קומט עס דער פאַרדינסט, וואָס ער האָט אַריינגעבראַכט אַזוינע צוויי טיכטיקע חברים. צו חנהן אָבער האָט ער טיף אין האַרצן געהאַט אַן אַנדער געפיל. ער האָט זי ליב געהאַט און געזוכט אויך זי זאָל אים ענט־פערן מיט ליבע.

ער פלעגט אין די פארנאכטן, וואס ער האט פארבראכט אין מרחביה קיין אויג נישט אראפנעמען פון חנהן. ווען חנה פלעגט טאנצן, פלעגט ער נאכקוקן אירע באוועגונגען מיט דורשטיקע אויגן, און ווען ער איז געזעסן נאנט פון איר, האט מען געקענט מערקן, ווי עס לויכט זיין פנים מיט גליק.

חצרי האט ליב געהאט חנהן, און ער האט געוואלט איר דאס דערקלערן, איר ארויסגעבן זיינע געפילן, און בעטן איר ענטפער, אבער איר באציונג צו אים איז אים געווען א רעטעניש.

גאנץ אפט האט ער געמערקט, ווי חנה ווארפט אויף אים שנעל א פארליבטן בליק. ווי נאר עס פלעגן אויפטויכן די ווייסע פלעקן אויף די פאדערשטע פיס פון זיין פערד, שפרייזנדיק ארויף דעם בערגל קיין מרחביה, פלעגט שוין חנה שטיין און נישט אראפ־לאזן קיין אויג, ביז ער, חצרי, האט זיך דערנענטערט, זיצנדיק אזוי שטאלץ אויפן זאטל, מיט דער ביקס אין דער האנט, און א רייע קוילן אויסגעלייגט ווי א קראנץ פערל אין דער קרום איבער זיין ברוסט. חנה פלעגט אים באגריסן מיט אזוינע לויכטנדיקע אויגן און א פריילעך פנים, אז דאס הארץ פלעגט אים פארגיין פון זיסקייט. ער איז דאן געווען זיכער, אז יא, חנה ליבט אים. דעם גאנצן פארנאכט פלעגט זי זיך דאן דרייען ארום אים, פארריכטן אים די שווארצע פעלערינע אויף די פלייצעס, דאס האר־ריקע היטל אויפן קאפ. ער, חצרי, פלעגט דעמאלט זוכן א געלעגנ־הייט צו זיין מיט חנהן אליין, אויף פיר אויגן, און איר ארויסגעבן זיין הארץ, אבער ווי מיט א כיוון האט חנה צו דעם נישט דער־לאזט. שטענדיק האט זי געזוכט מיט די אויגן גבריאלן, און ווען עס האט געהאלטן, זי זאל בלייבן מיט חצרין אליין, פלעגט זי אויסשרייען „גבריאל", „גבריאל", און אים גערופן צו זיך.

ווי א רעטעניש איז עס פארגעקומען חצרין איר באציונג צו אים און צו גבריאלן. ער האט בשום אופן נישט געוואלט גלויבן, אז זי, חנה, פלירטעוועט אומזיסט מיט אים, גלאט אזוי אים צו רייצן. עס איז נישט געווען אין איר כאראקטער און דאך, מיידט זי אים אויס, רופט גבריאלן, ווי זי וואלט אים גערופן צו הילף. וואס זאל עס באדייטן?

א פיינטשאפט האט זיך אנגעהויבן צו פארגנבענען אין

חצרים האַרץ צו גבריאלן, וואָס שטייט אין וועג, צווישן אים און חנהן, וואָס איז געווען דער טרוים פון זיין לעבן.

און דיזעלבע געפילן פון פיינטשאַפט צו חצרין האָבן אויך באַהערשט גבריאלן.

ער, גבריאל, האָט אויך געזען ווי חנהס אויגן גלעטן חצרין, זאַפּן אין זיך אַזוי דורשטיק זיין געשטאַלט. זי שפּילט זיך מיט זיין פערד און מיינט איהם, חצרין. ער האָט פיינט געקריגן דעם ברוטאַלן שומר מיט זיין אַטלעטישן קערפּער און זיינע גראָבע מוסקולן. עס האָט אים אויך פאַרדראָסן אויף חנהן, דערפאַר וואָס הצרי געפעלט איר, וואָס זי באַציט זיך פריי מיט אַלעמען, שטיפנ־דיק אָפּט אָן אַן אָפּהאַלט.

געשעמט האָט ער זיך אָבער חנהן אויסצורעדן וועגן דעם. ער האָט געפילט, ווי זי וועט אים אויסלאַכן. ער וועט דורך דעם מער פאַרלירן אין אירע אויגן. אויסגעוואַקסן איז זי, חנה, פאַר די צוויי יאָר פיל מער פון אים. זי איז אויך געקומען העכער גייסטיק אין זיינע אויגן, און דורך זיין אייפערזוכט וואָלט ער זיך נאָכמער קלענער געמאַכט, דערנידעריקט. דערצו האָט ער געהאַט דאָס באַ־וווסטזיין, אַז חנה איז אומשולדיק, איר שטיפן און פלירטעווען איז נאָר ווי מיט חברים, ריין און אומשולדיק. דאָך האָט ער זיך נישט געקענט באַרויקן און זיין צאָרן איז געוואַקסן.

אָנגעכאַפּט האָט ער זיך דעריבער אָן דעם געדאַנק, אַז די אַרבעט פון אויפבוי איז אַרויסגעוואָרפן און מען דאַרף פאַרלאָזן מרחביה, דעם גאַנצן אַרט לעבן, און אפשר אויך דאָס לאַנד. ער וועט אַוועקגיין מיט חנהן פונדאַנען און זיי וועלן אָנהויבן אַן אַנדער לעבן פאַר זיך אַליין — פאַר זיי ביידן.

קאַפּיטל צען

די ענדערונג אין גבריאלס שטימונג האָט זיך נישט געקאָנט פאַרהוילן פון חנהס אויגן.

זי האָט אָנגעהויבן מערקן, אַז גבריאל ווערט צו אַלץ אָפּ־געקילט, און אַן אומעטיקייט צעוואַקסט זיך אויף זיין פּנים. עפּעס עפּנט זיך ביי אים נישט דאָס מויל צום געזאַנג, און עס

הויבט זיך נישט קיין פּוס צום טאַנץ. זי האָט געפילט, אַז עט־וואָס נאָגט און עסט זיין האַרץ, און זי האָט נישט געקאָנט באַ־גרייפן, וואָס.

אַז די אורזאַך זאָל זיין איפּערזוכט, איר באַנעמען זיך מיט חצרין און די איבעריקע בחורים אַרבעטער, איז איר גאָר־נישט איינגעפאַלן. זי האָט זיך געפילט ריין, אומשולדיק, און איר באַציאונג צו אַלעמען איז געווען אַ חברישע. מען פאַרבּרענגט און מען שטיפט ווי חברים, וועלכע זענען באַזעלט מיט איין ליבע — צום לאַנד, און ווידמען דאָס לעבן פאַר זיין אויפבּוי.

זי האָט באַרעכנט, אַז זי וועט מיט גבריאלן האָבן אַן אָפענעם שמועס און זיך דורכרעדן, די זאַך קלאָר צו מאַכן.

איינמאָל, אַ פאַרנאַכט, האָט זי אים גענומען אונטערן אָרעם און אים אַוועקגעצויגן פון דער קאָלאָניע אויף אַ זייטיקן וועג, באַרג אַראָפּ.

זיי האָבן זיך צוגעזעצט אויף אַ שטיין, און חנה האָט אָנגע־הויבן:

— גבריאל, — האָט זי געזאָגט, — איצט זענען מיר אַליין. זאָג מיר, וואָס איז מיט דיר דער מער, וואָס דו ביסט אַזוי פאַר־זאָרגט? וואָס האָט געטראָפן?

— חנה, — האָט גבריאל געענטפערט פאַרטראַכט, — לעמ־קין פון נהלל איז נעכטן אַוועקגעפאָרן קיין אַמעריקע.

— טאָ וואָס האָט דאָס צו דיר? — איז חנה געוואָרן פאַר־וווּנדערט.

— ער איז גערעכט, — האָט גבריאל געזאָגט און זיין פּנים איז געוואָרן אויסגעצויגן אין אַן ערנסטן אויסדרוק, — עס איז אומזיסט אונזער אָפּפערן זיך. מיר, אַ הייפעלע, וועלן גאָרנישט אויפטאָן. אונזערע קרבנות זענען נוצלאָז, אומזיסט.

חנה איז געווען איבערראַשט. עס איז פאַר איר געווען ווי אַ שלאַג.

— גבריאל, — האָט זי אים געזוכט אַריינצוקוקן אין די אויגן, — דו זאָלסט עס רעדן? מיר דאַרפן דאָך זיין גליקלעך, וואָס מיר בויען אונזער לאַנד. דו האָסט דאָך מיך אינדערהיים געלערנט, אַז מיר דאַרפן זיין העלדן, גרייט צו ליידן. מיר האָבן דאָך אַזוי

מקנא געווען יענע בויער פון אונזער לאנד? דו, גבריאל, זאלסט אזוי רעדן, עס איז דאך אזא שרעקלעכע אנטוישונג.

— פון פאנטאזיע צו ווירקלעכקייט איז זייער ווייט, — האט גבריאל געענטפערט, האלטנדיק די אויגן אראפגעלאזט צו דער ערד, — אט טאקע פון דער נאנט האב איך זיך איבערצייגט, אז אונזערע קליינע נעסטן וועלן גארנישט אויפטאן. איין פויגל ברענגט נישט דעם פרילינג.

— עס איז נישט איין פויגל, — האט חנה געענטפערט מיט הארץ, — נאר גאנצע כמארעס פויגלען. עס וועלן קומען נאך און נאך. מיר וועלן לייגן נעסט צו נעסט, ביז מיר וועלן זיך פארפעסטיקן.

— זיך פארפעסטיקן. — האט גבריאל איבערגעחזרט מיט סארקאסטישן געלעכטער, — און די ווילדע אראבער, די בעדואינער, די דרוזן, יענע ווילדע רויבערישע פויגלען, וועלן די נעסטן צעשטערן, זיי וועלן...

— גבריאל, הער אויף! — האט חנה אויסגעשריגן. — הער אויף!! איך וויל נישט הערן. מיך וועט קיינער נישט איבעררעדן. מיר וועלן בויען, און בויען! דא, אויף די פעלדער, וועלן מיר לעבן און שטארבן.

זיי זענען אוועק רוגזהדיקע צו די געצעלטן אהיים. שווערע געדאנקען האבן געדריקט חנהס הארץ. זי האט געפילט, אז זי האלט ביי א שווערן פארלוסט, און עס איז געווען שווער צו זאגן, צי האט איר געקימערט פאר זיך אליין, וואס אין איר פריוואט לעבן כאפט זיך אריין אן אפגעזונדערטקייט, אדער איר האט גאר געארט פאר דער קבוצה ארבעטער, וואס איינער פון אירע זין האלט ביים פארלירן זיין באגייסטערונג פאר איר.

חנה איז אבער נישט אריין אין פארצווייפלונג. זי האט גערעכנט, אז ביי גבריאלן איז עס נאר א שטימונג, און וועט זיך גיך ענדערן. אפשר איז זי גאר שולדיק, וואס זי דערמוטיקט אים נישט, גיט אים נישט צו קיין האפנונגען, און פאנטאזירט נישט מיט אים צוזאמען וועגן זייער אייגענער צוקונפט?

זי האט באשלאסן צו באמיען זיך דאס צו פאררעכטן. אפטער האט זי אויסגעמארקירט צו זיין מיט אים אויף פיר אויגן. זי האט אים אנפאנגס געפרווט איבערצייגן מיט ווארעמע רייד צום לאנד.

און ליבע צום חלוצישן לעבן, ווי ער, גבריאל, האָט איר געלערנט אין זוועצק, אָבער ווען די רייד האָבן נישט געהאַט קיין ווירקונג, און גבריאל איז געבליבן אומעטיק און קאַלט, ווי אַ דיק אייז וואָלט פאַרצויגן זיין האַרץ, האָט זי אָנגעהויבן אויף אַן אַנדער שטייגער:

— גבריאל, — האָט זי געזאָגט, — און וואָס איז וועגן אונז אַליין? אייביק וועלן מיר דאָך נישט אָנהאַלטן אונזער סוד. מיר זע־נען דאָך פאַרהייראַט, די ערשטע שווערע צייט איז דאָך שוין אַרי־בער, אַט בעפעסטיקן זיך שוין אונזערע קבוצות, און מיר קאָנען שוין קלערן וועגן אַ באַזונדערע פאַר חדרימלעך פאַר אונז אַליין, וועגן אַן אָפענעם צוזאַמענלעבן.

— חנה, — האָט גבריאל געענטפערט,—איך האָב פיל אַליין וועגן דעם געקלערט, אָבער איך קאָן דאָ מער נישט זיין, איך ווער דאָ דערדריקט ווי פון אַ שווערע משא. קום, לאָמיר ביידע אַוועק־פאָרן קיין אַמעריקע, דאָרט איז אַ ברייט, רייך לאַנד. מיר וועלן אויפשטעלן אַ היים פאַר אונז אַליין. וואָס מיר וועלן אויפטאָן, וועט געהערן צו אונז. מיר וועלן לעבן אין באַקוועמלעכקייט, און אַז מיר וועלן אַמאָל אָנזאַמלען געלט, וועלן מיר זיך אומקערן קיין אַרץ־ישראל, און קויפן אַ נחלה.

ווי אַ צוואַנג וואָלט אַ צופּ געטאָן חנהס האַרץ. זי האָט מיט־אַמאָל דערשפּירט, אַז אַ רים צווישן איר און גבריאלן איז אומפאַר־מיידלעך. זי האָט זיך דערשראָקן פאַר זיך אַליין, טאָמער וועט זי נאָך אַמאָל איבערגערעדט ווערן פון אים, און פעלשן צו אירע חברים אין דער קבוצה.

— איך גיי נישט! — האָט זי אויסגעשריגן מיט אויפגערעגט־קייט, און אירע אויגן האָבן געגלאַנצט מיט פייער, — איך וועל נישט גיין!

— איך ווייס, — האָט גבריאל געענטפערט, און איר אויפ־גערעגטקייט האָט זיך איבערגעטראָגן צו אים, — איך ווייס, דו האָסט דאָ חברים, ער געפעלט דיר מיט זיין ביקס, מיט זיין פערד. קאָנסט בלייבן מיט אים, אויב דו ווילסט, איך מוז אַוועקגיין.

חנה האָט אויפגעעפנט אַ פּאָר גרויסע אויגן. עס איז איר מיטאַמאָל קלאָר געוואָרן, אַז גבריאל איז אייפערזיכטיק. ער איז איר הושד, אַז זי ליבט חצרין. ער איז מיטאַמאָל קליין געוואָרן אין

אירע אויגן, ווי דורך א כשוף איז ער מיטאמאל אוועקגעשלעפט געוואָרן פון איר אויף א ווייטן מרחק, און אָפּציענדיק זיך אויף צוריק, איז ער אַלץ געוואָרן קלענער און קלענער, ביז ער האָט זיך אויסגעוויזן זייער קליין.

— גבריאל, — האָט זי געזאָגט, — עס איז אמת. חצרי גע־פעלט מיר, און נישט נאָר ער, נאָר אַלע שומרים, אַלע אמתע העלדן ווי ער, וועלכע זענען גרייט מיט ליבע צו אָפּפערן זייער לעבן פאַר אונזער לאַנד. זיי זענען אַלע א טייל פון מיר, איך האָב זיי אַלעמען ליב. איך האָב זיך באַפרייט פון אַמאָליקער קליינשטעטל־דיקער ענגהאַרציקייט, קליינינקע אייגנליבע. מיר האָבן פאַר זיך א גרויסן אידעאַל, און איך האָב נישט קיין אָרט פאַר אַן אַנדער ליבע. דו ווילסט אוועקגיין, מעגסטו עס טאָן. א פּאָר ווערטער אין א פּאַפּירל ביים אָדעסער רב האָבן אונז פאַרבונדן און א פּאַפּירל ביי א רב אין יפו אָדער ירושלים וועט אונז צעשיידן.

געקלאַפּט האָט ביי חנהן האַסטיק דאָס האַרץ, ווען זי האָט גערעדט די ווערטער. עס איז אין דער מינוט ביי איר אויסגע־וואַקסן א באַשלוס: זי שיידט זיך מיט גבריאלן. זי איז גענוג שטאַרק דאָס צו טאָן. זי האָט א סך דערנער אויסגעריסן אין איר וועג, און וועט אויסרייסן די לעצטע שטערונג אין איר לעבן פאַר איר אידעאַל.

ק אַ פּ י ט ל ע ל ף

צווישן די נייע יידישע שומרים, וואָס זענען צוגעקומען אין מרחביה, איז אויך געווען זאב חצרי.

דאָס איז געווען נאָכדעם, ווי עס איז איינגעשטילט געוואָרן די געשיכטע מיט דעם העלדישן שומר יגאעל, וועלכער האָט אין יענער געגנט איינער אַליין זיך פאַרטיידיקט קעגן א גרופּע אַראַבער, וואָס זענען אים באַפאַלן. ער האָט איינעם דערהרגעט און עטלעכע פאַר־וווּנדעט.

די העלדישקייט פון יגאעל האָט אַרויפגעוואָרפן א שרעק אויף די אַראַבער, און אויפגערודערט דעם גאַנצן עמק. שעיך מאַכאַמעד און זיין קאַפּיטאַן סאַאיד האָבן געבערענט פון צאָרן, פילנדיק, אז עס

איז אויפגעשטאַנען אין זייער געגנט אַ נייע מאַכט, וואָס פאַרמעסט זיך מיט זיי, און וועט זיי שטערן אין זייערע רויבערישע מעשים.

זיי האָבן אויסגענוצט די געשעעניש, און געהעצט דעם ווילדן אַראַבישן מאָב קעגן דעם „יאהוד" פון מאָסקווע, וואָס גרייט זיך צו קומען אין גרויסע מאַסן, וועט פאַרפּלייצן דעם עמק, און פאַרטרייבן די אָרעמע פעלאַכן פון זייער ערד. די ווילדע אַראַבער און אָפּגעריסענע בעדואינער האָבן זיך צוגעהערט צו זייערע רייד, און די רעזולטאַטן האָבן זיך גלייך גענומען אָנזען: ביינאַכט האָבן זיך געמערט די גנבות ביי די יידישע קאָלאָניסטן. מען האָט פּי אַרויסגעפירט פון די שטאַלן, צוגעגנבעט געצייג און פאַרניכטעט פּאַרטיקע תבואות. ביים טאָג האָבן די אַראַבישע שכנים, מענער און פרויען, אָפן אַרויפגעפירט זייערע קי און שעפּסן אויף יידישע פעלדער דאָרט זיי צו פּאַשען, און אין אַנדערע ערטער אָפּגעשניטן תבואות, אויסגעריסן פרוכט פון די גערטנער, און אויף אייזלען אָפן עס אַוועקגעפירט אין זייערע דערפער, צו זיך אַהיים.

דעמאָלט איז אויך צוגעקומען די אָפענע מחלוקת מיט דעם רייכן עפענדי סורסוק, וועלכער האָט פאַרקויפט פעלדער צום נאַציאָנאַל־פאָנד, און דערנאָך אויף זיי נישט אַרויפגעלאָזט אַרבעטן די יידישע קאָלאָניסטן. מען האָט אים געוויזן די קושאַנס, ווו עס זענען געווען אָנגעצייכנט די פאַרקויפטע פעלדער, פאַר וועלכע ער האָט אָפּגענומען געלט, אָבער עס האָט קיין זאַך נישט געהאָלפן. ער האָט אָנגעשטעלט בעדואינער צו דער אַרבעט, און די יידישע אַרבעטער נישט צוגעלאָזט.

די יידישע קאָלאָניסטן זענען געווען אויפגעבראַכט אין צאָרן, אָבער האָבן זיך גאָרנישט געקאָנט העלפן קעגן דעם אַראַבישן מאָב. די טערקישע מאַכט האָט געהאַלטן צוליב אייגענע חשבונות מיט די אַראַבער. און די יידן האָבן קיין גערעכטיקייט פון איר נישט געקאָנט דערוואַרטן. מען האָט געמוזט נעמען דעם גורל אין אייגענע הענט. פון אָנפאַנג האָבן די יידן געוואָלט אויסמיידן קראַפּט. מען האָט בעסער געזוכט אויסצווירקן מיט גוטן. מען האָט געפּרוווט מיט באַקשיש, מיט מתנות, מיט חניפה, אָבער די מיטלען האָבן ווייניק געווירקט. די אָנפירער פון די באַנדעס, די רייכע שייכן, האָבן די יידישע געבעטן אָנגענומען פאַר אַ סימן פון שוואַכקייט, און זיי זענען נאָך געוואָרן דרייסטער, פאַדערנדיק אָפן,

אַז די יידן זאָלן אַלץ איבערלאָזן און אַוועקגיין. זיי האָבן זיך דער־שפּירט, אַז זיי זענען אויסער געפאַר, אַז עס איז נישטאָ ווער עס זאָל זיי שטערן אין זייערע רויבערישע מעשים, און זיי האָבן אָנ־געפאַנגען אָנצוגרייפן. ווי אַ פיינט אין אַ מלחמה, זענען זיי פון טאָג צו טאָג צוגעטרעטן איינצונעמען נייע פּאָזיציעס, פאַרנע־מענדיק אַ פעלד נאָך אַ פעלד, אַ גאָרטן נאָך אַ גאָרטן, און די קאָ־לאָניסטן אַלץ געמאַכט ענגער זייער באַזיץ.

דעמאָלט איז קיין אַנדער ברירה נישט געווען, נאָר צו ווייזן אַ שטאַרקע האַנט, און דעמאָלט איז דער „השומר" געקומען צו הילף.

לויט דעם פאַרלאַנג פון נאַציאָנאַל־פאָנד־פירער, זענען קאָ־מאַנדירט געוואָרן קיין מרחביה און ארום, אַ גרופּע פון עטלעכע צענטליק שומרים, צו פאַרשטאַרקן די יידישע מאַכט.

און דעמאָלט איז זאב חצרי טראַנספּערירט געוואָרן פון זיין פּאָסטן קיין מרחביה.

ער האָט פאַרלאַנגט, אַז ער וויל געהערן צו מרהביה, ווייל ער האָט געוואָלט זיין נאָענט פון חנהן.

און איבערנעמענדיק דעם פּאָסטן אין מרחביה, איז ער שוין פון חנהן נישט אָפּגעטרעטן. ביי טאָג, ווען דער שומר האָט זיין רו, פלעגט ער שטונדן אַוועקרויבן פון זיין שלאָף, און מיטאַמאָל זיך באַווייזן נעבן חנהן ביי דער אַרבעט. ער האָט דאַן נישט גע־טראָגן זיין געווער, און נישט די נאַכטיקע פעלערינע און האַריק היטל. אין אַ פאַנאַנדערגעשפּילעטע בלוזע מיט אַנטבלויזטע אָרעמס און האַריץ, איז ער געשטאַנען קעגן דער ברענענדיקער זון, מיט פאַרזשמורעטע אויגן געקוקט אויף חנהן, און געזאָפּט איר גע־שטאַלט אין זיך. ער פלעגט ביי איר איבערנעמען די שער אָדער שנייד־מעסער, זיך אָנשטאָט איר איבערגעבויגן איבער די הויכע תבואה־זאַנגען און זיי אונטערשניידן, און לאָזן זי שטיין גלייך, זי זאָל זיך אָפּרוען, און אים באַטראַכטן פון אונטער דער ווייסער פּאַטשיילע איבער די אויגן. חנה האָט געוווסט פאַרוואָס ער קומט־ אַז אים ציט צו איר. איר איז עס אויך געווען אָנגענעם, דאָך פלעגט זי אויף אים כלומרשט אָנשרייען:

— חצרי, — פלעגט זי זאָגן לאַכנדיק, — איצט איז דיין צייט צו שלאָפן, וואָס קומסטו אַהער?

חצרי האָט זיך שוין געפילט פריי אין איר קעגנוואַרט, און פלעגט לאַכנדיק ענטפערן:

— געבן דיר צו זיין איז מיר זיסער, ווי דער זיסטער שלאָף.

— און ביינאַכט, ווען דו וועסט דאַרפן אַרומפאָרן אויף דיין פּאָסטן, וועסטו זיין שלעפעריק? — פלעגט חנה לאַכן.

— דיין געשטאַלט וועט מיך נישט לאָזן שלאָפן, — פלעגט ער לאַכנדיק ענטפערן.

אָפן, פאַר אַלע חברים, האָט חצרי באַוויזן זיין פאַרערונג און ליבע צו חנהן. ער האָט זיך נישט גערעכנט אַפילו מיט גבריאלן, וואָס פלעגט אים אָנקוקן פאַרצאָרנט. פאַרנאַכט, ביים עסן און ביים חברישן פאַרבריענגען, פלעגט ער זיך זעצן לעבן איר, אָנשפּאַרן זיין קאָפּ אויף איר שויס, און זיך צוהערן צו די חברישע שמועסן און געזאַנגען. ער האָט שוין מער נישט גערעדט מיט חנהן וועגן צוקונפט, וועגן דער פאַרווירקלעכונג פון זייער ליבע און חתונה. אויסגעמיטן האָט זי אַזוינע שמועסן און צו דעם נישט דערלאָזט. ער האָט פון איר איינמאָל אַרויסבאַקומען ווערטער, אַז ער זאָל איר נישט צווינגען מיט קיין ענטפער.

— ס'וועט קומען אַ צייט, ווען אַליין וועט ווערן קלאָר פאַר אים, — האָט זי אים געזאָגט, — דערווייל, אויב ער וויל זיין מיט איר ווי חברים, פאַרברענגען פריי, אָן שום פאַרלעגנהייטן, זאָל ער מער וועגן דעם נישט רעדן.

גרויס איז געווען די רעטעניש פאַר חצרין, נאָך גרעסער ווי פריער, איידער ער איז געקומען אין מרחביה, אָבער ער האָט זי נישט געצווונגען, זי זאָל אים באַשיידן. ער האָט זיך באַגנוגנט, וואָס ער איז מיט איר צוזאַמען, זעטיקט זיך אָן מיט איר געשטאַלט און זיסן קול, און גלאָזט אַזוי זיך ציען די צייט.

און ביי חנהן אין האַרצן האָט געבראַוזט אַ גרויסער שטורעם, זינט חצרי איז געקומען אין מרחביה, איז די באַציאונג צווישן איר און גבריאלן געוואָרן נאָך מער אָנגעשטרענגט. חנה האָט נישט געפילט, אַז זי דאַרף דערווייטערן פון זיך חצרין. ער, חצרי, איז איר געווען געפעלן; איר האַרץ האָט געדורשט נאָך זיין נאָנטקייט, פאַרוואָס זאָל זי זיך און אים שטערן צו פאַרברענגען צוזאַמען? דאָס, וואָס גבריאל איז אַרומגעגאַנגען פאַרצאָרנט, האָט אין איר אַרויסגערופן אַ טראָציקייט, אַז זי וועט זיך נישט בויגן פאַר

זיין ענגאָאיסטישן ווילן. זאָל ער אויך זיין אַ חבר מיט אַ ברייט, פריי האַרץ, און לעבן אַן אַלגעמיינעם, געזעלשאַפטלעכן לעבן. פאַר קיין אייפערזוכט איז נישטאָ קיין אָרט אין דער נייער סאָציאַ־ליסטישער געזעלשאַפט, וואָס זיי גייען בויען אַלס מוסטער פאַר דער וועלט.

געשפּירט האָט חנה, אַז עס דערנענטערן זיך די טעג פון קריזיס — פון איר לעצטן שריט, די צעשיידונג מיט גבריאלן, און דאָס האָט איר פאַרשאַפט ליידן. שווער איז איר געווען אויסצו־רייסן די וואָרצלען פון דער ערשטער, געהיימער ליבע מיט גבריאלן אין דעם אַלטן, היימישן שטעטל. זי האָט אַלץ באַמיט זיך וועקן אין אים דעם פאַרלאָשענעם פונק פון באַגייסטערונג. אָבער ביי גבריאלן איז געוואַקסן די עקשנות אוועקצופאָרן. און ווען ביי איר, חנהן, איז רעכט אים אַוועקצולאָזן, איז עס דער בעסטער באַווייז, אַז זי ליבט אים נישט מער, און חצרי פאַרנעמט זיין אָרט ביי איר אין האַרצן.

און דעמאָלט איז דער טאָג געקומען, ווען חנה און גבריאל האָבן זיך גערירט פון מרחביה, אויסצופירן זייער באַשלוס פון שיידונג.

נישט געוווּסט האָט קיינער, צו וואָס זיי פאָרן עס צוזאַמען, און אויך דאָס, אַז גבריאל וועט שוין נישט צוריקקומען. חנה איז באַשטאַנען אויף דעם, אַז גבריאל זאָל זיך נישט געזעגענען מיט די חברים, ווי אויף שטענדיק, נאָר ווי זיי פאָרן אויף אַ באַ־זוך, אָנצוקוקן די גרעסערע שטעט פון לאַנד. זי, חנה, האָט נישט געוואָלט, אַז גבריאל זאָל אַריינוואַרפן אַ פונק פון יאוש אין די הערצער פון די פאַרבליבענע חברים, ווי עס איז אַלעמאָל געווען יער פאַל אַזוי, אַז ביים געזעגענען זיך מיט אַ חבר, וואָס פלעגט פאַרלאָזן דאָס לאַנד, האָבן אַלע חברים געפילט זיך ווי פאַרשעמט און נידערגעשלאָגן פון יענעמס שוואַכקייט.

פון אַ פעקעלע זאַכן אין אַ ווינקל פון אַ שופלאַד אין איר חדרל, האָט זי אַרויסגענומען אַן אַלט אויפגעלייגטן פּאַפּיר, עס אַריינגעלייגט, ווי אַמאָל אין זוועצק די אַסיגנאַציעס, אין בוזעם, און זיך אויף אַ פורל געלאָזט קיין זכרון יעקב, און פון דאָרט אַי־בער די קאָלאָניעס ביים ברעג ים קיין יפו.

זיי האָבן אין יפו אויפגעזוכט אַ רב, און געבעטן, ער זאָל פאַר זיי לאָזן שרייבן אַ גט.

אָבער נישט אַזוי שנעל איז עס זיי אָנגעקומען דער גט ביים ר׳ב אין יפו, ווי די חופה ביים אָדעסער רב.

עס איז דעם רב געווען פיל זאַכן שווער צו פאַרשטיין:

— אויב שוין חתונה געהאַט אין דער שטיל, אַנטלויפנדיק פון דער היים — האָט דער רב געקנייטשט דעם שטערן, און גערעדט מיט אַ ניגון, — צוליב וואָס? ווייל מען האָט זיך ליב געהאַט, טאָ ווי קומט עס, וואָס איצט, אין צוויי מיט אַ האַלב יאָר אַרום, זאָל מען זיך שוין וועלן גטן? און פאַרוואָס זאָלן זיך איבערהויפּט אַזוינע צוויי יונגע מענטשן שיידן, ווען זיי זענען ביידע געקומען אין אונזער הייליק לאַנד?

ביי חנהן האָבן טרערן גענומען שטיקן אין האַלז.

— איר זענט גערעכט, רבי, — האָט זי געזאָגט, — אָבער ער וויל דאָ נישט בלייבן אין לאַנד, ער וויל אַוועקפאָרן פונדאַנען.

— יונגערמאַן, ווי רופט מען אייך? — האָט דער רב געפרעגט גבריאלן.

— גבריאל שוחט, — האָט גבריאל געענטפערט.

— פאַרוואָס, ר׳ גבריאל, — האָט דער רב אים געפרעגט,— ווילט איר אַוועקפאָרן פון לאַנד?

— ווייל, רבי, איך האָב זיך אַנטוישט. עס איז דאָ דאָס לעבן שווער, און קיין האָפענונגען זענען נישטאָ. — האָט גבריאל געענטפערט.

— און וווּ ווילסטו פאָרן? — האָט דער רב געפרעגט.

— קיין אַמעריקע, רבי, קיין אַמעריקע, — האָט גבריאל געזאָגט, — ווען איך וועל דאָרט אויפקלייבן אביסל געלט, וועל איך קומען צוריק, דאָ קויפן אַ נחלה.

— און דו, פרוי? — האָט דער רב זיך געווענדט צו חנהן.— פאַרוואָס ווילסטו נישט מיטפאָרן מיט אים, און איר וועט ביידע קומען צוריק?

— רבי! — האָט חנה אויסגעשריגן מיט האַרץ. — איך האָב ליב אונזער לאַנד, און וויל עס נישט פאַרלאָזן. עס זענען מיר ליב די ליידן. אויב איר וועט קיין גט מיר נישט געבן, וועל איך בעסער

פארבלייבן דאָ אַן עגונה, און ווײל נישט פאָרן מיט אים קיין אַמעריקע.

— אַן עגונה? — האָט דער רב אַליץ גערעדט געלאַסן, און זיינע אויגן האָבן באַוואונדערט חנהס דרייסטקייט, — פארוואָס? ער קאָן דאָך פאָרן קיין אַמעריקע, און דיר שיקן געלט אַהער, פאַראַן פיל אַזעלכע.

— איך וויל נישט, אַז מיין מאַן זאָל אַנטלויפן פון אונזער לאַנד, — האָט חנה אויסגערופן. — איך האָב נישט ליב די שוואַכע, די פאַררעטער, די וואָס פאַרלאָזן אונז.

— דו ביסט נישט גערעכט, טאָכטער. — האָט דער רב געזאָגט, — דער מאַן קומט צוערשט, אויב אַ מאַן שפּאַרט זיך איין, דאַרף מען אים פאָלגן. וועלן אַנדערע בויען אונזער לאַנד.

— איך וועל נישט נאָכגעבן! — האָט חנה געשריגן. — מיר איז מיין איצטיק לעבן ליבער פון אַליץ אין דער וועלט.

— רבי, — האָט גבריאל זיך אָפּגערופן, האַלטנדיק די אויגן אַראָפּגעלאָזט, — רבי, זי האָט ליב אַן אַנדערן, אַ שומר.

דער רב האָט געוואָרפן זיינע בליקן פון איינעם צו דער אַנדערער, באַטראַכט זיי ביידן, און געזאָגט:

— קיין שלום, ווייזט אויס, וועט מען שוין נישט קאָנען מאַכן. איצט, נאָך אַ פראַגע: האָט איר קינדער?

— ניין, — האָט חנה געענטפערט, און איז רויט געוואָרן.

— דעריבער איז דאָס, — האָט דער רב געזאָגט, — ווען איר האָט אַ קינד, וואָלט עס אייך שוין געהאַלטן צוזאַמען.

ביי אַ האַלבן טאָג האָט פאַרנומען די צערעמאָניע פון גט. אַ סופר האָט געשריבן, עדות האָבן געחתמעט, געשריבן און איבערגעשריבן. ענדלעך איז אַליץ דורכגעפירט געוואָרן ווי דער דין. גבריאל האָט דערלאַנגט דעם פאַרשריבענעם פּאַרמעט צו חנהן אין האַנט, און קוקנדיק איר גלייך אין די אויגן, געזאָגט:

— איצט, חנה, איז אונזער עבר אָפּגעשניטן אינגאַנצן.

חנה האָט נישט געענטפערט, נאָר געקוקט אויף אים מיט פייכטע אויגן.

באַלד האָט דער רב געזאָגט:

— איצט זענט איר פרעמדע מענטשן. נעמט זיך אויף באַזונדערע וועגן, איר טאָרט נישט מער זיך צונויפקומען.

חנה האָט בײַ דער טיר אויסגעשטרעקט גבריאלן איר האַנט זיך צו געזעגענען, אינעווייניק זענען געלעגן אַ פּאָר צעקנייטשטע פּאַפּירלעך.

— דאָ האָסטו צען לירעס, — האָט זי געזאָגט, — וועסט האָבן אויפן וועג. איך האָב עס אויפגעקליבן. איך באַדויער, וואָס איך האָב נישט מער.

גבריאל האָט אינגאַנצן זיך אַ טרייסל געטאָן, מיטן קאָפּ און מיטן קערפּער, אויף נישט, און זיך האַסטיק אויסגעדרייט מיטן רוקן.

— זײַ געזונט! — האָט ער אַ מורמל געטאָן, און דערוווי־מערט זיך מיט שנעלע טריט.

לאַנג האָט אים חנה נאָכגעקוקט, ביז ער האָט זיך אַרײַנגע־דרייט אין אַן אַנדער גאַס און פאַרשוווּנדן.

קאַפּיטל צוועלף

געקומען איז חנה צוריק קיין מרחביה און קיינעם פון קיין זאַך נישט דערציילט. זי האָט פאַרשטיקט אירע געפילן, און מיט אַ געמאַכט פריילעך פּנים דערציילט פון קליינע אינצידענטן, איינ־דריקן פון איר רייזע איבער די קאָלאָניעס, און די שטעט יפו און ירושלים, וואָס זי האָט געזען צום ערשטן מאָל.

אַרומגערינגלט האָבן איר די חברים, געפרייט זיך מיט איר צוריקקומען, און איר געפרעגט:

— און ווו איז גבריאל? ווען קומט ער? פאַרוואָס זענט איר נישט געקומען צוזאַמען?

— יאָ, — האָט זי קאַלט געענטפערט, — ער האָט זיך צו־נויפגעטראָפן מיט זיינעם אַ באַקאַנטן און יענער האָט אים אי־בערגערעדט צו פאָרן קיין אַמעריקע.

— און ער וועט מער צוריק נישט קומען?—זענען די חברים געוואָרן איבעררראַשט.

— האָבן מיר אַ זאָרג, — האָט זי געענטפערט, אָנשטעלנ־דיק אַ שמייכלענדיק פּנים, — וועלן אַנדערע חברים קומען אויף

זיין אָרט. זעט איר, זיי האָבן מיך אויך געוואָלט אוועקנעמען, אָבער איך האָב אייך נישט געוואָלט פאַרלאָזן.

— אָה, — האָט מען אויסגערופן פון אַלע זייטן, — ווען דו, חנה, פאַרלאָזט אונז, גייען מיר אַלע אַוועק.

— האָב איך אָבער עפּעס געזען אין ירושלים, — האָט חנה אָנגעהויבן, און פאַרקירעוועט דעם שמועס אויף אַן אַנדער זאַך. זי האָט נישט געוואָלט דערלאָזן, מען זאָל זיך גריבלען אין גבריאלס אוועקפאָרן, און זיך נאָך דערוויסן די געשיכטע מיטן גט.

אָבער קליין און באַגרענעצט איז דעמאָלט דאָס לאַנד געווען, ווי איין קליין ליטוויש שטעטל; מען האָט זיך געקענט, און גע־וווסט איינער פון אַנדערן. די סענסאַציע מיט חנהס גט, האָט זיך צעשפּרייט איבער יפו, תל־אביב, און פון דאָרטן איבער די קאָ־לאָניעס, ביז עס איז אויך אָנגעקומען אין מרחביה.

דאָרט, אין מרחביה, איז עס אָבער מער ווי אַ סענסאַציע גע־ווען. דאָרט האָט עס אויפגעברויזט די קבוצה־חברים, און געמאַכט אויפרירן יעדנס הארץ. עס איז נישט געווען דער וווּנדער איבער דעם גט אַליין, ווי איבער דעם, וואָס די גאַנצע צוויי יאָר, וואָס חנה און גבריאל האָבן זיך געציילט צווישן די חברים, האָט מען נישט געוווסט, אַז זיי זענען געווען פאַרהייראַט.

מען איז צו חנהן צוגעשטאַנען, פון איר געמאָנט, וואָס זי האָט געהאַלטן אַזאַ געהיימניס פון זיי, און מיט איר צופּלייסן גע־רייצט זיך, אַז —

— חנה, חנה, דו האָסט געווים נאָך סודות פון אונז?

אָבער חנה האָט לאַכנדיק געמאַכט די גאַנצע זאַך צו קליין־געלט:

— וואָס איז דאָ געווען צו דערציילן? עס איז געווען נישט וויכטיק. מיר האָבן פיקטיוו געמוזט חתונה האָבן, און איצט דאָס אָפּרופן.

אָבער כאָטש זי האָט פאַרמינערט די באַדייטונג פון דער זאַך, האָבן דאָך אַלע באַוווּנדערט איר פעסטן כאַראַקטער, און איר אי־בערגעגעבנקייט פאַר דעם נייעם אידעאַל פון בויען דאָס לאַנד, אַז זי האָט אויסגעקליבן צו שיידן זיך מיט איר מאַן, און נישט גע־וואָלט זיך שיידן מיט דעם לאַנד. חנה איז אויסגעוואַקסן אין אַ מוסטער פאַר אַנדערע, אַ מוסטער פון אַנטשלאָסנקייט און אָפּ־

פֿערוויליקייט. דאָס שלאַנקע מיידל מיט אירע שפּיציקע אַקסלען איז געוואָרן ווי אַ זייל פֿון דער אַרבעטער־קאָלאָניע פֿון דעם עמק, אָן וועלכן עס האָבן זיך אָנגעהאַלטן שוואַכע, וואַקלענדיקע, אין דער צייט פֿון שטורעם.

לאַנג, זייער לאַנג וואָלט חנהס נאָמען געווים געווען בײַ אַלעמען אויף די ליפּן. מען וואָלט די געשיכטע נישט פֿאַרגעסן, זענען אָבער באַלד אָנגעקומען די אומרוען, די שרעק פֿאַר די אַראַבער, און די זאָרג פֿאַר דעם לעבן און גוטס, און פֿאַרנומען אַלעמענס געדאַנקען.

חנהס געשיכטע איז אַרויס אַלעמען פֿון זינען, נאָר איינער איז געווען, וואָס האָט עס נישט געקאָנט פֿאַרגעסן, און דאָס איז — זאב חצרי.

ווען חצרי האָט דערהערט חנהס געשיכטע מיטן גט, איז ער געוואָרן ווי פֿאַרגליווערט פֿון איבעררעשונג. זיין האַרץ האָט געברויזט מיט געמישטע געפֿילן, פֿון פֿרייד און מיטלייד, און נישט געוווּסט, ווי צו רעאַגירן אויף דעם: פֿון איין זייט האָבן אים איבערגענומען געפֿילן פֿון מיטלייד צו חנהן, צוליב איר שטילער טראַגעדיע אין לעבן. דער גט איז דאָך נאָר געווען אַן אויסגאַנג פֿון דער שווערער לאַגע, פֿון וועלכער זי האָט שטיל געליטן די גאַנצע צייט. פֿון דער אַנדערער זייט האָט אים אָבער געפֿרייט, וואָס חנה איז ענדלעך פֿריי. עס וועט שוין גבֿריאלס אומעטיקער פּנים נישט שטיין צווישן זיי און זיי שטערן אין זייער גליק. ערשט איצט איז אים קלאָר געוואָרן די רעטעניש פֿון חנהס רעטזעלהאַפֿטער באַציאונג צו אים: אָט, אָט פֿלעגן, דוכט זיך, אויפֿלייכטן אירע אויגן, ווען זי פֿלעגט קוקן אויף אים, עס האָט זיך אים געדוכט, ווי זי קלעפּט זיך מיט דורשט צו אים, צו זיין געשטאַלט און צו זיינע רייד, אָבער מיטאַמאָל פֿלעגט זי זיך אַזוי ווי אָפּטרייסלען. זיך אָפּציען ווי אויף צוריק, און וואַרפֿן איר בליק אויף גבֿריאלן. יאָ, איצט איז עס פֿאַרשטענדלעך. איר פֿליכט צו גבֿריאלן האָט זי אָפּגעהאַלטן. יאָ, זי ליבט אים, חצרין, נאָר איר פֿאַרבונדנקייט צו גבֿריאלן איז געשטאַנען אין וועג. אָבער איצט, איצט איז זי פֿריי. פֿריי צו ענטפֿערן אויף זיין ליבע און נאָכגעבן איר אייגן האַרץ.

מיט אומגעדולד האָט חצרי אויסגעקוקט די געלעגנהייט, ווען

ער וועט זיך מיט חנהן טרעפן אויף פיר אויגן, און וועגן דעם מיט איר רעדן.

געקומען איז אינגיכן א פארנאכט, ווען חנה האט אים באַגלייט באַרג־אראָפּ פון דער קאָלאָניע אויף זיין וועג צו זיין נאכטיקן פּאָסטן פון דער וואך.

געגאנגען זענען זיי צופוס, און ביי דער זייט האט געשפּרייזט דאָס אָנגעזאָטלטע פערד, חצרים שטומער פריינט. אויף זייערע פּנימער איז געפאַלן דער רויטער אָפּשיין פון דער פארגייענדיקער זון אין מערב. שטיל איז געווען ארום, ווי אַלעס וואָלט איינגעהאַלטן דעם אָטעם, עס האָבן זיך נאָר געהערט דער עכאָ פון שאַקאַלן־אויסגעשריי אין נאָענטן וועלדל, און דאָס קוואקען פון זשאַבעס אין נאָענטן טייכל אין טאָל.

— לאָמיר זיך א ווײַלע צוזעצן, חנה, — האָט חצרי געזאָגט.

חצרי האָט ארויפגעפירט דאָס פערד אויפן גראָז ביי דער זייט פון וועג, און זיי האָבן זיך געזעצט אויף א דערבייאיקן שפּיציקן שטיין.

חצרי האָט גענומען חנהס האנט אין זיינער.

— חנה, — האָט ער אָנגעהויבן שטיל, — איך האָב געהערט וועגן דיין גט מיט גבריאלן.

חנה האָט לייכט א שמייכל געטאָן.

— און איך האָב געמיינט, אז עס וועט קאָנען בלייבן א סוד.

— חנה, — האָט חצרי געגלעט איר האנט און געקוקט איר אין פּנים, — עס איז פאַר מיר געווען אן איבערראַשונג. פאַר וועמען, ווי פאַר וועמען, אָבער מיר האָסטו געמעגט דערציילן פון דעם, וואָלסט מיר איינגעשפּאָרט פיל שלאָפלאָזע נעכט.

— נו, — האָט חנה א הויב געטאָן אירע אויגן, וועלכע זי האָט געהאַלטן אראָפּגעלאָזט, און א שמייכל געטאָן, — איז דאָך דאָס געווען א גוטער מיטל פאַר דיר, דו זאָלסט זיין וואך. א שומר טאָר נישט שלאָפן.

— א שומר דארף אָבער וויסן, ווו ער איז אין דער וועלט,— האָט חצרי געזאָגט, — און איך האָב עס נישט געוווּסט, איך פלעג ארומגיין ווי אין א חלום.

— איך האָב געהאַט אן אָפּמאַך מיט גבריאלן קיינעם נישט צו דערציילן פון דעם, — האָט חנה געענטפערט.

דאָס פערד איז דערווייל אוועק אין א גראָבן, חצרי איז אוועק־געלאָפן, עס ארויפגעבראַכט צוריק אויפן גראָז, און פאַרטשעפּעט די לייצעס אָן א שטיין.

— חנה, — האָט ער זיך צוריק אוועקגעזעצט לעבן איר און געזאָגט, — הויב אויף דעם קאָפּ, קוק מיך אָן. הער, חנה, מיר זענען מענטשן פון א נייער תקופה. מיר האָבן אראָפּגעוואָרפן פון זיך דעם אָנשטעל, און באַפרייט זיך פון דאָס צירלעכע. מיר קאָנען רעדן אָפן. חנה, דו ווייסט, איך האָב דיך ליב.

— איך ווייס עס. — האָט חנה געענטפערט.

— ניין, דו ווייסט עס נישט, חנה, — האָט חצרי אָנגעהויבן מיט א געריררט קול, — דיין געשטאַלט גייט מיר אויף א רגע נישט ארויס פון זינען. שטענדיק טראַכט איך פון דיר. אין די וואָכע־נעכט, ווען איך רייט אויף מיין מאָור ארום די פעלדער, און זינג מיין שומר־ליד, זע איך אין דער בלויער ווייטקייט דיין געשטאַלט, און פון די בערג הער איך דעם עכאָ פון דיין קול, דעם אָפּקלאַנג פון דיינע טריט, פון דיינע טענץ, פון דיין געזאַנג!

— הער אויף, זאב, הער אויף! — האָט חנה אים אָפּגע־האַלטן מיט אירע הענט, — דו זאָגסט אליין, אז מיר זענען מענטשן פון א נייער תקופה, פאַרהאַרטעוועטע, און דו רעדסט אזעלכע ווייכע, סענטימענטאַלע רייד, ווען איך זאָל אויף א ווײַלע צומאַכן די אויגן, וואָלט איך דאָך נישט געזען דיך, חצרי, אַטלעט מיינער, מיט די שטאַרקע מוסקולן און ברייטער ברוסט, נאָר מיר וואָלט זיך געדוכט, אז דאָס רעדט א יונגל, וואָס האָט זיך אָנגעלייענט מיט ראָמאַנטישע ביכלעך.

— איך קאָן נישט העלפן, חנה, — האָט זאב געזאָגט, — דו ביזט גערעכט, איך אליין וואָלט געלאַכט, ווען איך הער אימיצן רעדן אזוינע רייד. פאַראַן אָבער מאָמענטן אין לעבן, ווען די פּאָע־טישע שפּראַך פון די ביכלעך גיבן דעם אמתן אויסדרוק פון טיפע געפילן, וועלכע רייסן זיך ארויס פון דער נשמה. חנה, זינט איך האָב דיך געטראָפן, ביזטו דער אינהאַלט פון מיין לעבן, מיין טרוים און האָפענונג.

חנה האָט אראָפּגעלאָזט די אויגן און א ווײַלע זיך פאַר־טראַכט.

— און ארץ־ישראל, זאב, אונזער אידעאַל צו בויען אונזער

לאַנד? — האָט זי אין אַ ווײַלע אַרום געפרעגט. — איז דאָס נישט דײַן טרוים?

— יאָ, חנה, אָבער דאָס קומט נאָך דיר, — האָט חצרי גע־זאָגט, — דאָס ערשטע אָרט פאַרנעמסט דו אין מײַן האַרצן. מײַנע חלומות וועגן לאַנד זענען געפלאָכטן מיט חלומות וועגן דיר.

— אָט דאָ ליגט דער ענטפער וועגן מײַן ליבע צו דיר, — האָט חנה געזאָגט, — בײַ מיר פאַרנעמט דאָס ערשטע אָרט דער אידעאַל אויפצובויען אונזער לאַנד אויף סאָציאַליסטישע יסודות. איך האָב דיך ליב, זאב, איך דורשט נאָך דײַן געזעלשאַפט, און פיל זיך ווי באַרוישט מיט גליק אין דײַן קעגנוואַרט, אָבער איך האָב מורא, אַז נישט דײַן פּערזענלעכקייט האַלט מיך אַזוי באַ־צויבערט, נאָר ווײַל דו ביזט אַ העלדישער שומר און אַ מוטיקער קעמפער פאַר אונזער אידעאַל.

— וואָס איז דער אונטערשיד? — האָט חצרי געזאָגט. — אַבי דו האָסט מיך ליב. אין יעדער ליבע איז דאָ נאָר איין אייגנ־שאַפט, וואָס פאַנגט דעם געליבטנס האַרץ, דערנאָך זעט שוין אַלץ אויס ווי מעלות.

— אָ, ניין, זאב, — האָט חנה געענטפערט, — דער אונ־טערשיד איז גרויס, ווען מען האָט איינעם ליב, איז עס אַ ליבע אָן אַ פאַרוואָס. מען איז דעמאָלט גרייט צו פאַרלאָזן אַלץ און אַלע־מען, און אַוועקגיין מיטן פאַרליבטן אין עק וועלט. צי וואָלט איך אָבער דיך ליב געהאַט, ווען דו ווילסט איצט, ווי גבריאל, אַוועק־גיין קיין אַמעריקע? צי וואָלט איך דיר נאָכגעגאַנגען?

— אָבער, חנה, — האָט זאב געזאָגט געריכט, — דאָס וועט קיינמאָל נישט זײַן. איך האָב אַליין אויך ליב אונזער לאַנד, און ווען מיר זאָלן זיך פאַרבינדן צוזאַמען, וואָלט אונזער ליבע דורכ־דעם נאָך פאַרדאָפּלט געוואָרן.

חנה האָט געשוויגן און געריסן גראָז בײַ אירע פיס.

— זאב, — האָט זי ענדלעך געזאָגט, — לאָמיר דערווײַל האַלטן אונזער ליבע בסוד, פון פרעמדע און פון זיך אַליין, און זי שטעלן אויף פּראָבע. מיר וועלן זײַן פרײַ ווי פריער, געהערן נישט נאָר איינע צו די אַנדערע, נאָר צו אַלע חברים צוזאַמען. גבריאל איז געוואָרן אייפערזיכטיק. ער האָט פײַנט געקריגן די

חברים און דאָס לאַנד צוליב מיר, מיר וועלן זען, ווי דו וועסט בײַשטיין דעם נסיון.

— איך וועל בײַשטיין, חנה, צוליב דיר נאָך גרעסערע נסיונות. — האָט חצרי געזאָגט.

און אַזוי איז עס טאַקע בײַ זײ געבליבן. זײ וועלן עס לאָזן זיך ציען בײַ אַ יאָר אָדער צוויי, און דערנאָך וועלן זײ חתונה האָבן.

געאַרבעט האָט חנה צוריק מיט פליים איצט אין אַ גאָרטן: לאַנגע טעג פלעגט זי שטיין אונטער דער ברענענדיקער זון, מיט אַן אײַנגעבויגענער פלייצע און מיטן גראַבאײַזן אײַנגעגראָבן אין דער ערד בײַ די ביימן. פאַרנאַכט אָבער, נאָכן עסן אין דער קאָ־מונאַלער קיך, פלעגט שוין חצרי אויף איר וואַרטן און צוזאַמען מיט איר זיך לאָזן אויף זײַטיקע וועגעלעך, און דאָרט זיך קוויקן איינער אין אַנדערנס געזעלשאַפט.

געפעלט האָט אָפט שוין חנה בײַ די פאַרנאַכטיקע צוזאַ־מענקונפטן פון די חברים אַרום די געצעלטן, אָבער מען האָט עס איר פאַרגעבן. מען האָט געוווּסט, אַז נאָך דער פאַרבינדונג מיט גבריאלן און איר צעשיידונג מיט אים, האָט זיך אָנגעהויבן אַ נײַע ליבע צו פאַנאַנדערוואַקסן אין איר האַרצן, אַ ליבע צו דעם שומר חצרי און מען האָט איר טיף אין האַרצן געווונטשן גליק, און געפרייט זיך, וואָס זי, חנה, וועט דורכדעם פאַרגעסן איר ערשטע אַנטוישונג.

קאַפּיטל דרײַצן

אויף די קרומע, שוואַרץ־לײַמיקע וועגן, וואָס האָבן פון די זײַטיקע דערפער אַרום עפולה געפירט צום דאָרף סעלים, האָבן זיך אײַנמאָל אַ פאַרנאַכט געצויגן רייען פון אַראַבער. ווער רײַטנ־דיק אויף אַן אייזעלע, ווער בײַם זײַט פון אַ קעמל, און ווער צופוס, האָבן זײ זיך אַלע לאַנגזאַם באַוועגט פאָראויס. פאַרבײַ־גייענדיק אַ דאָרף, האָבן זײ גערופן די אײַנוווינער, אַראַבישע מע־נער און פרויען, וועלכע זענען געזעסן אויף דער ערד, די פּיס

אונטער זיך, בײַ די שוועלן פֿון זײערע ערדענע, נידעריקע הײַזלעך, מיט זײַ מיטצוגײן.

— קומט, קינדער פֿון אַללאַה, — האָבן זײ גערופֿן, — קומט קײן סעלים, דער אַלטער שעיך איסאַה וועט צו אונז רעדן.

און דאָרט, אין סעלים, אַרום דער קהלשער געבײַדע מיט דעם פֿלאַכן דאַך, אינמיטן דאָרף, זענען שוין געווען פֿאַרזאַמלט מענטשן אַראַבער, בעדואינער און דרוזן פֿון אַלע מינים. מענער אין טאַרבושן פֿון אַלערלײ קאָלירן, מיט רײפֿן אַרום די קעפּ, מיט רויטע פֿעסקעס, פֿעלערינעס, ווײס־שוואַרצע כאַלאַטן, וואָלענע אַבאַיעס, און לאַנגע ווײסע העמדער. פֿרויען אין קאָלירטע און שוואַרצע טיכער, זענען זײ אַלע געשטאַנען מיט זײערע טונקל־אַליווע פּנימער און פּעך־שוואַרצע אויגן אָנגעגרײט, צודריקנדיק זײערע ליפּן צו זײן שטיל.

פֿון באַלקאָן, בײַ דעם אָפֿענעם אויבערשטן עטאַזש, וואָס האָט זיך געהאַלטן אָנגעשפּאַרט אויף פֿיר זײלן פֿון שטײנער און ערד, האָט זיך באַוויזן דאָס צעקנײטשטע, טונקעלע געשטאַלט פֿון אַלטן שעיך איסאַה, אַרומגענומען אין אַ ווײסן טורבאַן. אַרום אים זענען געשטאַנען יינגערע שעיכן, אויסגעפּוצט אין קאָלירטע טורבאַנען, אין הויכע קוגל־היטעלעך. זײערע שוואַרצע אויגן אונטער די בושע ברעמען האָבן געגלאַנצט מיט פֿײער פֿון רציחה, און די שוואַרצע וואָנסעלעך זענען ווי שפּיזן שאַרף געווען אויס־געדרײט צו דער הויך.

באַלד האָט זיך געהערט די הײזעריקלעכע שטימע פֿון אַלטן שעיך:

— געטרײע זין, קינדער פֿון אַללאַה, — האָט ער זיך באַמיט אויפֿצוהייבן זײן קול, — כ׳האָב אײַך אַלעמען צונויפֿגערופֿן אַהער אָפּצוהאַלטן אַן עצה. דער „יאַהוד" פֿון מאָסקווע קומט אָן צו אונז, אוועקצורויבן פֿון אונז דעם גאַנצן טאָל. זײ שפּרײטן זיך אויס איבעראַל. אין גליל, בײַם ירדן און כנרת האָבן זײ שוין פֿאַרטריבן אונזערע ברידער. איצט, זינט דער עפֿענדי כורטוק האָט פֿאַרקויפֿט עפֿולה צו דעם יאַהוד, מערן זײ זיך בײַ אונז. זײ וועלן קומען נאָך פֿיל, זײער פֿיל. זײ וועלן אַראָפּקומען מיט זײערע טײוולשע אַקערס און מאַשינעס, וואָס אַרבעטן מיטן כח פֿונם טײוול. זײ וועלן אונז אַרויסשטויסן פֿון אונזערע הײַ־

זער. מיר וועלן דאַרפן אויסוואַנדערן אין דער וויסטעניש אויף יענער זייט ירדן. לאָמיר, ברידער, דאָס נישט דערלאָזן. לאָמיר זיך שטעלן ווי איין מענטש און אָנהויבן אַ הייליקע מלחמה קעגן דעם „יאהוד" פון מאָסקווע, איידער עס וועט זיין צו־שפּעט.

— מיר וועלן גיין, אין אַללאַהס נאָמען, — האָבן זיך גע־הערט שטימען פון אַלע זייטן.

— אסקאַט! — האָט זיך באַוויזן אַ האַנט מיט אַ שווערד אין דער הויך , און אַ שטאַרקע, ברוטאַליקע שטים האָט זיך גע־לאָזט הערן:

— איך, שעיך סעלים, וועל נעמען אויף מיר די אָנפירונג פון דער מלחמה. ביי דער באָרד פון נביא שוועּר איך, אַז מיר וועלן נישט רוען, ביז מיר וועלן דעם יאהוד אויסראָטן.

די האַנט האָט זיך אַראָפּגעלאָזט, און דעם אַלטן שעיך אי־באַהס קול האָט זיך ווידער געהערט הייזעריק:

— דער יאהוד איז אַ צרה נישט נאָר פאַר אונז אַליין. אָט וועט איר הערן, וואָס אַ קריסט, אַ מיסיאָנער, אַ פאָרשטייער פון נצרת רעדט.

אין פאָרנט האָט זיך אַרויסגערוקט אַ מענטש מיט אַ גלאַט אָפּגעראַזירט, קלאָרן פּנים מיט קליינינקע אייגעלעך, מיט אַ שוואַרצן ראָוב איבער די פּלייצעס און אַן ענגן, ווייסן קראַגעלע ביים האַלז.

— —מיר, מיסיאָנערן פון קריסטלעכן גלויבן, — האָט ער געזאָגט אין אַ שלעכטן אַראַביש, — אַכטן דעם נאָמען פון אַללאַה, און לערנען די קריסטן צו לעבן מיט אייך מאַכמעדאַנער אין פרידן. איר, קינדער פון אַללאַה, אַכטעט אַלץ, וואָס אונז איז הייליק אין נצרת. דער ייִד איז אָבער אַ גאָטלאָזער. די פאָרשטייער פון דער טערקישער מאַכט זענען מיט אונז. לאָמיר אַלע צוזאַמען פאַרטרייבן די, וואָס ווילן זיך אַריינרייסן צו אייך און פאַרשוועכן אַלץ, וואָס איז הייליק ביי אייך און ביי אונז.

— אין נאָמען פון אַללאַה, מיר וועלן זיי פאַרטרייבן, פאַר־טרייבן! — האָבן זיך געהערט קולות, ווי דונערן, פון אַלע זייטן.

צווישן די פאַרזאַמלטע אַרום דער דאָרפישער געביידע האָט זיך אויך געפונען אַ נידעריקער, אָפּגעריסענער בעדואינער, אויף וועמען קיינער האָט נישט געלייגט קיין אַכט. ביי דער זייט פון זיין

ווייס, מאגער פערדל איז ער געשטאנען, ארומגעוויקלט דעם קאפ אין א טורבאן, וואס האט אים פארשטעלט א האלב פנים, און מיט זיינע קליינינקע אייגעלעך איינגעגראבן אין יעדן רעדנער, נישט צו פארפעלן א ווארט, וואס איז ארויס פון זייער מויל.

דערהויפט האבן זיינע אויגן געהיט דעם יונגן שעיך סעלים, וועלכער האט איבערגענומען צו פירן די מלחמה מיט די יידן, און ער האט אים נישט אפגעלאזט פון זיין בליק.

שפעט אין דער נאכט, ווען די פארזאמלונג האט זיך געענ־דיקט, און די אראבער האבן זיך צעשפרייט איבער די וועגן, צו־ריק אהיים צו זייערע דערפער, איז נאך אלץ דער נידעריקער בע־דואינער געבליבן אויף זיין פלאץ, געדרייט זיך ארום זיין פערדל, און עפעס אפגעווארט.

צו דעם יונגן שעיך סעלים, וואס איז איצט געזעסן אויף א שטיין ביים פלאץ אין דארף סעלים, וואס האט זיך גערופן אויף זיין נאמען, האט א באוואפנטער אראבער צוגעפירט א שיי־נעם, אנגעזאטלטן פערד.

שעיך סעלים האט זיך העלדיש ארויפגעכאפט אויפן זאטל פון פערד. דער באוואפנטער אראבער אויף א צווייט פערדל, און זיי האבן זיךביידע געלאזט אין א לאנגזאמען גאלאפ לענג־אויס א שמאלן וועג.

דער אפגעריסענער בעדואינער האט גלייך נאך זיי זיך האסטיק א זעץ געטאן אויף זיין מאגער פערדל, און שטויסנדיק דאס אין בויך, עם געטריבן אין געלאף.

ער האט זיך באלד אויסגעגלייכט מיט שעיך סעלים, און פארלאנגזאמט דעם גאלאפ.

שעיך סעלים האט זיך ארומגעקוקט אויף הינטן:

— מין האדא? (ווער איז עס)? — האט ער אויסגעשריגן.

— סאכעב! (א פריינט)! — האט דער בעדואינער געענט־פערט. — איך קום פון שכם, געהערט דעם אלטן שעיך איסאה.

— ווהין גייסטו? — האט אים שעיך סעלים געפרעגט.

— איך זוך ארבעט, שעיך, — האט דער בעדואינער גע־זאגט, — אפשר האסטו עפעס פאר מיר וואס צו טאן? אין נאמען פון אללאה, איך בעט דיך.

שעיך סעלים האט א דריי געטאן די לייצעס, זיין פערדל

האַט אַ שפּרונג געטאָן אין בעדואינערס זייט און דער שעיך האָט אים באַטראַכט:

— ביזטו פלינק? — האָט ער אים געפרעגט.

— יאָ, — האָט דער בעדואינער געענטפערט.

— קענסטו רייטן שנעל?

— יאָ, שעיך, איך בין פלינק און אין רייטן וועט מיך דער שטן נישט דעריאָגן.

— דו האָסט געהערט דעם אַלטן שעיך איסאַה? — האָט ער אים ווידער געפרעגט. — און מיך האָסטו געהערט?

— יאָ.

— אַלזאָ, ווייסטו, אַז איך וויל פירן אַ מלחמה מיט דעם יאַהוד, — האָט שעיך סעלים אים אָפּגעמאָסטן מיט זיין בליק,— איך קאָן דיך אָננעמען אין מיינע מענטשן. דיר וועט שוין נישט פעלן קיין עסן און קיין גוטס.

— איך וועל זיין גליקלעך, — האָט דער אָפּגעריסענער בעדואינער געענטפערט, — איך האָס דעם „יאַהוד".

— רייט אונז נאָך און סאַאיד־בעי, מיין קאַפּיטאַן, וועט דיר שוין אַלץ זאָגן, — האָט שעיך סעלים אים אָנגעוויזן אויף זיין באַגלייטער.

זיי זענען אַריינגעפאָרן אין דאָרף קומיעי, און זיך אָפּגעשטעלט פאַר אַ ליימענעם הייזל.

— דאָ גיי אַריין, — האָט סאַאיד־בעי געזאָגט צום בעדואינער, — זאָג, אַז שעיך סעלים האָט דיך געשיקט, וועט מען דיך שוין באַזאָרגן.

דער בעדואינער האָט זיך אָפּגעשטעלט, און שעיך סעלים מיט זיין קאַפּיטאַן זענען אַוועקגעריטן אין אַ גאַלאָפּ ווייטער.

דער בעדואינער איז אַ ווייַלע געשטאַנען פאַר דעם הייזל, נאָכגעקוקט אין דער פינסטערניש די גאַלאָפּירנדיקע פאָר פערד מיט די רייטער, ביז זיי זענען פאַרשוווּנדן, און דאַן זיך האַסטיק געלאָזט אין אַ ווילדן גאַלאָפּ, אַרויס פון דאָרף אין אַן אַנדער זייט, פון דאָרט איבער זייטיקע שטעגן, דורך אַ וועלדל און פעלדער, ביז צו דעם פּאָסטן פון אַ יידישן שומר ביי מרחביה.

דער יידישער שומר, זעענדיק דעם בעדואינער אין געלאָף

אויף אים, האָט זיך געכאַפּט פאַר דער ביקס. באַלד אָבער האָט זיך דערהערט דעם בעדואינערס פאַרשטיקטע שטימע:

— שלום, חבר, אני אבו צדוק!

— אבו צדוק? — האָט זיך דער יידישער שומר דערפרייט.— דו האָסט דאָך מיך אַזוי איבערגעשראָקן. וואָס איז אַזוי דער געלאַף?

— איך מוז גלייך לויפן צוריק, — האָט אבו־צדוק שנעל גע־רעדט, — גיב איבער חנניהן, אַז מען גרייט זיך אויף אונז אָנצו־פאַלן. שעיך סעלים וועט זיין דער אָנפירער. איך בין אויפגענומען צווישן זיינע מענטשן. זאָג אָן, מען זאָל זיך גרייטן. די לעצטע מי־נוט וועל איך קומען און אַלץ איבערגעבן.

דער שומר איז געשטאַנען אַ צעטומלטער.

— אבו־צדוק, — האָט ער געוואָלט עפּעס פרעגן.

— איך קאָן דאָ נישט שטיין, — האָט אבו־צדוק געזאָגט, — איך מוז אַריינגיין אין אַ הייזל, ווו שעיך סעלים האָט מיך געהייסן. שלום, זאָג, אבו־צדוק איז אויף דער וואַך!

ער האָט זיך אַ בויג געטאָן, אויסגעגלייכט זיין פּנים מיטן האַלז פון פערדל, און אַזוי ליגנדיק, זיך אויסגעדרייט, און ווידער האָט דאָס ווייסע פערדל געלאָזט זיך לויפן אין ווילדן האַסט אויף דעמזעלבן וועג, צוריק צום וועלדל איבער די פעלדער, און אַריין אין קומיעי.

אבו־צדוק האָט אַ צי געטאָן די לייצעס, דאָס פערדל האָט זיך אָפּגעשטעלט, סאָפּענדיק שנעל, פאַרמאַטערט דורך די נאָזלעכער, און אבו־צדוק האָט אָנגעקלאַפּט אין טיר פון יענעם נידעריקן נאָרע־הייזל, ווו סאַאיד־בעי האָט אים אָנגעוויזן.

— מין האדאַ? — האָט זיך געהערט פון אינעווייניק.

— סאַכעב! — האָט אבו־צדוק אָפּגעענטפערט.

די טיר האָט זיך געעפנט פון אינעווייניק, און **אבו־צדוק** איז אַריינגעטראָטן, און דאָס פערדל נאָך אים ביים לאָך פון דער טיר.

ק אַ פּ י ט ל פ ע ר צ ן

די נייעס פון אבו־צדוק, אַז שעיך סעלים מיט זיינע באַנדעס גרייטן זיך אָנצופאַלן אויף די יידישע קאָלאָניעס פון דער אומ־

געגנט, האָט דער שומר פּינקטלעך איבערגעגעבן חנניהן, דעם אָנ־פירער פון דער שומרים־גרופּע אין מרחביה.

חנניה האָט באַלד זיך גענומען צוגרייטן אַ פאַרטיידיקונג. אויסער די שומרים, וועלכע זענען געווען גוטע שיסערס פון פריער, האָט ער פאַראָרדנט אַלע חברים־אַרבעטער, מענער און פרויען, צו לערנען זיך שיסן פון רעוואָלווערן און ביקסן. ער האָט צעטיילט צווישן זיי געווער, זיי איינגעאיבט און געלערנט, ווי אין צייט פון אַן אָנפאַל נישט צו ווערן צעטומלט, נאָר יעדער זאָל פאַרנעמען אַ סטראַטעגישע פּאָזיציע, צוגעגרייט פון פריער, אונטער בערגלעך אוןביימער, ביי די אַריינגענג פון די וועגן, אָפּצושלאָגן דעם אָנ־גרייפנדיקן פיינט.

דאָס, וואָס אבו־צדוק האָט איצט, פאַרשטעלט אַלס בעדואי־נער, געשפּיאָנעוועט צווישן שעיך סעלימס באַנדע, האָט חנניה פאַרטרויט נאָר צו די שומרים. זיי, די שומרים, האָבן פון דעם גע־מוזט וויסן, כדי ווען אבו־צדוק וועט אַמאָל פּלוצלינג דערשיינען פאַר זיי אין די נעכט, ווען זיי פאָרן אַרום ביי דער וואַך, זאָלן זיי זיין גרייט שנעל איבערצונעמען פון אים אַלע ידיעות.

דערדאָזיקער פאַרבאַהאַלטענער סוד, אַז איינער פון די שומרים פירט דורך אַזאַ העלדישע טאַט, האָט פאַרכאַפּט די פאַנ־טאַזיע פון אַלע שומרים. זיי, די העלדן פון דער ביקס, האָבן באַ־וואונדערט אַזאַ העלדישקייט, וואָס נישט יעדער פון זיי האָט געקאָנט באַווייזן; זיי זענען געווען שטאָלץ אויף זייער חבר, און זייערע הערצער האָבן געקלאַפּט שנעלער, מיט געשפּאַנטקייט און נייגירי־קייט, צו הערן עטוואָס פון אבו־צדוקן.

זאב חצרי האָט דעם סוד פאַרטרויט אויך צו חנהן. פאַר איר האָט ער קיין סוד נישט געקאָנט פאַרבאַהאַלטן. ער איז געווען שטאָלץ מיט אבו־צדוקן און פאַר איר דערציילט זיין ביאָגראַפיע: ער, אבו־צדוק, איז אַ תימנער יינגל, וועלכער האָט זיך אויפגעהאָ־דעוועט אין סיריע, ערגעץ ביי דמשק. יונגלווייז איז ער געווען אַ פּאַסטוך פון ציגן, און די גאַנצע צייט פאַרבראַכט צווישן בעדו־אינער און דרוזן. ער רעדט אַראַביש ווי אַן איינגעבוירענער, ווייס אַלע בעדואינישע אויסדריקן, זייערע פירונגען און זיטן, איז אַ גו־טער רייטער, און עס איז שווער צו אונטערשיידן פון אים ביז אַן אַנדערן, געוויינלעכן בעדואינער.

חנה איז געווען באַצויבערט. עס איז איר אויסגעקומען, ווי זי הערט אַ לעגענדאַרישע געשיכטע פֿון אַ העלד. אים, אבו־צדוקן, דעם נידעריקן בחורל, מיט דעם טונקעלן לאַנגן פּנים און קליינע מאַנדל־אייגעלעך, האָט זי געקענט פֿון פֿריער. ער האָט שוין געהאַט געצויגן איר אויפמערקזאַמקייט דורך זיין אומעטיקן אויספייפן אויף דער פֿלייט אַ מאָנאָטאָנעם ניגון שעהן־לאַנג. דערדאָזיקער אומעטיקער ניגון פֿלעגט אין חנהן וועקן בענקשאַפֿט, און געצויגן איר האַרץ נאָך אומבאַוווּסטע פֿאַרלאַנגען. איצט האָבן זיך אירע אויגן אָנגעפֿילט מיט גלאַנץ פֿון באַגייסטערונג. ווי אַ נייע אידעע איז מיטאַמאָל אַנטפּלעקט געוואָרן פֿאַר איר: עס זענען דאָ נאָך וועגן, ווי צו העלפֿן בויען דאָס לאַנד, נישט נאָר מיט דער אַרבעט פֿון די הענט, און מיטן כּוח פֿון קאַמף, נאָר אויך מיטן גאַנצן ,,איך'', מיטן שטילן, פֿאַרבאַהאַלטענעם איינשטעלן דאָס לעבן אין געפֿאַר, אין דעם אופֿן, ווי אבו־צדוק טוט איצט.

דערווייל איז אויף דער דריטער נאַכט ווידער געקומען אַ ידיעה פֿון אבו־צדוקן, און דאָסמאָל אויף אַן אויסטערלישן אופֿן:

דריי יידישע שומרים, מיט חנניהן אין דער שפּיץ, זענען אַרומגעפֿאָרן ביי די זייטן פֿון די פֿעלדער, דאָרט, וווּ דער וועג האָט זיך שאַרף אַ בראָך געטאָן, און ווי אַ האַלב רעדל זיך אויסגעשניטן אויף רעכטס. זייערע פֿערד האָבן געשפּרייזט לאַנגזאַם אין איין ריי, און ביי זיי, ווי ביי די רייטער, די שומרים, זענען די אויערן גע־ווען אָנגעשטעלט שאַרף, צו פֿאַרנעמען יעדן קלענסטן שאָרך. פּלוצ־לינג האָבן די פֿערד מיטאַמאָל אַ הויב געטאָן די קעפּ, און צו די שומרים האָט דערגרייכט אַ טויבער אָפּקלאַנג פֿון פֿערדישע טריט.

איידער די שומרים האָבן באַוויזן זיך אַרומצוקוקן, האָבן זיך פֿון וועג־אויסבויג באַוויזן צוויי רייטנדיקע אַראַבער. די יידישע שומרים האָבן אָפּגעשטעלט די פֿערד און געוואַרט, די פֿרעמדע זאָלן זיך דערנענטערן.

די אַראַבער זענען לאַנגזאַם צוגעפֿאָרן. איינער איז געווען אַ יונגער, מיט אַ טונקעלן געזיכט און אויסגעדרייטע דינע וואָנצע־לעך. ער איז געווען אָנגעקליידט אין אַ שוואַרצער אַבאַיע, מיט אַ הויכן קוגל־היטעלע אויפֿן קאָפּ, און איז געזעסן אויף אַ שיין פֿעט פֿערדל. דער אַנדערער איז געווען אַ נידעריקער און האָט אויסגעזען ווי אַ בעדואינער. ער האָט געטראָגן אַן אָפּגעריסענעם

כאַלאַט אין פאַסן, דעם קאָפּ איינגעוויקלט אין אַ טורבאַן, פון וועלכן עס האָבן זיך נאָר אַרויסגעזען אַ פּאָר קליינע אייגעלעך, און ער איז געזעסן אויף אַ מאָגער ווייס פערדל.

— שלום! — האָט דער יונגער אַראַבער באַגריסט די שומרים אין העברעאיש.

— שלום, שלום! — האָבן די יידישע שומרים אים גערן געענטפערט אויף זיין באַגריסונג.

די אַראַבער האָבן זיך אָפּגעשטעלט.

— וווּהין איז עס, פריינט? — האָט איינער פון די שומרים געפרעגט.

— דאָס איז סאַאיד־בעי, שעיך סעלימס קאַפּיטאַן. — האָט דער אָפּגעריסענער, נידעריקער בעדואינער אַרויסגערעדט מיט אַ הייזעריקן קריי, — מיר פאָרן אַרום אָפּהיטן שעיך סעלימס פעלדער פון גנבות.

די יידישע שומרים האָבן אויפגעציטערט. דאָס קול פון נידעריקן איז זיי געווען באַקאַנט. באַלד האָבן זיי אויך דערקענט זיין ווייס פערדל, און האָבן זיך געכאַפּט, אַז עס איז אבו־צדוק.

זיי האָבן געעפנט די מיילער אין ווונדער, ווי גרייט אויסצושרייען זיין נאָמען, אָבער דורך דער נאַכט האָט צו זיי דורכגעדרונגען דער שטעכעדיקער בליק פון זיינע מאַנדל־אויגעלעך.

זיי האָבן זיך גלייך געכאַפּט, דערשטיקט אין זיך דעם ווונדער, און געהיטן אַלע זיינע באַוועגונגען, וואַרטנדיק צו קריגן עפּעס אַ צייכן.

— דו האָסט אַ שיינע מאָור (קליאַטשע), — האָט דערווייל סאַאיד־בעי געזאָגט צו חנניהן, — ווו האָסטו עס געקריגן?

— געביטן זיך מיט אַ חבר אַ שומר אין נהלל.

— וואָלסטו זיך וועלן בייטן מיט מיר? — האָט סאַאיד־בעי געפרעגט. —מיר געפעלן אירע פיס, זי מוז זיין שנעל אין געיעג.

— ניין, פריינט, — האָט חנניה געענטפערט.

— און פינף לירעס צוגאָב? — האָט סאַאיד־בעי ווידער געזאָגט.

— ניין, פריינט, עס טוט מיר לייד, — האָט חנניה געזאָגט.

דער נידעריקער בעדואינער האָט דערווייל אַריינגעשטעקט די הענט אין כאַלאַט און אַרויסגעצויגן פון דאָרט אַ ליולקע און טאַ־

באַק. אַרויסנעמענדיק איז אים פון די הענט אַרויסגעפאַלן אַ צע־קנייטשט שטיקל פּאַפּיר, און איז אַראָפּגעפאַלן אויף דער ערד. דער בעדואינער האָט זיך געמאַכט נישט זעענדיק, און געשטאָפּט דעם טאַבאַק אין ליולקע.

— דו האָסט בעסער געדאַרפט פאָלגן סאַאיד־בעי, און זיך בייטן מיט די פערד,—האָט ער געזאָגט צו חנניהן,—איר, יאהוד, דאַרפט זיין פריינט מיט אונז.

— איך קען נישט, פריינט, — האָט חנניה געענטפערט. — מיין פערד איז מיר טייער.

— שלום! — האָט סאַאיד־בעי פלוצלינג אַ צי געטאָן די לייצעס פון זיין פערדל, ווי אויפגערייצט פון חנניהס אָפּזאָג, און האַסטיק זיך אומגעדרייט.

דער בעדואינער האָט אַ צי געטאָן נאָך אים, און פון הינטן אויסגעשטרעקט אַ האַנט און אָנגעטייטלט צו דער ערד.

זיי זענען באַלד פאַרשוווּנדן, די יידישע שומרים האָבן אויפגעלעבט.

— איר ווייסט, חברים, עס איז דאָך געווען אַבו־צדוק, — האָט איינער געזאָגט.

— מיר זאָגסטו? — האָט דער אַנדערער געזאָגט — איך האָב דערקענט דאָס ווייסע פערדל.

— שנעלער, חברים, — האָט דער ערשטער געזאָגט, — אַבו־צדוק האָט אַראָפּגעוואָרפן אַ פּאַפּירל, לאָמיר עס גלייך אויפהויבן.

איינער האָט עס אויפגעהויבן און דערלאַנגט צו חנניהן. פאַר דעם שיין פון דער לבנה האָט חנניה עס געלעזן אויפן קול פאַר זיינע חברים:

„חברים, צוויי־דריי נעכט צום העכסטן, און עס וועט קומען אַן איבערפאַל אויף מרחביה. שעיך סעלים האָט זיך פאַרייניקט מיט שעיך אַבו־קישיק. דער איבערפאַל וועט זיין פון צוויי זייטן. זייט גע־גרייט. זעט זיי אָפּצוהאַלטן איבער נאַכט. דערווייל וועל איך אָנזאָגן אין נצרת צו דער מאַכט, און קיין נהלל צו די חברים שומרים.

אָנהויב וועלדל, דריי קילאָמעטער פון מרחביה צו צפון־מזרח, זאָלט איר איינגראָבן אין דער ערד ביי אַ בוים אַ רעוואָלווער, אַ פּרויען־בלוזקע, און אַ קאָפּ־טיכל. איך וועל עס דאַרפן האָבן.

קלאַפּט אַריין אַ ברעטל מיט דריי שפּיצן אויף דעם אָרט, ווו איר באַגראָבט די זאַכן.

זייט מוטיק!

אבו־צדוק.״

חנניה האָט געענדיקט לעזן, און אַ פרייד האָט זיך צעגאָסן אויף זיין פּנים.

— חברים! — האָט ער געזאָגט, — נישט געשראָקן זיך, אבו־צדוק איז אויף דער וואך. נאָך היינט נאכט זאָל מען אים באַזאָרגן מיט די זאַכן, און זיי איינגראָבן אויפן באַשטימטן אָרט.

קאַפּיטל פּ״פּצן

צוגעגרייט זענען געווען די שומרים און די אַרבעטער אין מרחביה ווי צו אַ מלחמה, און רואיק דערוואַרט דאָס אומפאַרמייד־לעכע.

חוץ אבו־צדוקס נאַכריכטן, האָבן אויך אַראַבישע שכנים, פריינט פון די קאָלאָניסטן, איבערגעגעבן, אַז שעיך סעלים האָלט גרייט זיינע רויבערישע באַנדעס צום איבערפאַל. ער העצט אַלע אַראַבער פון די אַרומיקע דערפער קעגן די יידן, און פאַרזיכערט זיי, אַז זיי וועלן קענען פאַרכאַפּן פאַר זיך פי און תבואה פון די שטאַלן און שייערן.

און געקומען זענען די דערוואַרטעטע געשעענישן.

עס איז געווען אַ פינסטערע נאַכט אָן אַ לבנה. חנניה, מיט נאָך אַ שומר האָבן לאַנגזאַם געריטן אויף זייערע פערד אין טאָל פון ישוב, אַרומצוקוקן די פּאָסטנס פון די שומרים. עס איז געווען שטיל אַרום. חנניה מיטן שומר האָבן אויך געשוויגן, זיי האָבן פאַררוי־כערט פּאַפּיראָסן, און שטיל פאַרנומען דאָס קוואַקען פון די זשאַ־בעס ביים ברעג פון טייכל אין דער נידער, און אָן אומעטיקן שאַ־קאַלן־אויסגעשריי פון זייטיקן וועלדל צום בערגל.

פּלוצלינג האָט חנניהס פערדל אויסגעשטרעקט הויך דעם קאָפּ און אויפגעשטעלט די אויערן. חנניה האָט זיך אויסגעגלייכט צו הערן, און האָט באַלד פאַרנומען אַ טויבן אָפּקלאַנג פון אַ גאַלאָפּ

פון פערד. די טופעריי פון די פערד־קאָפּיטעס האָט זיך אַלץ שאַרפער געשניטן אין דער אַרומיקער שטילקייט, און באַלד האָבן זיך פון אַ זייטיק יידיש פעלד אויסגעטיילט פיר הויכע שאָטנס פון רייטער, וואָס האָבן זיך מיט אַ שנעלקייט געלאָזט גלייך אויף זיי.

חנניה און דער שומר האָבן אַראָפּגעכאַפּט די ביקסן פון די פּלייצעס און זיי שטייף געהאַלטן גרייט אין די הענט.

די פיר אַראַבער, מיט גרויסע און ברייטע טאַרבושן אויף די קעפּ, איינגעוויקלט אין פּאַסאָווע וויס־שוואַרצע אַבאַיעס. און באַוואָפנט מיט קינזשאַלן, האָבן זיך דערנענטערט און פאַרלאַנגזאַמט זייער געלאַף.

— מין האדא? (ווער איז עס?) — האָט חנניה אויסגעשריגן. — וואָס רייט איר איבער אונזערע פעלדער?

— אַנדאַק! (שטיי) — האָט איינער פון די רייטער זיך אַרויסגערוקט אין פאָרויס, און אַ געשריי געגעבן צו די שומרים.

חנניה מיט דעם אַנדערן האָבן זיך אָפּגעשטעלט. די פיר אַראַבער האָבן זיי אַרומגערינגלט מיט די פערד פון אַלע זייטן.

— וואָס ווילט איר? — האָט חנניה געפרעגט דעם ערשטן.

— גיי אַראָפּ פון פערד! — האָט יענער געענטפערט מיט אַ באַפעל.

חנניה האָט געוואָרפן אַ שנעלן בליק אַרום.

— גלייך, צו דיין באַפעל! — האָט ער געזאָגט, און זיך אַ בויג געטאָן, ווי אום אַראָפּצוגיין פון פערד, אָבער אין דעמזעלבן אויגנבליק האָט ער, איינבויגנדיק זיך, מיט קראַפט אַ בריק געטאָן זיין פערד אין בויך, און אַ ריס געטאָן די לייצעס. חנניהס פערדל, ווי געלערנט צו דעם האָט האַסטיק אַ שפרונג געטאָן אין דער לופטן, אַ שטויס געגעבן מיט די הינטערשטע פיס די צוויי פערד מיט די רייטער, וואָס האָבן אים פאַרשטעלט דעם וועג, און מאַכנדיק אַ ברייטן דורכגאַנג, זיך געלאָזט אין אַ ווילדן געלאַף, שוועבנדיק מיט אַלע פיר פיס אין דער לופטן.

— אחרי! (נאָך מיר). — האָט זיך געהערט זיין אויסגעשריי צום צווייטן שומר. עס איז אָבער נישט געווען נויטיק. דאָס אַנדערע פערד מיטן שומר האָט זיך אַליין געלאָזט אין געלאַף נאָך זיין חבר.

די אַראַבער זענען אַ ווילע געשטאַנען ווי צעמישט און צעטומלט. באַלד אָבער זענען זיי געקומען צו זיך און זיך געלאָזט אין

געיעג, שיסנדיק פון די ביקסן. חנניה מיטן שומר זענען שוין אָבער געווען אַ היבשן מרחק פון זיי, און פון ווייטנס ארויסגע־לאָזט איינצלנע שאָסן.

פון דעם קול פון דער שיסעריי זענען אויפגעלאָפן ביי אַ צענטליק יידישע שומרים. חנניה האָט זיך אויסגעדרייט מיטן פּנים צו די נאָכיאָגנדע אַראַבער, און זיך געלאָזט אַנטקעגן אין קאַמף.

די אַראַבער, מערקנדיק די פאַרשטאַרקטע שיסעריי, האָבן זיך אומגעדרייט אויף צוריק, און גענומען אַנטלויפן. חנניה אין דער שפּיץ מיט די שומרים האָבן זיי נאָכגעיאָגט, און יאָגנדיק גע־שאָסן שטאַרקער און שטאַרקער.

פּלוצלינג האָט מען באַמערקט, ווי ביי די אַנטלויפנדיקע אַראַ־בער האָט איין פערד זיך אַ וואַקל געטאָן, אויפגעשפּרונגען מיט די פאָדערשטע פיס אין דער הויך, און מיטאַמאָל זיך אַ וואָרף געטאָן מיטן רייטער צו דער ערד. די איבעריקע האָבן זיך נישט אומגע־קוקט אויף זייער חבר, נאָר ווייטער געלאָפן.

חנניה מיט זיינע חברים האָבן באַלד דערגרייכט דאָס אָרט, ווו דאָס פערד איז געלעגן און געצויגן די פיס אין לעצטער גסיסה. דער בויך איז ביי אים געווען צעלעכערט און בלוט האָט גערונען אין אַ דינער שנור. לעבן אים איז געלעגן אַ צעקלאַפּטער דער ריי־טער. די שומרים האָבן אַראָפּגענומען ביים אַראַבער דאָס געווער, אים געגעבן פון אַ פלאַש, וואָס איז געווען ביים זאָטל פון פערד אַביסל וואַסער אין מויל, און אים אויפגעטרייסלט צו רעדן.

— זאָג, ווער איז מיט דיר געווען? — האָט חנניה אים גע־פרעגט.

— אַבו־מאַכאַמעד, דער שעיך פון דיבוריע, — האָט דער אַראַבער געמורמלט.

— וואָס האָט איר געוואָלט פון אונז?

— צונעמען דיין פערד. אַבו־מאַכאַמעד האָט זיך אונטער־גענומען עס ביי דיר אַוועקנעמען. — האָט דער אַראַבער געציי־טערט מיט זיין גאַנצן קערפּער, ריכטנדיק זיך אויף זיין סוף.

— גיי אַהיים, — האָט חנניה געזאָגט צום אַראַבער, — זאָג דיין שעיך, אַז ניכער וועל איך זיך זעגענען מיט מיין לעבן, איי־דער מיט מיין פערד.

דער אראבער, טרייסלענדיק זיך פון שרעק, און שעפּטשענדיק דאנק־ווערטער, האָט זיך גענומען דערוויטערן. די שומרים, צו צוויי אין א רייע, האָבן זיך רואיק פאַרנומען צו מרחביה, רעדנ־דיק צווישן זיך וועגן חנניהס העלדישקייט. פּלוצלינג האָבן זיך דערהערט ווייטע שטימען. די שטימען זענען פון מינוט צו מינוט געוואקסן אין צאָל און אין שטארקייט. עס האָט זיך געהערט אן עכא פון פערד־טריט און איינצלנע אויסשאָסן.

— שנעל צו מרחביה! — האָט חנניה אויסגעשריגן. — איצט קומט עס. עס איז אן איבערפאַל. לאָמיר געבן דעם סיגנאל און אויפוועקן אלע חברים.

ווי אין א וויכער־ווינט האָבן זיך די שומרים געלאָזט אין ווילדן געלאַף צום בערגל, ארויף צו דער קאָלאָניע. די שטילקייט פון נאכט האָט זיך געשפּאָלטן, און א פייפעריי און בלאָזעריי האָט פארהילכט די לופט:

— חברים, צום קאַמף! עס איז אן איבערפאַל!

פון אלע זייטן זענען אָנגעקומען בחורים און מיידלעך. מיט צעשויבערטע האָר און אויסגעגלאָצטע אויגן, אין נישט־פארשפּי־לעטע בלוזעס, זענען זיי באַרוועסע זיך צונויפגעקומען, האלטנדיק די רעוואָלווערן אין די הענט, און זיך באלד צעוואָרפן אין באזונ־דערע ווינקלען, לויט די איבונגען פון פריער, ווער הינטער א וואנט פון א הויז, ווער אין א טראנשעע, א גראָבן, אדער צופוסן פון בערגל.

די קאָלאָניסטן, מענער און פרויען, האָבן געבראַכן צווייגן, געריסן ברעטער, און אויפגעבלאָזן גרויסע פייערן אין פארשידע־נע ווינקלען. די פייערן האָבן זיך מיט לאַנגע צונגען געריסן צום הימל, און באלויכטן א ווייטן מרחק פאר דער קאָלאָניע.

די ווייטע קולות פון די אראבער האָבן זיך שוין דערוויי־דערנענטערט, און זיך פארשפּרייט פון אלע זייטן. אין דער לבנה־לאָזער נאכט האָט מען קיין פיגורן נישט געזען, נאָר שווארצע, גע־דיכטע שאָטנס, ווי כמארעס, האָבן זיך אָנגערוקט פון אלע זייטן, ווילדע קולות אויסגעמישט מיט א גאַלאָפּעריי פון צענטליקער פערד האָבן זיך געטראָגן אלץ נענטער און נענטער, און פאר־הילכט מיט זייער אָפּקלאַנג דעם גאנצן שטח ארום. די באהאל־טענע שומרים פון זייערע פּאָזיציעס ביים אריינגאַנג אין מרחביה,

האָבן שוין דייטלעך געקענט אויסטיילן רייטנדיקע אראַבער, בעֵ־דואינער און דרוזן, וואָס האָבן מיט אימפּעט, מיט שווערדן און שפּיזן אין די הענט, זיך געלאָזט אויפן בערגל קיין מרחביה.

— שיסט! — האָט חנניה באַפוילן, און דער ערשטער אויס־געשאָסן. נאָך אים האָט אַ דונער פון ביקסן־שיסערייַ פאַרהילכט די לופט, און פייערלעך איינגעוויקלט אין רויך האָבן אַזוי ווי לויפנדע שטערן אַ בליץ געטאָן, און פאַרשוווּנדן.

די פערד ביי די אָנפאַלער האָבן אויפגעשפּרונגען אין דער לופטן, אַנדערע געטראָפן פון אַ קויל האָבן זיך אַ וואָרף געטאָן צו דער ערד און אומגעפאַלן, און די איבעריקע האָבן געטאַנצט און געדרייט זיך אין אַ רעדל, אונטער דער צעטומלטער פירערייַ פון די רייטער. זיי זענען מער פאָראויס נישט געלאָפן, נאָר געדרייט זיך הין און צוריק אין אַלע זייטן.

פון דעם טומל איז דער אַראַבישער מאָב געוואַקסן. צופּוס פון די נאָנטע דערפער האָבן מענער און פרויען, אין לייוונטענע לאַנגע העמדער, זיך געלאָזט אויף גרינגן רויב. זיי זענען צוגעקומען ביז דעם פוס פון בערגל, און דאָרט אָפּגעהאַלטן געוואָרן פון די קוילן, וואָס האָבן געהאָגלט פון מרחביה.

— יאהוד! — האָבן זיך געטראָגן קולות אין דער לופט.

— בן אל מות!

— מיר וועלן אייערע הייזער פאַרברענען!

— מיר וועלען אייך פאַרטרייבן!

— קיין מאָסקאָוו, קיין מאָסקאָוו!

איבער די יידישע גערטנער און פעלדער, ווייט פון דער קאָ־לאָניע, האָט זיך דער אַראַבישער מאָב מערסטנס פרויען, אויסגע־שפּרייט ווי אַ היישעריק. מען האָט געריסן פרוכטן פאַרטיקע, און רויע, מען האָט געבראָכן די צווייגן, צעטראָטן די בייטן, צעשמעט־טערט און צעגישטערט אַלץ, וואָס עס איז געקומען אונטער דער האַנט. עס האָבן זיך באַוויזן אייזלען, געשפּאַנטע וועגענער מיט פערד, אויף וועלכע מען האָט געוואָרפן גאַרבן תבואה און פרוכטן, און עס אָפּגעפירט אין די דערפער.

אָבער אין מרחביה, אין דער קאָלאָניע, האָבן זיי זיך נישט געקענט אַריינרייסן.

צווישן די איבערפאַלער זענען שוין געווען עטלעכע דערשאָ־

סענע, און דאָס האָט די באַנדעס פון די שעיכן געוואָרפן אין שרעק.

די נאַכט האָט זיך דערווייל געצויגן אוןביידע מחנות האָבן נישט אויפגעגעבן דעם קאַמף. עס האָבן געקנאַקט די פייערן פון מרחביה, וואָס די שומרים האָבן באַלויכטן, און עס האָבן זיך געריסן צונגען פייער פון באַנדלעך תבואה, וואָס דער צעיושעטער מאָב האָט פון צאָרן אונטערגעצונדן אויף די יידישע פעלדער.

די באַלאַגערער זענען פון זייער אָרט נישט אָפּגעטרעטן. עס איז געווען איצט אָדער קיינמאָל. די רויבערישע שעיכן האָבן געמוזט ווייזן אַ נצחון, אַז נישט וואָלט זייער פּרעסטיזש געפאַלן אַלס אַ מאַכט. זיי האָבן אויסגעקוקט דעם פאַרטאָג, ווען פאַר ליכטיק וועלן זיי בעסער קענען זיך אויסהיטן פאַר אַ קויל, און אויך דעמאָלט וועט מוזן אויסגיין דאָס ביסעלע קוילן ביי די פאַרטיידיקער, און זיי וועלן זיך אַריינרייסן אין מרחביה. זיי זענען געווען ביי זיך פעסט אין זייער זיג.

אָבער אויך די שומרים האָבן זייער האָפנונג נישט אויפגעגעבן. אמת, די קוילן האָבן אָנגעהויבן צו ווערן ווינציקער, און דאקעגן דער אַראַבישער מאָב איז אַלץ געוואקסן. זיי האָבן אָבער אויך אויסגעקוקט דעם פאַרטאָג, ווען זיי זענען געווען זיכער, אַז דעמאָלט וועט צו זיי גרייכן אויסערלעכע הילף. פון פּאָזיציע צו פּאָזיציע, ביי די פאַרשטעקטע פאַרטיידיקער, האָט זיך געטראָגן דער אָנזאָג: האַלט אויף די צעווילדעטע מאַסע נאָך אַ פּאָר שעה, אבו־צדוק וועט ברענגען הילף.

און די הילף איז ווירקלעך געקומען.

ווען עס האָט אָנגעהויבן גרויען אויפן פאַרטאָג, האָט מען פון מרחביה געקענט מערקן, ווי די גרויע מאַסע מענטשן, וואָס האָבן אַרומגערינגלט דעם ישוב, ליגנדיק אויסגעלייגט אויף די פעלדער, האָט זיך פּלוצלונג אַ הויב געטאָן פון אָרט, און זיך גענומען אין איילעניש ציען אויף צוריק. עס האָט גענומען אַ קורצע ווײַלע, און די פעלדער און גערטנער אַרום זענען געוואָרן אָפּגעליידיקט. ווי אַראָפּגעטריבן פון אַ שטורם־ווינט, און די קולות זענען שטיל געוואָרן. די שומרים אין מרחביה האָבן אַרויסגערוקט די קעפּ און האָבן פאַר דעם רויטן אָפּשיין פון מאָרגנשטערן דערזען אַנדערע רייטער אין ווייסע און קאָלירטע בלוזעס. אַנדערע אין קליינע היט־

לען, און אַנדערע מיט צעשויבערטע האָר אויף בלויזע קעפּ. זיי האָבן זיך געדרייט אין אַלע זייטן, געפּאַכעט מיט רעוואָלווערן אין די הענט, און זיך געלאָזט קיין מרחביה.

— שומרים! — האָט פּלוצלונג איינער אויסגעשריגן. — אונזערע, דאָס זענען דאָך שומרים פון נהלל!

די נהלל׳ער שומרים, אַ פּאָר צענטליק אין צאָל, זענען באַלד געווען אין מרחביה. די פּנימער זענען ביי זיי געווען צעפלאַמט. די פערד האָבן געהויבן די בייכער און שנעל געסאָפּעט, ציענדיק די נאָזלעכער הין און צוריק. זיי זענען געווען צעהיצט פון לויפן און צערייצט, און נישט געקאָנט איינשטיין אויף איין אָרט.

אַלע אין מרחביה האָבן זיי אַרומגערינגלט און געשריגן מיט פרייד:

— איר האָט אונז געראַטעוועט, חברים, איר האָט אונז גע־ראַטעוועט.

— ווער האָט אייך אָנגעזאָגט? — האָט מען ביי זיי געפרעגט.

— אבו־צדוק, — האָבן זיי געענטפערט, — רייטנדיק איז ער אָנגעקומען אין מיטן נאַכט, און אונז אַלעמען גערופן, מיר זאָלן אייך העלפן.

— און ווו איז אבו־צדוק איצט? — האָט מען זיי געפרעגט.

— ער האָט זיך נישט אָפּגעשטעלט,—האָבן זיי דערציילט,— נאָר געלאָפן קיין נצרת אָנזאָגן דעם קאָמענדאַנט.

— יחי אבו־צדוק! לעבן זאָל אבו־צדוק. — האָט מען גע־שריגן פון אַלע זייטן.

אַ ווײַלע שפּעטער האָבן זיך באַוויזן נייע רייטער, צו צוויי אין אַ רייע, זיי האָבן געריטן אין לאַנגזאַמען שריט מיט איינעם אין אַ מונדיר און אויסגעפּוצטן פערד אין פאָראויס.

— דאָס זענען זעלנער מיט פּאָליציי פון נצרת. — האָבן אַלע גלייך דערקענט.

אַ קאַפּיטאַן מיט צען פּאָליציאַנטן זענען אריינגעפאָרן אין מרחביה, און זיך אָפּגעשטעלט פאַר די יידישע געצעלטן און אַראָפּ פון די פערד, מיט זיי איז אויך געווען אַ שעיך מיט אַ הויך קוגל־היטעלע אויפן קאָפּ און קליינע וואָנסעלעך ביי די ליפּן.

אַ שומר האָט אים גלייך דערקענט.

— דאָס איז סאַאיד־בעי, שעיך סעלימס אַדיוטאַנט, וואָס איז געווען מיט אבו־צדוקן. — האָט ער שטיל פאַרטרויט חנניהן.

— ווער פון אייך האָט דערשטאָכן שעיך סעלימס פערד ביי־נאַכט? גיט אַרויס! — האָט דער קאַפּיטאַן געזאָגט.

— מיר ווייסן פון קיין שום זאַך נישט! — איז חנניה אַרויס־געטרעטן אין פאָראויס.

— דערקענסטו דאָ אימיצן פון זיי? — האָט דער קאַפּיטאַן געפרעגט סאַאיד־בעין.

סאַאיד־בעי האָט געוואָרפן בליקן אין אַלע זייטן, באַטראַכט אַלע שומרים און געזאָגט:

— ניין, איך זע אים דאָ נישט. ער איז אַ נידריקער, מיט קליי־נע אויגעלעך, און זיך אָנגעגעבן פאַר אַ בעדואינער.

— און פון וואַנען ווייסטו, אַז ער איז אַ ייד? — האָט דער קאַפּיטאַן געפרעגט.

— ער האָט דערשטעכנדיק דאָס פערד אויסגערופן: „דאָס איז פון אַ יאַהוד'', און איז אַנטלאָפן.

פאַרשטאַנען האָבן אַלע וועמען מען מיינט דאָ. דאָס איז גע־ווים געווען אבו צדוק, וואָס האָט גענומען נקמה אָן שעיך סעלים, און דערשטאָכן זיין פערד. אָבער מען האָט זיך געמאַכט נישט באַ־גרייפנדיק קיין זאַך.

— קאַפּיטאַן, — האָט חנניה געזאָגט — דאָס וואַרפט מען אויף אונז יידן בכיון אַלע שולדן. מיר ווייסן פון קיין זאַך נישט.

דאַן האָט זיך אָנגעהויבן אַן אויספאָרשונג וועגן דעם איבער־פאַל, און פראַגעס פון וואַנען מען האָט אַזויפיל געווער, און, אַז פיל האַלטן געווער אַפילו נישט קיין שומרים, וואָס האָבן אויף דעם גאָר קיין דערלויבעניש נישט.

עס האָט געהאַלטן מען זאָל אַרעסטירן חנניהן מיט אַ גרופּע שומרים. עס איז אָבער באַלד אין דער שטיל אויפגעזאַמלט געוואָרן אַ סומע געלט, און איבערגעגעבן געוואָרן דעם קאַפּיטאַן. דער באַקשיש האָט געהאָלפן, די זעלנער זענען אַוועקגעפאָרן פון מרחביה, און זיך געלאָזט איבער די דערפער, פאַרזאָגנדיק, אַז זיי וועלן נישט שווייגן, ווען מען וועט רויבן יידיש גוטס, און געמאַכט שטרענגע אויספאָרשונגען וועגן דעם איבערפאַל פון דער לעצטער נאַכט.

געוועז איז דעם טאָג אין מרחביה אַ יום־טוב. געוווּסט האָט מען, אַז עס וועלן נאָך זיין אויספאָרשונגען פון דער טערקישער מאַכט. עס וועלן נאָך טרעפן איינצעלנע איבערפאַלן פון די באַנדעס פון די שעיכן, אָבער די אַלע זאָרגן האָבן נישט געקענט שטערן די פרייד, ..אָס האָט איבערפולט יעדן איינעם. עס איז געווען אַ זיג, וואָס האָט איינמאָל פאַר אַלעמאָל געלאָזט אנערקענען די יידישע מאַכט אין עמק יזרעאל. עס איז געוואָרן קלאָר, אַז דער יאַהוד פון מאָסקאָוו איז זיך געקומען באַזעצן, און וועט זיך נישט לאָזן אָפּ־שרעקן, עס איז געווען אַ קאַרדינאַלער נצחון פון עקזיסטענץ, און מיט דעם באַוווּסטזיין איז יעדער געווען איבערפולט.

מען האָט זיך געפרייט, און אבו־צדוקס נאָמען איז געווען אויף אַלעמענס ליפּן, און האָט אַרויסגערופן פאַרערונג.

געגאַרט האָט מען אים צו זען; אים, וואָס איז געווען דער העלד פון טאָג, און הערן פון אים די איינצלהייטן, ווי ער האָט דורכגעפירט זיין אויפגאַבע.

אבו־צדוק איז אָבער דעם גאַנצן טאָג אין מרחביה נאָך נישט געווען, און אַלע זענען געווען אומרואיק, צי האָט עפּעס מיט אים נישט געטראָפן, און מען האָט אויסגעקוקט צו הערן עפּעס פון אים.

קאַפּיטל זעכצן

אויפן דריטן טאָג פאַרנאַכט, נאָך די געשעענישן, האָט אַ ני־דעריקע פיגור, אָנגעקליידט אין אַ ברייט פרויען־קלייד, מיט אַ טיכל איבערן קאָפּ, אַ באָרוועסע, געשפּרייזט מיט געמאָסטענע טריט צום בערגל, אַרויף צו מרחביה.

דאָס מיידל איז צוגעקומען צו דער אַרבעטער־קיך פון דער מרחביהער קבוצה. די אַרבעטער און שומרים זענען געווען אויס־געזעצט אינדרויסן ביי אַ טיש, צונויפגעשטעלט פון אַ פּאָר לאַנגע ברעטער מיט צוויי אונטערשפּאַרונגען, און מיט אַפּעטיט געזופּט אַ רויטן באָרשט. זיי האָבן געהאַלטן די אויגן איינגעגראָבן אין די שיסעלעך, און אַזוי, נישט אומקוקנדיק זיך, דורכגעוואָרפן זיך מיט אַ שמועס צווישן איין זופּ און דעם צווייטן. דאָס מיידל איז אין אויגנבליק געשטאַנען אומבאַמערקט. זי האָט שטום אָנגעקוקט

די עסנדיקע און געלאַכט מיט איר טונקעלן פּנים הינטער דעם טיכל. באַלד אָבער האָבן אייניקע אַ הויב געטאָן די אויגן, און ווי נאָר זייער בליק איז געפאַלן אויף דעם מיידל, זענען די לעפל אַרויסגעפאַלן פון די הענט.

— אבו־צדוק! — האָט זיך געהערט אַן אויסגעשריי, און אַלע זענען באַלד אויפגעשפּרונגען פון די ערטער. מיטאַמאָל איז אַלץ אַוועק כּאַדאָראָם. פאַרגעסן איז געוואָרן דאָס עסן; די אויפגעשטעלטע טישן זענען פון שטויסעניש אומגעפאַלן, די בענקלעך זיך איבערגעקערט. אָבער ווער האָט דאָס געזען? און וועמען האָט עס געאַרט? אבו־צדוק איז דאָך געקומען! מען האָט אים אַרומגערינגלט. מען איז געשפּרונגען איינער איבערן אַנדערן, זיך געשטעלט אויף די שפּיץ פינגער, כאָטש דורך אַ שפּאַלט פון צווישן אַן עלנבויגן, איבער אַן אַקסל, צו כאַפּן אַ קוק אויף דעם, וועמענס נאָמען איז אין משך פון די דריי טעג פון מויל נישט אַרוים — אויף אבו־צדוקן.

און אבו־צדוק, אַרומגערינגלט אינמיטן פון דעם געדיכטן רעדל, האָט אַראָפּגעוואָרפן פון זיך דאָס ווייסע קליידל און איז געבליבן שטיין אין ווייסע לייוונטענע הויזן מיט אַ בלויזן קאָפּ. ערשט איצט האָט מען באַמערקט זיין קליינע, דאַרע פיגור, זיין צעקניטשט, טונקל־לענגלעכן פּנים, וואָס איז געווען דורכגעווייקט פון שווייס און שטויב, און איבערגעדעקט מיט קליינע קרייזעלעך האָר. ער איז געשטאַנען און געלאַכט, מיט אַ רואיקן, צופרידענעם געלעכטער. זיינע קליינע מאַנדל־אויגן האָבן געקוקט אַרום זיך, געוואָרפן וואַרעמע בליקן צו יעדן איינעם, און זיך געברייטערט אין געלעכטער.

מען האָט אים פאַרוואָרפן מיט פראַגן. ער, אבו־צדוק, מוז דערציילן אַלץ, מיט אַלע איינצלהייטן: וואָס האָט ער געטאָן אין די דריי טעג, ווי האָט ער עס אָנגעזאָגט די חברים אין נהלל, ווו איז זיין ווייס פערדל? וואָס איז עפּעס פאַר אַ געשיכטע מיט שעיך סעלימס פערד?

ביי אבו־צדוקן איז דאָס געלעכטערל נישט אַראָפּ פון פּנים. געלאַסן, נישט צעהיצט, האָט ער אָנגעהויבן צו דערציילן זיין געשיכטע:

— פון דער מינוט, וואָס איך האָב אָנגעקלאַפּט אין טיר

פון שעיך סעלימס אַ מענטש אין דאָרף קומיע, — האָט אבו־צדוק אָנגעהויבן, — האָב איך געזען אויסצונעמען ביי זיי. מען האָט מיר אָנגעבאָטן גליקן, אַז איך וועל קאָנען רויבן גאָלד, גוטס און אַ טייער פערד ביי דעם „יאהוד‟. איך האָב געזאָגט, אַז איך בין צופרידן און גערעדט מיט האס וועגן אייך, חברים. אויף מאָרגן האָט מען מיך ווידער געבראַכט פאַר שעיך סעלים, און דאָרט האָב איך געוויזן קונצן מיט מיין פערדל, ארויף־און־אראָפּ, שפּרינגענדיק פלינק און קונציק. שעיך סעלים איז געווען מיט מיר צופרידן, געווען שטאָלץ, וואָס ער האָט מיך אָנגענומען, און געזאָגט, אַז זיין אויג האָט גלייך געזען, אַז איך וועל ריכטיק זיך אויסטויגן. איך בין פאַרבליבן אין דער נאָענטקייט פון שעיך, טאָקע אין דאָרף סעלים.

— שוין מיט דריי טעג פאַרן איבערפאַל, ווי איך האָב אייך אָנגעזאָגט דורך די צעטעלעך, — האָט אבו־צדוק אָנגעהאַלטן זיין דערציילן, — איז עס פאָרגעקומען דער אָפּמאַך מיט שעיך אבו־קישוק, מען זאָל באַפאַלן מרחביה פון ביידע זייטן.

סאַאיד־בעי האָט זיך אַלץ ארומגעטראָגן מיט דעם געדאַנק צו פאַרכאַפּן חנניהס פערדל. ער האָט אויף אים געוואָרפן אַן אויג, און פון דעם האָט זיך עס טאָקע אָנגעהויבן דער אָנפאַל. איך האָב שוין דעמאָלט אָפּגעמאַכט „עין תחת עין‟, אַ פערד פאַר אַ פערד, אויב מען וועט צונעמען חנניהס פערדל, דערשטעך איך שעיך סעלימס פערד, וועלכעס ער האָט געקריגן אַ מתנה פון אַ שעיך פון יענער זייט ירדן.

— דו, חנניה, — האָט אבו־צדוק געווענדט זיינע לאַכנדיקע אויגן צו חנניהן, — האָסט זיך נישט געלאָזט. דו האָסט זיי פאַר־מיאוסן. אָבער איך האָב שוין מיין געדאַנק צו דערשטעכן שעיך סעלימס פערדל נישט אויפגעגעבן. שעיך סעלים און סאַאיד־בעי האָבן מיך מיט נאָך אראַבער פון דער באַנדע, צעשיקט מיט טרו־מייטן אין די מיילער, צונויפצורופן די אראַבער, ארויסצוגיין צום אָנפאַל. מיר האָבן געשריגן, אַז די יידן האָבן דערהרגעט פיל אראַ־בער, און דער מאָב האָט זיך געלאָזט מיט זייערע ווייבער און קינ־דער קעגן אייך.

— דעמאָלט, — האָט אבו־צדוק מער אויסגעברייטערט זיין געלעכטער, — אין טומל האָט מיין קאָפּ געאַרבעט. איך האָב גע־

זוכט אַ גינסטיקע מינוט. איך האָב מיט מיין האַנט אָנגעהאַלטן פעסט דעם לאַנגן קינזשאַל, וואָס שעיך סעלים האָט מיר צוגע־מיילט, און מיט מיינע אויגן געבלאָנדזשעט צו שעיך סעלימס פערד. פּלוצלינג, ווען שעיך סעלים האָט אַ ווייל זיך פאַרקוקט אויף די פייערן פון מרחביה, האָב איך האַסטיק אַ צי געטאָן דעם קינזשאַל און שנעל אַריינגעזעצט טיף אין סעלימס פערד. איך האָב דאָרט דעם קינזשאַל געלאָזט שטעקן, און גלייך — האָפּ, האָפּ, האָפּ, געשטויסן מיט די פיס אין מיין ווייס פערדלס בויך, און אויסשרייענדיק: „הדא יאהוד", ווי אַ ווינט זיך געלאָזט קיין נהלל, אַנזאָגן די חברים־שומרים. שעיך סעלים מיט די עטלעכע פון זיין באַנדע האָבן גלייך באַגריפן, וואָס דאָ איז פאָרגעקומען, ערשט, אַז איך בין שוין געווען גאָר ווייט, האָב איך געהערט איינצלנע שאָסן אין מיין ריכטונג.

דערציילט האָט אבו־צדוק אַלץ געלאַסן, אָבער די צוהערנ־דיקע האָט עס געהויבן פון די ערטער. ענטוזיאַזם, צעהיצטקייט און איבערראַשונג זענען געוואַקסן פון מינוט צו מינוט. עס איז געווען אַ שטורעם פון באַגייסטערונג און עקסטאַז, און מען האָט אבו־צדוקן נישט געלאָזט פאַרענדיקן.

— וואָס שווייגן מיר, חברים? — האָט איינער אַ יונגער אַרבעטער פון דער קבוצה אויסגעשריגן מיט צעפלאַמטע אויגן.— לאָמיר אבו־צדוקן אויפהויבן אין דער הויך.

אבו־צדוק איז באַלד אויפגעהויבן געוואָרן אויף די הענט, הויך איבער אַלעמענס קעפּ.

— הידד פאַר אבו־צדוק!

— פאַר דעם אָפּגעריסענעם בעדואינער!

— פאַר דעם לאַכנדיקן פּנים! — האָט זיך צולעצט געהערט חנהס אויסגעשריי העכער פון אַלעמענס, און אַלע האָבן זיך אַרומ־געקוקט.

מיט די הענט אָנגעשפּאַרט אויף די קני, איינצוהאַלטן זיך אויף אָן אָרט, קעגן די, וואָס האָבן איר געשטויסן פון הינטן, איז חנה געשטאַנען פון פאָרנט פון רעדל, און מיט ברייט־פאַנאַנ־דערגעעפנטע אויגן, פול מיט וווּנדער, געהאַלטן איינגעגעסן איר בליק אין אבו־צדוקס פּנים.

ער, אבו־צדוק, האָט איר אימפּאָנירט. זיינע העלדישע טאַטן

האָבן זיך בײַ איר צונויפגעמישט מיט זײַן געשטאַלט, און אַט דאָס טונקעלע, לאַכנדיקע פּנים מיט די קרײַזעלעך האָר און קלײנע אײַנגעגראָבענע מאַנדל־אויגן, האָבן אין איר געוועקט געפילן פון פאַרערונג און ליבע.

חנה האָט פאַר זיך געזען אַ נײעם העלד, אַ העלד, וואָס פאַרמאָגט נישט קײן ברײטע פּלײצעס, נישט קײן שטאָלענע, אָנגעצויגענע מוסקולן, נישט קײן גבורישע, ברײטע ברוסט, ווי, צום בײַשפּיל, חצרי, און איז דאָך מער העלד פון אים, חצרין, און די איבעריקע שומרים, און נאָך מער: אבו־צדוק פילט זיך גאָרנישט גרויס מיט דעם, עס איז בײַ אים אַזוי נאַטירלעך, אָן פּרעטענזיעס, זײַן קראַפט איז פאַרבאָרגן אונטער דעם רואיקן געלעכטער.

זי האָט געהאַלטן אײַנגעגראָבן אירע בליקן אין אבו־צדוקן און געזוכט צו באַשײדן די געהײמנים פון זײַן מיסטישן שמײכעלע, וואָס באַהאַלט הינטער זיך אַ גרויסע נשמה, גרייט אָן פראַגן און קווענקלענישן אײַנצושטעלן דאָס לעבן, גײן אין געפאַר פאַר דעם געמײנזאַמען אידעאַל.

— און ווּ איז דײַן ווײַס פערד, אבו־צדוק? — האָט אים אַ שומר אַ פרעג געטאָן.

— חברים, איך בין הונגעריק! — האָט אבו־צדוק געלאַכט. — גיט מיר עפּעס אין מויל אַרײַן און איך וועל אײַך דערצײלן די ענדע פון דער געשיכטע.

חנה מיט נאָך אַ פּאָר חברות האָבן זיך געלאָזט אין קיך און פון דאָרטן געבראַכט אַ שיסעלע מיט באָרשט און הײסע בולבעס.

עס איז אויפגעשטעלט געוואָרן דער טיש, און אבו־צדוק, נעמענדיק דאָס עסן פון חנהס האַנט, האָט געזאָגט, אַלץ מיט דעמזעלבן געלעכטער:

— תודה, חנה, עלמה נחמדה. חי, חי, עלמה נחמדה... (אַ דאַנק, חנה, אַ טײַער מײדל).

פון ערגעץ־ווּ האָט מען אויפגעזוכט אַ זעמעלע, מען האָט געמאַכט קאַווע און געבראַכט עס פאַר אבו־צדוק. די מײדלעך האָבן געזוכט דאָס בעסטע אים צו געבן.

אבו־צדוק האָט זיך צוגעכאַפּט צום עסן, געשלונגען שנעל אַלע צוגעגרײטע זאַכן און געזופּט האַסטיק די מילך פון קריגל. די צונויפגעזאַמלטע חברים זענען נישט אָפּגעטראָטן פון

אָרט. פון דער קאָלאָניע זענען אַנגעלאָפן נאָך מענטשן, ווען מען האָט זיך דערוווּסט, אַז אבו־צדוק איז געקומען. מען האָט געוואָרט, אַז ער זאָל דערציילן, ווו ער איז געווען די דריי טעג נאָכן אי־בערפאַל.

ווען אבו־צדוק האָט געענדיקט עסן, האָט ער מיט דער האַנט אַ שמיר געטאָן איבערן מויל, און אָנגעהויבן:

— פון נהלל בין איך אויף מיין פערדל געלאָפן קיין נצרת, אַריינגעלאָפן דאָרט אין דער קאָמענדאַנטור און אויסגעשריגן, אַז אין מרחביה קוילעט מען יידן און איך בין געשיקט געוואָרן נאָך הילף. דער קאַפּיטאַן מיט דער פּאָליציי האָבן זיך געלאָזט אויף די פערד אויפן וועג קיין מרחביה. דעמאָלט בין איך צוריקגעלאָפן קיין נהלל, דאָרט ביי אונזערן אַ קאָלאָניסט האָב איך איבערגע־לאָזט מיין פערדל, דאָס געווער, אַראָפּגעוואָרפן פון זיך דעם טור־באַן, דעם צעריסענעם כאַלאַט און צופוס זיך געלאָזט צו אייך.

— שעיך סעלים האָט אָבער נישט געקאָנט רוען. דער פאַר־לוסט פון זיין פערדל האָט אים געוויטיאָקט מער, ווי פון צען אַראַ־בער. ער האָט געדורשט נאָך נקמה פון מיר, און האָט אַרויסגע־שיקט רייטער פון זיין באַנדע אויף אַלע וועגן מיך צו זוכן און ברענגען צו אים. עטלעכע מאָל האָב איך זיך אָנגעטראָפן מיט די רייטער. זיי האָבן מיך געפרעגט, צי איך האָב נישט געזען קיין בע־דואינער אויף אַ ווייס פערדל דורכפאָרנדיק. האָב איך זיי אַלעמאָל געזאָגט, אַז יאָ, איך האָב געזען, און זיי אָנגעוויזן אויף אַ זייטיקן וועג, ווו יענער בעדואינער האָט זיך געלאָזט מיט זיין ווייס פערדל.

— אַ גליק, וואָס זיי האָבן דיך נישט דערקענט, — האָט מען אויסגערופן פון עולם.

— אָט פאַר דעם טאָקע האָב איך אָנגעהויבן מורא צו האָבן, — האָט אבו־צדוק געזאָגט, — טאָמער טרעפט מיך איינער, וואָס וואָלט מיך דערקענט, בין איך אַריינגעלאָפן אין אַ וועלדל און דאָרט געלעגן די גאַנצע צוויי טעג. האָב נישט געגעסן און נישט געטרונקען. ערשט די פאַריקע נאַכט האָב איך זיך געלאָזט ווייטער, אויסמיידנדיק דעם ברייטן וועג, און אויסהיטנדיק זיך פון יעדן רייטער. איך האָב קוים דערגרייכט היינט פרי יענעם וועלדל, ווו איך האָב אייך געבעטן איינגראָבן די פרויען־זאַכן. איך האָב דערקענט

דאָס ברעטל מיט דריי שפּיצן, האָב אויף זיך אַרויפגעכאַפּט דאָס קליידל, און אָט בין איך דאָ!

אבו־צדוק איז געבליבן שטיל. דער עולם האָט אָבער ערשט אָנגעהויבן שפּרינגען פון די ערטער. עס איז אויסגעקומען, אַז נישט אבו־צדוק האָט דאָס אַלץ דורכגעמאַכט, נאָר יעדער איינציקער פון גאַנצן עולם. ביי יעדן האָט געקאָכט דאָס בלוט, געדווישט מיט נצחון און אויפרעגונג, ווי מען וואָלט נאָר־וואָס געקומען, ווי אבו־צדוק, פון דעם געפערלעכסטן וועג, און אַליין דערשטאָכן שעיך סעלימס פערד.

— חברים! — האָט חנניה אויסגערופן. — חברים, שטילער, מאָרגן נאָך דער אַרבעט מאַכן מיר אַ חגיגהלע פאַר אבו־צדוקן. מיר וועלן מאַכן אַ סעודה, זינגען און טאַנצן. קיינער זאָל נישט פעלן.

— גוט, גוט, אַ חגיגהלע פאַר אבו־צדוק, אַ חגיגהלע, מיר וועלן אַלע זיין! — האָט מען געשריגן פון אַלע זייטן.

און אויף מאָרגן איז דאָס שמחהלע געפייערט געוואָרן מיט גרויס פּאַראַד.

אויף די אויפגעשטעלטע ברעטער־טישן, באַצויגן מיט ווייסן לייוונט, איז געווען אָנגעוואָרפן פון אַלדאָס גוטס: אַלערליי פּרוכטן, ווי עפּל, מאַראַנצן, וויינטרויבן, איילבירטן, טייטלען, פּאַסן קאַווענעס, האָבן זיך אין הויפנס געקייקלט אַראָפּ פון די טישן. פלעשער וויין מיט זעמל אָן אַ צאָל. אַ גאַנצן טאָג האָבן די קעכינס פון דער קבוצה ספּעציעל געבאַקן פאַר דעם שמחהלע. חברים פון אַלע נאָענטע קאָלאָניעס זענען דורך די שומרים ספּעציעל איינגעלאַדן געוואָרן קיין מרחביה, און זענען אַראָפּגעקומען ווי צו אַ גרויסן יום־טוב.

מען האָט זיך געלאָזט ווילגיין. געקערט אין זיך די פלעשער וויין, געבים, שטייענדיק און זיצנדיק, דאָס צוגעגרייטע עסן. וויצן און שאַרפע ווערטלעך זענען געוואָרפן געוואָרן פון אַלע זייטן און אַרויסגערופן געלעכטער. מען האָט געקיבעצט, אָפּגעלאַכט איינער פון אַנדערן, און זיך מיט דעם געקוויקט מער, ווי מיט דעם עסן.

דער אָנגעגעסענער וויין האָט צענומען די גלידער פון דעם יונגוואַרג. די אויגן זענען געוואָרן פאַרלאָפן, דאָס בלוט באַרוישט, און מען האָט נישט געקאָנט איינזיצן אויף אָן אָרט. די מיילער

האָבן זיך געעפנט אין גרזאַנג, און די פּיס האָבן זיך געהויבן אין טאַנץ.

חנניה האָט געהויבן זיין כּוס אינדערהויך, געשריגן און באַמיט זיך איינצוהאַלטן די פאַרזאַמלטע.

— חברים! — האָט ער געהויבן אהין און צוריק זיין האַנט.— רואיק; איך טרינק מיין כּוס פאַר אונזער העלד, פאַר דעם, וואָס זיין נאָמען וועט בלייבן אין דער געשיכטע צווישן די בויער פון אונזער לאַנד, פאַר — אבו־צדוק!

— הידד, הידד! — האָט מען צוגעשריגן.

אבו־צדוק איז געהויבן געוואָרן אויף די הענט אין דער הויך אין טאַקט פון געשריי, דערנאָך האָבן באַגריסט נאָך חברים. יעדער איינער האָט געפּרוּווט צו זאָגן אַן אַנדער וואָרט, וואָס האָט אויסגעדריקט אַלעמענס געפילן פאַר דעם העלד אבו־צדוק.

באַלד איז אַ קראַנץ, געפלאָכטן פון אַלערליי קאָלירן בלומען, אויפגעהויבן געוואָרן אין דער הויך איבער אַלעמענס קעפּ. מען האָט זיך אַרומגעקוקט, און דערזען חנהן, שטייענדיק אויף אַ בענקל.

— חברים!—האָט זי געדרייט דעם קראַנץ אין דער לופטן.— דעם קראַנץ בלומען האָב איך געפלאָכטן פאַר אונזער העלד. לאָמיר אים, חברים, אַרויפטאָן אויף זיין קאָפּ. דאָס איז אַ נצחון־קראַנץ פאַר דעם העלד, וואָס דאַרף דינען פאַר אַ מוסטער פאַר אַלע. צו זיינע העלדנטאַטן דאַרף מען ניט קיין מוסקולן, נאָר אַ גרויסע נשמה. הידד פאַר אונזער ליבסטן, אָפּגעריסענעם פּערד־שטעכער אבו־צדוק, הוראַ!

ביי די ווערטער איז זי האַסטיק אַראָפּגעשפּרונגען פון בענקל, צוגעלאָפן צו אבו־צדוקן, אַרויפגעוואָרפן דעם קראַנץ אויף זיין קאָפּ און, אַרומגעמענדיק אים אין אירע אָרעמס, אָפּגעפּרעסט אויף זיינע באַקן אַ לאַנגן, קלינגענדיקן קוש.

דער עולם האָט אַנטציקט אָנגעקוקט די סצענע, און אַרויסגעהילכט אין אַ געוואַלטיקן הידד־געשריי.

אבו־צדוק מיט דעם קראַנץ אויפן קאָפּ איז געשטאַנען אַ צעטומלטער. זיינע אייגעלעך זענען געלאָפן שנעל אַרום און אַרום און אַ בלאַסע פאַרב האָט באַגאָסן זיין טונקעלן פּנים. ער האָט אָנגעגאָסן אַ גלאָז וויין, עס אויפגעהויבן אין דער הויך:

— לחיים, חברים! — האָט ער אויסגעשריגן. — לחיים פאַר

אַלע בויער פון לאַנד. לחיים פאַר אונזער חברה חנה, פאַר איר שווי־נער מתנה, פאַר דעם קראַנץ בלומען און פאַר דעם קוש. איך וועל לאַנג פילן דעם זיסן טעם דערפון.

מען איז אריבער צו טענץ. עס איז מיטאַמאָל אַלץ אָפּגערוימט געוואָרן, און אויפן ליידיקן, ברייטן פּלאַץ האָט מען זיך אוועק־געלאָזט אין אַ קאַראַהאָד. יידן־קאָלאָניסטן, ווייבער און קינדער, שומרים און אַרבעטער, אַלע האָבן זיך איינציקווייז אַריינגעוואָרפן אין רעדל. האַנט אין האַנט האָט מען זיך געווירבלט און געדרייט, און געטופּעט אַלץ שטאַרקער און שטאַרקער מיט די פיס. לאַנג האָט מען זיך אַזוי געוויגט און געדרייט, האַלטנדיק אָפן די מיילער אין געמישטן געזאַנג. ביז די פיס, מידע, האָבן מער נישט געוואָלט פאָלגן, די ערד האָט זיך ווי געבויגן אונטער זיי, און כאַפּנדיק שווער דעם אָטעם, האָט מען זיך אָפּגעלאָזט די הענט און געפאַלן פאַרמאַטערטע אויפן גראָז, זיך אָפּצורוען.

דאַן האָט אבו־צדוק אַרויסגענומען זיין לאַנגע פלייט, און צו־נויפקנייטשנדיק זיינע אייגעלעך, אַזוי, אַז עס איז נאָר פאַרבליבן ווי אַ דינער שפּאַלט, אָנגעהויבן אַרויסגעבן אַ דינעם פייפעריי.

אבו־צדוק האָט אויף דער פלייט אויסגעפייפט אַן אומעטיק פּאַסטוך־לידל, וואָס ער האָט געקענט פון זיין יוגנט. אַ מאָנאָטאָנער ניגון, פול מיט בענקשאַפט, האָט זיך געקייקלט ווי פון ערגעץ ווייט, געוויקלט זיך אין גראָז, בוים, באַרג און טאָל, און געוועקט פאַר־באָרגענעם אומעט. אַ זיסע בענקשאַפט און גאַרונג צו עפּעס אומ־באַוווסטעס, האָט זיך געגאָסן אין יעדנס האַרצן. עס איז צוגעפאַלן די נאַכט. שאָטנס האָבן זיך געלייגט אַרום, און קיינער האָט דאָס נישט געפילט. אבו־צדוקס מעלאָדיע האָט אָנגעפילט די לופט, אַלע זענען געוואָרן שטיל, ווי איינגעוויגט פון זיין שפּילן.

— היי, חברים! — האָט פּלוצלינג איבערגעהאַקט אַ שומר. — וואָס איז היינט, תשעה־באב? שנעלער, צוריק אין טאַנץ! זאָל חנה טאַנצן אַ קאָזאַצקע!

חנה האָט זיך נישט געלאָזט בעטן. פלינק האָט זי זיך געגעבן אַ הויב אויף פון אָרט און אוועקגעלאָזט זיך אינמיטן פּלאַץ. אבו־צדוקס מעלאָדיע האָט איר דערמאָנט אָן איר קינדהייט. זוועצק, איר טאַטע, ר׳ שמואלקע, און די אַלע חסידים זענען איר געקו־

מען אויפֿן זכרון. עס זענען פֿאַר איר אַרויסגעשוווּמען יענע טענץ בײַם טאַטן אין שטיבל, און מיט פֿאַרמאַכטע אויגן האָט זי זיך איצט איבערגעטאַנצט. זי האָט געשוועבט שיין, ריטמיש, געהויבן די פֿיס, איינעם נאָך דעם אַנדערן, אין געמאָסטענע באַוועגונגען. איר ווײַס קליידל האָט זיך געקנייטשט אין אַ וויכער־ווינט, און ווי ווײַסע כוואַליעס געמיניעט זיך אין דער בלויקייט פֿון דער נאַכט, און געוואָרפֿן איבער איר מיט שלייערן.

און דאַן איז אבו־צדוק איר אַרויס אַנטקעגן אין אַ „קאַזאַצקעלע". ער האָט אָנגעהויבן שפּרינגענדיק, קונציק איבערוואַרפֿנדיק די פֿיס אין גלאַנציקע שטיוועלעך, איינער איבערן אַנדערן. ער און חנה פֿלעגן זיך אַלע ווײַלע דערנענטערן איינער צום אַנדערן מיט די פּנימער, און באַלד אָפּשפּרינגען אויף צוריק, טאַנצנדיק אויף הינטערווײַלעכץ און דערווײַטערנדיק זיך. אָט האָט חנה געשיקט אַ פֿוס פֿאָראויס און אבו־צדוק האָט איר געענטפֿערט מיט זײַן לינקן פֿוס; אָט זענען זיי ווידער איינער לעבן דעם אַנדערן, און אָט דרייען זיי זיך מיטאַמאָל האַסטיק אויס און דערווײַטערן זיך צוריק, צוריק. ענדלעך אָבער קומען זיי זיך ווידער צונויף, נעמען זיך אָן בײַ די הענט און טאַנצן בײדע אין טאַקט, שפּרינגענדיק פֿלינק פֿון איין פֿוס אויפֿן צווייטן, און פֿאַרפֿלאָנטערנדיק זיך צוזאַמען. עס איז געווען אַ געמיש פֿון אַ תּימנער טאַנץ מיט אַ חסידישער האָפּקע פֿון פּוילן, וואָס האָבן זיך צונויפֿגעגאָסן אין איין האַרמאָניע.

זיי האָבן געענדיקט. אַ לאַנגע פּאַטשערײַ האָט פֿאַרהילכט די לופֿט.

— גרויסאַרטיק, גרויסאַרטיק! — האָט מען געשריגן פֿון אַלע זײַטן.

חנה און אבו־צדוק האָבן זיך צוגעזעצט אויפֿן גראָז, נישט ווײַט איינער פֿון אַנדערן און געשוויגן. אבו־צדוק האָט געלאַכט מיט זײַן שטענדיקן געלעכטער, און חנה האָט געקוקט אין דער ווײַטער בלויקייט מיט ברייטע, אָפֿענע אויגן. אַ נײַער געפֿיל איז אין איר אויפֿגעגאַנגען; אַ געפֿיל פֿון ליבשאַפֿט צו אבו־צדוקן.

קאַפּיטל זיבעצן

וואָכן זענען אריבער, זינט יענע גרויסע געשעענישן אין מרחביה, און זאב חצרי האָט זיך פּלוצלינג ארומגעקוקט, אַז אין חנהס געפילן צו אים איז אריינגעטראָטן אַן ענדערונג.

ווי פריער, ווען גבריאל איז נאָך געווען, האָט ער אָנגעהויבן שפּירן, אַז עפּעס אַ נייע געהיימניס פאַרשלייערט ווידער אירע אמתע געפילן צו אים. שפּעטער, ווען גבריאל איז פאַרשוווּנדן פון מרחביה, און אַלץ האָט זיך אויפגעקלערט, איז שוין חנה פאַר אַ שטיקל צייט געווען גאָר נאָנט צו אים. ער האָט געהאָפט, אַז נאָך אַ קורצע צייט וועט פאַראיבער, און זיי וועלן חתונה האָבן. ער האָט וועגן דעם גערעדט מיט חנהן, און זי האָט שוויגנדיק איינגעשטימט. איצט אָבער, זינט דער געשיכטע מיט אבו־צדוק, האָט אַ נייע געהיימניס איינגעהילט איר וועזן. ער האָט צוריק געזען פאַרחלומטקייט אין אירע אויגן, און ווען ער האָט איר געפרעגט דעם באַדייט, האָט זי געזאָגט: „לאָמיר נאָך דערווייל וועגן דעם נישט רעדן, עס איז נאָך דאָ צייט״.

אָנגעשטויסן האָט זיך חצרי, אַז די סיבה איז אבו־צדוק. חנה איז באַצויבערט פון אים. ער האָט עס געזען זינט יענער חגיגהלע, ביינאַכט, ווען זי האָט אבו־צדוקן אָנגעטאָן דעם קראַנץ בלומען און געגעבן אַ קוש. דערנאָך פלעגט אבו־צדוק מיט חנהן אָפט פאַרברענגען, און שטענדיק זענען ביי חנהן געשטאַנען ווונדער אין אירע גלאַנציקע אויגן. ער האָט געקאָנט יענעם אויסדרוק פון אירע בליקן. אויך אויף אים האָבן זיי אַזוי אַמאָל געקוקט. איצט אָבער געהערט איר צוויבער צו אַן אַנדערן. נישט באַגריפן האָט חצרי, וואָס אַזוינס האָט חנה דערזען אין אבו־צדוקן. ער האָט נישט ווילנדיק געוואָרפן אַ בליק אויף זיך אַליין, פאַרגליכן זיין אייגענע ריזיקע פיגור מיט דעם קליינינקן, מאָגערן תימנער, אבו־צדוק, און ער האָט זיך געפילט ווי באַליידיקט, וואָס חנה קאָן אים וועלן אויסבייטן אויף יענעם. ער האָט אבו־צדוקן נישט געקאָנט אָננעמען פאַר קיין „קאָנקורענט״ און נישט געקאָנט פילן קיין אייפערזוכט צו אים. ער איז ביי זיך געווען זיכער, אַז איר פאַרליבטקייט צו אבו־צדוקן וועט לאַנג נישט אָנהאַלטן. דאָס האַלט איר אין געפאַנגענשאַפט איר פאַרגעטערונג פון העלדן און זייער העלדנמוט פאַר דער אידעע פון בויען

דאָס לאַנד, וועלכע האָבן אויף איר אַ צויבער־קראַפֿט. היינט האַלטן נאָך אַן אבו־צדוקס מעשים, זיי וועלן זיך אָבער אויסוועפּן און חנה וועט זיך אין הארצן צוריקקערן צו אים.

חצרי האָט זיך באַמיט צו האַלטן רואיק און נישט צו רעדן מיט חנהן וועגן דעם. זאָל זי נישט וויסן, אַז ער שטויסט זיך אָן, וואָס ביי איר אין הארצן קומט פאָר. ער האָט זיך אויסגעהיט נישט צו רעדן אויף אבו־צדוקן קיין שלעכט וואָרט, אים נישט צו דער־נידעריקן אין אירע אויגן. פון דערפאַרונג מיט גבריאלן האָט ער גע־דענקט, וואָס חנה האָט אים דערציילט, אַז דורך גבריאלס אָנרעדן אויף אים, חצרין, האָט זי גאָר אים, חצרין, נאָך מער ליב באַקו־מען, און גבריאל איז ביי איר געוואָרן אַלץ קלענער אין אירע אויגן. קאָן דאָך איצט דאָסזעלבע פּאַרקומען מיט אים. ניין, ער וועט בע־סער האָבן געדולד. ער וועט זיך נישט קליין מאַכן אין אירע אויגן. ער וועט נאָך, פאַרקערט, מער לויבן אבו־צדוקן, לויבן זיינע וווּנ־דערבאַרע העלדנטאַטן, און ווען עס וועט קומען אַ געלעגנהייט, וועט ער, חצרי, אויך זיך אויסצייכענען. ער וועט ווייזן, אַז ער פאַר־מאָגט אויך ליבע צום לאַנד, און חנה וועט זען, וועט זיך איבער־צייגן.

ער האָט זיך געטרייסט און זיך פאַרגעשטעלט אין דער פאַנ־טאַזיע, ווי ער וועט ביי אַ געלעגנהייט קעמפן מיט אראַבער, וואָס וועלן אים באַפאַלן. ווי ער וועט ווייזן שטאַרקייט און פלינקייט, ער וועט זיי יאָגן רעכטס און לינקס, ער וועט קומען אין מרחביה שטאָלץ, ווי אַ זיגער, אַלע וועלן אים באַגעגענען מיט כבוד, און חנה וועט מיט אירע פייכטע אויגן, פול מיט התפעלות, אים אַריינ־קוקן אין פנים, וועט פלאָנטערן אירע לאַנגע פינגער אין זיינע גע־קרייזלטע האָר און שעפּטשען ווי פריער:

— איך האָב דיך ליב, זאב, איך האָב דיך אַזוי ליב...

אויסגעקוקט האָט חצרי אַ מעגלעכקייט צו ווייזן העלדנשאַפט, אַ באַגעגעניש און אַ קאָנפליקט מיט אראַבער, וואָס יעדער שומר האָט גראָד געוואָלט פאַרמיידן, און אַזאַ געלעגנהייט האָט דעמאָלט, אין די נאָכווייענישן פון די גרויסע איבערפאַלן, אויף זיך לאַנג נישט געלאָזט וואַרטן.

עס זענען אריבער די ליכטיקע לבנה־נעכט פון ערשטן האַלבן חודש, און דער הימל האָט זיך, אָנשטאָט בלוי, באַצויגן מיט

שוואַרצן סאַמעט, באַפּוצט מיט בריליאַנטן־שטערן. די שיין איז גע־ווען שוואַך, און אין וועלדל אין צפון־זייט פון מרחביה, אין שאָטן פון די אָנגעזעצטע הויכע אַקאַליפּטוס־ און ברושים־ביימער, איז גע־ווען אַ געדיכטע פינסטערניש.

אין אַזאַ נאַכט איז חצרי איינמאָל אַליין געריטן פאַרביי דעם וועלדל. אַ פּאָר קילאָמעטער ווייטער פון וועלדל, ביי די פעלדער, האָבן זיך געפונען נאָך צוויי חברים־שומרים. האָט איינער פון זיי מיטאַמאָל געקריגן קרעמפּיקע ווייטאָקן אין בויך. איז איין חבר גע־בליבן מיטן קראַנקן, און ער, חצרי, איז איילִיק אַוועקגעריטן אין דער קאָלאָניע נאָך רפואות, איינצושטילן די ווייטאָקן.

ער האָט אונטערגעטריבן דאָס פערדל, צו לויפן שנעלער, אָבער אַריינפאָרנדיק אין וועלדל, האָט ער פּלוצים פאַרנומען אַ שאָרך צווישן די ביימער, און אַ שטאַרקער פייף האָט דורכגעשאַלט דורך דער פינסטערניש. ער האָט זיך נאָך נישט באַוויזן אַרומצוקוקן, ווי ער האָט דערהערט דאָס באַקאַנטע אַראַבישע וואָרט, אַרויסגעלאָזט מיט אַ גרילצנדיקער שטימע — אָנדאָק! (שטיי!).

פיר רייטנדיקע אַראַבער, צו צוויי פון ביידע זייטן וואַלד, מיט ביקסן גרייט אין די הענט, אויסשטעלנדיק זיך מיט די פערד אין דער ברייט, האָבן אים פאַרשטעלט דעם וועג.

— אַראָפּ פון פערד! — האָט איינער אויסגעשריגן צו אים, האַלטנדיק די ביקס האַרט צו זיין ברוסט.

חצרי האָט זיך אַרומגעקוקט. דורך דער פינסטערניש האָבן צו אים דורכגעדרונגען די אומהיימלעכע פייערדיקע בליקן פון די אַראַבער, מיט די מיילער פון די ביקסן אָנגעשטעלט אויף אים פון אַלע זייטן. ער האָט נישט געקאָנט מאַכן די קלענסטע באַוועגונג.

— איך פאַלג, — האָט ער געזאָגט און איז אַראָפּ פון פערד.

— יאַהוד, — האָט איינער געזאָגט, — וואַרף אַראָפּ פון זיך דאָס געווער.

חצרי האָט אויסגעטאָן די ביקס און שווערד, און אָפּגעגעבן דעם אַראַבער.

די אַראַבערס פייערדיקע בליקן האָבן אים ווי ברענענדיקע שפּיזן געשטאָכן אין האַרצן.

— טו אויס די שטיוול! — האָט ווידער יענער באַפוילן.

חצרי האָט לאַנגזאַם אָנגעהויבן ציען די שטיוול פון די פיס.

זיין האַרץ האָט געקלאַפּט, ווי מיט האַמערס. אַ געפּיל פון שאַנדע האָט געמאַכט אויפברויזן זיין בלוט. אין מוח זענען אים דורכגע־לאָפן די נעמען יגאל, חנניה, ווי זיי האָבן זיך דורכגעריסן דורך אזוינע באַנדעס, און זיך באַפרייט, און ער לאָזט זיך דערנידעריקן. ווען די חברים זעען, ווי ער ציט די שטיוול, ווען חנה זעט עס...

ביי דער דערמאָנונג וועגן חנהן, האָט ער אויפגעציטערט. ווי אַ בליץ איז אים דורכגעלאָפן אַ געמישטער געדאַנק. איצט איז די צייט. ניין, ער, חצרי, וועט נישט זיין אַ שוואַכלינג, וועט נישט קו־מען אַ באַרוועסער אהיים. ער איז אַ העלד.

ווען דער עלטסטער פון די רויבער, אריבערגעוואָרפן מיט אַן אַבּאַיע אויף די פּלייצעס, איז אזוי געשטאַנען מיט דער ביקס לעבן אים, האָט ער, חצרי, בוייגנדיק זיך אַראָפּצוציען דעם אַנדערן שטיוול, אים פון אונטן מיט קראַפט דערלאַנגט אַ געוואַלטיקן שטויס אין בויך מיט זיין פוס. דער אַראַבער האָט אַרויסגעלאָזט אַ געשריי און איז אומגעפאַלן. אין דעמזעלבן אויגנבליק האָט חצרי אַ ריס געטאָן די ביקס פון זיין האַנט, און איידער די איבעריקע דריי האָבן באַ־וויזן זיך אומצוקוקן, האָט ער זיי אָנגעהויבן שלאָגן מיט דעם הענטל פון דער ביקס, רעכטס און לינקס. באַלד האָט ער בליץ־שנעל אַרויפ־געכאַפּט זיך אויף זיין פערד, און מיט איין באַרוועסן פוס און אין איין שטיוול, שטאַרק געשטויסן זיין פערד אין בויך. דאָס פערד האָט זיך צעשפּרונגען און זיך אָנגעהויבן טראָגן אין דער לופטן, אין אַ ווילדן גאַלאָפּ.

חצרי האָט געצויגן די לייצעס מיט קראַפט. שוים איז אים גע־לאָפן פון די ליפּן. די אויגן זענען געווען ווילד, צעפלאַמט. ער האָט זיך נישט געלאָזט דערנידריקן. ער האָט געזיגט, אָבער פּלוצלונג האָבן זיך דערהערט קנאַלן פון ביקסן. די שאָסן זענען געקומען נישט פון הינטן, פון וואַנען ער איז געלאָפן, נאָר פון צווישן די ביימער אין וועלדל. זיין פערד האָט מיטאַמאָל אויפגעהויבן די פאָדערשטע פיס גאָר הויך, ווי אין דער לופטן, און באַלד זיך אַראָפּגעלאָזט אויף דער ערד, אומוואַקלענדיק זיך און פאַלנדיק אויף דער ערד.

חצרי איז אומגעפאַלן גלייך מיט׳ן פערד. ער האָט זיך באַלד אויפגעהויבן, און דערזען, ווי צוזאַמען מיטן ווייסן שוים אַרום פערדס מויל, פון צערייצטן געלאַף, האָט אויך גערונען אַ דינער

שטראָם וואַרעם בלוט. אַ קויל האָט דעם פערד צעלעכערט דעם קאָפּ.

די שאָסן האָבן זיך דערווייל געהאַלטן אין דערנענטערן זיך. הצרי האָט זיך אויסגעלייגט אויף דער ערד, פאַרשטעלט זיין קאָפּ אונטער דעם בויך פון גוססן פערד, און געענטפערט מיט שאָסן אין דער ריכטונג, פון וואַנען עס האָט זיך געטראָגן די קאַוואַלעריי צו אים.

באַלד אָבער האָט זיך די שיסעריי פאַרשטאַרקט. הצרי האָט איצט געדאַרפט זיך פאַרטיידיקן פון צוויי זייטן: פון די באַהאַלטענע אַראַבער אין וואַלד, און פון די פריערדיקע, וועלכע זענען דערווייל געקומען צו זיך פון דער איבערראַשונג, און געלאָזט זיך אין געיעג נאָך אים. שוואַרצע שאָטנס פון פערד און רייטער, האָבן זיך אין דער פינסטערניש געטראָגן גלייך אויף אים. ער האָט געצילט אין יענע שאָטנס. איינס, צוויי, און אַ שאָטן האָט לויפנדיק זיך אַראָפּגעקייקלט פון פערד. אָט צילט ער אין צווייטן שאָטן, — אָבער פּלוצלינג האָט זיך פון זיין מויל אַרויסגעריסן אַן אויסגעשריי. ער האָט דערשפּירט ווי אַ ברען האָט דורכגעדרונגען זיין ברוסט, פייערדיקע רעדער האָבן זיך אים אָנגעהויבן דרייען פאַר די אויגן, און עס איז מיטאַמאָל געוואָרן פינסטער. הצרים הענט האָבן שוואַך אָפּגעלאָזט דעם גרייף פון דער ביקס, און ער האָט פאַרוואָרפן דעם קאָפּ. — — — — — — — — — — — — — — — — —

קאַפּיטל אַכצן

אין אַ טייך בלוט האָבן די חברים געפונען אויפן פאַרטאָג הצרין ליגנדיק אויפן וועג. דער קאָפּ איז ביי אים געווען פאַרוואָרפן ביים קאָפּ פון זיין טויטן פערד.

חברים האָבן אים געבראַכט צו טראָגן אויף אַ בעטל קיין מרחביה.

דער גאַנצער געגנט פון דעם עמק אַרום איז ווידער אויפגערודערט געוואָרן פון דער געשיכטע. צו דער רייע העלדן פון די יידישע שומרים איז איצט צוגעקומען דער נאָמען הצרי. ער האָט געהאַט דערשאָסן איין אַראַבער צום טויט, און צוויי פאַרוווּנדעט.

הצרי איז אָבער געלעגן אין אַ הויז אין מרחביה, און גע־

שוועבט צווישן לעבן און טויט. חנה איז געזעסן לעבן אים, און נישט אָפּגעטרעטן פון זיין געלעגער. זי האָט נאָכאַנאַנד געקוקט אויף דעם געלן פּנים, מיט די פאַרמאַכטע אויגן, פון וואָס נאָר זיין שטענדיק גוטמוטיק שמייכעלע, שוועבנדיק ווי אין דער לופטן איבער אים, האָט נאָך געהאַלטן דעם שוואַכן צוזאַמענבונד מיטן לעבן. איר האַרץ איז געווען פול, און געשפּאַרט טרערן צו די אויגן. איר בליק איז געווען פייכט. ערשט איצט האָט זי דערפילט, אַז זי האָט אים ליב געהאַט, און טאַקע נאָר אים אַליין. זי איז געזעסן און געגלעט זיין קאַלטן שטערן, געפירט מיט די הענט איבער זיין פּנים, ווי זי וואָלט אים וועלן דערוואַרעמען, אויפוועקן מיט איר באַרירונג.

— זאב, — האָט זי געמורמלט מיט אַ קול געשטיקט פון טרערן, — דו וועסט געזונט ווערן. מיר וועלן ביידע זיין גליקלעך. די דאַרפסט זיין שטאָלץ.

חצרי איז געלעגן אומבאַוועגלעך. זיינע אַטלעטישע פּלייצעס האָבן זיך אויסגעשניטן אויף דעם קלאָרן בעטל מיט זיינע שאַרפע ליניעס. ווי עס וואָלט געווען אַ קאַלטער שטאָלענער ביוסט. נאָר ביי די ליפּן האָט זיך אַ לייכטער קנייטש באַוויזן. צי האָט ער געהערט חנהס רייד? —

און חנה האָט געצויגן אירע פינגער איבער זיין קערפּער, אָנגענומען זיין קאַלטע האַנט, וואָס איז שווער און מאַכטלאָז געהאָנגען אין אירער, און ווידער גערעדט:

— זאב, — האָט זי געשעפּטשעט, — איך האָב דיר פאַרשאַפט צער, איך האָב באַוווּנדערט אַנדערע העלדן, ווען דו האָסט באַוויזן, אַז אונזער אידעאַל, אונזער לאַנד, איז ביי דיר טייערער פון דיין לעבן. די גאַנצע באַוווּנדערונג קומט דיר. מיין זאב, דו מוזט געזונט ווערן. איך דאַרף דיר אָפּצאָלן פאַר דיינע ווייטאָקן.

אָבער חצרי איז נישט געזונט געוואָרן.

דריי טעג איז ער אַזוי געלעגן באַוווּסטלאָז באַהויכט פון חנהס וואַרימען אָטעם און צערטלעכע רייד. איינמאָל נאָר האָט ער פאַר דער צייט אָן עפן געטאָן די אויגן, אָנגעקוקט אַ ווײַלע חנהן מיט אַן אויסגעגלאָצטן, פאַרגליווערטן קוק, האָט עפּעס אַ באַוועג געגעבן מיט די ליפּן, אין אַן אומפאַרשטענדלעכן געמורמל, און האָט די אויגן צוריק פאַרמאַכט.

אויפן פערטן טאָג האָט ער אויסגעהויכט זיין לעצטן אָטעם.

חצרים טויט האָט אַריינגעוואָרפן אין טרויער אַלע יידישע קבוצות און קאָלאָניעס אין עמק. פון דגניה און גליל, פון די אַרומיקע קאָלאָניעס, זענען די שומרים און אַרבעטער זיך צונויפגעקומען צו דער לויה, און ביי די דיזאזיקע פאַרהאַרטעוועטע מענטשן, דורכגענומען מיט ליידן און נסיונות, האָבן די אויגן געפייכט מיט טרערן.

א לאַנגע פּראָצעסיע האָט זיך געצויגן צום וועלדל, ווו מען האָט פאַר אים א קבר געגראָבן, אויף דעם אָרט, ווו ער איז געפאַלן אין קאַמף. די שומרים אין זייערע קליידער, רייטנדיק אויף פערד, מיט וואָפן אין די הענט, די אַרבעטער אין געשלאָסענע רייען צו־פוס, האָבן זיי אַלע מיט אַראָפּגעלאָזטע קעפּ, און שטומע בליקן, באַגלייט א פריינט, א חבר, וואָס איז געפאַלן אויף זיין פּאָסטן. מען האָט דעם ארון מיטן טויטן קערפּער צוגעטראָגן אויף די הענט ביז צום קבר.

איין גרויסער יאָמער האָט פּלוצלונג א שניט געטאָן די שטיל־קייט און זי צעריסן אויף צוויייען. חנה האָט זיך מער נישט גע־קאָנט באַהערשן און אויסגעבראָכן אין א שרעקלעכן געוויין. צוויי חברות האָבן זי גענומען אונטער די הענט. מען האָט זי אונטער־געהאַלטן, אָבער זי האָט זיך אַליין געריסן פאָרויס.

מען האָט זיך אָפּגעשטעלט ביים קבר, און חברים האָבן איינע נאָך די אַנדערע געהאַלטן קורצע רעדעס. עס האָט גערעדט חנניה, אָנפירער פון די שומרים אין מרחביה, עס האָבן גערעדט פאָר־שטייער פון די שומרים אין די איבריקע קאָלאָניעס, עס האָט גע־רעדט אבו־צדוק. אין פאַרשידענע אויסדרוקן האָבן זיי אַלע גע־לויבט דעם געפאַלענעם, וואָס האָט מיט זיין בלוט פעט געמאַכט די פעלדער פון עמק, און צוגעזאָגט, אז ער וועט זיי דינען פאַר א מוסטער, און זיי וועלן אויך גרייט אָפּגעבן זייער לעבן פאַר דעם אויפבוי פון אונזער לאַנד.

צולעצט האָט זיך חנה א ריס געטאָן פון א חברה, האָט אויפ־געהויבן א פויסט אין דער הויך, און פלאַמענדיק מיט גלאַנציקע אויגן אויסגעשריגן:

— זאבו! כאָטש דו אַליין האָסט שוין גענומען נקמה פאַר דיין בלוט, דאָך שווער איך, אז איך וועל נישט רוען. איך וועל

שטענדיק דיך געדענקען. איך וועל נאָכטאָן דיין ביישפּיל, און וועל אויך מיט מיין לעבן קעמפן פאַר אונזער אידעאַל.

קאַפּיטל ניינצן

אָנגעקומען איז די וועלט־מלחמה. מיט פייער, שווערד און אייזן האָבן מענטשן זיך געוואָרפן איינע אויף די אַנדערע אומצו־ברענגען, פאַרניכטן.

עס איז שוין געווען אַ היפּשע צייט, נאָכדעם, ווי די דייטשע אַרמעען האָבן געשטופּט די רוסן אַלץ מער צו מזרח, און זוועצק, ווי גאַנץ פּוילן, איז געוואָרן אָקופּירט פון דייטשן מיליטער.

עס איז שוין לאַנג געווען פאַרשוווּנדן דער פאַרבאָרגענער ווונטש ביי פיל יידן אין אָנפאַנג מלחמה, צו זען די דייטשן, וועל־כע רעדן ענלעך צו יידיש, זענען איידעלע לייט, און צו פּטור ווערן פון „פאָניען". מען האָט שוין דעם „דייטש" לאַנג געהאַט, פאַרזוכט זיין טעם, און מען האָט טיף אין הארצן באַדויערט, וואָס דער רוס איז אוועק, און חרטה געהאַט אויף יענע פאַרלאַנגען.

ערשט איצט, אונטער דער דייטשער מיליטערישער הערשאַפט, האָט מען דערפילט די קראַפט פון „אייזערנעם קולאַק" טאַקע אויף זיך אַליין. יונג און אַלט, מענער און פרויען, אַלע האָבן דער־שפּירט דעם קלעם, אין וועלכן מען איז אריינגעפאַלן. די מענער, פון אַכצן יאָר ביז פערציק, האָט מען פון די בעטן געשלעפּט, זיי אויסגעשטעלט אין געשלאָסענע רייען, און אונטער דער וואַך פון סאָלדאַטן, ווי געפאַנגענע, זיי געפירט מיט געוואַלט צו גראָבן טראַנשעען פאַרן מיליטער, אָן שום באַצאָלט. די פרויען זענען פאַרשמאַכטע אַרומגעלאָפן איבער די גאַסן, ערגעץ ווו צו קריגן אַ שטיקל ברויט פאַר זיך און זייערע מענער און קינדער.

עס איז געווען די צייט, ווען דייטשלאַנד איז געווען אַרומ־בלאָקירט פון דער גאַנצער וועלט, און געליטן אַ מאַנגל אין שפּייז־פּראָדוקטן. אין דייטשלאַנד אַליין האָט מען געהונגערט. מען האָט יעדן אויסגעטיילט ברויט אויף קאַרטן. אויך די אַרמעע האָט מען באַזאָרגט מיט „ערזאַץ", אַזוינע געמישטע בולבע־מעל, מאַרמע־לאַדע, און אַנדערע מינים, מער ווי מיט ברויט. ביי אַזוינע באַ־

דינגונגען האָט מען דאָך נישט געקענט דערוואַרטן, אַז די איינגע־נומענע, אָקופּירטע שטעט, זאָלן לעבן אין זאַטקייט און וווילטאָג, זענען טאַקע באַלד נאָכן אָקופּירן די פּוילישע שטעט אויסגעקלעפּט געוואָרן גרויסע, רויטע אַפישן, אַז אַלע תבואות און עס־פּראָדוקטן זענען רעקווייזירט. קורץ נאָכדעם זענען געקומען נייע מעלדונגען, אַז אויך רוי־שטאָפן ווי: וואָל, פלאַקס, לעדער און פוטערוואַרג, זענען רעקווייזירט פון דער אַרמעע, און אַלץ מוז „זאָפאָרט" גע־בראַכט ווערן אין קאָמענדאַנטור, אונטער דער דראָאונג פון אַ שווערן שטראָף.

האָט מען זיך אָנפאַנגס נישט ווייסנדיק געמאַכט פון די באַ־פעלן. מען איז געווען צוגעוווינט צו דער רוסישער אָפּגעלאָזענער הערשאַפט, אַז די מלוכה מעג זיך מאָנען, און דעם עולם גייט עס נישט אָן. דערצו האָט דער פּויער אויפן דאָרף, וועמען די באַפעלן האָבן אָנגערירט צו מערסט, גאָר נישט באַגריפן וואָס מען וויל פון אים; שוין זשע וועט מען צונעמען ביי אים דעם ווייץ און קאָרן, וואָס ער האָט אַליין געזייט און געשניטן אויף זיין איינגע־נער ערד? אָדער די וואָל, וואָס ער האָט אַראָפּגענומען פון זיינע אייגענע שעפּסן?

האָבן אָבער באַלד די דייטשן געוויזן אַ שטאַרקע האַנט, וואָס האָט דעם תמעוואַטן פּויער געמאַכט אויפעפענען די אויגן אין וווּנדער, און ער האָט דערשפּירט די צרה, וואָס רוקט זיך אויף אים אָן.

דיקע זשאַנדאַרן, מיט פולע רויט־אָנגעגעסענע פּנימער, אין שפּיציקע, שטאָלענע העלמען אויף די קעפּ, אָנגעקליידט אין גרינע מונדירן מיט גלאַנציקע בלעכן אויף די הערצער, זענען אַראָפּגע־קומען אויף פעטע געבאַרשטע פערד, און געלאָזט זיך לויפן הין און צוריק איבער די שמאָלע געסלעך פון די דערפער. זיי זענען געגאַנגען פון איין נידעריקן הייזל צו דעם אַנדערן, קלינגענדיק מיט די שפּאָרן אויף די געלע שטיוול, שרייענדיק מיט גאָרגלדיקע קולות אויף אַ פרעמדער שפּראַך, פון וואָס ביי די פּויערים האָט געציי־טערט די הויט אויף זיך, און געטריבן די פּויערים צו עפענען פאַר זיי די שייערן. שפּעטער האָבן זיי געגנוויט מיט נאַגייקעס אין די הענט די פּויערים צו שפּאַנען זייערע פערד און וועגענער, אָנלאָדן

עס פול מיט זעק תבואה, און פעק וואָל און פלאַקס, און עס פירן אין שטאָט צו דער קאָמענדאַנטור.

געצויגן האָבן זיך אַזוינע לאַנגע רייען פון אָנגעלאָדענע פורן, מיט די פויערים, נאָכגייענדיק ביי די זייטן מיט אַראָפּגעלאָזטע קעפּ, ווי אבלים ביי אַ לויה, באַגלייט פון פאָרנט און פון הינטן מיט די שפּיציקע זשאַנדאַרמען מיט די בלעכן אויף די הערצער, גאַלאָפּירנדיק הין און צוריק, ווי שפּילעוודיק אויף זייערע גלאַנציקע פערד.

דערשמעקט האָט דער פויער, אַז ער איז אַריינגעפאַלן, און שטום זיך אונטערגעגעבן. ער האָט שטום געפאָלגט, שטום גענומען זיין גורל, נישט געזוכט קיין עצות.

נישט אַזוי איז אָבער געווען מיט די יידן אין שטעטל. זיי, די פויערים, אויף זייער אייגענער ערד האָבן זיך געקענט פאַרגינען שווייגן. פאַר זיך אַליין האָט מען נאָך ווי עס איז געהאַט ברויט, מען האָט פאַרגראָבן אונטער דער ערד, און געהאַט פאַר זיך. אָבער אין שטאָט איז געווען אַן אמתער הונגער, מען האָט ברויט פאַר געלט נישט געקריגן. וואָרום, האָט זיך אפילו אַ פויער איינגעגעבן צו באַהאַלטן אַן איבעריק ביסל תבואה, האָט ער פאַר שרעק פון די דייטשן געהאַלטן אין איין איבערחזרן דאָס איינע וואָרט: „ניעמאַ, פאַניע, ניעמאַ". (נישטאָ פּריצל, נישטאָ).

האָט מען געמוזט זוכן עצות ווי צו שאַפן ברויט, און דערמאָלט האָט זיך עס אָנגעהויבן דער שמוגל־האַנדל. געגוויטיקט האָט זיך דער פויער אין אַביסעלע זאַלץ, אין אַ לעדערנעם סאַנדאַל, די פויערטע — אין אַ טיכל און קליידל, האָט מען דיזאַזיקע פּראָדוקטן און שטאָפן געבראַכט צו אים אין דאָרף דורך די נעכט, און אַלס אויסטויש באַקומען אַ זעקעלע קאָרן.

געווען איז אַ „יחסן" דאָס זעקעלע קאָרן, און געוואָרן איז אַ יחסן דער, וואָס האָט עס געבראַכט. דער „שמוגלער" איז געוואָרן דער אָנגעזעענסטער מענטש אין שטעטל, צו וועמען אַלע האָבן געדאַרפט אָנקומען, ער זאָל זיי דערהאַלטן ביים לעבן. אַלע האָבן אים מקנא געווען. עס איז געוואָרן אוים מיטן גביר, מיטן וואַלד־סוחר, וואָרום וואָס טויג גאָלד, ווען מען איז הונגעריק? האָבן מענטשן גאַנצע נעכט געוואַכט ביי די טירן פון די שמוגלער, און ווען אויפן פאַרטאָג האָט מען זוכה געווען צו דערזען זיין

פורל מיט דעם קאָרן, האָט מען אים, איינע איבער די אַנדערע, הויפנס מיט געלט געשטעקט, רחמים געבעטן, ער זאָל נעמען ווי־פיל ער וויל, נאָר נישט לאָזן אויסגיין פון הונגער די קליינע קינ־דערלעך...

די „שמוגלער" זענען מערסטנס באַשטאַנען פון געוועזענע בעלי־עגלות, דאָרף־גייער, וואָס האָבן געקענט אַלע דאָרפישע זייטיקע וועגן, אום זיך אויסצוהיטן פון די דייטשע פּאַטרולן, וועלכע האָבן געוואַכט איבער די הויפּט־וועגן.

און דעמאָלט איז עס אין זוועצק אויפגעגאַנגען דער שטערן פון הערש, דעם אייער־הענדלער, גבריאלס פּאָטער, און ער איז גע־וואָרן דער רייכסטער שמוגלער.

דאָס גאַנצע לעבן האָט הערש אַרומגעשלעפּט זיך איבער די דערפער אויפצוקויפן אייער. ער האָט געקענט אַלע וועגעלעך און שטעגעלעך אין די פאַרוואָרפנסטע דערפער, און אויך אַלע פּויערים און פּויערטעס. זיי, די פּויערים, האָבן אים אויך געקענט, און גע־האַט צו אים צוטרוי. זיי פלעגן זיך אַמאָל פאַרשאַפן דורך אים, ער זאָל זיי איינקויפן אין שטאָט פאַרשידענע זאַכן, ער פלעגט אויך אַמאָל ברענגען אַ קאָלירט טיכל אַ מתנה צו אַ גויע, ווען ער האָט געוואָלט זיך איינקויפן אין איר לאַסקע. איצט זענען הערשס דערפאַרונגען געווען אַ גאָלדענער אוצר.

אברהמל בעל־עגלה, דער בריה און כוואַט האָט זיך קוים איינגעבעטן, אַז הערש זאָל מאַכן מיט אים אַ שותפות, און צוזאַ־מען פאָרן אין די דערפער. באַלד אָבער האָט הערש זיך אַרומגע־זען, אַז אברהמל איז אים נישט נויטיק. ער האָט שוין געהאַט גענוג געלט צו קויפן אַן אייגן פערד און וואָגן, און ער מיט זיין זון מענדלען האָבן אַליין געקענט פירן דעם מסחר.

הערשן האָט אָנגעהויבן באַגליקן. עס זענען פאַר אים געווען אָפן אַלע פּויערישע טירן. און ער איז קיינמאָל נישט געקומען ליי־דיק. ביי הערשן איז שטענדיק געווען וואָס צו באַקומען צו קויפן, און ווער עס איז אים נאָר געווען צום הארצן, האָט שוין קיין הונ־גער נישט געדאַרפט ליידן. אַריבער איז אַ קורצע צייט און הערש איז געוואָרן ממש רייך. אַ נייַ לעבן איז אויפגעקומען אויף אים און זיין משפּחה, אים, הערשן אַליין, וואָלט קיינער נישט דער־קענט. עס איז שוין נישט געווען דאָס איינגעבויגענע יידל מיטן

צעקנייטשטן פּנים און צעשויבערטע געלע באָרד, וואָס האָט זיך שטענדיק געקאָרטשעט אין אַ ווינקעלע, נישט צו פאַרנעמען אַ צו־גרויסן שטח. ער איז גאָר ווי ניי איבערגעשאַפן געוואָרן. די פּלייצע אויסגעגלייכט, דאָס פּנים אָנגעפּילט, זיין טריט שווער, זיכער, און דאָס קול גאָר אַן אַנדערס, אַ ברוסטטיקס, מיט תּקיפות און זיכערקייט אין טאָן. ער האָט זיך געפילט שטאָלץ, ווי אַ הערשער. האָט ער געוואָלט, האָט ער געגעבן פאַר העלפט פּרייז, האָט ער נישט געוואָלט, זענען עס געווען קולות: „וואָס בין איך אייך, אַ גאָט? וואַקסט ביי מיר אויף די הענט קאָרן, וואָס?".

נישט פאַרזען האָט הערש דעם רבין, ר' שמואלקען, און זיין הויף. ער האָט פון גבריאלס שפּעטערדיקן שיידן זיך מיט חנהלען אין ארץ־ישׂראל נישט געוווּסט, און ער האָט זיך געהאַלטן פאַר ר' שמואלקעס מחותּן.

אמת, ר' שמואלקע האָט פאַר אַלע יאָרן די געשיכטע פאַרשטיקט. עס האָבן פון דעם געוווּסט נאָר געציילטע, נאָענטע מענטשן, וועמען דער רבי און דער אַדוואָקאַט, קומענדיק פון אָדעס, האָבן פאַרטרויט. אפילו ער, הערש אַליין, און זיין פאַמיליע האָבן פון דעם פאַר אַ לאַנגע צייט נישט געהאַט קיין אָנונג: זיין גבריאל האָט אים וועגן דעם נישט געשריבן, און פון רבּים הויף האָט מען זיך געמאַכט נישט וויסנדיק, אַז זיי זענען מחותּנים. הערש פלעגט, ווי אַלעמאָל קומען צום „רבּים טיש", און פאַרנעמען דאָרט ביים סוף אַ קליין ווינקעלע. קיינער האָט זיך אויף אים נישט אומגעקוקט. שפּעטער ווען עס האָט צו אים דערגרייכט אַ קלאַנג פון דער געשיכטע, און גבריאל האָט אויך איינמאָל געשריבן אַ גרוס פון חנהלען, און ער האָט שוין געוווּסט, אַז יאָ, עס איז אמת, זיין גבריאל איז ר' שמואלקעס איידעם, האָט אים אָנגעפאַנגען אָנגענומען אַ פאַרדרוס אויפן רבין: ס'טייטש, איך בין דאָך זיין מחותּן, ווי רעדט ער מיט מיר נישט אויס אַ פּאָר ווערטער, ווי לאָדט ער מיך נישט איין אין הויז? ער האָט אָבער באַלד איבערגערעכנט פון דער גוטער זייט: ר' שמואלקע איז אין כעס אויף זיין טאָכטער. זי איז פאַר אים, ווי אָפּגעשטאָרבן; טאָ ווי זאָל ער זיך וועלן דערנענטערן צום מחותּן?

אָבער כאָטש אויסערלעך ווייט פון רבין, האָט ער דאָך אין האַרצן אָנגעהויבן פילן אַ נאָענטקייט צו ר' שמואלקען און זיין

משפחה. הערש האָט זיך געפילט גליקלעך און שטאָלץ, וואָס ער איז, צי דער רבי וויל, אָדער נישט, דאָך אַ מחותן מיט אים.

נאָר אָט איז אָנגעקומען די מלחמה, די דייטשן, פון וועצקער הויף איז אַראָפּ די גרויסקייט. איינגעצוימט איז מען געווען אין ‏עדן שטעטל, מען האָט זיך אָן ספּעציעלע דערלויבנישן נישט גע־קענט רירן פון אָרט. דערצו איז אויך אויפגעשוווּמען די פראַגע פון ברויט, וואָס האָט פאַרנומען אַלע מוחות, און מען האָט אויפ־געהערט צו פאָרן צום רבין.

געוואָרן איז „דער הויף" פּוסט, פאַראומערט. דער גרויסער רוים אין „שטיבל", וווּ מען האָט געדאַווענט און „טישן" געפּראַ־וועט, איז דריי פערטל געוואָרן פאַרנומען פון די דייטשן. דער „ביר־גערמייסטער" האָט דאָרט זיין קאַנצעלאַריע געהאַט. פאַרן רבין האָט מען נאָר אַ שמאָל חדרל אָפּגעצוימט, וווּ מען האָט אַריינגע־שטעלט דעם ארון־קודש צו דאַווענען. ביסלעכווייז האָט אָנגעהויבן אויך אויסוואַקסן ביים רבין אין הויף די איינפאַכע פראַגע פון ברויט. נישט געקענט האָט דאָך די רביצין זיך מבזה זיין, און גיין אין האַלבער נאַכט צו די „שמוגלער", דאָרט זיך שטעלן אין אַ ריי מיט די איבעריקע ווייבער, און ברענגען אים פאַרטיקע, האָט זיך זעלטן ווער דערמאָנט אָן רבין.

דעמאָלט איז עס געקומען די הילף דורך הערשן. דעם ערשטן, בעסטן חלק האָט ער אין רבים הויף אוועקגעפירט. די רביצין אַליין פלעגט ביי אים עס צונעמען, און אים דאַנקען מיט וואַרעמע בליקן און ברכות. אויך ר' שמואלקע אַליין האָט שוין פאַר הערשן צייט באַקומען, אים אַמאָל געבעטן זיצן, איבערגעוואָרפן אַ וואָרט וועגן דער שלעכטער לאַגע פון די יידן, רחמנא לצלן, און אים גע־בענטשט, ער זאָל מצליח זיין. אָבער אפילו דעמאָלט האָט מען נישט דערמאָנט וועגן די קינדער אין ארץ־ישראל. מען האָט פאַרשטיקט טיף אין הארצן דאָס, וואָס זיי ביידע האָבן געוווּסט. דאָס איז ביי ר' שמואלקן געווען אַ וווּנד, צו וועלכער ער האָט זיך נישט גע־וואָלט צורירן.

הערשס געשעפטן זענען אַלץ געוואַקסן. צו קורץ זענען גע־וואָרן די נעכט, ער זאָל אַלץ קענען אַליין אויפטאָן, האָט ער אויך צוגעצויגן צו דער אַרבעט זיין זיבעצן־יאָריק בחורל, מענדלען.

זיין זון מענדל איז געווען אַ כוואַט. ער האָט שוין אַליין גע־

שפּאַנט פערד און וואָגן, און זיך געלאָזט אין די פינסטערע נעכט איבער וועלדלעך, פאַרדרייטע וועגן אין די דערפער אַריין. ער איז געווען יונג, פול מיט ענערגיע, און דער ריזיקאַלישער מסחר האָט אים אימפּאָנירט. ער האָט געפונען פרייד אין דעם שפּיל אויס־צומיידן אַ דייטשן פּאָסטן, אים אַרומצופירן און אַרומדרייען, און זיך געפילט שטאָלץ, וואָס אַלע אין שטעטל קוקן אויף אים מיט רעספּעקט.

געפּאַקט האָבן אַמאָל אַ פּאָר זשאַנדאַרן מענדלען מיט אַ פור סחורה, אָבער דעם זיבעצן־יאָריקן יינגל האָט זיך איינגעגעבן פון זיי אַרויסצודרייען. ער האָט זיך, ווי אַן עלטערער מיט זיי אויסגע־טענהט וועגן „לעבען אונד לאַסען לעבען", זיי אַריינגעשטעקט אַ פּאָר פּאַפּירלעך, צענטליקער מאַרקן־אַסיגנאַציעס, אין די הענט, און זיי האָבן זיך אַוועקגעיאָגט מיט די פערדלעך פון אים, לאָזנ־דיק אים פריי צו פאָרן זיין וועג אַהיים.

פון דעמאָלט אָן איז שוין מענדל בײַ זיך געוואָרן זיכער. ער האָט זיך אויסגעלאַכט פון שרעק און מורא. ער האָט אָפּט איינ־געשטעלט צו פאָרן אין דערפער, ווו עס האָבן זיך געדרייט סאָל־דאַטן און זשאַנדאַרן. אי, טאָמער באַגעגנט מען זיי, איז אויך נישט קיין געפאַר; מען גיט זיך אַן עצה.

אַזוי האָט הערש מיט זיין זון געפירט די שמוגל־ביזנעס אין זוועצק, און וואָס מער דער הונגער האָט זיך געשטאַרקט — אַלץ זענען זיי געוואָרן רייכער און תקיפער.

קאַפּיטל צוואַנציק

אויפגעגאַנגען איז אַזוי הערשס שטערן ביז עס האָט געטראָפן יענע פּאַסירונג, וואָס האָט אַלץ צעשטערט.

מענדל האָט אַזוי איינמאָל אינדערפרי אַרומשפּאַצירט איבערן גאַס אין זוועצק, ערשט עס דערנענטערט זיך צו אים אַ יונגער־מאַן, אָנגעקליידט אין אַ שיינעם קאָסטיום מיט אַ ווייכן הוט אויפן קאָפּ.

— גוט מאָרגן! — האָט דער יונגערמאַן געזאָגט צו מענדלען אין דייטש, און געשמייכלט מיט קליינינקע, לויפנדיקע אויגעלעך.

— גוט־מאָרגן. — האָט אים מענדל אָפּגעענטפערט מיט שטייפקייט פון א זעלבסטשטענדיקן מענטשן, און אים אָנגעקוקט פאַרוואונדערט.

— איך האָב געהערט, — האָט דער יונגערמאַן ווידער גע־שמייכלט צו מענדלען — אז דו ביזט א צימליך העלדישער יונג, און איך וואָלט וועלן האָבן מיט דיר א פאַרטרויליכן שמועס וועגן געשעפט.

— אבער, ווער זינד זי? — האָט מענדל זיך באַמיט צו רעדן דייטשמעריש.

— איך, מיין ליבער יונגע, — האָט דער יונגערמאַן געזאָגט — בין א דייטשער ייד, מיין נאָמען איז קעללער. איך שטעל צו וואָל און לעדער צו דער דייטשער אַרמעע, און טאַקע וועגן דעם האָב איך געוואָלט מיט דיר רעדן.

— אָבער די דייטשן נעמען דאָך אַלץ צו, רעקווירירן, טאָ ווי אזוי קאָנט איר עס צושטעלן? — האָט מענדל געפרעגט.

— דאָס נעמען זיי צו ביי אייך, אין די אָקופּירטע געגנטן, — האָט קעללער געזאָגט — ביי אונז אין דייטשלאַנד צאָלן זיי פאַר אַלעס געלט. מיר, יידן אין דייטשלאַנד, זענען איצט רייך געוואָרן.

— איר זענט א ייד? — האָט מענדל באַטראַכט דעם יונגער־מאַן מיט וואונדער — א ייד פון דייטשלאַנד? קומט מיט מיר אַריי־בער צו אונז אין הויז, וועט איר רעדן מיטן טאַטן.

— יאַ וואָהל, — האָט קעללער געענטפערט זעלנעריש.

זיי זענען ביידע געגאַנגען צו הערשן אַהיים. אויפן וועג האָט אים קעללער דערציילט, אַז ער איז א זון פון א רייכן דייטשן ייד, און ווייל ער פאַרנעמט זיך מיטן צושטעלן רוי־שטאָפן פאַר דער אַרמעע, דינט ער נישט אין מיליטער. ער האָט גלייך געלויבט מענדלען, אז מענדל זעט אים אויס צו זיין דער ריכטיקער פּערזאָן, און ער פילט, אז ער וועט קאָנען מיט אים מאַכן געשעפטן.

אינדערהיים האָט מענדל פאָרגעשטעלט הער קעללערן, דעם דייטשן ייד, פאַר זיין טאַטן און שוועסטער. הער קעללער האָט זיך ברייטלעך צעזעצט ביים טיש, אַרויסגעצויגן א שמאָלע סאָלדאַטסקע פלאַש מיט בראָנפן, אָנגעגאָסן גלעזלעך פאַר אַלעמען, געלויבט הערשס טאָכטער, אז זי איז א „היבשעס מעדכען", און באַלד אָנגעהויבן פאַרטרויליך:

— איז קיין זייטיקער דאָ נישטאָ? — האָט ער זיך ארומגע־קוקט — פארמאכט גוט די טיר.

הערש מיט מענדלען האָבן אָנגעשטעלט די אויערן.

— ווען איר קריגט מיר וואָל, לעדער, אָדער רוי־שטאָפן, — האָט הער קעללער געזאָגט שטילער, ווי פארטרויליך — באַקומט איר פון מיר פול באַצאָלט, יידן אין שטעטל האָבן מיר נעכטן אין שול געזאָגט, אז איר קענט עס באַווייזן.

— אין שול? — האָט הערש אויסגערופן מיט התפעלות, און גלייך געקריגן צוטרוי צום פרעמדן יונגענמאַן — איר גייט אין שול?

— יאַ וואָהל! — האָט הער קעללער געענטפערט. — מיינע עלטערן זענען פרום געזאָנען, און איך פארפעל נישט קיין טאָג צו דאַווענען, מאָרגנס און אָוונדס.

— אָ, אויב אַזוי, — האָט הערש פריילעך אויסגעשטרעקט נאָכאַמאָל זיין האַנט צו קעללער — זענען מיר דאָך אייגענע מענטשן.

— יאַ וואָהל — האָט הער קעללער געשמייכלט — און אייער מעדכען איז פראַכטפול שיין, מיר קענען נאָך אַמאָל ווערן אייגענע. וואָלטן זי געוואָלט האָבן אַ דייטשן יידן פאַר אַן איידעם?

הערשס טאָכטער איז רויט געוואָרן, און זיך ארויסגעמאַכט אין אַן אַנדער צימער.

— הערט צו, פריינט, — איז הער קעללער געוואָרן ערנסט — איר קריגט מיר אַביסל סחורה, גוטע וואָל, לעדער, איך וועל אייך באַצאָלן דעם פולן פרייז. מיר, אַ פרעמדן, וועט קיינער נישט וועלן פארקויפן, מען וועט מורא האָבן. אָבער אייך וועט מען פאַר־קויפן, אַבי זיך ארויסדרייען פון דער רעקוויזיציע. איר קענט מאַכן שיינע פארדינסטן.

— איך וועל קריגן, הער קעללער, איך וועל קריגן, — האָט מענדל זיך אָנגערופן בארימעריש, — וויפל איר וועט נאָר וועלן.

— איך קען נעמען וויפיל דו וועסט נור האָבן. — האָט הער קעללער געזאָגט — קיין אסיגנאַציעס פעלן נישט.

זיי האָבן נאָך ווייטער געטרונקען. מענדל מיט הער קעללער זענען געוואָרן אויפגעחברט, ווי זיי וואָלטן זיך שוין קענען פון יאָרן. מענדל האָט זיך בארימט פאַר קעללערן מיט זיין בריהשאַפט. האָט

שוין דערציילט, ווי ער פֿאָרט אַליין דורך די נעכט און ברענגט תבואה, ווי ער גיט „שמעק־געלט" די זשאַנדאַרמען, וועלכע ער טרעפט אויפֿן וועג.

העד קעללער איז געווען אַנטציקט פֿון מענדלס אויפֿטואונגען, און אים אַלע ווייל צוגעקלאַפּט אין פּלייצע, געבנדיק אים מוט:

— עס וועט ביי אינען, — האָט ער געזאָגט צו הערשן, — אויסוואַקסן אַ גרויסער מענטש.

זיי האָבן זיך געזעגנט. הער קעללער האָט דערווייל אַלס אַן אויפֿגאָב איבערגעלאָזט פּופּציק דייטשע מאַרקן, נייע אַסיגנאַציעס.

— דאָס איז נאָר אַן אָנפֿאַנג — האָט ער געזאָגט — איך בין זיכער, אַז איר וועט פֿאַרדינען גאַנצע פּעק אַזוינע.

מענדל האָט שוין אויף מאָרגן באַוויזן וואָס ער קען. ער האָט געוווּסט פֿון אַ באַקאַנטן פּויער, וואָס האָט געהאַט וואָל און עטלע־כע פֿעל. נאָר ביז איצט האָט ער אים נישט געקענט איינביימן וועגן פּרייז, ער האָט געבאָטן זייער טייער. איצט אָבער האָט ער דעם פּויער געגעבן לויט זיין פֿאַרלאַנג, און די סחורה געבראַכט אַהיים.

הער קעללער האָט אויף מאָרגן, ווען ער האָט באַזוכט הערשס הויז, באַצאָלט מענדלען פֿאַר דער סחורה, און געהייסן עס האַלטן דערווייל ביי זיך.

— איך וועל עס צונעמען מיטאַמאָל. — האָט ער געזאָגט.

און אַזוי איז עס געגאַנגען פֿאַר אַ שטיקל צייט. הערש און מענדל האָבן געבראַכט רוי־שטאָפֿן, עס געהאַלטן ביי זיך אָפּגעלייגט פֿאַר קעללערן, און קעללער האָט פֿאַר דעם באַצאָלט.

דעמאָלט איז איינמאָל הער קעללער געקומען מיט אַ נייעם פֿאָרשלאָג:

— אַזוי ווי ער, מענדל, פֿאַרשטייט זיך נישט גוט אויף דער קוואַליטעט פֿון דער סחורה, וועט ער, קעללער, פֿאָרן מיט אים, און העלפֿן איינקויפֿן. זאָל מענדלען נישט אַרן, טאָמער זעט ער, וויפֿיל מענדל באַצאָלט פֿאַר דער סחורה. ער פֿאַרגינט אים מיטן גאַנצן האַרצן. די מיליטער־פֿאַרוואַלטונג צאָלט גענוג.

— אָבער די גוים וועלן זיך פֿאַר אינען שרעקן, און נישט וועלן פֿאַרקויפֿן, — האָט מענדל געהאַט דאַקעגן.

— ווייסטו וואָס? — האָט קעללער געזאָגט — איך וועל זיך אָנטון אין אַלטע זאַכן, וואָס אַלע יידן טראָגן אין שטעטל, און דו

וועסט זאָגן, אַז איך בין דיינער אַ שותף. בײַ מיר וועט עס זיין אַ שיינער שפּיל.

— אָבער דו רעדסט דאָך דייטש, — האָט מענדל געצווייפלט — די פּויערים וועלן נאָר דערהערן דיין אויסשפּראַך, וועלן זיי אויפּציטערן.

— וואָס עפּעס דייטש? — האָט קעללער געענטפערט — איך קען אויך פּויליש.

און גלייך אויפן אָרט האָט ער אָנגעהויבן צו רעדן אין אַן אויסגעצייכנטן פּויליש, אַז מענדל איז איבערראַשט געוואָרן.

— פונוואַנען קענט איר פּויליש? — האָט ער געפרעגט פאַרוואונדערט.

— מיינע עלטערן האָבן אַמאָל געוווינט אין פּויזן, האָב איך יינגלווייז געלערנט פּויליש, — האָט הער קעללער געענטפערט.

— אויב אַזוי קען מען עס מאַכן. — האָט מענדל געזאָגט — איך קאָן אייך מיטנעמען, וועט איר זען, וואָס איך קאָן אויפטאָן.

אויף צומאָרגנס פאַרנאַכט האָט הער קעללער אָנגעטאָן הערשם אַן אַלט רעקל און הויזן, פון ערגעץ וואו געבראַכט אַן אַלט היטל, און זיך באַוויזן אין הויז:

— פּשעפּראַשאַם פּאַנאָוויע! — האָט ער אויסגעזונגען אין פּויליש, און נאָכגעמאַכט ווי ער וועט רעדן צו די פּויערים — יאַק באָגאַ קאָכאַם, כּצעם קופּאָוואַטש, מאַם פּיעניאָנדזע.

הערש מיט די שטוביקע האָבן געלאַכט, און מענדל איז געווען פול מיט התפּעלות.

די ערשטע נסיעה מיטן הער קעללער האָט זיך גוט איינגעגעבן. מען האָט אויפגעקויפט פון אַלע מינים רוישטאָפן. און מענדל האָט געזאָגט, אַז הער קעללער איז אַ מזלדיקער, און וועט שטענדיק פאָרן מיט אים.

און הער קעללער איז טאַקע אָפט מיטגעפאָרן, און פאָרנדיק דערציילט מענדלען שיינע געשיכטעס, וואָס מיט אים האָט פּאַסירט אין זיין יוגנט, מענדל פון זיין זייט האָט אים געוויזן אַלע פאַרבאָרגענע ערטער, דערציילט אים אַלע סודות, און פאַרטרויט אים אין אַלע עצות פון די „שמוגלער".

מענדל האָט שטענדיק אויסגעכאַפּט ביים טאַטן דעם הער

קעללער. הערש זאָל זיך פאָרן אַליין, און מיט קעללערן וועט ער, מענדל פאָרן.

— עס איז מיט אים אַ מחיה — פלעגט ער זאָגן — מיט דייטשן איז ער אַ דייטש, מיט פּאָליאַקן — אַ פּאָליאַק.

איינמאָל, פאָרנדיק צוזאַמען מיט מענדלען, האָט הער קעללער אים אַ ווייַלע איבערגעשראָקן. ער האָט פּלוצלינג פון דער הינ־טערשטער קעשענע אַרויסגעצויגן אַ גלאַנציקן רעוואָלווער, און עס געוויזן מענדלען:

— זע — האָט ער אים געזאָגט — דאָס איז שטענדיק גוט צו האָבן בײַ זיך; ווען אַמאָל באַפאַלן רויבער, איז — טראַך... טראַך... טראַך...

און ער האָט עטלעכע מאָל אויסגעשאָסן אין דער לופטן.

מענדל האָט אויפגעציטערט. ער האָט קיינמאָל אין זיין לעבן נאָענט קיין רעוואָלווער נישט אָנגעזען, און די פייערלעך מיטן רויך און דער פּולווער־ריח האָבן בײַ אים אַרויסגערופן אַ שרעק. קעללער האָט אים אָבער באַרויִקט. ער האָט אים געגעבן דעם רע־וואָלווער אין האַנט. ער האָט עס צוגעהאַלטן.

די נייגיריקייט בײַם זיבעצן־יאָריקן בחורל האָט איבערגע־שטיגן, און באַלד האָט ער אַליין געפּרעגט קעללערן, ער זאָל אים ווייזן ווי מען דריקט דעם טריגל, און צילנדיק אין דער הויך האָט ווידער אַ טראַך פאַרהילכט די לופט. דאָס האָט שוין מענדל אויס־געשאָסן.

— עס וואָלט געווען אַזאַ זאַך זייער גוט צו האָבן אין וועג, — האָט מענדל געזאָגט — אָבער עס איז פאַרבאָטן צו האַלטן געווער. דאָ, אין דער אָקופּירטער געגנט, ווען מען כאַפּט בײַ אַ פּריוואַטן מענטשן געווער, קומט טויט־שטראָף.

— אָבער איך מעג, — האָט קעללער געזאָגט, — איך האָב אַן ערלויבעניש. האַלט דעם רעוואָלווער בײַ דיר אין וואָגן, און איך וועל שטענדיק זאָגן, אַז עס איז מיינער.

הער קעללער האָט אַרײַנגעטאָן דעם רעוואָלווער אין שיידל און עס פאַררוקט אין אַ ווינקל פון וואָגן.

אַ היפּשע צייט איז אַזוי הער קעללער געפאָרן מיט הערשן און מענדלען. ער, הער קעללער, האָט זיך צו אַלץ צוגעקוקט, או־מעטום אַרײַנגעדרונגען מיט זיינע אויגן, און ווען מענדל פלעגט זיך

אַפּדרייען אַן אַ זייט, פֿלעגט ער שנעל פֿאַרצייכענען אין אַ ביכע־לע, און מענדל האָט עס קיינמאָל נישט געמערקט.

קאַפּיטל איין און צוואַנציק

ביים ענדע פֿון אַ חודש, ווען ביי הערשן איז שוין געווען קעל־לערס אַ פֿול־אָנגעשטאָפּטער שטאָל מיט רוי־שטאָפֿן, איז מיטאַמאָל אומגעריכט געקומען די בראָך.

געפֿאָרן איז הערש מיט מענדלען אויף אַ פֿולן, אָנגעלאָדענעם וואָגן אַהיים. זיי זענען שוין געהאַט דורכגעפֿאָרן דעם בריקל איבער דעם טייכל, וווּ עס איז געשטאַנען אַ וואַך, און אַריינגערוקט דעם גראָבן זשאַנדאַרם אין האַנט. איצט האָבן זיי, פֿריילעכע, זיך גע־צויגן אַהיים, אָן דער קלענסטער שרעק. עס האָט שוין אָנגעהויבן גרויען אויפֿן פֿרימאָרגן. עס זענען נאָך פֿאַרבליבן געציילטע וויאָרסטן אַהיים, וואָס האָט זיך ביי זיי שוין גאָרנישט גערעכנט. זיי האָבן נאָר געדאַרפֿט זיך אַ דריי טאָן דורך דעם שמאָלן וועלדל, און זיי זענען דורך די גערטנער גלייך ביי זייער הויז.

זיי זענען אַריין אין וועלדל. ערשט דורך די ביימער האָט אָפּ־געהילכט אַ שטאַרקער אויסגעשריי:

— האַלט!

פֿון ביידע זייטן וועג האָבן זיך מיטאַמאָל באַוויזן פֿון צווישן די שיטערע ביימלעך פֿיר גרויע פֿיגורן מיט ביקסן אין די הענט, וועלכע האָבן פֿאַרצוימט פֿאַר דעם פֿערד דעם וועג.

הערש האָט איינגעהאַלטן דאָס פֿערד.

— דאָנער וועטער! — זענען די דייטשע זעלנער צוגעגאַנגען צום וואָגן. — וואָס האָבן זי היער, פֿאַרפֿלוכטע באַנדע?

— זוימען, — האָט הערש געענטפֿערט שטאַמלענדיק, און גערוקט די הענט אין די קעשענעס, אָנצודייטן די דייטשן, אַז ער מיינט „געשעפֿט".

— און וווּ איז אַ „שיין"? — האָט איינער מיט אַ פּאָר בענד־לעך אויפֿן אָרעם געפֿרעגט.

— פֿאַרשטייען זי, — האָט הערש געשטאַמלט, — מען דאַרף לעבן, לאַסען לעבן.

און ער האָט געדריקט אין פאָראויס זיין האַנט מיט אַן אַרויס־געשטעקטער צוואַנציק מאַרק־אַסיגנאַציע.

דער זעלנער האָט געכאַפּט אַ בליק אויף דער האַנט און זיך צעשריגן:

— וואָס? זי ווילן מיך באַשטעכן? דאָנער וועטער נאָך איין מאָל! נאָך דער קאָמענדאַנטור!

מענדל האָט זיך דערווייל אַרומגעקוקט אַרום. אין געדאַנק איז אים געקומען הער קעללער. אָ, ווען קעללער איז דאָ איצט מיט זיי, וואָלט עס אַדורך גלאַט: ער, קעללער, וואָלט געזאָגט, אַז דאָס איז פאַר אים. ער וואָלט זיך מיט זיי צונויפגערעדט. ער איז זייערער אַן אייגענער מענטש.

אָבער וואָס איז דאָס? עפּעס איז איינער פון די זעלנער אַזוי ענלעך צו קעללערן... דיזעלבע שיטערע, בלאָנדע הערעלעך, וואָס פאַלן אַריין אין אַ רויטקייט. דיזעלבע קליינע, לויפנדיקע אייגעלעך, מיט די פּוכיקע באַקן. נאָר עפּעס קוקט ער אַנדערש. עס פעלט דער ליבלעכער שמייכל, און זיין בליק איז פאַרגליווערט, ווי די ביקס אין זיין האַנט.

דער בענדלדיקער זעלנער האָט דערווייל געהייסן פאַרקירעווען דעם וואָגן און רירן זיך נאָך זיי.

מענדל האַלט זיינע אויגן אָנגעשטרענגט אויף דעם ענלעכן צו קעללערן, און ער האַלט נישט אויס:

— הער קעללער!—שרייט ער אויס און טייטלט צו יענעם.— דאָס זענען מיר דאָך, הער קעללער, העלפט אונז!

ביי דעם ענלעכן צו קעללערן האָט זיך באַוויזן אַ חוזק־שמייכעלע אויף זיין פּנים, פול מיט הנאה פון מענדלס שרעק.

— ער וויל, איך זאָל אים העלפן, הער ליטענאַנט, — האָט „קעללער" געזאָגט צו דעם עלטסטן און געלאַכט, — העלפן אים אין דיזע געשעפטן.

איצט איז שוין ביי מענדלען קיין ספק נישט געווען, אַז דאָס איז קעללער. ער האָט דערקענט זיין קול, זיין שמייכל.

צעטומלט איז מענדל געוואָרן. ער האָט נישט פאַרשטאַנען, וואָס דאָ קומט פאָר. עס איז אים אויסגעקומען ווי אַ שפּיל אָדער אַ חלום.

— הער קעללער, — האָט ער געמורמלט אין קעללערס זייט,— זי וויסן דאָך אַלעס! זי זינד דאָך אַ יודע, העלפּט אונז!

— איך בין אַ יודע! — האָט קעללער געלאַכט מיט אָפּענעם שפּאָט. — הער לייטענאַנט, איך האָב זיי אַזוי פאַרזיכערט, אַנדערש וואָלטן זיי צו מיר נישט געהאַט קיין צוטרוי.

אַ הויכער, גאַרגלדיקער געלעכטער פון די פיר פעלד־געהיים־אַגענטן האָט פאַרהילכט די לופט. הערש און מענדל האָבן זיך גע־טרייסלט פון שרעק און זיי אָנגעקוקט מיט משוגענע בליקן.

— זיי האָבן דיר געגלויבט, גערטנער, — כאַ, כאַ, כאַ, — האָט דעם לייטענאַנטס געלעכטער זיך געקייקלט אין דער לופט, — די פאַרפלוכטע באַנדע.

— איך האָב אויך געשמייכלט צו זיין טאַכטער, — האָט „קעללער" זיך באַרימט, — געוואָלט איר נעמען פאַר אַ ווייב.

— רירן זיך! — האָט דער לייטענאַנט אויסגערופן.

מיט ציטערנדיקע הענט האָט הערש געצויגן פאַר די לייצעס און זיך גערירט נאָך די זעלנער. ער און מענדל האָבן געהאַלטן די קעפּ אַראָפּגעלאָזט. זיי האָבן זיך געשעמט צו קוקן איינער דעם אַנדערן אין די אויגן.

דאָרט, אין דער קאָמענדאַנטור, האָט מען דעם וואָגן אויסגע־ליידיקט, געזוכט אין אַלע ווינקעלעך, און פּלוצלינג האָט אַ זשאַנ־דאַרם פון אַ ווינקל טיף אין וואָגן אַרויסגעשלעפּט אַ רעוואָלווער אין אַ שייד.

— וואָפן! — האָט ער אויסגעשריגן.

מען האָט באַלד הערשן און מענדלען געבראַכט פאַרן קאָמענ־דאַנט.

דער דיקער קאָמענדאַנט האָט אויסגעהערט דעם ראַפּאָרט פון אַן אָפיציר, און זיין פול פּנים האָט זיך אָנגעגאָסן מיט בלוט.

— וואָפן! — האָט ער גערונערט. — אַ געפערלעכע באַנדע רויבער! אין קייטן שמידן!

— דאָס האָט הערר קעללער געלאָזט אין וואָגן, — האָט מענדל געפּרואווט רעדן.

— וואָס „שוואַצט" ער דאָרט? — האָט דער קאָמענדאַנט אַלץ גערונערט. — אין קייטן שמידן און קיין שערלעך אָפּפירן!— איינע געפערלעכע באַנדע, באַוואָפנטע קאָנטראַבאַנדיסטן!

אין אַ שעה שפּעטער האָט שוין גאַנץ זוועצק געקאָכט מיט דער נייעס פון אַרעסט. ביי הערשן אין הויז האָט מען דורכגעפירט אַ רע־וויזיע, מען האָט פאַרכאַפּט צוויי טויזנט דייטשע מאַרק אין מזומן, און קאָנפיסקירט אַ פולן שפּייכלער מיט סחורה: וואָל, פעל, לעדער און תבואות. מען איז שוין אויך דערגאַנגען די גאַנצע געשיכטע מיטן אַרעסט: „דער הער קעללער", וואָס האָט זיך אָנגעגעבן פאַר אַ ייד, איז גאָר געווען אַ געהיים־אַגענט פון דער פעלד־פּאָליציי, אַ פּוילישער דייטש פון פּויזן. ער האָט אַליין אויסגעפאָרשט דורך זיינע פאַלשקייטן פון מענדלען, און האָט נאָך צוגעוואָרפן זיין רע־וואָלווער אין וואָגן, און איצט זאָגט ער, אַז מענדל האָט דאָס ביי אים גענגבעט.

הערשן מיט מענדלען האָט מען געשמידט אין קייטן און אונ־טער אַ שטרענגער וואַך אָפּגעפירט קיין שעדלעץ. צוליב דעם רע־וואָלווער, וואָס מ'האָט ביי זיי געפונען, האָבן זיי געדאַרפט שטיין פאַר אַ מיליטערישן געריכט און עס האָט זיי געדראָט טויט־שטראָף.

קאַפּיטל צוויי און צוואַנציק

געזעסן זענען פאָטער און זון אין צוויי באַזונדערע צעלעס אין דער שעדלעצער טורמע און געוואַרט אויף זייער שטראָף. אין משך פון אַכט און פערציק שעה האָט געדאַרפט פאָרקומען זייער משפּט, און וואָס דער אורטייל וועט זיין, איז גאָר קיין צווייפל נישט גע־ווען. עס איז געווען זיכער — טויט־שטראָף.

אין יענע טעג זענען עס געווען גאַנץ געוויינלעכע פּאַסירונ־גען. מען האָט געכאַפּט געווער — און דערפאַר דערשאָסן. אַ קליינע, רויטע מעלדונג אויף אַ וואַנט פּלעגט וועגן דעם מודיע זיין שוין נאָכן דערשיסן. הערש און מענדל האָבן געשפּירט די פליגלען פון טויט נאָענט, ווי זיי שוועבן אַרום זיי.

הערש האָט זיך צונויפגעקאָרטשעט אין זיין ווינקל. ער האָט זיך גלייך אונטערגעגעבן און שטום דערוואַרט זיין גורל. די אויפ־לעבונג פון די פּאָר שמוגל־יאָרן אונטער דער דייטשער אָקופּאַציע, איז זיך מיטאַמאָל צעשוווּמען, צעגאַנגען ווי קנוילן פון אַ רויך. עס איז צוריק געווען הערש דער אייער־הענדלער פון זיין גאַנצן לעבן,

דער איינגעבויגענער, דער נבנעדיקער. ער האָט געזאָגט די קאַפּיט־לעך תהילים, וואָס ער האָט געקענט אויף אויסנווייניק. געגרייט זיך צו זאָגן ווידוי און „שמע ישראל" אין דער לעצטער מינוט, און אויף זיך אַליין באַרעכטיקט גאָטס פּסק, די שטראָף, וואָס אים איז געוויס געקומען. ער האָט אויף זיך אויסגעפונען זינד, וואָס ער האָט פאַרזען אָרעמע פאַמיליעס, געלאָזט זיי הונגערן, ווען ער האָט גע־האָט באַהאַלטן מעל אויף יקרות, און אים קומט אַזאַ סוף. ער האָט זיך נאָר געטרייסט, וואָס ער איז ר' שמואלקעס מחותן, וועט האָבן אַ זכות, און האָט געגאַרט אָנצוזאָגן, אַז ר' שמואלקע זאָל זען זיך דערוויסן, ווו זיין זון גבריאל געפינט זיך, כדי ער זאָל אָפּהיטן דאָס קדיש זאָגן נאָך אים.

נישט אַזוי איז געווען מיט מענדלען.

ער, דאָס יונגע בחורל, האָט זיך געדרייט אין זיין צעלע, און זיין בלוט האָט אין אים געבראָזט פון צאָרן און באַליידיקונג. אים האָט אַזוי נישט דורכגענומען די געפאַר פון טויט. ער האָט עס נישט באַגריפן, און נישט געקאָנט זיך פאָרשטעלן, אַז באַלד, מעגלעך אין צוויי־דריי טעג, וועט ער שטיין מיט פאַרמאַכטע אויגן קעגן אַ פייער־סאַלווע, ביי אַן אָפענעם קבר, און אַ באַפעל פון אַן איין און איינ־ציק וואָרט: „פייער", וועט אַרויסטרייבן די נשמה פון זיין יונגן קערפּער. אים האָט נאָר געקאָכט דאָס האַרץ פון פאַרדרוס, וואָס „הער קעללער" האָט אַזוי אָפּגעשפּאָט פון אים, אַזוי גרויזאַם אָפּ־גענאַרט און פאַרראַטן.

— ווי קאָנען עס מענטשן זיין אַזוי פאַרדאָרבן, אַזוי גרוי־זאַם? — האָט ער זיך געריסן די האָר פון קאָפּ פאַר אויפרעגונג. — ווי איז עס מעגלעך אַזאַ רשעות, אַזאַ פיינטשאַפט פאַר גאָרנישט, ווען מען האָט יענעם געוואָלט נאָר אַרויסווייזן פריינטשאַפט?

אויפגעטרייסלט האָט זיך ביי מענדלען דאָס נאַאיווע גלויבן אין מענטשן און אין דער מענטשהייט. עס איז ביי אים אויסגעריסן געוואָרן דער פונדאַמענט פון אונטער די פיס, דער ציל און געדאַנק פון לעבן. עס וואָלט אים דער טויט גאָרנישט שווער געווען. ער האָט אָבער געוואָלט איצט לעבן צוליב אַן אַנדער זאַך: צוליב נקמה. ער האָט געוואָלט לעבן און דערלעבן נקמה אָן קעללערן, אָן דעם לייט־נאַנט און אָן אַלע דייטשן בכלל. זיי אַליין רויבן פרעמדס, נע־מען אַלץ אַוועק, און משפטן נאָך. ווען ער וועט לעבן, וועט ער זיך

אינגאַנצן ווידמען נאָר צו נעמען נקמה פון אַזוינע ווילדע מענטשן. ער וועט זיי אויסראַמען מיט דיזעלבע שמוציקע מיטלען, ווי זיי האָבן געטאָן, אָן רחמנות. ער וועט אויך שפּיאָנירן, צו זיי רעדן גוטע רייד, מיט זיי זיך חברן און דערנאָך, ווי אַ שלאַנג, זיי אַ ביס טאָן, לאָזן אין זיי דעם גיפט, זיי זאָלן אויסהויכן די נשמה.

געפלאַמט האָבן זיינע אויגן פון צאָרן, און ווי אַ געפאַנגענע, צערייצטע חיה, איז ער אַרומגעלאָפן הין און צוריק איבער דער צעלע.

ווען מען האָט זיך דערוווּסט אין זוועצק וועגן דער גרויסער געפאַר, וואָס שטייט פאַר הערשן און מענדלען, האָט דאָס שטעטל זיך אַ וויג געטאָן.

עס איז שוין מער נישט געגאַנגען אין „פדיון שבוים", אויסצו־לייזן געפאַנגענע, ווען מען קאָן לאַנגזאַם זוכן מיטלען. עס האָט זיך איצט געהאַנדלט אין „פקוח נפשות", צו ראַטעווען צוויי יידישע לעבנס, פאַרהיטן אומשולדיקע מענטשן פון טויט, און יעדע שעה איז געווען אַ סך. מען האָט געמוזט עפּעס טאָן שנעל, ווען מען וויל נישט פאַרשפּעטיקן. אָפּגעפאַלן זענען אין יענעם מאָמענט אַלע חשבונות, צי איז הערש געווען גוט, אָדער שלעכט, צי האָט ער גע־דאַרפט שמוגלען, אָדער נישט, איין זאַך איז געווען זיכער: אומשול־דיק מיטן רעוואָלווער איז ער; און מענדל געוויס. דער דייטשער שפּיאָן, וואָס האָט זיך אָנגעגעבן פאַר אַ ייד, זוכט צו פאַרגיסן אומ־שולדיק יידיש בלוט, און מען מוז זיי זוכן צו ראַטעווען.

געלאָפן זענען יידן צעקאָכטע און צעטומלטע. אין די שולן האָט מען געזאָגט תהילים, ר' הערשס ווייב האָט קברים געריסן. מען האָט אָבער אויך געזוכט פּראַקטישע מיטלען. מען האָט גע־זאַמלט געלט און זיך געגרייט צו פאָרן קיין שעדלעץ.

געהערט האָט אויך פון די נייעס ר' שמואלקע, און ער איז אַרומגעגאַנגען ביי זיך אין הויז אַ צעקאָכטער: ווי קאָן ער עס שווייגן, ווען יידן זענען אין סכנה? דערצו זענען עס דאָך אויך נישט קיין פרעמדע, ער, הערש, איז דאָך זיין מחותן, און ער, ר' שמואל־קע, איז זיין „גואל הדם", ער מוז אים ראַטעווען.

געטראַכט האָט ר' שמואלקע וועגן עצות, ווי צו העלפן. ער

טאָר אין אזא עת צרה נישט שווייגן, און ער איז געקומען צו א באַשלוס. ער האָט געשיקט נאָך וואָלפּאָווסקין, דעם אדוואָקאט, און אים אָנגעזאָגט, אז ער זאָל אים באַגלייטן קיין שעדלעץ. ער, ר׳ שמואלקע, אליין וויל פאָרן און בעטן פאַר זייער לעבן.

מיט א קליין פּעקעלע, דעם טלית און תפילין אונטערן האַנט, איז ר׳ שמואלקע ארויס פון הויז צו פאָרן צו דער באַן־סטאַציע. גאַנץ זוועצק, יונג און אַלט, זענען אים ארויס באַגלייטן. ווייבער האָבן זיך געווישט די אויגן מיט די פאַרטיכער און מענער זענען געגאַנגען מיט שטומע, אראָפּגעלאָזטע קעפּ.

ווען ר׳ שמואלקע האָט זיך געזעצט אויפן וואָגן, האָט אוים־געבראָכן א יאָמער, און די פּראָצעסיע האָט זיך טרויעריק געצויגן, ווי מען וואָלט באַגלייט א טויטן.

— הייליקער רבי, זאָל גאָט זיין מיט אייך אין אייער שליחות!

— האָט מען געשריגן פון אַלע זייטן.

— גאָט אין הימל, ריינע נפשות, העלף זיי!

— אומשולדיק יידיש בלוט!

געקומען איז ר׳ שמואלקע קיין שעדלעץ און גלייך קיין צייט נישט פארלוירן. ער האָט צוזאַמענגערופן די ראשי־הקהל, שיינע בעלי־בתים און זיך מיט זיי באַראַטן, וואָס צו טאָן, כדי צו ראַטע־ווען די צוויי נפשות.

מען האָט ארומגערעדט פאַרשידענע מיטלען, און פון אַלע רייד האָט זיך אָנגעזעצט נאָר די איינציקע עצה, צוצוקומען צום קאָ־מענדאַנט פון שטאָט, אָבערסט פאָן לעוועצאָוו, און אים דורך א דע־פּוטאַציע דערלאַנגען א געשריבענע ביטע, ער זאָל באַפרייען די צוויי ארעסטירטע, ווייל זיי זענען אומשולדיק. עס איז אין זיין מאַכט, איידער ער ברענגט עס פאַרן מיליטערישן געריכט. די דע־פּוטאַציע, האָט מען באַשלאָסן, דאַרף באַשטיין פון ר׳ שמואלקען מיט דעם אדוואָקאט, אלס דער ראַבינער און פאָרשטייער פון זוועצק, פונוואַנען די ארעסטירטע זענען.

אָבער ווי קומט מען צו צום קאָמענדאַנט? האָט מען צו דעם אויך געפונען א מיטל: אין שעדלעץ איז געווען א יידיש מיידל, וואָס האָט זיך געקענט מיט דעם קאָמענדאַנטס אדיוטאַנט. דאָס מיידל פלעגט פועלן ביי אים פיל זאַכן, און זי האָט פון דעם גע־מאַכט א מסחר. פאַר א געוויסער סומע פלעגט זי זיך אונטערנעמען

קריגן דערלויבעניש אויף רייזעס, אויף תבואות און אנדערע זאכן, האט מען איצט געשיקט רופן דאס מיידל, און פאר פופציק מארק האט זי איינגעשטימט צו בעטן דעם אדיוטאנט, אז ער זאל זען, דאס דער קאמענדאנט זאל אויפנעמען ר' שמואלקען מיט דעם אדוואקאט.

.. ר' שמואלקען איז אפילו דאסדאזיקע מיטל נישט געווען צום הארצן; עס איז אים אויסגעקומען, ווי מען ווערט א שותף צו אן אומריינער זאך; ער האט אבער געשוויגן, און צוליב פקוח־נפש אלץ פארבויגן.

מען האט דאס געלט איינגעלייגט, און דאס מיידל האט באלד געוויזן איר כוח. נאך דעמזעלבן טאג, פארנאכט, האט זי געבראכט אן ענטפער, אז מארגן פרי, אום צען, זאל ר' שמואלקע מיטן אדוואקאט זיין אין ווארטע־זאל פון דער קאמענדאנטור, ווו דער קאמענדאנט וועט זיי אויפנעמען.

געדאוונט האט ר' שמואלקע אויף מארגן פרי מיט א צעבראכן הארץ, און נישט פארזוכנדיק קיין זאך, אין תענית, אוועקגעשפרייזט צו דער קאמענדאנטור, וואס האט זיך געפונען אין א פאלאץ, הינטער דער שטאט.

פונקט אין דער באשטימטער צייט האט זיך דער אדיוטאנט באוויזן אין ווארטע־זאל פון דער קאמענדאנטור און אויסגערופן:

— ראבינער פערלשטיין!

ר' שמואלקע האט אראפגעווארפן דאס ברייטע שטריימל פון קאפ, געבליבן אין דער קיילעכדיקער יארמולקע, זיך א צי געטאן פאר דער בארד און מיט טרייסלענדיקע פיס נאכגעגאנגען דעם אריומאנט צו דער אינעווייניקסטער טיר פון קאמענדאנטס קאבינעט.

דער אדוואקאט איז געבליבן אין ווארטע־צימער. דער קאמענדאנט האט באוויליקט אויפצונעמען נאר דעם ראבינער אליין.

דער קאמענדאנט, אבערסט האנס פאן לעווצאוו, א הויכער, קרעפטיקער מיטל־יאריקער מאן, מיט שווארצע פארדרייטע וואנצעס איבער א שטרענגן פנים, האט פון זיין ווייכער שטול א בליץ געטאן אויף ר' שמואלקען מיט זיינע שווארצע אויגן אונטער געדיכטע ברעמען און האט ארויסגעברומט:

— זיצן זי, הער ראבינער!

דער אדיוטאנט האט אנגעוויזן ר' שמואלקען, ווו זיך צו זעצן.

— וואָס איז אייער ווונטש, הער ראַבינער? — האָט דער קאָמענדאַנט געפרעגט שטרענג.

ר׳ שמואלקע האָט פון בוזעם־קעשענע אַרויסגעצויגן אַ צוגע־גרייטע, אָנגעשריבענע ביטע אין דייטש, און דערלאַנגט דעם קאָמענדאַנט.

— הער קאָמענדאַנט! — האָט ר׳ שמואלקע געזאָגט מיט אַ ציטערדיקער שטימע. — רעדן איז מיר שווער. איך בין גרייט צו שווערן ביי גאָט און ביי דער תורה פון ישראל, אַז די יידן זענען אומשולדיק; די מענטשן האָבן קיינמאָל נישט געוווּסט, וואָס אַ רעוואָלווער איז; דאָס האָט דער געהיים־אַגענט ביי זיי איבערגעלאָזט.

דער קאָמענדאַנט האָט געוואָרפן אַ פאַרשנדיקן בליק אויף ר׳ שמואלקען, און איינגעזונקען דעם קאָפּ אין דער ביטע, וואָס ער האָט געהאַלטן אין די הענט. ער האָט אַ ווײַלע געפירט מיט די אויגן איבערן פּאַפּיר, באַלד עס אָפּגעוואָרפן פון זיך, און אויפהויבנדיק נאָכאַמאָל די אויגן אויף ר׳ שמואלקען, אים אַ פרעג געטאָן:

— זינד זי שוין לאַנג ראַבינער אין זוועצק?

— מיין גאַנצן לעבן. פריער איז מיין פאָטער געווען רבי.

— הער לייטענאַנט! — האָט אָבערסט האַנס פאָן לעווצאָוו זיך געווענדט צום אַדיוטאַנט. — זאָל דער ראַבינער דאָ בלייבן, און זעען זי, אַז די אַרעסטירטע יידן זאָלן זאָפאָרט אַהער געבראַכט ווערן.

— יאַ וואָהל! — האָט דער אַדיוטאַנט זיך אויסגעגלייכט אין אַכטונג, און פאַרלאָזט דאָס צימער.

ווען ער איז אַרויס, האָט זיך דער קאָמענדאַנט אויפגעשטעלט. ער האָט אַ שלײַדער געטאָן הינטער זיך זיין שטול און איז צוגעגאַנגען צו ר׳ שמואלקען.

דער רבי האָט זיך אַ הויב געטאָן פון אָרט.

— זיצן זי, — האָט דער קאָמענדאַנט לייכט אַרויפגעלייגט זיין האַנט אויף ר׳ שמואלקעס אַקסל און אויף זיין שטרענגן פּנים האָט זיך באַוויזן אַ שמייכל.

— ווייסן זי, ראַבינער, — האָט ער געזאָגט לאַנגזאַם מיט אַ פאַרענדערטן טאָן, — איך אַליין שטאַם פון יידן. מיין זעליקע

מוטער איז א יידיש קינד געווען, א טאָכטער פון א ראַבינער. איך בין זיכער, אַז זיי, די פאַרפלוכטע פעלד־אַגענטן, ווילן דאָ אומ־ברענגען אומשולדיקע צוויי יידן. נאָך היינט וועלן די יידן באַ־פרייט ווערן. איך וויל אָבער, ראַבינער, אַז זיי זאָלן מיך בענטשן, איך זאָל קומען גאַנץ פון קריג אַהיים. איך מעכטע באַלד צום פראָנט גיין.

דער קאָמענדאַנט האָט גערעדט שטיל, אויסגעצויגן יעדעס וואָרט, ר' שמואלקע זאָל אים פאַרשטיין. ר' שמואלקע האָט טאַקע פאַרשטאַנען, איז אָבער געווען פון איבעראַשונג ווי דערשלאָגן און איז געזעסן ווי פאַרגליווערט.

עס האָט געדויערט א ווײַלע, ביז ער איז געקומען צו זיך. דער־מאָלט האָט ער זיך אויפגעשטעלט, אַרויפגעלייגט ביידע הענט אויף די ברייטע אַקסלען איבער דעם קאָמענדאַנטס מונדיר, אויפגעהויבן די אויגן צום הימל, און מיטן גאַנצן האַרצן געזאָגט גערירט:

— דער גאָט פון ישראל זאָל דיר געדענקען דעם חסד, וואָס דו גייסט ראַטעווען נפשות. דו זאָלסט זיין געזונט, נצול ווערן פון אַלע סכנות און קומען בשלום אַהיים פון דער מלחמה.

אָבערסט פאָן לעווצאָוו האָט ווינציק וואָס פאַרשטאַנען פון ר' שמואלקעס רייד, וואָס זענען באַשטאַנען מער פון העברעאישע ווערטער. ער האָט אָבער געפילט ר' שמואלקעס האַרץ, און זיינע אויגן זענען געוואָרן פייכט פון טרערן.

— הער ראַבינער, — האָט ער געזאָגט, — געדענקט מיין נאָ־מען: פאָן לעווצאָוו פון דיסעלדאָרף. נאָך דער מלחמה, קאָנען מיר זיך אַמאָל טרעפן. איצט אָבער מוז עס פאַרלויפיק בלייבן א גע־היימניס. זי דאַרפן קיינעם נישט דאַכטן פון דעם.

— איך וועל עס נישט אַרויסברענגען פון מיין מויל, — האָט ר' שמואלקע געזאָגט גערירט.

אין א ווײַלע אַרום, ווען דער אַדיוטאַנט האָט געעפנט די טיר, איז שוין דער קאָמענדאַנט, אָבערסט האַנס פאָן לעוווצאָוו, געזעסן אויף זיין אָרט אין ווייכן שטול. זיין פנים האָט צוריק אויסגע־דריקט די אָפיציעלע שטרענגקייט, און ר' שמואלקע איז געזעסן אויף זיין אָרט מיט אַן אַראָפּגעלאָזטן קאָפּ, פאַרזונקען אין זיינע געדאַנקען.

— די אַרעסטירטע וועלן זאָפאָרט געבראַכט ווערן! — האָט דער אַדיוטאַנט געמאָלדן.

נאָך דעמזעלבן טאָג האָט שעדלעץ געקלונגען מיט דער גוטער בשורה. דער קאָמענדאַנט האָט, נאָכדעם, ווי ער האָט אויסגעפרעגט די אַרעסטירטע, זיי פריי געלאָזט, קאָנפיסקירנדיק זייער סחורה און געלט.

הערש און מענדל זענען נאָך דעמזעלבן אָוונט געזעסן צוזאַמען מיט ר' שמואלקען, אַדוואָקאַט וואָלפּאָווסקי און נאָך אַנגעזעענע בעלי־בתים פון שעדלעץ און זיך געפרייט מיט גאָטס חסד. געלויבט האָבן אַלע דעם אַדוואָקאַט פאַר זיין דיקטירן די ביטע אַזוי קלאָר, אַז דאָס האָט איבערצייגט דעם קאָמענדאַנט אין דער אומשולד פון הערשן און מענדלען.

געזען האָבן אַלע אַ נס אין דעם, וואָס דער שטרענגער קאָמענדאַנט האָט באַוויליקט פריער אויפצונעמען דעם רבין און דערנאָך צו באַפרייען די אַרעסטירטע. מען האָט עס צוגעשריבן ר' שמואלקעס מופתים. נאָר ער, ר' שמואלקע אַליין, האָט געוווּסט דעם סוד פון דער מערקווירדיקער פּאַסירונג. ער האָט אָבער געשוויגן, געהאַלטן הייליק זיין צוזאָג דעם קאָמענדאַנט, אַז ער וועט עס נישט אַרויסברענגען פון מויל.

קאַפּיטל דריי און צוואַנציק

די אויפטרייסלונג אין מענדלס געפילן, וואָס די פּאַסירונגען פון זיין אַרעסט, פּאַרראַט און בלבול פון דייטשן שפּיאָן האָבן אַריינגעבראַכט, איז שוין פון אים נישט אָפּגעטרעטן.

ווען זיי זענען געקומען באַפרייטע אַהיים, צעמישטע און צעטומלטע, ווי נאָר־וואָס אַרויסגעצויגן טרינקענדיק זיך פון ים, האָט הערש אויפגעגעבן די שמוגל־געשעפטן. ער האָט מער פון דיזאָזיקע גליקן נישט געוואָלט וויסן. באַרויבט פון זיין געלט און מי פון די צוויי גוטע יאָר, איז ער געווען אינגאַנצן צעבראָכן, און זיך מער נישט געקאָנט אויפשטעלן צוריק אויף די פיס. עס האָט אויף

אים שטענדיק געלויערט די שרעק פון דער געהיימער פעלד־פּאָלי־ציי, וועמענס שאָטן ס'האָט אים באַגלייט און נישט געלאָזט קומען צו זיך.

אָרעמקייט האָט זיך אָנגעהויבן נעסטן אין זיין הויז. פון רחמנות־וועגן האָט אים ר' שמואלקע געקריגן די שטעלע פון אַן אויפזעער אין דער שטעטלשער באָד, וואָס האָט זיך גראָד געמאַכט פריי. הערש האָט שטום באַדינט די באָד־באַזוכער, קאָרטשענדיק זיך, מ'זאָל אים וואָס ווינציקער אָנזען.

אויך מענדל איז געוואָרן אוים בריה, אוים גרויסער מענטש, און צוריק אַ יינגל. ער האָט אַרויסגעהאָלפן דעם טאַטן אין דער אַרבעט אין באָד, געהאָלפן הייצן דעם אויוון. ער האָט זיך אָבער אונטערגעגעבן נאָך אויסערלעך; אינערלעך האָט אין אים אָבער נאָך געברענט אַ פייער פון צאָרן.

ווי דעמאָלט, אין דער טורמע־צעלע האָט יעדע דערינערונג וועגן „קעללערן" געמאַכט אויפטרייסלען זיין וועזן. עס האָט אים ווײי געטאָן דאָס האַרץ, וואָס ער און זיין טאַטע זענען אַזוי נידעריק געפאַלן, צו דאַרפן זיין באָד־הייצערס. ער האָט זיך אַליין נישט גע־קאָנט שענקען, וואָס ער איז געווען אַזוי נאַריש, געגלויבט „קעל־לערן", און נישט באַמערקט זיינע קעצישע אייגעלעך, וואָס האָבן אַזוי אָפּט געזוכט צו פאַרצוקן. עס האָט אין אים געברויזט אַ שטו־רעם פון שנאה און נקמה, וואָס האָט זיך פון „קעללערן" אויס־געשפּרייט אויף יעדן דייטשן זשאַנדאַרם, אויף יעדן זעלנער, אויף וועמען ער האָט געקוקט, ווי אויף קאַלטבלוטיקע מערדער, וואָס ווייסן נישט פון קיין מענטשלעכע געפילן.

ווי צעטומלט איז ער, מענדל, אַרומגעגאַנגען, און ווען ער האָט באַגעגנט אַ דייטשן זשאַנדאַרם, האָבן זיינע ציין זיך צונויפ־געדריקט פון צאָרן. אים האָט זיך געדוכט, אַז זייער אויפגאַבע באַשטייט נאָר צו לויערן אויף איטלעכן און אַריינציען אין אַ נעץ.

קעללער מיט דער אָפּטיילונג פעלד־אַגענטן האָבן זיך נאָך גע־פינען אין זוועצק, און מענדל האָט זיך אויסגעהיט פון צו באַגע־גענען אים. ער האָט זיך געשראָקן פאַר זיך אַליין: קעללער קאָן נאָך אים אָפּשטעלן, אָנהויבן מיט אים רעדן מיט יענע גוטע, זיסע ריידעלעך, מיט דעם פאַלשן שמייכעלע אויפן פּנים, ער וועט וועלן פלעכטן אַ נייע נעץ, און ער, מענדל, וועט זיך נישט קאָנען צווינגען.

דער כעס וועט אין אים אויפּברויזן און אים איבערוועלטיקן. ער וועט נאָך אויפהויבן א האנט און זי אראָפּלאָזן איבער קעלערס פּוכיקע באַקן, און דעמאָלט — ביי קעלערן אין האנט וועט אויפגלאַנצן א שטאָלענער פּיסטאָלעט און — טראַך־טראַך, — ער וועט אים דערשיסן אָן א משפּט.

געציטערט האָבן פּאר אזא באַגעגעניש נישט נאָר מענדל, נאָר אויך זיינע עלטערן. הערש און זיין ווייב האָבן געזען מענדלס אויפגערעגטקייט און האָבן זיך געשראָקן, אז ביי נאָך א צוגעלייגטן פונק, ווי א באַגעגעניש מיט קעלערן, קאָן ער, מענדל, אָפּטאָן אַן אומבאַרעכנטן שריט.

געלעבט האָבן זיי אויך אין שרעק, אז קעלער וועט נאָך אפשר וועלן זוכן א נייעם בלבול אויף זיי. אים, דעם שטאָלצן דייטש, וועט דאָך נישט אָנשטיין, וואָס אים האָט זיך זיין שפּיל נישט איינגעגעבן דעם ערשטן מאָל, ער וועט זוכן צו שטילן זיין בלוטדורשטיקייט און וועט פאַרטראַכטן א נייעם טייוולשן פּלאַן.

געזוכט האָבן זיי דעריבער עצות, ווי צו מאַכן, אז מענדל זאָל פאַרלאָזן זוועצק, און אַלץ זאָל אָפּגעווישט און פאַרגעסן ווערן. א נייע אומגעבונג וועט אויך אָפּשוואַכן דעם צאָרן פון מענדלס הארץ. אָבער ווו פאָרט מען און ווּהין קערט מען זיך, ווען אַלע וועגן זענען געשלאָסן, און מען איז געצאַמט אין די שטעטלשע ענגע גרענעצן?

זענען אָבער די דייטשן אַליין געקומען צוהילף.

גאָר פלוצלינג און אומגעריכט האָבן זיי מענדלען צוגענומען פון זוועצק.

עס איז געווען שפּעטער מיט דריי חדשים, און אין א פרימאָרגן האָבן זיך אין די ווינקלען פון די גאַסן באַוויזן אָנגעקלעפּטע מעלדונגען, אז אַלע יונגעלייט פון זיבעצן ביז דרייסיק יאָר זאָלן קומען אויפן אַנדערן טאָג אין דער גרויסער שול זיך רעגיסטרירן, ווייל זיי, די דייטשן, ווילן האָבן א גענויע רשימה פון די מענער אין דערמאָנטן עלטער און וויסן זייער צאָל, און ווער עס וועט נישט פאָלגן דעם באַפעל, וועט באַטראַכט ווערן אַלס א געפאַנגענער און וועט זאָפאָרט אַרעסטירט ווערן.

אָנגענומען האָט דאָס שטעטל די גזירה מיט א לייכט הארץ. זיך רעגיסטרירן — וואָס קאָן עס שאַדן? געוווינט איז מען געווען

יענע טעג צו ערגערע באפעלן, — וועגן צוואנגס־ארבעט און רעקוויזיציעס פון שטובּיקע כּלים, וואָס איז געווען שווער צו פאָלגן, — אָבער אזא קליניקייט, ווי אַ רעגיסטראציע, ווער מען קאָן עס אָרן?

מיט גרינגע הערצער האָבן אויף מאָרגן די יונגעליט זיך געזעגנט אין שול אריין. ביי דער טיר פון שול־פּאָליש איז פון פריען מאָרגן געשטאַנען אַ זשאנדארם און האָט איטלעכן אריינגעלאָזט אינעווייניק אין פראגן.

אָנגעפּאַקט איז גיך געוואָרן די שול מיט יונגעליט. חוץ די יידן זענען אויך אין שול געקומען אַ געוויסע צאָל קריסטן, פּאָליאקן, וואָס האָבן געוווינט אין די עקן שטעטל. מען איז געשטאַנען אין גרופּעס און געמיטלעך געשמועסט צווישן זיך און דערביי זיך אויך דורכגעוואָרפן מיט וויצן אויפן חשבון פון „יעקע־דייטש", וואָס אַלץ דאַרף ער ציילן, פון אַן איי ביי אַ הון ביז די יונגעליט פון זוועצק.

עס האָט גענומען אַ היפּשע צייט, ביז מען האָט זיך ענדלעך דערוואַרט: אין שול האָט זיך באַוויזן אַן אָפיציר מיט אַ בוך אין האַנט, אין באַגלייטונג פון אַ גרופּע סאָלדאַטן מיט ביקסן אין די הענט.

שטיל איז מיטאַמאָל געוואָרן ארום, און מיט שטומען וווּנדער האָט מען אָנגעקוקט די זעלנער, וועלכע זענען געשטאַנען מיט ערנסטע, פאַרגליווערטע פּנימער, ווי דער שטאָל פון זייערע ביקסן.

דער אָפיציר האָט עפּעס אויסגעשריגן צו די זעלנער און זיי האָבן זיך מיטאַמאָל אויסגעשטעלט ווי אויף וואַך, אָפּרוקנדיק זיך איינער פון אַנדערן אויף אַ געמאָסטענער דיסטאַנץ.

— די רעגיסטראציע הייבּט זיך אָן! — האָט ווידער דעם אָפיצירס שטימע געשפּאָלטן די שטילקייט, און איינציקווייז זענען די יונגעליט אַרויפגעשטיגן די פּאָר טרעפּלעך פון דער בימה.

דער אָפיציר האָט אויסגעפרעגט די נעמען, דעם עלטער, עס איינגעשריבן אין אַ בוך און געהייסן די יונגעליט אַראָפּגיין דורך דער אַנדערער זייט בימה, צווישן דער וואַך פון די זעלנער.

— מעכטע איך געהן צו הויזע? — האָט איינער אַ פרעג געטאָן.

— היער בּלייבּן! — האָט אַ זעלנער אַ דונער אים געטאָן

אַן ענטפֿער, וואָס האָט ווי אַ פּלוצלינגער קלאַפּ אין פּנים, געמאַכט אויפֿציטערן די הויט.

מען האָט שוין מער נישט געפֿרעגט, און מיט אַ רעטעניש אין די אויגן געשטאַנען שטום און געוואַרט, ביז די רעגיסטראַציע וועט זיך ענדיקן.

צווישן די רעגיסטרירטע אין שול איז אויך געווען מענדל. זייענדיק אַלט אַכצן יאָר, האָט ער מורא געהאַט נישט צו פֿאָלגן דעם באַפֿעל. הערש אַליין האָט אים געהייסן גיין. ווער ווער, אָבער אויף אים, מענדלען, טאָר קיין פֿלעק נישט פֿאַלן.

געשטאַנען איז איצט מענדל צווישן די אַריינגענומענע אין וואַך יונגעלייט, און זיך געוווּנדערט גלייך מיט אַלעמען.

— די דייטשן מיט זייערע שגעונות, — האָט אים איינער אַ שושקע געטאָן, — אַלץ דאַרפֿן זיי פּינקטלעך. אַרויסלאָזן דאַרפֿן זיי אַלעמען גלייך.

— איך האָב מורא, אַז מיר גייען נישט אַזוי גיך אַרויס, — האָט מענדל אים אָפּגעענטפֿערט, — איך דערקען שוין די פּנימער פֿון אַזאַ וואַך, דאָס איז עפּעס אַ שטוקע, מען האָט אונז אַריינגענומען אין אַ פּאַסטקע.

— אָט וואָס דיר קאָן זיך דוכטן, — האָט אים יענער געזאָגט, — וואָס האָבן זיי צו אונז? האָבן מיר דען עפּעס געטאָן אַ פֿאַרברעכן?

אָבער עס האָט נישט געדויערט לאַנג און מענדלס חשש האָט זיך אַרויסגעוויזן צו זיין ריכטיק.

פֿון גאַס האָבן זיך דערטראָגן קלאַנגען, אַז די שול איז פֿון אויסנווייניק אַרומגערינגלט מיט רייטער־זשאַנדאַרמען, און אַז אַלע אינעווייניק זענען אַרעסטירט.

באַלד האָבן זיך אויך אָנגעהויבן צו דערטראָגן אינעווייניק דורך די אָפֿענע פֿענסטער איינצלנע אויסגעשרייען, געוויינען אין יאָמערדיקע קלאָגן, וועלכע זענען געוואַקסן אין קראַפֿט און און פֿאַרצווייפֿלטע טענער, און געמאַכט אויפֿציטערן די לייבער פֿון די צעשראָקענע יונגעלייט.

דאָס האָבן שוין ווייבער און מאַמעס באַצייטנס דערשמעקט דאָס אומגליק און באַוויינט זייערע מאַנען און קינדער.

דער טאָג האָט זיך דערווייל אַלץ געצויגן, און די פֿאַרהאַל־

טענע האט מען נישט ארויסגעלאזט. פארקערט, מען איז נאך גע־ווארן שטרענגער און קיינעם צו זיי נישט צוגעלאזט.

געבעטן האט מען זיך אין גאס ארום שול מיט טרערן אין די אויגן ביי די זשאנדארמען, זיי זאלן זאגן, וואס גייט מען טאן מיט די פארהאלטענע. שוין דאס וויסן וואס, וואלט פיל פארגרינ־גערט די שרעק, אבער די רייטנדיקע פעלד־זשאנדארמען זענען מיט די פערד אריינגעפארן צווישן די צונויפגעקליבענע גרופעס, זיי צעשפרייט און געטריבן פון ארט צו ארט, און דערביי נישט א ריר געטאן מיט קיין מוסקול פון פנים, ווי פארגליווערט־שטום האבן זיי געטאן זייער „דינסט", און נישט ארויסגעבראכט קיין ווארט פון די געשלאסענע מיילער.

ענדלעך, פארנאכט־צו, איז מען יא ווי עס איז דערגאנגען, וואס דא איז פארגעקומען. דערגרייכט האבן ווערטער פון קא־מענדאנט:

— די פארהאלטענע זענען ציווילע געפאנגענע און וועלן מארגן פארטאגס אפגעשיקט ווערן הינטערן פראנט צו צוואנגס־ארבעט, צו העלפן גראבן טראנשעען ביי א צווייטער פארטיידי־קונגס־ליניע.

באלד נאכדעם האט מען די יונגעלייט ארויסגעפירט פון שול, מארשירנדיקע צו צוויי אין א רייע, באגלייט פון אלע זייטן פון א שטרענגער וואך, און זיי אפגעפירט צו דעם ארומגעצוימטן הויף פון דער פעלד־פאליציי, דארט צו נעכטיקן.

געוועזן איז יענע נאכט אין זוועצק א וואך־נאכט. טראץ די פארבאטן, האבן זיך אויסנווייניק פון די דראטן־שטאכעטן פון דעם זשאנדארמען־הויף צונויפגעקליבן מענטשן. מען האט געשריגן, געופן נעמען, און געגארט כאטש כאפן א ווארט, א בליק אויף די אייגענע, וואס זענען אזוי פלוצלינג, אפגענארט־היים, אוועקגעריסן געווארן פון זיי.

דורך גרויסע השתדלותן האט מען ווי עס איז געפועלט, אז פינף פארטאג, א שעה פארן אפפארן, וועט מען ארויספירן די פאר־האלטענע אויפן הויף, און די אייגענע וועלן קאנען זיך מיט זיי דורכשמועסן דורך די גראטעס, און אויך דורך די וואך־זעלנער זיי איבערגעבן פעקלעך וועש און עסן.

עס איז געוועזן א רירנדיק בילד אנצוקוקן די באזונדערע גרו־

פּעס און קופּקעלעך מענטשן בײַ די גראַטעס, אינעווייניק און אויסנווייניק, וועלכע האָבן זיך געריסן איינע צו די אַנדערע, און נאָר די שטעכעדיקע דראָטן האָבן זיי פֿאַנאַנדערגעשיידט.

געשטאַנען איז אויך מענדל צווישן די געפֿאַנגענע און גע־צויגן צו זיך דאָ הערשס און דאָ דער מאַמעס הענט דורך די לע־כער פֿון די דראָטן.

בײַ הערשן זענען געווען די אויגן פֿייכט און דאָס פּנים אויס־געקרימט פֿון שווערע איבערלעבונגען אין דער מינוט. ער האָט אָבער געמורמלט עפּעס אומפֿאַרשטענדלעכס, און דאָס קול איז אים געוואָרן פֿאַרשטיקט. געהערט האָט זיך נאָר דייטלעך דער מוטערס קלאָגן:

— נאָך איין בליק אויף דיר, מיין זון, — האָט זי געיאָ־מערט, — נאָך איין קוק. מיר זאָגט דאָס האַרץ, אַז עס איז אויף לאַנג. גאָט ווייס, ווען איך וועל דיך זען צוריק.

— וויין נישט, נאַרישע יידענע, — האָט זיך ענדלעך אויס־געטיילט דייטלעך הערשס מירמל, — ווען גאָט וואָלט אונז וועלן מאַן שלעכטס, וואָלט מען אונז געשאָסן נאָך אין שעדלעץ. ר׳ שמואלקע וואָלט אונז נישט געקאָנט רעטן. מסתמא דאַרפֿן מיר נאָך לעבן, און דאָס איז צו גוטן. דאָ וואָלט אפשר געווען ערגער.

מענדל איז געשטאַנען און זיי, די עלטערן, אַנגעקוקט מיט פֿאַרנעפּלטע אויגן. ער איז איבערהויפּט געווען ווי צעמישט, און ווי אַטראָפּירט פֿון אַלע געפֿילן. זאָגאַר דער צאָרן צו די דייטשן האָט דורך דער פּאַסירונג ווי אויסגערונען פֿון זיין האַרצן. אין זיין אונטערבאַוווּסטזיין האָט געאַרבעט אַ משונהדיקער געדאַנק, אַז וואָס ערגער, וואָס מער די דייטשן וועלן דריקן, אַלץ בעסער וועט זיך אויסדרייען, און איז ערגעץ, אין אַ ווינקל פֿון זיין האַרצן, גע־ווען ווי צופֿרידן פֿון דער פּאַסירונג: מען וועט דאָך נישט דער־עסן, דערפֿאַר וועט קומען אַן ענדערונג, עס וועט געוויס קומען, מען דאַרף זיין קאַלט, און זיך איבערגעבן דעם גורל אין די הענט: זאָל קומען וואָס עס וויל זיך.

אין זיין פֿאַרנעפּלטן מוח האָט אָפּגעקלונגען דער מאַמעס אומאויפֿהערלעך קלאָגן, און עס האָט אַ ריר געטאָן זיין וועזן:

— וויין נישט, מאַמע, — האָט ער ענדלעך אַרויסגע־שטאַמלט, — וויין נישט, דער טאַטע איז גערעכט. עס איז דאָך

בעסער, ווי אין שעדלעץ אין טורמע. קעללער איז דאָך דאָ צווישן די זשאַנדאַרמען. וואָס עס וועט זיין מיט אַלעמען, וועט אויך זיין מיט מיר.

— פונוואַנען ווייסטו, אַז קעללער איז דאָ? — האָט הערש געפרעגט.

— איך האָב אים אַליין ביינאַכט געזען אין הויף, — האָט מענדל געענטפערט, — כאָטש ער האָט מיך נישט באַמערקט.

— דיר דוכט זיך דאָס, — האָט זיך נאָך ביי הערשלען גע־פונען מוט אַ שמייכל צו טאָן, — אַלע דייטשן זעען ביי דיר אויס ווי קעללערס.

ווידער האָבן די עלטערן געגלעט מענדלס הענט דורך די שטאַכעטן, געקלעפּט די פּנימער צו די שטעכעדיקע דראָטן און זיי באַנעצט מיט אויפגעמישטע טרערן.

— פאָר געזונט, — האָט די מוטער אַלץ געקלאָגט, — זאָל גאָט דיך אויסהיטן.

איר יאָמער איז אָבער איינגעשלונגען געוואָרן אין גרויען פרימאָרגן און זיך אויסגעמישט מיט דעם יאָמער פון צענדליקער אַנדערע מוטערס. צונויפגעמישט צוזאַמען, ווי אין אַ געדיכטן קנויל, האָבן זיך זייערע געוויינען געריסן הויך צום אויסגעשיילטן בלויען הימל, וואָס האָט זיך אַלץ מער אויסגעוויקלט פון נאַכטיקן איינגעהילטן שלייער.

קאַפּיטל פיר און צוואַנציק

אין פראַכט־וואַגאָנעס, באַגלייט פון אַ שטרענגער וואַך, זענען די ציווילע געפאַנגענע געבראַכט געוואָרן קיין וואָלקאָוויסק, אַ שטעטל צו מזרח פון פּראָנט.

מען האָט זיי אַראָפּגעלאָזט ביים באַנהויף און פון דאָרט גע־בראַכט צו אַ גרויסער געביידע, וואָרשיינלעך אַ געוועזענע קאַזאַר־מע, אַרומגעצוימט אַרום און אַרום מיט גראַטעס.

דאָרט זענען שוין געווען פון פריער פיל צענטליקער אַזוינע „געפאַנגענע”, צונויפגעשלעפּטע פון פאַרשידענע שטעט אין פּוילן.

דאָרט, אויפֿן ברייטן הויף, האָט מען די פֿאַרביקע מאַסע אויסגע־שטעלט אין רייען, און סאָרטירט אין קאָמפּאַניעס.

רויט־פּנימדיקע זשאַנדאַרן האָבן פֿון פּאַפּירן אין די הענט געלייענט די נעמען. אין זייערע דייטשע גאָרגלדיקע שטימען זענען די נעמען אַרויסגעקומען פֿרעמד, משונהדיק, אַזוי אַז די אָנגערו־פֿענע האָבן זיך קוים געכאַפּט, אַז דאָס מיינט מען זיי. פֿרעמד זע־נען זיי אויסגעקומען די נעמען, און פֿרעמד האָבן זיי געפֿילט זייער אייגענעם איך, נישט פֿאַרשטאַנען, ווו זענען זיי, און וואָס וויל מען פֿון זיי.

די וועצקער יידן זענען צעטיילט געוואָרן אין פֿאַרשידענע גרופּעס. אויך מענדל איז צוגעשריבן געוואָרן צו אַ קאָמפּאַניע פֿון אומבאַקאַנטע פּוילישע גויים. דאָס האָט מען די יידן אַזוי בכיוון צעשפּריט צווישן די גויים, ווייל די יידן, קענענדיק זיך צו־נויפֿרעדן אויף דייטש, האָבן אויך געקאָנט דינען אַלס איבער־זעצער.

נאָכן אויסטיילן קליינע לעבעלעך ברויט מיט מאַרמעלאַד, און נאָכן עסן פּאָרציעס פֿון אַ גרויסן קעסל, האָט מען ווידער די „גע־פֿאַנגענע“, אונטער דער באַגלייטונג פֿון זשאַנדאַרן, אָפּגעשיקט אין פֿאַרשידענע ריכטונגען.

מענדל איז מיט זיין קאָמפּאַניע אָפּגעשיקט געוואָרן צו אַ פּרי־ציש הויף ביי אַ פֿינף ווייאָרסט פֿון שטאָט.

געוועזן איז מענדל אַלץ אין זיין גלייכגילטיקן פֿאַרפֿרוירענעם צושטאַנד. ער האָט מעכאַניש אַלץ געפֿאָלגט, אָן געפֿיל און אָן האַרץ. ביי זיין אויפֿזעער, אַ פֿעלד־זשאַנדאַרם, האָט מענדל דווקא אויסגענומען. ער, דער דייטשער זשאַנדאַרם, האָט נישט געדאַרפֿט מענדלס געפֿיל אָדער האַרץ, פֿאַר אים איז עס געוועזן פּינקטלעכקייט און רעזולטאַטן. פֿאַרקערט, וואָס מער מעכאַניש, אַלץ בעסער איז עס אים געוועזן געפֿעלן.

מענדל האָט אים אויך געדינט אַלס איבערזעצער. און כאָטש ער איז שטענדיק געוועזן אויף דער זייט פֿון די פּוילישע חברים, וועמענס רייד ער האָט אָפֿט איבערגעזעצט בעסער ווי זיי האָבן אים געזאָגט, צוגעבנדיק פֿון זיין אייגענעם פֿאַרשטאַנד, — האָט אים דאָך דער אויפֿזעער געאַכטעט פֿאַר זיין נוצבאַרער דינסט אַלס איבערזעצער.

געוווינט האָבן די ציווילע געפאַנגענע פון מענדלס קאָמפּאַניע אין אַ גרויסן פּריצישן הויף, אין קליינע, נידעריקע הייזלעך, וואָס זענען איבערגעמאַכט געוואָרן פון שטאַלן. דעם „פּאַלאַץ" מיט די גרעסערע געביידעס האָבן פאַרנומען די דייטשן, דער לייטענאַנט מיט דער גרופּע פעלד־זשאַנדאַרמען וועלכע האָבן אָפּגעהיט די וועגן און געהאָלפן אויפמאָנען די רעקווירירטע תבואות.

די צייט איז דערווייל געלאָפן אָן ענדערונגען. מענדל האָט גע־האַט אַ ספּעציעלע דערלויבעניש אַרויסצוגיין דורך דער וואַך פריי פון הויף, און ער פלעגט אָפט באַפרייט ווערן אויף אַ טאָג פון דער אַרבעט. ער פלעגט דעמאָלט זיך לאָזן קיין וואָלקאָוויסק. דאָרט האָט ער שוין געהאַט באַקאַנטע יידן, און איז אויף אַ ווײַלע אַריבערגע־טראָגן געוואָרן אין אַן אַנדער סביבה.

געגאַרט האָט מענדל אין שטאָט שטענדיק צו הערן עפּעס נייעס פון דער מלחמה, וואָס עס הערט זיך אויף דער וועלט, אָבער ער האָט יעדעס מאָל זיך אומגעקערט אַן אַנטוישטער: אויך אין שטאָט, ווי איבעראַל אין די אָקופּירטע געגנטן, האָט מען ווינציק געוווּסט, וואָס עס קומט פאָר איבער דער וועלט, און אויך דאָרטן האָט זיך דאָס לעבן געצויגן מאָנאָטאָן אָן האָפנונגען און אָן ליכט פאַר דער צוקונפט.

אָבער כאָטש געדוכט האָט זיך מענדלען, ווי אַלע איינוווינער, אַז אייביק וועט זיך עס אַזוי ציען, שטענדיק וועט מען אַרבעטן אַלס געפאַנגענע, און שטענדיק וועט מען זיין געצוווּנגען צו עסן אַ געוויסן פונט ברויט, האָט דאָך די צייט געוועבט נייע געשעע־נישן, וועלכע האָבן זיך אָנגעהויבן אַנטוויקלען אין ראַשיקע פאַר־מען, שנעל, ווי געבראַכט דורך אַ ווירבל־ווינט.

אין רוסלאַנד איז אויסגעבראָכן די רעוואָלוציע און די באָל־שעוויקעס האָבן פאַרכאַפּט די מאַכט. עס האָט זיך אָנגעהויבן צו טראָגן פון דאָרט אַ רוף פון פרייהייט, וואָס האָט ווי אַ כוואַליע אויך דערגרייכט אין די אָקופּירטע געגנטן. דאָס וואָרט „טאָוואַ־רישטש", חבר, האָט אָנגערירט אַ סטרונע אין הארצן פון יעדן באַליידיקטן און דערשלאָגענעם, און אַרויסגערופן פון דאָרט אַ צוויבער־קלאַנג. עס האָבן זיך פון רוסלאַנד אַריבערגעטראָגן די קלאַנגען פון דער „מאַרסעליעזע", דאָס ליד פון די באַפרייטע, די לאָזונג מיט גרויסע שלאָג־ווערטער, וואָס האָבן גערופן צום קאַמף

קענען די פייניקער און באַדריקער, פאַר אַ נייעם לעבן מיט אַ בע־סערער אָרדענונג און גערעכטיקייט. פיל יונגע בחורימלעך און מיידלעך זענען געפאַנגען געוואָרן פון דידאַזיקע ווערטער; עס האָבן זיך שטילערהייט געגרינדעט געהיימע אָרגאַניזאַציעס, וואָס האָבן סימפּאַטיזירט מיט די באָלשעוויקעס.

אויך צו מענדלען האָט דערגרייכט דער רוף. ער האָט עס גע־הערט פון די באַקאַנטע אין וואָלקאָווינסק. עס איז פּונקט געווען אין דעם דאָס, וואָס זיין האַרץ האָט געגאַרט צו זען. די ענדערונג, וועגן וועלכער ער האָט געחלומט. אָט, ווען זיי, די באָלשעוויקעס, קומען אַהער, דעמאָלט וואָלטן זיי אויסגעריסן מיטן וואָרצל אָט די דייטשע גרויסהאַלטער, וואָס שפּאַרן פון גאווה די קעפּ צום הימל, און די שטומע, איינגעבויגענע וואָלטן אויפגעהויבן דעם קאָפּ.

מענדל האָט ווי אויפגעוואַכט. זיין אַמאָליקער צאָרן האָט זיך ווי אויפגעוועקט פון זיין פאַרשטיקטקייט. ער האָט געחלומט, אַז ווען זיי, די באָלשעוויקעס, קומען אַהער, וואָלט ער זיך אַריינגע־וואָרפן אין דער אַרבעט, וואָלט זיי געהאָלפן אין זייער גערעכטן קאַמף.

און פּלוצלינג האָט צו אים ווידער דערגרייכט די גרויסע נייעס, אַז זיין טרוים האַלט ביים פאַרווירקלעכט ווערן. די באָלשע־וויקעס, אונטער דער אָנפירונג פון לעוו טראָצקי, האָבן זיך גע־טראָגן צו מערב, און אַז די דייטשן, ביי וועמען, ווי עס האָבן זיך געהערט קלאַנגען, איז אויך אויסגעבראָכן אַ רעוואָלוציע, ציען זיך צוריק אַהיים.

געהערט האָט מענדל די נייעס אינדערשטיל, דורך באַקאַנטע אין שטאָט. ביי אים אין הויף צווישן די זשאַנדאַרמען האָט זיך די ענדערונג נישט געשפּירט. פאַרקערט נאָך, זיי, די פעלד־פּאָליציי, איז נאָך געוואָרן שטרענגער, מער אויפגעוואַכט, און געהאַלטן גרייט צו יעדער צייט די רעוואָלווערן.

געקומען זענען אָבער טעג, ווען די זשאַנדאַרמען האָבן עס שוין מער נישט געקאָנט פאַרשטיקן. אויף די ברייטע שליאַכן און אויפן שאָסיי, נישט ווייט פון הויף, האָבן זיך אָנגעהויבן ציען ווע־גענער, וואָפן, פערד און מענטשן. ווי אַ געוואַלטיקע כוואַליע האָט זיך די דייטשע אַרמיע אָנגעהויבן קייקלען אויף צוריק, צו מערב, צו די אייגענע גרענעצן.

אַן אומגעדולד האָט אָנגעהויבן זיך צו באַזעצן אין מענדלס פּלוטן. זיין האַרץ האָט אים געזונגען פון פרייד, אַז אָט באַלד וועט קומען אַן ענדערונג. און איטלעכער טאָג איז אים געוואָרן שווער צו וואַרטן.

נעכט איז ער געלעגן אויף זיין געלעגער מיט וואַכע אויגן, און אויסגעאַרבעט פּלענער, ווי ער וועט אַנטלויפן צו די באָלשעוויקעס. ער וועט זיך באַזאָרגן מיט עסן, מיט אַ פלאַש וואַסער, וועט שטיל אַרויסגיין פון „הויף", און איידער וואָס־ווען, וועט ער אַוועקפּוי־זשען אין נאָנטן וואַלד, און דאָרט איבערוואַרטן, ביז די באָלשע־וויקעס וועלן אָנקומען.

ער האָט באַשלאָסן צו קוקן אויפמערקזאַם אויף אַלע באַוועגונגען און זען אויסצופירן זיין פּלאַן אין דער געהעריקער צייט, נישט צו־פרי און אויך נישט צו־שפּעט.

געקומען איז אָבער פּלוצלינג אַ פּאַסירונג, וואָס האָט אים צו־געאײַלט מיט זיין פּלאַן:

אין איינעם אַ פאַרנאַכט האָט מען אים פּלוצלינג גערופן אין דער קאַנצעלאַריע פון לייטענאַנט. געגאַנגען איז מענדל עטוואָס צע־שראָקן. צי איז מען נישט דערגאַנגען זיינע פּאַרטראַכטע פּלענער? אָבער דאָרט, אינדרויסן ביי דער קאַנצעלאַריע, האָט ער געטראָפן שטייענדיק צוויי געשפּאַנטע פורן מיט געצעלט־לייוונטן.

ביי די פורן זענען געשטאַנען דריי מענטשן מיט אַראָפּגעלאָז־טע קעפּ און זייערע הענט זענען געווען געשמידט אין קייטלעך.

די מענטשן, יונגעלייט, צוויי פון זיי קענטיק יידן, האָבן זיך אַרומגעקוקט אין אַלע זייטן, און פאַרצווייפלונג איז געלעגן אין זייערע בליקן.

מענדל האָט זיי פון וויטן באַטראַכט, און אין זיין האַרץ האָט עס אַ ברען געטאָן ווי אַ פייער. זיין אייגענע געשיכטע, ווי ער איז געווען געשמידט, איז אים אַרויף אויפן זכרון. אַזוי ווי זיי, איז ער דעמאָלט אויך געשטאַנען מיט אויסגעלאָשענע בליקן, אַ פאַר־לוירענער, אַ פאַרצווייפלטער און געציטערט מיטן גאַנצן קערפּער פון שרעק.

עס האָט זיך באַוויזן דער לייטענאַנט און מענדל האָט דער־הערט אַ קול, ווענדנדיק זיך צו אים:

— פרעג דעם, — האָט ער אָנגעוויזן אויף איינעם, — ווער איז ער? ער קען נאָר פּויליש, און דו וועסט איבערזעצן.

מענדל האָט אים אויסגעפרעגט אַלץ קלאָר און איבערגעגעבן אין „דייטש" (יידישן דייטש) זיין ענטפער צום לייטענאַנט:

— די צוויי יידן האָבן אים גערונגען, ער זאָל זיי אָפּפירן זייער סחורה קיין זשעטל. ער איז פון אַ דאָרף ביי ביאַליסטאָק. האָט נישט געוווּסט, אַז די דייטשן האַלטן ביים אָפּטרעטן.

— און ער האָט נישט געוווּסט, אַז ער פירט די סחורה צו די באָלשעוויקעס? — האָט דער לייטענאַנט אויסגערופן מיט שפּאָטישן אומצוטרוי.

— ער זאָגט, אַז ער האָט נישט געוווּסט, — האָט מענדל איבערגעחזרט.

— די פאַרפלוכטע באַנדע! דאָס איז שמוגל צו די באָלשעוויקעס! — האָט דער לייטענאַנט זיך צעשריגן. — און איר, פאַרפלוכטע יידן, האָט אויך נישט געוווּסט?

— מיר האָבן נישט געוווּסט, — האָבן די יידן געציטערט פון שרעק און געמורמלט, ווי פאַרמשפּטע, — אין ביאַליסטאָק האָבן מיר גאָרנישט געהערט. מיר האָבן ווייבער און קינדער און פאָרן צו זיך אהיים.

— און וואָס פירט איר אַזויפיל סחורה?

— מיר האָבן דאָרט קראָמען...

— ווילט איר עס אָנגרייטן פאַר די באָלשעוויקעס? פון אונז, דייטשן, צונעמען און פאַר זיי אריבערפירן? — האָט דער לייטענאַנט זיי איבערגעהאַקט און גערונערט, און אַזוי זידלענדיק מיט גראָבע ווערטער, זיך אויסגעדרייט מיט די שפּאָרן און אריין צוריק אין קאַנצעלאַריע.

באַלד נאָכדעם האָט מען די דריי פאַרהאַלטענע אוועקגעפירט אין אַ שטאַל אַרויף אין הויף, פאַרמאַכט דאָס שמאָלע טירל און אוועקגעשטעלט נעבן זיי אַ וואַך.

מענדל האָט דאָס אַלץ צוגעזען און זיין האַרץ האָט זיך געריסן אין שטיקער פון צער. ער האָט געשפּירט, ווי די יידן האָבן דערציילט דעם אמת. זיי האָבן אפשר געטאָן אַ נאַרישקייט. נישט געדאַרפט איינשטעלן דאָס לעבן אין אַ צייט פון מלחמה, און פּרוּוון אַ שאַנס, דורכרייסן זיך אהיים, אָבער זיי זענען געווים

נישט שולדיק אין וועלן פירן סחורה צו די באָלשעוויקעס, אין פאַרראַט.

לויט די רייד פון דעם לייטענאַנט. האָט אָבער מענדל פאַר־שטאַנען, אַז זייער גורל איז אָפּגעחתמעט, און זייער לעבן שטייט איצט אין געפאַר. זיי וועלן געוויס אויף מאָרגן געמישפּט ווערן פון אַ מיליטער־געריכט און וועלן דערשאָסן ווערן.

עס איז געוואָרן פינסטער. מענדל האָט געבלאָנדזשעט אַרום הויף און האָט נישט געפונען קיין רו. דער גורל פון די יידן מיט דעם פּאָליאַק האָט געריסן זיין געוויסן. ער מוז זיי זען העלפן, ווי מען האָט אַמאָל אים געהאָלפן. פּלוצלינג האָט זיך צו אים פון אַרויף אין הויף, פון שטאַל, דערטראָגן אַ פאַרשטיקטער יאָמער, פול מיט ווייטאָק און פיין.

מענדל האָט מער נישט געקאָנט אויסהאַלטן. נישט אָפּגעבנ־דיק זיך אַליין אַ קלאָרן חשבון, האָט ער אָנגעהויבן שפּרייזן אַרום שטאַל און זי באַטראַכט פון אַלע זייטן. ביים טירל איז געשטאַנען אַ סאָלדאַט מיט דער ביקס אין האַנט אויף דער וואַך.ביידע זייטן פון דער שטאַל זענען געווען פאַרשטעלט פון צוגעבויטע שייערן. אָבער ווו גייט אַריין די הינטערשטע וואַנט? אין גאָרטן, צום פעלד אַרויס. אויף יענער זייט פּאַרקאַן. מענדל איז אַרויס פון הויף, פאַרקירעוועט זיך אַרום, און איז אַריין אין גאָרטן. מיטאַמאָל האָט זיין האַרץ אָנגעהויבן קלאַפּן שטאַרקער: אין דער הינטערשטער וואַנט פון שטאַל איז געווען אַ לאָך פון אַ קליין פענסטערל, אָן שויבן. מענדל האָט שנעל זיך אַרומגעקוקט אַרום. עס האָט זיך נישט געזען קיין נפש. ער איז האַסטיק צוגעלאָפן צום פענסטערל, הויך אַ שפּרונג געטאָן, זיך געדראַפּעט מיט די שפּיצן פינגער פון די הענט אָן גזימס פון פענסטערל און אַזוי געבליבן הענגען אַ ווייַ־לע אין דער לופטן. ער האָט אַריינגעשטעקט דעם קאָפּ אין לאָך אינעווייניק, און אַריינגערעדט אין דער שטאָק־פינסטערניש פון פוסטן רוים:

— יידן, — האָט זיך געהערט זיין שעפּטשען, — דאָס רעדט צו אייך דער איבערזעצער, אַ ייד. זייט גרייט. אַרום האַלבער נאַכט וועל איך אייך קומען אַרויסנעמען פונדאַנען.

ער איז גלייך צוריק אַראָפּגעשפּרונגען אויף דער ווייכער ערד,

און מיט אַנטשלאָסענע טריט גענומען שפּרייזן צוריק צום הויף פון שטאַב.

אין זיין מוח האָט עס געהאַקט ווי מיט האַמערס. אַ מישמאַש פון געדאַנקען האָט אים אַרומגענומען: היינט איז די נאַכט. ר׳וועט אויספירן דאָס, וואָס ער האָט פאַרטראַכט. ער וועט אַנטלויפן, וועט איינשטעלן זיין לעבן, צו ראַטעווען אַנדערע. אַלץ איינס ריזיקירט ער מיט דעם לעבן, כאַפּט מען אים, וועט ער סיי־ווי גלייך דער־שאָסן ווערן.

קאַפּיטל פינף און צוואַנציק

אַריין איז מענדל צוריק אין הויף און זיך געלאָזט צו דעם ווינקל, ביי זיין בעטל. ער האָט פון דאָרט אַרויסגעצויגן אַ צונע־גרייט, איינגעפּאַקט פּעקעלע. און מיט דעם אונטערן האַנט זיך גע־לאָזט צו דער אַנדערער שטוב פון די אָפיצירן.

די טיר צום צימער פון זיין אויפזעער איז געווען נישט פאַר־שלאָסן. מענדל פלעגט דאָרט אָפט קומען, און האָט עס געוווּסט. ער האָט אויך געוווּסט, אַז דער אויפזעער איז איצט נישטאָ אין הויז. ער האָט אים געזען אַוועקרייטנדיק אויפן פערד.

שנעל, מיט אַ קלאַפּנדיק האַרץ, האָט ער די טיר געעפנט, און איז צוגעלאָפן צו דער וואַנט. דאָרט, אויף דער וואַנט, איז געהאַנ־גען אַ מונדיר, און אונטערן מונדיר אַ רעוואָלווער אויף אַ לעדער־נעם רימען. ער האָט האַסטיק, מיט ציטערדיקע הענט, אָפּגעבונדן דעם רעוואָלווער פון רימען און אים אַריינגעשטעקט אין קעשענע. גלייך נאָכדעם האָט ער זיך געלאָזט צום אַרויסגאַנג פון הויף. ער האָט לייכט אַ שמייכל געטאָן צו דעם וואַך־סאָלדאַט ביי דעם אַריינגאַנג, וואָס האָט אים, מענדלען, גוט געקענט, און געזאָגט:

— שוין דאָס צווייטע מאָל, אַז איך דאַרף גיין, הער ליקערער (דער אויפזעער) האָט עס מיר געהייסן באַזאָרגן אין דאָרף.

דער וואַך־זעלנער האָט אים אויך שמייכלענדיק דורכגעלאָזט.

מענדל איז אַרויס פון הויף, און זיך געלאָזט אויף אַ זייטיקן שליאַך. דאָרט, נישט ווייט, איז געווען אַן אויסגעגראָבענער גרוב,

און דאָרט, אין גרוב, וועט ער זיצן ביז האַלבע נאַכט, ווען ער וועט זיך לאָזן רעטן די פאַרהאַלטענע.

די פּאָר שעה אין גרוב האָבן אים אויסגעוויזן ווי אַן אייביקייט, ענדלעך אָבער האָט ער באַמערקט, ווי עס לעשן זיך די פייערן אין „הויף", אַ צייכן, אַז עס איז שפּעט, און זיך אַ הויב געטאָן פון אָרט.

ער האָט איבערגעלאָזט דאָס פּעקעלע זאַכן און איינגעבוינגענערהייט צוגעפּויזעט צו דער הינטערשטער וואַנט פון שטאַל.

ער האָט אַראָפּגענומען דעם לעדערנעם פּאַס פון זיין רעקל, אים אַריינגעוואָרפן אין לאָך פון פענסטערל, זיך אַליין אַ הויב געטאָן, און אַריינגעזאָגט ציטערדיק, האַסטיק:

— יידן, כאַפּט זיך אָן אָן רימען און הויבט זיך אויף צום פענסטערל.

— מיר קאָנען נישט, — האָט ער דערהערט אַ פאַרשטיקטן ענטפער, — די הענט זענען אונז איינגעשלאָסן אין קייטעלעך.

— נעמט אָן מיט ביידע הענט צוזאַמען און איך וועל אייך ציען, — האָט מענדל געזאָגט.

ער האָט דערשפּירט, ווי דער רימען ציט זיך אַראָפּ מיט וואָג. אימיצער הענגט שוין אָן אים. מיט אַן אויסערגעוויינלעכער קראַפט האָט ער אַ צי געטאָן אינדערהויך און דער קאָפּ פון אַ יונגנמאַן האָט זיך באַוויזן אין פענסטערל. מענדל האָט אים גלייך אַ כאַפּ געטאָן ביי די אַקסלען, איבערגעבויגן אַרויס־צו איבערן פענסטערל, און דער יונגערמאַן האָט שוין אַליין זיך אָנגעשטרענגט מיט אַלע קרעפטן, זיך אַריבערגעוואָרפן און איז אַראָפּגעפאַלן אויף דער ווייכער ערד פון גאָרטן.

אַזוי האָט ער געטאָן מיט דעם אַנדערן און אַזוי אויך מיטן דריטן. באַלד זענען אַלע דריי מיט מענדלען געבליבן שטיין אויף דער ערד.

— איצט, — האָט מענדל אויסגערופן, — שפּרייזט שנעל נאָך מיר, גלייך אַרויף מיטן פעלד.

— מיר דאַנקען אייך... איר זענט אונזער מלאך... — האָבן די יידן צעטומלטע געמורמלט.

— עס איז איצט נישט קיין צייט פאַר דעם, — האָט מענדל זיי איבערגעהאַקט, — שפּרייזט שנעל נאָך מיר.

לענג־אויס אַ בייט זענען זיי שנעל געגאַנגען. די נאַכט איז גע־
ווען אַ פינסטערע און זיי האָבן קיין זאַך נישט געזען אין פאָראויס
פאַר זיך. פון ווייטן נאָר האָבן זיך געטראָגן טויבע קולות און דאָס
בילן פון הינט.

מענדל האָט פון גרוב גענומען דאָס פעקל עסנווארג, און זיי
האָבן זיך געלאָזט ווייטער.

זיי האָבן לאַנג געשפּרייזט און געשפּרייזט, איבערגעשניטן אין
דער ברייט עטלעכע ווייכע, אויסגעפאַרענע וועגן און זענען פּלוצ־
לינג געבליבן שטיין ביי געדיכטע ביימער פון אַ וואַלד.

— איצט, — האָט מענדל אויסגערופן, — קומט אריין שנעל
אין וואַלד. לאָמיר זיך האַלטן פאַר די הענט, מיר זאָלן זיך נישט
פארלירן.

מיט די פאַרקייטלטע הענט האָבן זיי זיך אָנגעהאַלטן איינער
אָן אַנדערן און געשניטן זיך אַ וועג צווישן געדיכטע ביימער, טרו־
קענע צווייגן האָבן זיך געבראָכן אונטער זייערע פיס, אַנדערע
צווייגן האָבן ווי שאַרפע נעגל געדראַפּעט זייערע פּנימער, און אין
שרעק האָט זיך זיי געדוכט, ווי עס נעמען זיי אָן הענט פון נאָכ־
יאָגער. זיי זענען לאַנג געגאַנגען, ביז זיי האָבן זיך אריינגעדרייט
אין אַן אָרט, וווּ ביימער, קוסטעס און בושעס האָבן זיי פאַרפּלאָנ־
טערט פון אַלע זייטן.

— מיר וועלן דאָ בלייבן, — האָט מענדל געזאָגט, — דאָ איז
זיכער. זיי וועלן אונז מאָרגן זוכן, און מיר טאָרן זיך נישט ווייזן
אויף די וועגן.

ערשט איצט זענען די יונגעלייט געקומען צום לשון.

— איר האָט אונז געראַטעוועט! — האָבן זיי געשעפּטשעט צו
מענדלען מיט האַרץ. — זיי וואָלטן אונז דערשאָסן.

אויך דער פּאַליאַק האָט זיך געצלמט און געכאַפּט קושן
מענדלס הענט.

— מיר זענען נאָך נישט געראַטעוועט,—האָט מענדל געענטפערט, — מיר זענען נאָך אין גרויס געפאַר. איצט, אַז מען וועט
אונז כאַפּן, וועט מען אונז דערשיסן אָן אַ משפּט.

מענדל האָט זיך גענומען באַפרייען די מענטשן פון די קייט־
עלעך אויף זייערע הענט. לאַנג האָט ער זיך געמאַטערט ביים
בייגן די אייזערנע העקלעך, הין און צוריק, אריינגעשפּאַרט דאָס

אייזערנע הענטל פון רעוואלווער, ביז זיי, די אייזנדלעך האָבן נאָכ־געגעבן. זיי זענען אָפּגעשפּרונגען ברייט אָפּן איןביידע זייטן און פריי געמאַכט די געשמידטע.

די דריי האָבן ערשט איצט דערפילט זיך פריי.

— איך וואָלט פאַרגעשלאָגן, — האָט איינער געזאָגט, — מיר זאָלן בעסער פאַרשטעלן אונזער אָרט. מיר קאָנען איבערטראָגן מער צווייגלעך אהער, און זיי וועלן אויסזען ווי געדיכטע קוסטעס.

אַלע פיר האָבן זיך גענומען צו דעם. זיי האָבן אָפּגעבראָכן גרויסע צווייגן, זיי אויסגעגלייכט איבער די ביימער, זיי אָנגעשפּאַרט און אויסגעשטעלט אויף אַנדערע צווייגן, און עס איז אַרויסגעקו־מען וווּנדערבאַר־קונציק. דער פּלאַץ איז געוואָרן אַזוי פאַרשטעלט, דאָס קיינעם וואָלט גאָרנישט איינגעפאַלן, אַז מענטשלעכע פיס האָבן ווען־עס־איז באַטרעטן דעמדאָזיקן פאַרפּלאָנטערטן קוסטעס־געוועב.

עס איז שוין געווען דער דריטער טאָג, אַז מענדל מיט די צוויי זשעטלער יידן און דעם ביאַליסטאָקער פּאַליאַק זענען געלעגן אין זייער באַהעלטעניש אין וועלדל. צו זייערע אויערן פלעגן דורך די טעג דערגרייכן אַ הילכיקער עכאָ פון ווייטע האַרמאַטן־קלעפּ, פון ביקסן־שאָסן, פון גרילצערייען פון שווערע אייזערנע וועגן. די אַלע אָפּקלאַנגען פלעגן זיך דורכרייסן דורך די ביימער צו זיי, ווי אַ טומל פון אַן אַנדער וועלט, וואָס איז ערגעץ ווייט פון זיי.

די זשעטלער יידן האָבן פאַר די פאָר טעג זיך צונויפגעלעבט מיט מענדלען, אים דערציילט פון זייער לעבן, און פיל געזאָרגט איבער די וועגן סחורה מיט די פערד, זייער גאַנץ אייגנטום, וואָס די דייטשן האָבן ביי זיי פאַרכאַפּט. אַזוי איז שוין דעם מענטשנס נאַטור: דאַכט זיך אַליין אין געפאַר, און מען זאָרגט זיך וועגן פאַרמעגן.

אויף מאָרגן האָבן זיי שוין געהערט, ווי די טויבע קלאַנגען פון האַרמאַטן־שאָסן דערנענטערן זיך צו זיי אַלץ מער. די קלעפּ ווערן שטאַרקער און הילכן שאַרפער. זיי האָט עס אָבער נישט גע־שראָקן. זיי האָבן אויסגעקוקט יעדע מינוט, ווען דער שטורעם וועט איבער זיי אַריבער.

נאָך א טאָג מיט א נאכט פון שטאַרקער באָמבאַרדירונג, זע־נען די שאָסן מיטאמאָל געוואָרן זעלטענער, און דערנאָך, צום פאַר־טאָג, אינגאַנצן אויפגעהערט. דאָס עסנוואַרג איז דערווייל ביי זיי אויך אויסגעגאַנגען, און מענדל האָט געזאָגט:

— איך גלויב, אַז עס איז דאָ נייעס. עפּעס איז צופיל שטיל. נאָר אַלנפאַלס קאָנען מיר דאָ אַלע מער נישט בלייבן. מיר וועלן אויסגיין פון הונגער. איך וועל זיך לאָזן אַרויסגיין; געוואָר ווערן, וואָס עס הערט זיך און ברענגען עסנוואַרג.

די יונגעלייט האָבן אויפגעציטערט:

— אום גאָטעס ווילן! — האָט איינער זיך אָפּגערופן. — ווי רעדט איר דאָס? איך קענען דאָך אַזויפיל דייטשן, מען וועט אייך גלייך כאַפּן. איך וועל גיין.

— אָבער איר זענט דאָך אַ פרעמדער, — האָט מענדל גע־טענהט, — ווייסט דאָ נישט די וועגן און וועט פאַרבלאָנדזשען.

— איך וועל אייך אָבער קיינעם נישט לאָזן גיין, — האָט יע־נער, דער יינגערער, זיך געעקשנט, — איך לאָז נישט קיין קינדער, ווען מען מיך כאַפּן — איז אויך פאַרפאַלן, בעסער איינעם, איי־דער אַלעמען.

— נעם דאָס מעסערל ביי מיר, — האָט מענדל געזאָגט, — שנייד איין צייכנס אין די ביימער, און פאַרטאָגס, ביים אומקערן זיך, וועסטו דערקענען דעם וועג.

— איך וועל אַזוי טאָן, — האָט דער יינגערער געזאָגט און זיך געגרייט צום גיין.

— אויב גיין, איז נאָר ביי טאָג־ליכט, — האָט מענדל גע־זאָגט, — ביינאַכט איז מער געפערלעך, ווען מען באַוואַכט די וועגן.

דער יינגערער ייד האָט אויסגעשטרעקט צו אַלעמען אַ האַנט און זיך געלאָזט צום גיין.

דער ייד מיטן פאַליאַק און מענדל האָבן אים אָנגעקוקט מיט פייכטע אויגן.

— אויף ווידערזען! — האָבן זיי געזעגנט מיט האַרץ.

— וועסט מוטיקן מיין מאַמען, אויב איך קום נישט! — האָט דער יינגערער אַ זאָג געטאָן צום עלטערן און שנעל זיך גע־לאָזט צווישן די געדיכטע ביימער צום אַרויסגאַנג פון וואַלד.

ער איז אוועק, אָבער עס זענען נישט אריבער קיין גאַנצע צוויי שעה, ווי זיי, מענדל און דער אַנדערער ייד מיטן פּאַליאַק האָבן אין זייער באַהעלטעניש דערהערט נאָענטע קולות. דער וואַלד האָט געקלונגען מיט דעם עכאָ פון זייערע נעמען:

— מענדל, מענדל רעזניק!

— ליפּע, ליפּע!

די ביימער האָבן אַ שורשקע געטאָן אַרום, זיך אַ וויג גע־טאָן, און דורך זיי האָט זיך באַוויזן דער ייִנגערער ייד מיט אַ צע־שטראַלט פּנים. די אויגן האָבן אים געגלאַנצט פול מיט ענטוזיאַזם:

— זיי זענען שוין דאָ, ברידער, זיי זענען שוין דאָ! קומט אַרויס, מיר זענען געראַטעוועט!

ער איז צוגעלאָפן צו מענדלען, געפאַלן אים אויפן האַלז, און זיך פאַנאַנדערגעוויינט.

— דו האָסט אונז געראַטעוועט דאָס לעבן, טייערער בחור, אייביק וועלן מיר דיר געדענקען!

מענדל און דער עלטערער ייד ליפּע האָבן אויך אָנגעהויבן וויינען. טרערן זענען געלאָפן ווי פון זיך אַליין, ווי זיך אויסגע־ליידיקט פון אָנגעקליבענעם שרעק.

— דזשענקויע, דזשענקויע! — האָט דער פּאַליאַק זיך גע־וואָרפן צו מענדלס פיס. — ווען נישט דו, וואָלט מען מיך דער־שאָסן. איצט אָבער וועל איך בלייבן לעבן, כאָטש איך ווייס נישט, וואָס איך וועל איינער אַליין...

— דו וועסט זיין ביי אונז, — האָבן די יידן אים איבערגע־שלאָגן, — מיר וועלן דיך נישט לאָזן אַן עלנטן, ביז דו וועסט זיך אומקערן אַהיים.

— קומט, לאָמיר גיין, — האָט מענדל געזאָגט ווי פאַרשעמט פון אייגענער שוואַכקייט, — לאָמיר זען די „טאָוואַרישטשעס" (חברים).

אַ מיטל־יאָריקער פּויערל מיט אַ דאַרן פּנים, אין אַן אָפּגעריסענעם מונדיר, רייטנדיק, איז געווען דער ערשטער „באַלשעוויס־

טישער" סאָלדאַט, וואָס האָט זיי אָנגעטראָפן אויפן וועג, ארומ־גייענדיק פון וואַלד.

מענדל האָט געהויבן זיין האַנט אין דער הויך, א צייכן צום סאָלדאַט, ער זאָל זיך אָפּשטעלן.

— נעם אונז אין שטאַב, — האָט ליפּע געזאָגט צום רייטער, וואָס האָט זיך דערנענטערט, אין א קלאָרן רוסיש.

— גייט צוריק, צו מזרח, ביי אַכט וויאָרסט, וועט איר אין דאָרף געפינען דעם שטאַב פון אונזער פּאָלק, — האָט דער רייטער געזאָגט, — איך מוז גיין פאָראויס, לויט דעם באַפעל, וואָס איך האָב.

זיי האָבן זיך גענומען אויף דעם אָנגעוויזענעם וועג, און לויט די אָנצייכענונגען פון סאָלדאַטן, וועמען זיי האָבן באַגעגנט, האָבן זיי זיך אָפּגעשטעלט ביי א הויז אין א דאָרף.

אין הויף ארום זענען געזעסן א גרופּע סאָלדאַטן ביי א געמאַכטן פייער און געקאָכט טעפּלעך.

— מיר ווילן זען דעם קאָמאַנדיר פון פּולק, — האָט ליפּע געזאָגט.

— איך בין עס, — האָט זיך איינער פון דער גרופּע אויפגעשטעלט און זיי אָנגעקוקט, — וואָס דאַרפט איר, חברים?

מענדל האָט אים אָנגעקוקט מיט שטוינונג.

— מיר מיינען דעם קאָמאַנדיר אַליין...

— יאָ, איך בין עס,—האָט דערזועלבער סאָלדאַט געלאַכט,— חבר קאָמיסאַר, — האָט ער זיך געווענדט צו איינעם אין דער גרופּע, — די מענטשן דאַרפן אונז זען.

עס האָט זיך אויפגעהויבן א יונגערמאַן אין א לעדערנער קורטקע.

— קומט אריין, חברים, אין הויז, — האָט ער געזאָגט.

אין הויז האָט מענדל אוועקגעלייגט זיין רעוואָלווער אויפן טיש און ליפּע האָט דערציילט די גאַנצע געשיכטע, ווי מענדל האָט זיי געראַטעוועט.

געוועזן איז איצט ליפּע דער רעדער, ווייל ער האָט גוט געקענט רוסיש. ער האָט געשילדערט מענדלס טאַט, און אויך דערציילט מענדלס אייגענע געשיכטע, וועגן בלבול פון קעללערן, וואָס מענדל האָט אים דערציילט, ליגנדיק אין וואַלד.

ארומגעקליבן האָבן זיך ארום קאָמאַנדיר עטלעכע קאָמיסאַרן, און ער האָט פאַר זיי איבערדערציילט מענדלס טאַט.

זיי זענען אַלע געווען אַנטציקט פון זיין העלדנמוט און קוראַזש.

— אַזאַ יונג, ווי דו, וועט זיין אַ גוטער חבר, — האָבן זיי אים געקלאַפּט אין פּלייצע, — אַזוינע דאַרפן מיר. דיינע באַגלייטער זאָלן פאָרן אַהיים, און דיך וועלן מיר אָפּשיקן קיין מאָסקווע. דו קענסט גוט פּויליש, וועסט אונז דאָרט צונוץ קומען.

מענדל איז געווען גערירט פון דער וואַרעמקייט פון די קאָמיסאַרן, וואָס האָבן צו אים גערעדט ווי צו אַ גלייכן. עס האָט אים איבערהויפּט אימפּאָנירט די ענדערונג אין דער באָלשעוויסטישער אַרמעע; אַלע זענען גלייך, דער קאָמאַנדיר ווי דער סאָלדאַט, אַלע חברים. און עפּעס איז דאָ אַלץ אַזוי יונג, אַזוי פריש. עס איז אַ פאַרמעסט אויף אַ נייער זאַך, אויף אַ נייעם איבערבוי. געוויס וועט ער אויך זיך וואַרפן פאַר דעם נצחון פון גערעכטיקייט, פון דעם געדריקטן אַרבעטער־קלאַס. ער וועט העלפן אויסרייסן מיטן וואָרצל אַזוינע „קעללערס", אַזוינע גרויזאַמע אָפיצירן. עס איז אַ נייע וועלט, און וועט קעמפן פאַר איר אויפקומען.

אָנגעקליידט אין אַ נייער לעדערנער קורטקע, וואָס האָט אים אַזוי שיין געפּאַסט, און אים געמאַכט פילן שטאָלץ אויף זיך אַליין, האָט ער זיך האַרציק צעזעגנט מיט ליפּען און די אַנדערע, יענע זשעטלער יידן, און אויך מיטן פּאָליאַק, וועלכן ער האָט געראַטעוועט פון טויט, און מיט פרישן מוט, ווי אַ ניי־איבערגעבוירענער מענטש, זיך געלאָזט קיין מאָסקווע, פון דאָרט צו העלפן דעם קאַמף פאַר אַ נייער אָרדענונג פון גערעכטיקייט.

קאַפּיטל זעקס און צוואַנציק

דאָס איז געווען אין דער קאָלאָניע זכרון־יעקב, ווו חנה און אבו־צדוק און נאָך עטלעכע שומרים האָבן זיך צייטוויייליק באַזעצט נאָכן פאַרלאָזן מרחביה אין די גרויסע מלחמה־יאָרן.

לויט אַ באַפעל פון דער נוקטאַ (הויפּט־קוואַרטיר) אין נצרת, האָבן אַלע איינוווינער געמוזט אָפּרייניקן דעם עמק אין דעם שטח פון דער באַן־ליניע עפולה־דמשק.

אַוועק מיטן ווינט איז די גאַנצע יידישע אָנשטרענגונג אויפֿ־צולעבן דעם עמק. וויסט זענען צוריק געלעגן די פעלדער און געררט־נער, וואָס דער שוויים פֿון די חלוצים האָט געהאַט דורכגעווייקט זייער ערד, און געהאַט געבראַכט זיי צו בליאונג. זיי, די חלוצים, אַליין, זענען אַרויסגעריסן געוואָרן פֿון זייערע אויפֿגעבויטע גע־צעלטן: ווער אַלס רוסישער בירגער אינגאַנצן פֿאַרטריבן געוואָרן פֿון לאַנד, ווער אַלס טערקישער בירגער אַריינגעצויגן געוואָרן אין דער אַרמיי. איבער די וועגן האָבן איצט מאַרשירט מחנות בעדואי־נער, דרוזן און אַנדערע פעלקער, וועלכע האָבן פאַרלאָזט זייערע היימען אין סיריע, אין די שפּאַלטן פֿון די בערג, און ווי מחנות היישעריקן זיך צעשפּרייט איבערן לאַנד. זיי, דידאָזיקע מחנות, אָפּ־געריסן און הונגעריק, האָבן גערויבט און געפּלינדערט אַלץ, וואָס זיי האָבן אָנגעטראָפֿן אויף זייער וועג, און צעטראָטן מיט די פֿיס יידיש האָב און גוטס.

אבו־צדוק מיט די איבעריקע עטלעכע שומרים האָבן אַלס אָר־טיקע געבוירענע, געדאַרפֿט גיין אין מיליטער. זיי האָבן עס אָבער נישט געוואָלט. די טערקישע מאַכט איז געווען פֿיינטלעך צום יידישן ישוב. זיי, די שומרים, האָט מען פאַרוועט צו טראָגן געווער, און די מאַכט אַליין האָט נישט פֿאַרטיידיקט די יידן קעגן די אָנפֿאַלן פֿון די ווילדע אַראַבער. די יידישע חלוצים האָט מען צעטריבן. זיי געשלעפּט צו „סוכרא" (צוואַנגס־אַרבעט). טאָ ווי אַזוי האָבן זיי געקאָנט האָבן דעם ווילן צו העלפֿן דערדאָזיקער פֿיינטלעכער און שוואַכער מאַכט צו באַפעסטיקן זיך אין לאַנד?

האָט מען געזוכט מיטלען, ווי זיך אַרויסצודרייען. מען האָט געזוכט פּריווילעגיעס צו באַפרייען זיך פֿון מיליטער־דינסט. פֿאַר „באַקשיש" זענען פֿיל חלוצים איבערנאַכט פאַרוואַנדלט געוואָרן אין רבנים און כלי־קודש, וועלכע זענען געווען פֿריי פֿון מיליטער־דינסט. אָבער אַז די צאָל פֿון רבנים איז געוואָרן אומגעהויער גרויס איבערן לאַנד, בחורים מיט פאַרלאָזטע, באַוואַקסענע בערד, אַלס אַ סימן פֿון אַ רב, האָבן אָנגעפּילט די גאַסן, האָט מען פאַרטראַכט אַנדערע מיטלען, אַבי זיך אַרויסצודרייען פֿון דער צוואַנג־דינסט.

אויך פֿאַר אבו־צדוקן איז אונטערגעקומען אַ הילף אַ זייטיקע, אויף וועלכער ער האָט זיך נישט גערעכט.

דאָס איז געווען די פּריוווילעגיע אַלס אָנגעשטעלטער אין אַהרנ־סאָנס פּרוביר־סטאַציע אין עתליט.

אהרן אהרנסאָן, אַ זון פון פישל אהרנסאָן, אַ קאָלאָניסט אין זכרון־יעקב, איז געווען באַרימט איבערן לאַנד און ווייט אויסער דעם לאַנד אַלס אַ גרויסער געלערנטער אין אַגראָנאָמיע. נאָך פאַר דער מלחמה האָט ער דערפינדן דעם „ווילדן ווייץ", וואָס גרויסע באָ־טאַנישע פאָרשער האָבן צענדליקער יאָרן געזוכט און נישט געקאָנט אויסגעפינען. אין ווינער מוזיי איז געלעגן איין זאנג פון דעמדאָזיקן מין ווייץ, וואָס אַן אויספאָרשער האָט אַמאָל געבראַכט פון ארץ־ישראל, און קיינער נאָך אים האָט נישט געקאָנט אויפזוכן, ווו דער־דאָזיקער סאָרט ווייץ וואַקסט, און פונוואַנען ער נעמט זיך, ביז אהרנ־סאָן האָט עס נאָך לאַנגע פאָרשונגען אויסגעפונען, אַז ער קומט פון די הויכע ערטער פון בארג פנען.

דידאָזיקע דערפינדונג האָט אהרנסאָנען געמאַכט אַ גרויסן נאָ־מען. ער איז צוליב דעם געקומען קיין אַמעריקע, און די אַמערי־קאַנער רעגירונג האָט אים פאָרגעשלאָגן אַ פריִע קאַטעדרע צו פאָרשן דעם „מדבר־ווייץ", און אַ פינאַנסיעלע שטיצע פאַר פּראָבע־סטאַציעס. אהרנסאָן האָט זיך אָבער אָפּגעזאָגט צו פאַרבלייבן אין אַמעריקע, און האָט מיט דער שטיצע פון רייכע אַמעריקאַנער יידן געעפנט אַ פּרוביר־סטאַציע אין ארץ־ישראל.

זיין פּאַטריאָטיזם פאַר ארץ־ישראל האָט אים דעמאָלט אויפ־געהויבן אין אַלעמענס אויגן. טערקיי איז געווען שטאָלץ אויף איר „בירגער". אהרנסאָן האָט זיך געשאַפן פריינט צווישן הויכע טער־קישע באַאַמטע אין לאַנד, און האָט פאַרקערט אין די הויכע ספערן.

און דאָ, מיטן אויסברוך פון דער מלחמה, איז געקומען אַ גע־לעגנהייט, ווו די טערקישע מיליטערישע מאַכט האָט זיך גענויטיקט אין זיין הילף.

גראָד אין דעם יאָר, ווען דאָס לאַנד האָט געדאַרפט שפּייזן די גרויסע מחנות פון די מאָביליזירטע פעלקער פון קליין־אזיע, סיריע און צפון פון גליל, וואָס זענען געפירט געוואָרן קיין דרום, דורכ־צובּרעכן זיך דורכן מדבר צו דעם סועץ־קאַנאַל, אין קאַמף קעגן די ענגלענדער, גראָד דעמאָלט האָט זיך פון דרום אַראָפּגעלאָזט אויף דעם לאַנד אַ שרעקלעכער היישעריק, וואָס האָט אָנגעהויבן צו פאַר־צערן אַלע תבואות און פרוכטן.

אפגעריסן זענען זיי געגאנגען, דידאַזיקע ווילדע האָרדעס, גע־טריבן פון פאָרנט און פון הינטן פון טשערקעסן, רייטער אויף פערד, און פון דייטשע שיין־געקליידעטע אָפיצירן. אפגעריסן, אין שמאַטעס, באָרוועס, אָבער עסן מוז מען דאָך. די תבואה פון לאַנד האָט זיי געמוזט אויסהאַלטן. ברענגען איז נישט געווען פון וואַנען. דייטשלאַנד און די מיטל־מלוכות האָבן זיך גענויטיקט אין יעדן קערנדל. און דאָ איז פּלוצלינג געקומען דער היישעריק, אַ פּלאָג פון דער נאַטור צו קעמפן קעגן זיי.

האָט מען גענומען זוכן מיטלען, ווי צו באַקעמפן דידאָזיקע מכה, און מען האָט זיך דערמאָנט אָן דעם נאָמען פון אהרן אהרנ־סאָן.

דזשעמאַל פּאשאַ, דער אָנפירער פון דער טערקישער אַרמיי, האָט אָנפאַרטרויט אהרנסאָנען מיט דער מיסיע צו געפינען מיטלען, ווי צו באַפרייען דאָס לאַנד פון היישעריק, און פערזענלעך זיך פאַר־אינטערעסירט אים צו העלפן דורכצופירן זיין אויפגאַבע.

די פּראָבלעם פּטור צו ווערן דעם היישעריק איז באַטראַכט גע־וואָרן אַלס זייער אַ וויכטיקע פון מיליטערישן שטאַנדפּונקט, און אהרנסאָן איז באַשאָנקען געוואָרן מיט אויסערגעוויינלעכע פול־מאַכטן; נישט נאָר איז ער באַזאָרגט געוואָרן פינאַנציעל מיט וויפל געלט ער האָט פאַרלאַנגט, דורכצופירן זיינע פּרוביר־סטאַציעס, נאָר ער האָט אויך געמעגט רעקרוטירן יונגעלייט, זיי אָנשטעלן אין זיין דינסט, און דאָס האָט זיי באַפרייט פון זייער מיליטער־פליכט.

אהרנסאָן האָט זיינע פּריווילעגיעס אויסגענוצט זייער ברייט. ער האָט צענדליקער יונגעלייט, מערסטנס שומרים, געבוירענע אין לאַנד, פאַרשריבן אַלס זיינע געהילפן, זיי אַרויסגעגעבן פּאַפּירן, וואָס האָט זיי באַפרייט פון מיליטער־דינסט, און זיי צעשיקט איבער פאַר־שידענע פּונקטן פון לאַנד.

אויסגעקליבן האָט אהרנסאָן דידאָזיקע יונגעלייט, נישט ווייל ער האָט זיי ווירקלעך גענדאַרפט צו זיינע אויספאָרשונגס־אַרבעטן אי־בער דעם היישעריק, נאָר צוליב גאָר אַנדערע מאָטיוון.

אהרן אהרנסאָן איז אויסער אַ וויסנשאַפטסמאַן, אַן אַגראָנאָם, אויך געווען אַן איבערגעגעבענער זון פון יידישן פאָלק. ער האָט זיך נישט געקאָנט איינשליסן אין די פיר ווענט פון דער לאַבאָראַטאָריע, און לאָזן די געשעענישן גיין מיט זייער וועג. ער האָט געפילט, אַז

דורך די גרויסע פּאַסירונגען פֿון דער מלחמה ווערט אויך געשריבן אַ גרויס בלאַט געשיכטע פֿון זיין פֿאָלק, אַז אין דעם פֿייער־ און בלוט־קעסל וועט זיך מיט דעם גורל פֿון אַנדערע פֿעלקער אויך אויס־לייטערן דער גורל פֿון יידישן פֿאָלק. זיין האַרץ האָט אים געריסן, ער זאָל צולייגן אַ האַנט און העלפֿן פֿאַרקירעווען די געשעענישן אין דער ריכטיקער ווענדונג.

און די ריכטיקע ווענדונג, האָט אים זיין שכל דיקטירט, איז נישט צו העלפֿן דער טערקיש־דייטשער מאַכט אין לאַנד, נאָר, פֿאַר־קערט, דוקא זיי באַקעמפֿן. ער דאַרף העלפֿן די אויפֿגעקלערטע ענגלאַנד צו באַזייטיקן די ווילד־באַרבאַרישע טערקישע מאַכט און פֿאַרנעמען ארץ־ישראל.

די טערקישע מאַכט איז דעמאָלט אָפֿן־פֿיינטלעך געווען צו יידן. די ווילדע אַראַבער, פֿון אָרעמען פֿעלאַך ביז דעם שעיך און עפֿענדי, האָבן אויפֿגעהויבן דעם קאָפּ, געראַוובט יידיש גוטס, און די מאַכט האָט זיי נישט געשטערט. נייע גזירות קעגן יידן האָבן זיך געמערט פֿון טאָג־צו־טאָג. פֿון פֿיל פּונקטן האָט מען יידן אינ־גאַנצן אַרויסגעטריבן. עס איז נישט געווען קיין טאָלק און געזעץ. באַקשיש האָט געוועלטיקט אָפֿן און פֿריי. די דייטשן, וואָס האָבן אָנגעפֿירט מיט דער מיליטערישער מאַכט, זענען אויך נישט געווען בעסער. זיי האָבן פֿאַרקנעכטעט די טערקן צוזאַמען מיט די יידן, און נישט אַרויסגעוויזן קיין געפֿילן פֿון גערעכטיקייט און מענטש־לעכקייט.

אהרן אהרנסאָן האָט זיך צוגעקוקט און צוגעהערט צו אַלעם, וואָס עס קומט פֿאָר אין לאַנד. זיין האַרץ האָט אים געווייטאָקט. ער האָט געבריזט פֿון כעס און צאָרן אויף די דעספּאָטישע הער־שער און אויסגעקוקט צוגלייך מיט אַלע יידן זייער מפּלה.

דער אָנבאָט צו באַקעמפֿן דעם היישעריק, איז דעריבער פֿאַר אים געקומען ווי אַ געלעגנהייט, וואָס ער דאַרף אויסנוצן נישט אין אויבערפֿלעכלעכן זין, צו העלפֿן די טערקן, נאָר זיי צו דערדריקן און דערנענטערן זייער מפּלה.

קיין קלאָרע פּלענער זענען אין זיין קאָפּ דעמאָלט נישט געווען. ער האָט זיך נישט אָפּגעגעבן לכתחילה קיין רעכענונג, ווי אַזוי ער קאָן העלפֿן די ענגלענדער איינצונעמען ארץ־ישראל. עס זענען גע־ווען ביי אים פּלענער פֿון אַן אָפֿענעם אויפֿשטאַנד, ווי אויך פֿון

שטילער שפּיאָנאַזש־אַרבעט צווישן דעם טערקישן מיליטער, וואָס זאָל צושטעלן ענגלאַנד אַלע נויטיקע אינפאָרמאַציעס וועגן דער טערקיש־דייטשער קראַפט אין לאַנד.

אַזוי צי אַזוי, איז זיין אויג געפאַלן אויף די שומרים, די יידי־שע איינציקע קראַפט אין לאַנד.

ער האָט געגרינדעט אין עתליט אַ פּרוביר־סטאַציע, און ווי נאָר אַ העלדישער שומר, אַ געבוירענער אין לאַנד, האָט ער צו־גענומען צו זיך און זיי גרופּירט אַרום זיך.

זיי, די אויסגעקליבענע, האָבן שטילערהייט זיך צונויפגע־רעדט וועגן זייער אויפגאַבע, און זענען, פּונקט ווי אהרנסאָן, גע־ווען דורכגעדרונגען מיט ליבשאַפט צום לאַנד און מיט אַנטשלאָסנ־קייט צו באַקעמפן דורך אַלערליי מיטלען די טערקישע מאַכט.

צו דעם צוועק האָט עם אהרנסאָן אויך גערופן צו זיך אַלס געהילף אבו־צדוקן.

אבו־צדוק איז נאָך געווען באַרימט מיט זיין שפּיאָנאַזש־אַר־בעט אין מרחביה, ווען ער האָט אַלס אַ פאַרשטעלטער בעדואינער אָפּגעראַטעוועט מרחביה פון אַן איבערפאַל. אהרנסאָן האָט אַזוי־נע מענטשן געזוכט. אומגעבעטענערהייט האָט אבו־צדוק באַקו־מען פון אהרנסאָנען פּאַפּירן אַלס זיינער אַן אָנגעשטעלטער, און אַן איינלאַדונג צו קומען צו אים קיין זכרון־יעקב.

חנה, וועלכע האָט זיך, נאָכן טויט פון חצרין, געהאַלטן נאָענט צו אבו־צדוקן, האָט באַשלאָסן מיט אים מיטצופאָרן.

אבו־צדוק האָט נאָך אַלץ געהאַט זיין צויבער איבער איר. זי, חנה, האָט לאַנג געטרויערט איבער חצרין. זי האָט אים פאַרהיי־ליקט און לאַנג אים נישט געקאָנט פאַרגעסן. ער, חצרי, איז אָבער געווען טויט, און אבו־צדוקס שטענדיקער געלעכטער אויף זיין טונקעלן פּנים, האָט ווי וואַרעמע זונען־שטראַלן געגאָסן וואַרעמ־קייט און ליכטיקייט אין איר הארצן. זיינע קליינע מאַנדל־אויגן האָבן דורכגעריסן דעם שוואַרצן שלייער פון איר טרויער און גע־שטראַלט צו איר מיט ליבשאַפט און קינדערשער גוטסקייט. חנה האָט אין אבו־צדוקן געפונען איר טרייסט און זיך צו אים געטו־ליעט. אויף אבו־צדוקס ריינער, גוטער וועלט איז קיין טרויער פאַר איר נישט געווען, און זי האָט זיך אָן אים אָנגעהאַלטן.

אויך ער, אבו־צדוק, האָט דאָסזעלבע געפילט צו חנהן. זי,

חנה, האָט אים אויסגעפּילט זיין לעבן. ער האָט צו איר נישט גע־רעדט קיין סך ליבע־רייד, אָבער זי איז געווען אַ טייל פון זיין לעבן.

זיי האָבן זיך די גאַנצע צייט געהאַלטן צוזאַמען, געווען פאַר־רעכנט ביי אַלעמען פאַר אַ פאַרליבט פּאָרל. באַצייכנט האָט מען חנהן, ווי „חנה אבו־צדוקס", ווי זיי וואָלטן שוין לאַנג געהאַט חתונה געהאַט. און אויך זיי אַליין, צווישן זיך, האָבן נישט־אָפּ־גערעדטערהייט געהאַלטן, אַז קומען וועט אַ טאָג, ווען זיי וועלן חתונה האָבן. זיי האָבן נאָר געוואַרט אויף אַ גינסטיקער צייט, ווען די לאַגע וועט זיך פאַרבעסערן. זיי וועלן דעמאָלט קויפן אַן איי־גענע נחלה, אַ שטיקל פעלד און גאָרטן, זיי וועלן עס באַאַרבעטן צוזאַמען, און אין דעם געפינען זייער פרייד און גליק.

די צייט איז אָבער נישט געוואָרן גינסטיק, נאָר, פאַרקערט, טומלדיק און ערגער. און דאַן — אונטערגעשפּרונגען איז מיט־אַמאָל די מלחמה און האָט אַלע האָפענונגען צעשטערט.

און דעמאָלט האָט עס אבו־צדוק באַקומען אהרנסאָנס אויפ־פאָדערונג צו קומען קיין „זכרון־יעקב".

נישט געוווּסט האָט נאָך דעמאָלט אבו־צדוק די אמתע כוונה פון אהרנסאָנס אויפפאָדערונג. אהרנסאָנס געהיימער פּלאַן איז נאָך געווען פאַר אים אַ סוד. ער האָט עס באַטראַכט ווי אַ טובה פון אהרנסאָנען, אַלס אַן אָפּצאָל פאַר" זיינע פאַרגאַנגענע מעשים.

ער האָט די פּאַפּירן געוויזן חנהן און געזאָגט:

— חנה, עס איז פאַר מיר אַ גליק. אָבער איך וועל גיין אַהין נאָר אויף אַ תנאי.

אַריינגעבליקט האָט חנה אין זיינע אויגן־שפּאַלטן און פאַר־שטאַנען זיין מיין.

זי האָט אָבער געפרעגט:

— וואָס איז דער תנאי, אבו־צדוק?

— דו, דו מוזט מיטגיין. איך וויל זיך פון דיר נישט שיידן.

— און אַז מען וועט דיך צונעמען אין דער טערקישער אַרמיי?

— מיט געוואַלט? — האָט אבו־צדוק אויסגערופן. — וועל איך זיך אויך אומקערן!

— אָבער מיך וועט מען אינגאַנצן אַרויסשיקן פון לאַנד,

אלס אַ פֿײַנטלעכע בירגערין, — האָט חנה האַלב אין ערנסט און האַלב ווי זיך געריצט מיט אים.

— וועל איך גיין מיט דיר! — האָט ער אויסגערופֿן נישט געקלערט.

אַ ווײַלע האָט חנה געשוויגן. ווײַזט אויס, אַז נאָר דאָס האָט זי געוואָלט הערן פֿון זײַן מויל.

— גוט, אבו־צדוק, — האָט זי ענדלעך געזאָגט, — איך גיי מיט דיר קיין זכרון־יעקב. איך האָב אַ ביסל געלט. מען לייגט מיר פֿאָר פֿאָפֿירן אַלס אַ „נאַנסאַוי" (אַן עסטרייכערין) און קיינער וועט אונז נישט שיידן.

אבו־צדוקס געלעכטער האָט זיך עטוואָס אויסגעקרימט, דער העכסטער צייכן פֿון אינערלעכע איבערלעבונגען, און בײַ חנהן האָבן געגלאַנצט די אויגן אין טרערן.

קאַפּיטל זיבן און צוואַנציק

עס איז שוין געווען שפּעט אין אָוונט, ווען חנה האָט אַמאָל אַליין אוועקגעשפּאַצירט אין דער פֿינסטערניש צו דעם הײַזל, וווּ אבו־צדוק האָט געוווינט, און אויפֿהויבנדיק זיך אויף די שפּיץ־פֿינגער, האָט זי אַרײַנגעקוקט אין פֿענסטערל פֿון זײַן צימער.

דאָס פֿענסטערל איז געווען פֿאַרהאָנגען אין דער אונטערשטער העלפֿט פֿון אינעווייניק מיט אַ פֿאַרהענגל, און דורך דער אָנשיין פֿון דעם חלבן ליכטל, וואָס האָט געברענט מיט אַ צאַנקנדיק פֿײַערל, האָט זי געזען אבו־צדוקס געשטאַלט, ווי ער איז געשטאַנען איבערגעבויגן איבערן טיש און געשריבן עפּעס אין אַ פּאַפּיר, און איבער דער וואַנט האָט זיך לייכט געשאָקלט דער סילועט פֿון זײַן קאָפּ, אין אַ שוואַרצן שאָטן פֿון גראָטעסקער, מאָנסטרויעזער גרויס.

חנה האָט לייכט אָנגעקלאַפּט אין די שייבלעך:

— אבו־צדוק! — האָט זי אויסגערופֿן מיט אַ שטיל קול.

אבו־צדוק האָט זיך אַ טרייסל געטאָן. ער האָט אויפֿגעהויבן דעם קאָפּ און זיך אַרומגעקוקט אין וווּנדער.

— אבו־צדוק! — האָט זי איבערגעחזרט נאָכאַמאָל זײַן נאָמען.

איצט האָט זיך אבו־צדוק געכאַפּט, פונוואַנען דאָס קול קומט, און זיך געלאָזט צום פענסטערל.

— חנה?! — האָט ער אויסגערופן אין וווּנדער, מיט ציטער אין קול. — ווי קומסטו איצט אַהער? קום אַריין!

חנה איז אַריין, שטיל זיך אומגעקוקט און זיך אָוועקגעזעצט.

— ווען ביזטו געקומען, אבו־צדוק? — האָט זי אים אַ פרעג געטאָן. — מיט צוויי שעה פריער בין איך דאָ געווען ביים פענ־סטער און דו ביזט נאָך נישט געווען.

— איך בין געווען אין חיפה, — האָט אבו־צדוק געזאָגט,— איך האָב דאָרט געדאַרפט זיין וועגן אַרבעט.

— וועגן אַרבעט? — האָט חנה איבערגעזאָגט זיינע ווערטער מיט זיין טאָן און אים אָנגעקוקט מיט אַ געהיימניספולן שמייכל.— גאַנצע צוויי טעג און נעכט, און איך בין דאָ געווען אַזוי אומרו־איק, טאָמער האָט עפעס מיט דיר געטראָפן; די וועגן זענען דאָך איבערפולט מיט בעדואינער.

— הער זיך צו, חנה, — האָט אבו־צדוק געזאָגט, און פאַר דעם ערשטן מאָל, וואָס זי קען אים, האָט זיין פנים נישט גע־לאַכט, — דו דאַרפסט מיך נישט זוכן. זיי רואיק, מיט מיר וועט קיין זאַך נישט טרעפן. איך דאַרף איצט אַפּט אַרומפאָרן און וועל אָפט נישט זיין אינדערהיים. איך בעט דיך, זוך מיך נישט.

— און וואָס באַשטייט דיין אַרבעט, אבו־צדוק? — האָט חנה געפרעגט.

אבו־צדוק האָט אויף איר אָנגעשטעלט זיינע קליינע מאַנדל־אויגן, ווי ער וואָלט איר דורכגענומען און אויסגעפאָרשט:

— אַרבעט... גאָרנישט... — האָט ער געמורמלט. — קויף... פאַרקויף...

— וואָס קויפסטו? וואָס פאַרקויפסטו? עפּעס איז נישט קלאָר, אבו־צדוק. — האָט חנה ווידער געזאָגט.

— הער זיך איין, חנה, — האָט אבו־צדוק איבערגעחזרט ערנסט, — איך בעט דיך, פרעג מיך נישט, פאָרש נישט נאָך און וויטער קום נישט ביינאַכט מיך זוכן אונטערן פענסטערל. איך בעט דיך, טייערע, גריבל זיך נישט.

— אבו־צדוק! — האָט חנה זיך מיטאַמאָל אויפגעשטעלט און אים אַריינגעקוקט אין די אויגן. — די לעצטע צייט טראָגסטו

זיך אַרום מיט אַ געהיימניס, וואָס דו באַהאַלסט פון מיר. דו גייסט אַרום אָפּט מיט פיינבערגן, שושקעסט זיך מיט אַנדערע חברים, און פון מיר באַהאַלסטו עפּעס. דאָס ווייטאָקט מיך זייער. איך פיל זיך איינזאַם און פאַרלאָזן. פאַרוואָס, אַבו־צדוק, זאָלסטו צו מיר נישט האָבן קיין צוטרוי?

אַבו־צדוק איז געבליבן ווי צעטומלט. זיינע ליפּן האָבן זיך באַוועגט עפּעס צו זאָגן, און זיין שמייכל האָט זיך אויסגעקרימט, ווי פאַרשעמט, אין אַ פאַרלעגנהייט.

— הער, אַבו־צדוק! — האָט חנה זיך נישט אָפּגעשטעלט און ווייטער גערעדט. — איך ווייס פיל מער, ווי דו דענקסט. איך ווייס, אַז איינמאָל ביזטו אַרויסגעפאָרן פאַרקליידט ווי אַ בעדואי־נער, ווי גאָר אַמאָל אין מרחביה. איך האָב דיך געזען, שפּרייזנדיק אויפן וועג קיין חדרה. איך האָב דערקענט דיין טראָט. איך ווייס נישט, וואָס דאָס זאָל באַדייטן.

אַבו־צדוקס צעטומלטקייט איז געוואַקסן. ער האָט אָנגעקוקט חנהן ווי מיט אַ געבעט און געזאָגט:

— חנה, איך בעט דיך, צווינג מיך נישט, איך זאָל דיר זאָגן. איך קאָן נישט. אַמאָל וועסטו וויסן, איצט קאָן איך נישט.

— פאַרוואָס נישט? — האָט אים חנה נישט אָפּגעלאָזט. — דו האָסט צו מיר נישט קיין צוטרוי? דו גלויבסט מיר נישט, אַז איך וועל קאָנען האַלטן אַ סוד?

— אָ, חנה, — האָט אַבו־צדוק זיך געוועדט, — פאַרוואָס זאָלסטו אַזוי רעדן? דו ווייסט דאָך, ווי איך וואָלט מיין לעבן דיר אָנגעטרויט.

— טאָ פאַרוואָס־זשע דערציילסטו מיר נישט, וואָס דאָ קומט פאָר? — האָט זי אים ווי צוגעדריקט צו דער וואַנט.

— ווייל איך טאָר נישט.

— וואָס מיינסטו, דו טאָרסט נישט?

— איך האָב געשוווירן, אַ הייליקע שבועה געגעבן, אַז איך וועל קיינעם נישט אַנטפּלעקן.

— אויב אַזוי, — האָבן זיך חנהס אויגן אָנגעצונדן, — פאָר איך אַוועק פונדאַנען. איך וועל זיך לאָזן קיין ירושלים, קיין שכם, ווו די אויגן וועלן מיך טראָגן. איך וועל זיין אַליין, איך וועל כאָטש וויסן, אַז איך האָב קיינעם נישט, און דער, וואָס איז מיר געווען

טייער, האָט געשוואוירן אויסצובאַהאַלטן זיך פון מיר מיט א סוד...

— גיין, חנה, — האָט אבו־צדוק צעשפּרייט די הענט, ווי ער וואָלט איר פאַרשטעלט דעם וועג, — איך וועל דיך נישט לאָזן פּאָרן. לאָז מיך ביז מאָרגן. דער סוד איז נישט נאָר פון דיר. איך וועל מאָרגן זען די חברים און בעטן א דערלויבעניש דיך אריינ־צונעמען אין אונזער קאָמפּאַניע. דו וועסט זיין א גוטע חברה, איך בין זיכער. איך וועל עס אויספירן.

חנה האָט מער נישט גערעדט. זי האָט זיך געלאָזט צו דער טיר, אבו־צדוק האָט איר באַגלייט.

— א גוטע נאַכט, חנה, — האָט ער געזאָגט, — מאָרגן וועסטו אַלץ וויסן.

חנה האָט אים געדריקט די האַנט, און ווי אים איבערצובעטן, האָט זי געזאָגט מיט א ווייכן טאָן:

— דאַרפסט אויף מיר נישט פאַראיבל האָבן, אבו־צדוק, וואָס איך האָב דיך געפּאַרשט. איך בין עלנט. אונזער ליבע איז דאָס איינציקע, וואָס איז מיר פאַרבליבן פון מיינע וואָגל־יאָרן אין מרחביה. איך וויל עס נישט פאַרלירן.

קאַפּיטל אַכט און צוואַנציק

אויף מאָרגן האָט אבו־צדוק געבראַכט חנהן צו אהרנסאָנען אין הויז און איר פאָרגעשטעלט פאַר שרהן, אהרנסאָנס שוועסטער.

— דאָס, שרה, — האָט ער געזאָגט, — איז חנה, וועגן וועל־כער איך האָב מיט דיר פריער גערעדט, מען קאָן זיך אויף איר פאַרלאָזן.

שרה האָט אָנגעקוקט חנהן מיט פאָרשנדיקע בליקן. זי האָט איר באַטראַכט און געקוקט גלייך אין די אויגן. חנה האָט דעם בליק אויסגעהאַלטן.

— שלום, חנה, — האָט שרה איר אָנגערופן ביים נאָמען, ווי אַן אַלטע באַקאַנטע, — באַלד וועסטו וויסן, וועגן וואָס עס האַנדלט זיך דאָ. אבו־צדוק האָט זיך פאַר דיר איינגעשטעלט, אז מען מוז דיך אריינגעמען אין אונזער געהיימניס, א נישט, וויל ער אויך אַוועק פון אונז. עס דאַרפן באַלד קומען נאָך דריי בחורים און יוסף לישאַנסקי וועט אייך אַלץ דערקלערן. אָבער פריער וויל איך מיט דיר עפּעס א שמועס טאָן. זעץ זיך, חנה.

חנה האָט זיך געזעצט אויף אַ סאָפע און שרה האָט זיך צו־געזעצט לעבן איר, און איר אָנגענומען ביי דער האַנט:

— חנה, — האָט זי צו איר געזאָגט, — איידער מיר גייען דיר עטוואָס דערציילן, וואָלט איך דיר געוואָלט שטעלן אַ פראַגע: זאָג מיר, וואָלסטו געוועז פעאיק אוועקצוגעבן דיין לעבן פאַר אַן אידעאַל, וואָס איז דיר ליב צום הארצן?

חנה איז אַ ווײַלע געבליבן ווי איבערראַשט. זי האָט זיך אָבער באַהערשט:

— עס ווענדט זיך פאַר וואָס. — האָט זי געענטפערט.

— פאַר אונזער לאַנד, צום ביישפּיל, אַז אונזער ישוב זאָל זיך שטאַרקן?

— פאַר דעם — יאָ! — האָט חנה פעסט געענטפערט.

— און וואָלסט אויסגעהאַלטן יסורים אויך, און נישט פאַר־ראַטן?

— וויפל מיינע כחות וואָלטן מיר געטראָגן.

— און אָפּגעבן דיין גאַנצן איך, אפילו... דיין ערע? — האָט שרה אויסגעצויגן לאַנגזאַם אירע רייד און געקוקט חנהן שאַרף אין די אויגן.

חנה האָט אַ ווײַלע אַ טראַכט געטאָן. אַ רויטקייט האָט באַ־גאָסן איר פּנים.

— די ערע פון אונזער לאַנד און פאָלק איז מיר טייערער פון מיין אייגענער, — האָט זי אין אַ ווײַלע אַרום געענטפערט.

— איצט, חנה, מוזטו מיר צוזאָגן נאָך אַ זאַך, — האָט שרה געזאָגט אין אַ ווייכערן טאָן, און עס איז געווען קענטיק, אַז זי איז געווען איבערראַשט פון דעם מיידלס שטיפע און אַנטשלאָסענע ענטפערס, — דו וועסט זיך באַלד דערוויסן אונזער סוד, אַז אויב דו שטימסט איין מיט אונזער אידעע — בין איך זיכער, אַז דו וועסט אונז ברענגען גרויסע נוצן; טאָמער אָבער געפעלט עס דיר נישט, מוזטו מיר צוזאָגן, אַז דו ווייסט קיין זאַך נישט. דו וועסט פאַר קיינעם נישט אַרויסברענגען, וואָס דו האָסט געהערט. פאַר־זיכערסטו עס מיר?

— יאָ, — האָט חנה געענטפערט, — איך זאָג צו הייליק.

חנהס האַרץ האָט געקלאַפּט האַסטיק. עס האָט איר געלאָקט

די געהיימנים, וואָס אבו־צדוק און אַלע חברים ווייסן פון דעם. זי האָט אינסטינקטיוו דערשפּירט, אַז עס וועלן זיך פאַר איר אָנ־הויבן גרויסע טעג פון טעטיקייט פאַרן לאַנד, כאָטש זי האָט נישט געהאַט קיין אַנונג, וואָס און ווי אַזוי, און האָט מיט אומגע־דולד אויסגעקוקט די מינוט, ווען יוסף לישאַנסקי וועט עס איר דערקלערן.

א שעה שפּעטער איז שוין חנה געזעסן אין אַ קליינעם צי־מערל פון דעמזעלבן הויז, ווו עס זענען, אויסער איר, געווען נאָך דריי יונגע בחורים מיט טונקעלע פּנימער פון ספרדישער אָפּשטאַ־מונג, און אויך יוסף לישאַנסקי.

לישאַנסקי איז, אין קאָנטראַסט צו די בחורים, געווען אַ בלאָנ־דער, מיט בלויע אויגן. אַ קינדערישער שמייכל האָט גערוט אויף זיין קלאָרן, פּוכיקן פּנים, און אין זיין ווייסער בלוזע האָט ער אויסגעזען, ווי אַן אומשולדיק, נאַאיוו ייִנגל. חנה, וואָס האָט אים פון פריער נישט געקענט, האָט אים אָנגעקוקט מיט נייגיריקייט.

— שלום, חברים, — האָט לישאַנסקי אַ פיר געטאָן מיט דער האַנט איבער זיינע בלאָנדע קרייזעלעך האָר און געשמייכלט, — שרה אהרנסאָן האָט שוין מיט אייך זיך דורכגערעדט וועגן אַלע הקדמות, און איצט קאָנען מיר צוטרעטן גלייך צו דער זאַך.

זיין פּנים האָט זיך מיט איינמאָל געענדערט אין אַן ערנסטן אויסדרוק.

— חברים, — האָט ער אָנגעהויבן, — מיר לעבן איצט אי־בער גרויסע היסטאָרישע טעג. אַ חלום פון הונדערטער יאָרן קאָן איצט ווערן פאַרווירקלעכט. איר באַגרייפט געוויס, חברים, אַז אונ־טער דער טערקישער הערשאַפט קאָן דער יידישער ישוב אין ארץ־ישראל נישט פּראָגרעסירן. די טערקן זענען פאַראינטערעסירט צו העלפן די ווילדע אַראַבער, אין זייער קאַמף קעגן אונז, יידן. גיט אַ קוק, איצט: די מענגעס מאָביליזירטע בערג־פּעלקער, וועלכע פאַרפלייצן דאָס לאַנד אין זייער מאַרש פון צפון צו דרום, רויבן און פּלינדערן יידיש גוטס, מאַכן אַ תל פון אונזער מי פון אַזוי פיל יאָרן, און די רעגירונג שמערט זיי נישט. די דייטשן, וועלכע

העלפֿן די טערקן און פֿירן אַן מיט דעם מיליטער, זענען אויך נישט בעסער. זייערע אָפֿיצירן זויפֿן און טרינקען און פֿאַרקנעכטן אַלעמען, סיי די טערקן, סיי די יידן. קיין גוטס קאָן נישט דערוואַרטן דעם יידישן ישוב, ווען די שותפֿות פֿון די דייטשן מיט די טערקן וועט זיך איינגעבן, און זיי וועלן באַזיגן די ענגלענדער. פֿאַרקערט אָבער, ווען ארץ־ישראל וועט פֿון זיך אַראָפּוואַרפֿן דעם טערקישן יאָך, וועט דאָס לאַנד אָנהויבן בליען און יידן וועלן געפֿינען ביי אונז אַ היים. פֿון מצרים, חברים, קוקן צו אונז די ענגלענדער. מיר דאַרפֿן זיי העלפֿן איינגעמען דאָס לאַנד. דעמאָלט וועלן די ווילדע אַראַבער דערשפּירן אַ פֿעסטע האַנט און וועלן זיך אונטער־געבן. עס וועט הערשן געזעץ און אָרדענונג, און מיר, יידן, וועלן וויסן, אַז מיר האָבן צוגעלייגט אַ האַנט צו אונזער פֿרייהייט. זענט איר איינשטימיק, חברים, מיט דעם געדאַנק?

— יאָ, ריכטיק! — האָבן אַלע דריי און אויך חנה געענט־פֿערט מיטאַמאָל.

— איצט, חברים, קומען מיר צום עיקר, — האָט לישאַנ־סקי ווידער גערעדט, — מיר, אַ גרופּע שומרים, די, וואָס זענען באַקאַנט אונטערן נאָמען „גדעונים" און אויך „הנוטר", האָבן צוזאַמען געגרינדעט אינדערשטיל אַן אָרגאַניזאַציע, וואָס רופֿט זיך „נילי". די ערשטע אותיות פֿון „נילי" באַדייטן: „נצח ישראל לא ישקר", און עס דערמאָנט אויך דעם נילוס, וווּ די ענגלענדער זענען.

נאָך אַ פּויזע האָט לישאַנסקי ווייטער גערעדט:

— די אויפֿגאַבע פֿון „נילי" איז צו העלפֿן ענגלאַנד פֿאַר־כאַפּן דאָס לאַנד. מיר שפּיאָנירן שטילערהייט און שטעלן צו ענג־לאַנד אינפֿאָרמאַציעס. יעדער חבר פֿון „נילי" איז גרייט איינצו־שטעלן דאָס לעבן פֿאַר דער אידעע, און פֿירט אויס יעדע שליחות. מער קיין איינצלהייטן קאָן איך פֿאַרלויפֿיק אייך איצט נישט געבן. ווען איר וועט זיך אָנשליסן אַן „נילי", וועט איר אַלץ וויסן. אויב אָבער נישט, וועט איר זיכער, ווי שרה האָט אייך געזאָגט, פֿאַרגעסן וועגן דעם, אַזוי ווי איר ווייסט נישט פֿון קיין זאַך. איך לאָז אייך איצט איבער אויף אַ האַלבע שעה, טראַכט זיך איבער, און איך וועל דערנאָך הערן אייער ענטפֿער.

זיין פּנים האָט צוריק אָנגענומען דעם קינדערישן שמייכל, און

וואַרפנדיק שמייכלענדיקע בליקן צו יעדן באַזונדער, האָט ער לאַנג־זאַם אַרויסגעשפּרייזט פון צימער.

פונקט אין אַ האַלבער שעה אַרום איז יוסף לישאַנסקי אַריין צוריק אין צימער, מיט אים איז אויך אַריין שרה. זי האָט זיך גע־זעצט לעבן חנהן און יוסף אויף זיין אָרט ביים טיש.

— נו, וואָס, חברים? — האָט לישאַנסקי געפרעגט.

די דריי ספּרדישע בחורים האָבן, נישט קלערנדיק, גלייך גע־האַט זייער באַשלוס. אויך ביי חנהן איז עס געווען באַשטימט.

— מיר זענען גרייט, אַלע גרייט! — האָט איינער געענטפערט פאַר אַלעמען.

— איר ווייסט געווי, וואָס „נילי" פאָדערט פון אייך? — האָט יוסף ווידער געפרעגט. — איינפאַך: שפּיאָנירן פאַר ענגלאַנד. זענט איר איינשטימיק?

— יאָ! — האָבן אַלע געענטפערט.

— שטעלט זיך אויף, חברים! — האָט לישאַנסקי געזאָגט. אַלע האָבן זיך אויפגעשטעלט.

— הויבט אויף די הענט און שווערט, אַז איר וועט היטן אייער סוד, וועט קיינמאָל נישט פאַרראַטן אונזער אָרגאַניזאַציע, אַפילו ווען מען וועט אייך מאַטערן מיט גרויסע יסורים און פּייניקן ביז צום טויט.

— מיר שווערן הייליק! — האָבן אַלע געזאָגט.

— איר געהערט איצט צו „נילי", חברים, — האָט יוסף גע־זאָגט, און יעדן באַזונדער געדריקט די האַנט.

חנה האָט אים אָנגעקוקט מיט פאַרערונג, און אַראָפּגעלאָזט די אויגן, ווען ער האָט געהאַלטן איר האַנט.

— „נילי" איז אונזער פּאַראָל, — האָט יוסף פאַרענדיקט, — דורך אים דערקענען זיך די חברים. היינט ביינאַכט איז אונזער פאַרזאַמלונג. מיר וועלן זיך בעראַטן וועגן דער ווייטערדיקער אַר־בעט. איר, חברים, דאַרפט זיין אָנוועזנד, און איר וועט באַקומען אָנווייזונגען וועגן אייער אַרבעט.

איינציקווייז זענען די נייע חברים אַרויס פון צימער. חנה איז אַרויס נעאָרעמט מיט שרהן. ביי דער טיר האָט אויף איר געוואַרט אבו־צדוק.

— פאַרגיב מיר, אבו־צדוק, וואָס איך האָב דיך פאַרדעכ־טיקט, — האָט זי געזאָגט צו אים, — איצט וועט שוין נישט זיין צווישן אונז קיין סודות.

קאַפּיטל ניין און צוואַנציק

ווען עס איז געוואָרן פינסטער, האָבן שאָטנס פון מענטשן, ווי אויסגעוואַקסן פון אונטער דער ערד, איינציקווייז זיך אַריינגע־שליכט אין פישל אהרנסאָנס הויז.

איינס אין איינס, ביי אַ צוויי צענדליק בחורים, אַלע מיט אָפּ־געבּרענטע, ברוינע פּנימער, באַוואַקסענע מיט האָר, אָנגעקליידט אין פאַרשידענע קליידער, האָבן זיי אויסגעקוקט פאַרשידן, אָבער איין אַנטשלאָסענער אויסדרוק האָט אָנגעפילט אַלעמענס פּנימער. זיי האָבן זיך צעוואָרפן איבערן גרויסן עס־צימער פון הויז, זיך צע־זעצט אין פאַרשידענע ווינקלען און שטיל געשמועסט צווישן זיך. די פענסטער פון חדר זענען געווען פון אויבן ביז אַראָפּ פאַרהאָנ־גען, אויפן טיש האָט געבּרענט אַ נאַפט־לעמפּל מיט אַ טונקעלן פייער, וואָס האָט געוואָרפן שאָטנס אַרום זיך. די לופט אַרום איז געווען געהיימניספול.

חנה איז געזעסן לעבן אבו־צדוקן, און אָנגעפילט מיט אַ מיס־טישער שטימונג, האָט זי מיט אַ קלאַפּנדיק האַרץ דערוואַרט צו הערן די פאַרבאָרגענע סודות.

אין חדר האָט זיך באַוויזן אַ מאַן מיט לאַנגע, שוואַרצע פּאַס־מעס האָר, בּרענענדיקע שוואַרצע אויגן, אויף אַ לענגלעכן פּנים, וואָס איז געווען אַרומגעוואַקסן מיט אַ קליין, שוואַרץ בערדל. זיין דערשיינען האָט אָנגעמאַכט אַ גערודער. אַלע האָבן זיך באַ־וועגט פון די ערטער און געמאַכט פאַר אים אַ וועג. ער איז צוגע־גאַנגען צום טישל, ביי וועלכן עס איז געזעסן שרה און האָט גע־שריבן אין אַ ביכל.

— אָ, אבשלום! — האָט שרה אַ זאָג געטאָן. — דו ביזט שוין דאָ... איצט קאָן מען אָנהויבן.

אבשלום פיינבערג האָט אַרויסגעצויגן פון בוזעם־קעשענע אַ פּעקל פּאַפּירן, זיי אויסגעשפּרייט פאַר זיך אויפן טיש, געוואָרפן

זיינע שווארצע אויגן ארום און ארום, איבער אלע פארזאמלטע, און געזאגט:

— איך זע דא נייע פנימער, נייע חברים, איך באגריס אייך און האף, אז דורך אונזער אלעמענס אנשטרענגונג, וועלן מיר פיל קאנען אויפטאן.

ער האט א צי געטאן מיט זיין האנט איבערן בערדל און ווייטער געזאגט:

— איצט צו דער זאך. זרחי, וואס האסטו?

— ביי באב אל עין, — האט זיך אויפגעשטעלט א שאטן פון א בחור, — זענען דורכגעגאנגען צוויי רעגימענטן פון דער זיבעצנטער דיוויזיע, אונטער דער אנפירונג פון דייטשן גענעראל סערוויים־ביי.

אבשלום האט פארצייכנט אין א פאפיר.

— אין עפולה איז אנגעקומען פון דמשק דער אכטער לעגיאן פון די פרייוויליקע ,,מורידזין''.

— זיי ציען זיך צו עזה, — האט זיך אויפגעשטעלט א צווייטער בחור.

— איך האב דא אן אנגעצייכנטע מאפע מיט די באהאלטענע פאזיציעס פאר די שווערע קאנאנען ביים פראנט פון על עריש, — האט איינער דערלאנגט א פאפיר צום טיש.

— און דא זענען פאטאגראפישע קלישעס פון די פארפעסטיקונגען ביי דער צווייטער פארטיידיקונגס־ליניע הינטער עזה. — איז צו צום טיש א צווייטער.

— רוחמה איז אנגעלאגערט מיט אפטיילונגען פון דער פערטער דיוויזיע. זיי זענען א געמיש פון דרוזן, בעדואינער און אראבער, אונטער דער קאמאנדע פון דייטשע אפיצירן. עס גייען ארום קלאנגען, אז גענעראל פאן פרענקענבערג דענקט נאכאמאל צוצופרעסן דעם פראנט ביי דער מדבר, און מאכן נאך א פרווו צו פארכאפן דעם סועץ־קאנאל, — האט זיך געהערט א קול פון א זייט.

— די קלאנגען זענען גארנישט ווערט, — האט אבשלום געזאגט, — דזשעמאל פאשא האט נאר געהאט איין שאנס צו פארכאפן דעם אפריקאנישן ברעג אין מצרים, איידער די ענגלענדער

האָבן זיך צוגעגרייט. איצט ווע‍לן זיי די קאַנאָנען פון די קריגס־שיפן צעשמעטערן נאָך מייל־ווייט פון ברעג.

— אין באר־שבע זענען אָנגעקומען דייטשע פליער מיט דריי עראָפּלאַנען — האָט זיך אָנגערופן אַ ספרדישער בחור מיט אַ פאַרוואַקסענעם בערדל.

אבשלום האָט אַלץ פאַרצייכנט אין אַ פּאַפּיר.

— ווער האָט נאָך אינפאָרמאַציעס? — האָט אבשלום אויסגערופן.

איינער ביי איינעם זענען כמעט אַלע אָנוועזנדיקע צוגעגאַנגען צום טישל און אַוועקגעלייגט פּעקלעך און פּאַפּירן.

— אבו־צדוק! — האָט אבשלום אויסגערופן, גישט אויפהויבנדיק דעם קאָפּ. — וואָס הערט זיך וועגן די שיפן?

— דערווייל אָן הצלחה, — האָט זיך אבו־צדוק אויפגעשטעלט און געזאָגט, — צוויי טעג און נעכט בין איך געלעגן ביים ברעג פון עתליט. איך האָב פונווייטן געזען די ענגלישע שיפן, געפינקלט צו זיי מיט די עלעקטרישע לעמפּלעך, געגעבן אַלע סימנים, צוויי מאָל צו צוויי, איינמאָל, און דערנאָך פינף מאָל, אַלץ, ווי אָפּגערעדט, אָבער קיין ענטפער האָב איך נישט באַקומען. די שיפן האָבן געוואָרפן פייערדיקע ראַקעטן. איך האָב אָבער גאָרנישט פאַרשטאַנען.

— און איך אין חדרה האָב אויך נישט געקאָנט פאַרשטיין די סימנים פון די שיפן, — האָט זיך אויפגעהויבן אַ בחור פון אַ ווינקל, — ס'האָט אונז אימיצער צעמישט.

— געוויס, די בעדואינער! — האָט אבשלום אַרויסגערעדט מיט כעס. — אַט די געדונגענע בעדואינער טוען קיין גוטס נישט. זיי זענען כיטרע פויגלען. געמען ביי אונז געלט און פאַרראַטן אונז.

— טאָ צו וואָס דאַרף מען זיי איינגאַנצן? — האָט שרה געפרעגט.

— אהרן האָט זיי אָנגעשטעלט צוליב צוויי טעמים: ערשטנס, זענען זיי גוטע שווימער און פירן לייכט די קליינע לודקעס צו די ענגלישע שיפן, צווייטנס, פאַלט אויף זיי נישט קיין פאַרדאַכט, ווען זיי דרייען זיך אַרום ביים ברעג ים, — האָט אבשלום געזאָגט.

— אָבער איצט האָבן זיי אונז אָנגעמאַכט גרויסע צרות, —

האָט פון אַ זייט אויסגערופן יוסף לישאַנסקי. — אָט האָב איך אַ בריוו פון בעלקינדן. ער שטייט מיט זיין אָפּטיילונג ביי עזה. ער האָט זיך גוט באַפריינדעט מיט זיין קאָמאַנדיר איזיט־ביי, און פאַר געלט פון אים געקריגן וויכטיקע ידיעות, וועלכע ער האָט אונז אַרויסגעשיקט דורך אַ ספּעציעלן שליח. אָבער וואָס נוצן אונז אַלע גוטע ידיעות, ווען מיר האָבן אָנגעוווירן אונזער פאַרבינדונג מיט די ענגלישע שיפן און קאָנען נישט קומען אין קיין באַרירונג מיט זיי?

— אונזער גאַנצע אַרבעט איז כמעט ווי אַרויסגעוואָרפן, — האָט אבשלום צוגעגעבן מיט יאוש אין קול, — די פאַרשאָלטענע בעדואינער! וואָס טויגן אונז אַלע אונזערע אינפאָרמאַציעס, ווען מיר קאָנען זיי נישט איבערגעבן די ענגלענדער? אונזערע חברים אין עתליט און חדרה שטעלן איין דאָס לעבן, ליגן פאַרשמאַכטע טעג און נעכט, ביז זיי דערזעען די שיפן, און דעמאָלט דרייען זיך די שיפן פון איין זייט, אונזערע מענטשן ביזן האַלז אין וואַסער פון אַנדערע זייטן, און מען קאָן זיך נישט צוזאַמענרעדן. אויב עס זאָל אַזוי ווייטער אָנהאַלטן, וועל איך מוזן ווידער זיך לאָזן אַליין אין מדבר.

— וואָס?! — האָט שרה, וואָס איז ביז איצט געזעסן שטיל, זיך ווי אַ ריס געטאָן פון אָרט. — דו ועסט ווידער פּרובירן אויף דעם געפערלעכן וועג, נאָכדעם, ווי מען האָט דיך קוים באַפרייט?

— יאָ! — האָט אבשלום געזאָגט אָנטשלאָסן. — איך וועל אַליין פּרובירן זיך אַדורכרייסן קיין מצרים, וועל דערנאָך אַליין פאָרן מיט די שיפן און נישט דערלאָזן צו אַזוינע סקאַנדאַליעזע מיספאַרשטענדענישן.

— דו טאָרסט דאָס נישט טאָן! — האָט שרה אויסגערופן.— איצט איז נאָך דער פּראָנט געדיכטער, ווי דעמאָלט, ווען דו ביזט געגאַנגען דאָס פריערדיקע מאָל. און איצט איז שוין אויך נישטאָ דער תירוץ פון היישעריק, און ווען מען וועט דיך כאַפּן, איז דיין גורל קלאָר — זיכערער טויט.

— זינט ווען האָסטו מיך אָנגעהויבן שרעקן? — האָט אבשלום איר געענטפערט. — אונזער „ניליי״ ווייסט נישט פון קיין מורא. איך וועל אומבאַדינגט גיין!

— איך שרעק זיך נישט פאַר מיין לעבן, — האָט שרה גע־

זאגט, — דו ווייסט, אז איך אליין בין גרייט אויף אלץ, אבער דיך, אבשלום, טארן מיר נישט פארלירן; אונזער גאנצע ארבעט וועט אונטערגיין.

— איך גיי מיט! — האט יוסף אויסגערופן. — אין צווייען וועלן מיר בעסער אויפטאן. אבער פריער וועלן מיר נאך פרובירן, אפשר וועט געלונגען צוריק זיך צו פארבינדן דורך די שיפן מיט די ענגלענדער. מיר האבן דאך נאך די אריבערגעבראכטע טויבן, וועלן מיר ארויסשיקן פון רמלה א טויב מיט א צעטעלע קיין פארט־סאאיד.

— איך האף, אז עס וועט געלונגען, און דו, אבשלום, וועסט נישט דארפן איינשטעלן דיין לעבן, — האט שרה געזאגט, — און איצט, חברים, ווער ס׳דארף געלט, זאל צוקומען צום טיש.

אין שרהס הענט זענען אויסגעוואקסן צוויי דיקע פעקלעך אסיגנאציעס. איינציקווייז זענען די חברים צוגעקומען, עפעס א מורמל געטאן, און זי האט זיי שנעל געטיילט פון די פעקלעך אסיגנאציעס און פארצייכנט אין פאפיר.

די חברים האבן נאך שטיל געשטעלט פראגן, דא ביי אבשלומען, דא ביי יוספן און שרהן, און זיך געזעגנענדיק, שטיל ארויסגערוקט פון הויז.

פארבליבן זענען נאר די נייע פיר חברים מיט חנהן און אבו־צדוקן. יוסף האט באדארפט באשטימען פאר זיי „ארבעט”. איינ־ציקווייז האט ער באלד מיט זיי געשמועסט, זיך אויסגעפרעגט, וועלכע ערטער ס׳זענען זיי בעסער באקאנט, און צו וואס זיי קאנען זיך בעסער טויגן, און אזוי זיי קלאר געמאכט, וואס זיי האבן צו טאן, און ווו זיי דארפן גיין. שרה האט זיי באזארגט מיט געלט און מיט פרישקייט פון קינדער, וואס גייען צו א שפיל צום ערשטן מאל, האבן זיי זיך געלאזט מיט א פריילעכן „שלום” ארויס פון הויז.

געקומען איז די ריי פאר חנהן.

חנה, וואס איז געזעסן צעטומלט פון איבערראשונג, הערנדיק וועגן דער פארצווייגטער ארבעט, וואס איז ארום איר געטאן גע־ווארן, און זי האט גארנישט געוווסט, האט זיך האסטיק א הויב געטאן פון ארט. איר לוסט צו ארבעטן פאר דעם אידעאל פון בויען דאס יידישע לאנד האט איצט, ווי אמאל אין מרחביה, אויפ־

געוועקט צום לעבן. ווי אַלע חברים און ווי שרה, האָט זי געגאַרט צו טאָן איר טייל אין דער פאַרבאָרגענער אַרבעט צו העלפן באַפרייען דאָס לאַנד פון טערקישן יאָך, זי האָט אָבער נישט געקאָנט זיך פאָרשטעלן, ווי אַרום קאָן זי דאָ העלפן? און אין וואָס קאָן באַשטיין איר אַרבעט? זי האָט דעריבער אויסגעקוקט צו הערן דאָס פון אבשלומס מויל.

אבשלום האָט אויסגעשטרעקט צו איר זיין גראָבע, האַריקע האַנט, אויף אַ ווײַלע אַ בליץ געטאָן מיט זיינע אויגן אויף איר פּנים, אָפּגעמאָסטן איר שלאַנקן קערפּער, און אַ זאָג געטאָן:

— שלום, חברה, דו וועסט אונז פיל קאָנען אַרויסהעלפן, מער, ווי אַ צען חברים.

— איך זאָל נאָר וויסן ווי אַזוי, — האָט חנה געענטפערט.

— איך גלויב,—האָט אבשלום אַ קוק געגעבן אויף שרהן,— אַז דו, שרה, וועסט בעסער מיט איר רעדן, און איר דערקלערן.

— יאָ, — האָט זיך שרה אַ כאַפּ געטאָן פון איר שרייבן, — דו, אבו־צדוק, קאָנסט גיין, חנה בלייבט מיט מיר. איך וועל איר אָפּפירן אהיים.

שרה האָט אַריינגעדרייט דאָס פייערל פון לעמפּל, אַזוי, אַז טונקעלע שאָטנס האָבן איינגעוויקלט דאָס חדר, און נאָך צוגעגעבן מער מיסטישקייט אין דער אַזוי אויך סודותדיקער לופט. זי האָט זיך צוגעזעצט לעבן חנהן אויף דער סאָפע, און ווי אַ מאַמע צוגעטוליעט חנהס קאָפּ צו איר ברוסט.

זי האָט מיט דער האַנט געפירט איבער אירע האָר און אָנגעהויבן:

— הער זיך איין, חנה,—האָט זי גערעדט שטיל און ווייך,— דו האָסט דאָ געהערט באַריכטן פון אויספאָרשונגען. די חברים, וואָס האָבן איבערגעגעבן די אינפאָרמאַציעס. זיי האָבן אָבער דאָ נישט דערציילט, ווי אַזוי זיי האָבן אַרויסגעקריגן דיזאָזיקע ידיעות. דו וואָלסט איבערראַשט געוואָרן, ווען דו הערסט, ווי יעדער איינער האָט גרייט־וויליק איינגעשטעלט זיין לעבן אין געפאַר. אָט דיין אבו־צדוק האָט זיך איינמאָל פאַרשטעלט פאַר אַן אַראַבער און איז געקראָכן ביזן האַלז אין וואַסער צו אַ שיפל, און איינמאָל איז ער געפאָרן אויף אַ קעמל אין מתולה, איבערצונעמען ידיעות פון אַן אונטערגעקויפטן אַראַבער, ביים מדבר. אָט איז דאָ

אַ חבר בעלקינד, וואָס דינט אין דער אַרמיי, שלעפּט זיך מיט זיין אָפּטיילונג אין מדבר, אָבי עפּעס אויסצוגעפינען. אַנדערע חברים אונזערע לאָזן זיך וואַקסן בערד, פיגורירן אַלס רבנים, אָבי זיך אַריינצוקריגן ערגעץ אומבאַמערקט און אומפאַרדעכטיק.

— עס איז רירנד, — האָט חנה געזאָגט.

— יאָ, חנה, — האָט שרה ווייטער גערעדט, — ווען מען פאַרשרייבט אונזערע העלדישע מעשים, וואָלט עס געקאָנט דינען פאַר אַ מוסטער פאַר קומענדיקע דורות, ווי מען דאַרף מקריב זיין דאָס לעבן פאַר אונזער לאַנד. מיר טוען עס דאָך נישט פאַר געלט, נאָר צוליב דעם גלויבן, אַז מיר העלפן אונזער פאָלק צו־ריקצוקריגן זיין לאַנד. אָבער נישט דאָס בין איך אויסן. איך וויל דיר נאָר דערציילן, אַז יעדער טוט, וואָס ער קאָן. אויך איך האָב מיינע וועגן, ווי אַרויסצוקריגן ידיעות, און די וועגן זענען גאַנץ אַנדערע. דאָס האָט צו טאָן מיט אונזער מין. פאַרשטייסט, חנה?

— נישט אינגאַנצן קלאָר. — האָט חנה געענטפערט.

— יאָ, חנה, אונזער וועג איז אונזער ווייבערישער רייץ. דורך אַ שמייכל צו אַ דייטשן אָפיציר בין איך דאָ נישט לאַנג אַרי־בערגעקומען אַהער פון קאָנסטאַנטינאָפּאָל; ער האָט מיך אָפּגעהיטן אַ חודש צייט פון די ווילדע מאַביליזירטע מאַסן, וואָס זענען גע־פאָרן מיט מיר אין די פראַכט־וואַגאָנעס. שפּעטער האָב איך אין ירושלים, דורך אַן אָפיציר פון דזשעמאַל פּאַשאַס שטאַב, זיך דער־וווּסט וויכטיקע ידיעות וועגן דעם טערקישן פאַרטיידיקונגס־פראָנט ביי עזה, אַז די טערקן גרייטן זיך צו אַ נייער אָפענסיווע. ער האָט מיר פאַר אַ פּאָר קושן אַפילו דערציילט די געפּלאַנטע דאַטע פון אָנפאַל.

שרה האָט אַ ווייַלע אויפגעהערט צו רעדן, און חנה האָט אויך געשוויגן.

— דו, חנה, ביזט שענער פון מיר, — האָט שרה אין אַ ווײַ־לע אַרום ווידער געזאָגט, — יינגער און שענער. דיין שלאַנקע פי־גור מיט דיינע טיף־בלויע, גרויסע אויגן וועט זיי, די דייטשן, האַלטן אין כישוף. דאָס איז, חנה, דיין וואָפן.

— אָבער וואָס זאָל איך טאָן? — האָט חנה געפרעגט, און לייכט אַ ציטער געטאָן.

— גאַנץ לייכט, חנה, — האָט שרה געזאָגט, — דו וועסט

פאַרן קיין ירושלים, איך וועל דיר געבן א בריוו צו א יידיש־דייטשער פאַמיליע אין דער דייטשער קאָלאָניע. וועסט זיך אָנגעבן פאַר אַן עסטרייכערין פון גאַליציע, און וועסט זאָגן, אַז דו ביזט אין נויט. דער „דייטשער הילפס־פאַראיין" וועט דיר העלפן, וועט דיך זוכן אָנצושטעלן ערגעץ פאַר א דינסט. דעמאָלט וועסטו שוין ליכט דערגרייכן אומעטום. זיי, די דייטשע אָפיצירן, קומען אין יענע קרייזן, און דו וועסט זוכן זיך מיט צו באַפריינדן.

חנה האָט געשוויגן און געהאַלטן אַראָפּגעלאָזט דעם קאָפּ.

— דו שרעקסט זיך, חנה? — האָט איר שרה געמונטערט.

— אָ, ניין, שרה, — האָט זי זיך ווי דערלאַנגט א כאַפּ, — איך האָב דיר געזאָגט, אַז איך בין גרייט, און וועל אַלץ טאָן.

— איך בין דערין זיכער, חנה, — האָט שרה איר ווידער א גלעט געגעבן די האָר, — האָסט דאָך אָבער קיין געלט נישט, — נאַ דיר דערוויל פינף הונדערט דייטשע מאַרק. באַקשיש וועט דיר עפענען אַלע טירן. זשאַלעווע נישט. פון צייט צו צייט וועל איך דיר צושיקן דירעקטיוון מיט נאָך געלט, און וועל אויך צוקומען דאָרט דיר צו העלפן, ווייזן א ביישפיל, וואָס מען דאַרף טאָן, אום צו פאַנגען די הערצער פון די דייטשע אָפיצירן. איך וועל דיך אויס־לערנען, וואָס עס מיינט רייץ.

— איך וועל קענען די מלאכה, — האָט חנה געענטפערט און געפּרוּווט אָנציען א וויציקן טאָן. — אונזער מין לערנט זיך עס אויס שנעל.

מיט אַן אָנגערוישט האַרץ האָט חנה אַרום מיטן נאַכט זיך אומגעקערט אַהיים. זי האָט לאַנג געגראָבן דעם קאָפּ אין קישן און נישט געקאָנט איינשלאָפן.

קאַפּיטל דרייסיק

ביי די ברוינפעלדס אין הויז, אין דער יידיש־דייטשער קאָלאָניע אין ירושלים, האָט געקלונגען דאָס גלעקל פון דער פאָדערשטער טיר. מאַדאַם ברוינפעלד, א דיקלעכע מיטל־יאָריקע פרוי, מיט א קלאָרן, פולן געזיכט, האָט לאַנגזאַם דורכגעשפּרייזט דעם לאַנגן קאָרידאָר פון איר הויז און אויפגעמאַכט די טיר.

א שלאַנק מיידל, אָנגעטאָן אין א ווייס קליידל, מיט אַ לענג־

לעכן פנים, און די שאטינע האר פארקעמט באשיידן אויף ארונ־טער, איז פאר איר געשטאנען און זי באגריסט.

— וואס ווינטשן זי? — האט מאדאם ברוינפעלד איר גע־פרעגט.

— איך האב א ביטע צו אייך,—האט דאס מיידל געזאגט,— און אויך א בריוו פון הער אהרנסאן, דעם אגראנאם פון עתליט. פיליכט קאנט איר מיר העלפן אין מיין פלאן?

— קומען זי אריין! — האט מאדאם ברוינפעלד איינגעלאדן דאס מיידל אינעווייניק, גענומען פון איר האנט דעם בריוו און זיך געזעצט מיט איר ביים טיש.

— מיין נאמען איז חנה פערלשטיין, — האט דאס מיידל אנ־געהויבן, — איך בין פון טארנאפאל, גאליציע. איך האב געאר־בעט אין גליל. זינט דער מלחמה וואלגער איך זיך ארום אין פאר־שידענע ערטער און לייד הונגער און נויט. מען האט מיר גע־זאגט, אז איר, מאדאם ברוינפעלד, זענט טעטיק אין דעם „הילפס־פאראיין פאר די דייטשע יידן", בעט איך אייך, אלס אן עסטרייי־כערין, פיליכט קאנט איר מיר באזארגן מיט עפעס א שטעלע?

חנה האט דערציילט שטיל, מיט א ווייכן טאן, קוים אויפ־שפאלטנדיק דעם דינעם שנור פון אירע ליפן.

מאדאם ברוינפעלד האט באטראכט דאס מיידל און איז גע־ווארן גערירט פון רחמנות.

— איך וואלט גערן געוואלט אייך העלפן, פריילין פערל־שטיין, — האט זי געזאגט, — הער אהרנסאנס בריוו איז ביי מיר הויך געשעצט, אבער איך האב קיין אנונג נישט, וואס איך קאן טאן אייך צו העלפן.

— איך טויג מיך צו זיין א קעלנערין אין א רעסטאראן, — האט חנה צוגעשמייכלט, — מיין פאטער האט געהאלטן א קאפע אין טארנאפאל. פיליכט איז מעגלעך, איך זאל קאנען זיין נוצלעך אין אזא ענלעכן ארט?

מאדאם ברוינפעלד האט א ווילע א טראכט געטאן.

— יא, — האט זי ווי מיטאמאל דערלאנגט זיך א כאפ, — דאס וועט טאקע ווירקלעך זיין פארטרעפלעך. איך האב פאר אייך א שטעלע, פריילין פערלשטיין, טאקע אלס קעלנערין אין אונזער קאסינא פאר די דייטשע אפיצירן. אונזער פאראיין האלט אויס אזא

הויז, ווו די דייטשע אָפיצירן קומען אַריין אין די אָוונטן טרינקען קאַווע, ביר און עפּעס צובייסן. דאָרט אַרבעט איין פרוי, איז זי אָבער צופיל באַשעפטיקט, און טויג זיך אויס מער צו דער קיך, ווי צו סערווירן די אָפיצירן. איר, פרײַלין, זעט אויס צו האַלטן זיך ריין און נעט. איר וועט זיך טויגן אויסגעצייכנט.

— איך וועל אײַך שטענדיק געדענקען די געפעליקייט, — האָט חנה געזאָגט, — איך בין דאָ אַן עלנטע אין לאַנד.

— פיל געלט קאָן איך אײַך נישט צוזאָגן, — האָט מאַדאַם ברוינפעלד געזאָגט, — אָבער מיר מאַכן דאָרט אָפּט בעלער, און עס וועט אײַך אַרײַנברענגען פיל ביר־געלט, וואָס די אָפיצירן לאָזן איבער.

— איך וועל זיין זייער צופרידן, — האָט חנה געשמייכלט ליבלעך, — אַבי איך וועל האָבן מיין אויסקומעניש.

— און אויך אַ וווינונג, — האָט מאַדאַם ברוינפעלד געזאָגט, — אין קאַסינאָ איז דאָ אַ צימערל, וואָס איר וועט קאָנען פאַרנעמען. קומט, פרײַלין פערלשטיין, מאָרגן, ברענגט מיט אייערע זאַכן. איך וועל שוין דורכרעדן מיט דעם קאָמיטעט און אַלץ באַזאָרגן.

— איך דאַנק אײַך זייער, — האָט חנה זיך אויפגעשטעלט,— איר זענט אַזוי פריינטלעך.

— איך בין גערן עס צו טאָן, — האָט מאַדאַם ברוינפעלד זי באַגלייט צו דער טיר און איר אַ גלעט געטאָן מיט דער האַנט איבער דער פּלייצע, — איר זעט אויס צו זיין אַן אָנשטענדיק קינד, און עס פאַרשאַפט מיר פרייד אײַך אַרויסצוהעלפן.

* *
*

אין אַ צייט אַרום, איינמאָל אַ פאַרנאַכט, איז חנה לאַנג געשטאַנען בײַם שפּיגל אין איר קליינעם צימערל אין קאַסינאָ און זיך באַטראַכט פון אַלע זייטן.

איר פּנים איז געווען אָפּגעוואַשן ריין און זויבער, די באַקן באַרירט מיט אַ דינעם, אומזיכטבאַרן פודער, און די שאַטינע האָר עטוואָס דורכגעפירט מיט אַן אייל, נישט צו מערקן, און זאָרגפעל־

ניק פאַרקעמט אַרויפצו. זי איז געווען אָנגעקליידט אין אַ ווייס לייוונטן קליידל מיט קורצע אַרבל, און איבערן קלייד אַן אויסגע־שניטענער פאַרטוך, געפאַרבט אין געלע קעסטעלעך. זי האָט אויס־געזען ווי אַ יונג, נאַאיוו מיידל, וואָס קיינער וואָלט אין קיין זאַך נישט פאַרדעכטיקט.

חנה האָט לאַנג זיך אַליין איינגעקוקט אין שפּיגל. עטלעכע מאָל איבערגעביטן מיט אַ מינע דעם אויסדרוק פון איר פּנים, ווי זי וואָלט שטודירט עפּעס אַ ראָלע פאַר דער סצענע, און געבנדיק אַ צו־פרידענעם שמייכל, האָט זי געוואָרפן אַ בליק אויפן זייגער.

עס איז ערשט געווען נאָך פינף, און חנה האָט מיט אומגע־דולד אויסגעקוקט, די שעהן זאָלן זיך רוקן, עס זאָל זיך זעצן די ברענענדיקע זון, און עס זאָל אָנקומען דער אָוונט.

פיל האָפענונגען האָט זי געלייגט אויף דעמדאָזיקן אָוונט. עס זענען שוין געווען אַריבער צוויי וואָכן, ווי זי איז געווען אָנגע־שטעלט אַלס קעלנערין אין קאַסינאָ, און האָט נאָך גאָרנישט גע־קאָנט אויפטאָן צו פאַרבינדן אַ באַקאַנטשאַפט מיט וויכטיקע אָפּי־צירן, און פון זיי אויסשפּיאָנירן און אַרויסקריגן עפּעס נייעס פאַר „גילי". די צייט איז ביי איר אַוועק אין אָריענטירן זיך, אין אַרומ־קוקן און אויסגעפינען, ווער עס זענען די אָפיצירן, וואָס קומען אַריין, זייער ראַנגע אין מיליטער און זייערע נעמען. זי האָט זיך צוליב דעם איינגעקויפט אין פריינטשאַפט ביי דער קעכין, אַ מיטל־יאָריקע יידישע פרוי, וואָס האָט ליב געהאַט פיל צו רעדן און זיך געהאַלטן פאַר זייער אַ קלוגע. חנה פלעגט זיך צוהערן צו דער קע־כינס פלאַפּלערייען, צושמייכלען און אָנשטעלן אויגן פול מיט וווּנ־דער, ווי זי וואָלט איבערראַשט זיין פון דער קעכינס קלוגן דורכ־נעמען און פאַרשטיין מענטשן און זייערע כאַראַקטערן, און דער־ווייל אַריינגעוואָרפן אומשולדיקע פראַגן, ווער איז דער אָדער יע־נער אָפיציר, און צי קומען אַריין אין קאַסינאָ הויך־ראַנגיקע אָפּי־צירן פון דזשעמאַל־פּאַשאַס שטאַב. די קעכין האָט איר די אָפיצירן אָנגערופן ביי די נעמען און ביי זייערע טיטולן און דערביי גע־וואָרנט חנהן, אַז זי זאָל זיין פאָרזיכטיק. זי, חנה, איז דאָך אַזאַ שיין מיידל, און דערצו נאָך אַזוי נאַאיוו, זי קאָן לייכט אַריינפאַלן אין אַ נעץ. די אָפיצירן זענען פרויען־יעגער איינער אין איינעם, זיי פאַרטשעפּען יונגע אַראַבערקעס, און זאָל עס בלייבן ביי חנהן

א סוד, שלעפּן זיך אין אַראַבישן קוואַרטאַל, אין אַזוינע הייזלעך. און וואָס דאַרף מען מער? אפילו איר, דער קעכין, פאַרפאָלגן זיי אויך. וויפל מאָל כאַפּן זיי איר אַרום, און זי מוז זיך מיט געוואַלט אָפּרייסן פון זייערע הענט, וועלכע האַלטן איר ווי מיט צוואַנגען. זי איז חנהן א פריינט, און מער ווי פאַר אַלעמען, וויל זי איר וואָר־רענען וועגן דעם יונגן לייטענאַנט פאָן טירפּיץ. ער, לייטענאַנט פאָן טירפּיץ, איז אַן אמתער דאָן־זשואַן, ער עסט מיידלעך מיט די אויגן. אַזוי איז ער דאָך ביי זיך זייער גרוים. א קליינקייט, אדמיראַל פאָן טירפּיצס א פּלימעניק, און צוליב דעם יחוס איז ער דאָס אויף אַזאַ הויכן פּאָסטן צו זיין גענעראַל פאָן קערסענשטיינס אדיוטאַנט, און געהערן צו דזשעמאַל פּאַשאַס שטאַב, אָבער ווי עס קומט צו דעם צווייטן געשלעכט, זענען ביי אים אַלע גוט, א שוואַרצע, א ווייסע, אַן אַראַבערקע, א דרוזינערין, אָדער א יידיש מיידל.

חנה האָט אַרויסגעוויזן אויפמערקזאַמקייט צו דער קעכינס שטראָם רייד און פאַרגומען יעדעס וואָרט. פון די פיל שטרוי קאָן זי אויסזיפּן אַביסל קערנער, און דורך די פוסטע רייד באַקענט זי זיך דערווייל מיט דעם לעבן פון די אָפיצירן, וואָס זי זוכט אַזוי וואָס מער צו דערגיין. איר געדאַנק האָט פאַרכאַפּט דעם נאָמען „פאָן טירפּיץ". יאָ, ער וועט זיין די ריכטיקע פּערזאָן. ער איז אין שטאַב, אדיוטאַנט פונם קאָמאַנדיר פון דער אַכטער אַרמיי גענע־ראַל פאָן קערסענשטיין. וואָס קאָן זיין בעסער? און צוקומען צו אים איז דאָך אויך נישט שווער. די קעכין האָט דאָך איר געלערנט, ווי זיך פון אים צו היטן, וועט זי טאָן פונקט פאַרקערט, זען ביי אים גראָד אויסצונעמען און אים פאַראינטריגירן.

מיט אומגעדולד האָט חנה אויסגעקוקט, אַז לייטענאַנט פאָן טירפּיץ זאָל קומען אין קאַסינאָ. האָט זיך אָבער געמאַכט, אַז דער לייטענאַנט איז אָפּגעפאָרן צוזאַמען מיט זיין שעף אויף אַן אינ־ספּעקציע פון די אַנאַטאָלישע פּולקן ביים פראָנט אין באר־שבע. דאָס האָט דערציילט זיינער א קאָלעגע, אַן אָפיציר, וועמען די קע־כין האָט געפרעגט, פאַרוואָס מען זעט נישט פאָן טירפּיצן אין קאַ־סינאָ.

ערשט נעכטן האָט מען אים געזען צוריק אין ירושלים, און היינט, צום טאַנץ און צום באַל, וואָס האָט געדאַרפט פאָרקומען אין קאָסינאָ, האָט מען אים דערוואַרט.

געגרייט האָט זיך דעריבער חנה צו דער באַגעגעניש מיטן לייטענאַנט. זי האָט זיך געוואַשן און געפּוצט פאַרן שפּיגל, און אויסגעשטודירט די מינע, ווי זיך צו האַלטן, ווי צו וואַרפן אויף אים אויגן בגנבה, און גלייך זיי אָפּכאַפּן צוריק, ווי זי וואָלט גאָר־נישט מיינען, און קיינער זאָל נישט באַמערקן. עס איז געווען אַ גע־לעגנהייט אָנצוהייבן איר טעטיקייט, קאָנען ברענגען נוצן דער אָר־גאַניזאַציע און ווייזן שרה אַהרנסאָנען, אַז זי, שרה, האָט זיך אין איר נישט אָפּגענאַרט, און זי דאַרף נישט האָבן קיין חרטה, וואָס זי האָט זיך צוגעהערט צו אבו־צדוקן, און אַריינגענומען אַן איבער־געקומענע אין דער אָרגאַניזאַציע פון געבוירענע אין לאַנד. אין דערזעלבער צייט האָט זי זיך אָבער געדאַרפט אויסהיטן, זי זאָל נישט אַרויסווייזן צופיל נייגיריקייט און אומגעדולד. זי האָט גע־דאַרפט שפּילן די ראָל פון אַ גלייכגילטיקער קעלנערין, וואָס איז העפלעך, אָבער האַלט זיך אויף אַן אָנשטענדיקער ווייטקייט.

אַריבער זענען אַזוי די פּאָר שעה ביי חנהן אין קאַמף מיט זיך אַליין, צווישן אומגעדולד און איינגעצוימטקייט, ביז דער בלויער אָוונט האָט זיך באַצויגן איבער ירושלים, און אין קאַסינאָ האָט אָנ־געהויבן צו ווערן לעבעדיק: מיט כאַרכלדיקן און גאָרגלדיקן געלעכ־טער זענען אָנגעקומען דיקע און הויכע דייטשן, אָנגעקליידט אין שטייפע, גרויע מונדירן, מיט גלאַנציקע זילבערנע קנעפּ און געלע שטיוול ביז צו די קני. זיי האָבן זיך צעזעצט ביי די קיילעכדיקע טישלעך, געגרויכערט דיקע ציגאַרן און אָנגעהאַלטן זייער גאָרגלדיקן שמועס, געמישט מיט הויכן, גרילצנדיקן געלעכטער.

פון הינטער דעם פאָרהאַנג צו דער אָפּגעצאַמטער קיך איז, ווי איר שטייגער, אַרויסגעקומען חנה און זיך געשטעלט ביים לאַנגן טיש, נאָנט פון קיך, גרייט צו באַדינען און סערווירן אויפן רוף.

— קאַווע! — האָט זיך דערהערט אַן אויסגעשריי פון איין טישל.

— ווייַן! — האָט מען באַפוילן פון אַן אַנדער ווינקל.

שנעל איז חנה אויפגעשפּרונגען פון אָרט און באַלד געשטאַ־נען נאָנט ביי די טישלעך, פון וואַנען עס זענען געקומען די פאָ־דערונגען. זי האָט שווייגנדיק אויסגעשטרעקט די הענט, פאַרזיכטיק, נישט אָנצורירן די אָפּיצירן, זיך איבערגעבויגן מיט איר עלאַסטישן קערפּער איבערן טישל, אַוועקגעשטעלט דאָ די קריגלעך קאַווע און

דאָרט אַ פֿלעשל מיט גלעזלעך. זי האָט זיך גראַציעז אויסגעבויגן אויף הינטן, און מיט אַ לייכטן שמייכל אַוועקגעשפּריזט אויף צוריק, איבערלאָזנדיק אַן אָנגענעמען, זיסן דופט נאָך זיך.

שוין צוויי וואָכן, אַז חנה האָט סערווירט די אָפיצירן און ערשט איצט האָבן זיי זיך געכאַפּט, ווי וווּנדערבאַר שיין זי איז, און איר באַגלייט מיט זייערע בליקן.

— אַ היבשעס מעדכען, — האָט אַ דיקער אָפיציר מיט אַן אָנגעגאָסן פּנים און פאַרגאָסענע, קליינע אייגעלעך געזאָגט צום צווייטן, און די ליפּן זענען ביי אים געווען פול מיט שוים פון דעם לעצטן זופּ וויין, וואָס ער האָט נאָר־וואָס גענומען, — גאָר ווי אַ היימיש דייטש מיידל. ווען מען האָט אַזאַ שאַץ, פאַרגעסט מען, אַז מען איז אין דער פרעמד, אין אַזיע, צווישן די שמוציקע טערקן און אַראַבער.

— מאַכען זי פּערזוך, — האָט אים דער אַנדערער ביים טישל געענטפערט מיט כאַרכלדיקן געלעכטער, — אונזערע ווייבער אינדערהיים פאַרדעכטיקן אונז זאָ ווי זאָ.

— מיט אַזאַ ליבנסווירדיקן ווען לוינט זיך, — האָט דער דיקער צוריק געזאָגט, אויפגעהויבן זיינע פאַרגאָסענע אייגעלעך און געקלאַפּט מיטן גלאָז אין פלעשל.

חנה איז ווידער צוגעקומען צו זייער טישל.

— וואָס ווינטשן זי? — האָט זי געפרעגט מיט אַ לייכט שמייכעלע.

— מיר ווינטשן... מיר ווינטשן... — האָט דער גראָבער אָפיציר געשטאַמלט. — זעצן זי זיך, גנעדיקעס מעדכען...

— אַנטשולדיקט, — האָט חנה אָנגעהויבן שטאַמלענדיק, — עס איז מיין דינסט־צייט.

— לאָזן זי עס געמאַך! — האָט דער דיקער דייטש אויסגעשריגן. — דאָרט איז איינע אַנדערע צו סערווירן, זעצן זי זיך!

ער האָט אַ צי געטאָן חנהן ביי דער האַנט און זי אַגידערגעזעצט אויף אַ שטול נאָענט לעבן זיך.

— ווי נעננט מען זי? — האָט דער דיקער אָפיציר אריינגעלאַכט אין חנהס פּנים.

— חנה רופט מען מיך, — האָט זי געזאָגט שטיל.

— פרייליין אַנכען, טרינקט מיט אונז וויין! — האָט דער די־

קער אָפֿיציר אויסגערופֿן, און מיט אַ שום איבערגעגאָסן אַלע דריי גלעזער.

אין דעם מאָמענט האָט זיך דערהערט פֿון הינטער חנהס פּלייצע אַ באַסאָווע קלאָרע שטימע:

— גוטן אָוונט, הער מאַיאָר!

דער דיקער אָפֿיציר האָט אויפֿגעהויבן די אויגן, אַריבערגעקוקט איבער חנהס קאָפּ און פֿריילעך אויסגערופֿן:

— גוטן אָוונט, ווילקאָמען, הער לייטענאַנט! מאַכן זי זיך פּלאַץ היער.

דער יונגער לייטענאַנט האָט זיך אויסגעגלייכט אין אַכטונג, אַ ציִ געטאָן פֿון אַ זייט אַ שטול און זיך צוגעזעצט אַנטקעגן חנהן.

— דאָס איז אונזער קעלנערין אַנכען, — האָט דער אַנדערער אָפֿיציר געזאָגט, אָנווייזנדיק אויף חנהן, — לייטענאַנט פֿאָן טירפּיץ קומט איצט פֿון דרום, און זעט זי צום ערשטן מאָל.

ביי חנהן האָט אַ ציטער געטאָן די אונטערשטע ליפּ. זי האָט זיך אָבער גלייך באַהערשט און, צוזאַמענדריקנדיק די ציין אין מויל, באַמיט זיך לייכט צו שמייכלען, האַלטנדיק די אויגן אַראָפּגעלאָזט.

— אַ פּרעכטיקעס מעדכען, אונזער קעלנערין, — האָט צו איר דערגרייכט לייטענאַנט פֿאָן טירפּיצס באַסאָווע שטימע, — וואַרשיינלעך אַ דייטשע?

— ניין, אַן עסטרייכערין, — האָט חנה אויפֿגעהויבן אירע אויגן און זיך אָנגעטראָפֿן מיטן בליק פֿון יונגן לייטענאַנט, וואָס האָט צו איר דורכגעדרונגען מיט אַ גלאַנץ דורך די טונקעלע שאָטנס פֿון די אַבאַזשורן איבער די הענגענדיקע בליץ־לאָמפּן.

שנעל האָט חנה צו אים צוגעוואָרפֿן אַ קאָקעטישן בליק און די אויגן גלייך אָפּגעכאַפּט.

דאָס האַרץ האָט אין איר געשטורעמט. זי האָט געמערקט זיין פּוכיקן פּנים, די באַקן, וואָס האָבן זיך געררויטלט, און זיינע עסנדיקע בליקן. זי האָט אויך איצט, האַלטנדיק די אויגן אַראָפּגעלאָזט, געשפּירט, ווי ער שטעכט איר מיט זיינע בליקן. זי דאַרף אָבער זיין פֿאָרזיכטיק, וויסן, ווי צו האַנדלען. אים פֿאַראינטערעסירן, אָבער אַנדערע זאָלן נישט באַמערקן.

דער דיקער אָפיציר האָט אָנגעגאָסן נאָך אַ גלאָז ווײַן פאַרן ליטענאַנט פאָן טירפּיץ, און חנה האָט מיט זײַ געטרונקען.

— פאַר אונזער ליבנסווירדיקער קעלנערין! — האָט דער דיקער מאַיאָר אויסגערופן און זיך אויפגעטרייסלט אין געלעכטער.

— פאַר דעם העפלעכן מאַיאָר פאָן... — האָט חנה אויפגעהויבן איר גלאָז און געזאָגט שמייכלענדיק.

— פאָן רענדאָרף, — האָט דער מאַיאָר פאַר איר פאַרענדיקט זײַן נאָמען.

— פאַר מאַיאָר פאָן רענדאָרף! — האָט חנה איבערגעחזרט און ווידער געוואָרפן אַ בליק צום ליטענאַנט.

— פאַר דעם הערלעכן מעדכען, אונזער עסטרייכישע פאַרבינדעטע! — האָט ליטענאַנט פאָן טירפּיץ אָפּגעזופּט אַ האַלב גלאָז און זיך צעלאַכט. — דאָס איינציקע, וואָס מיר קאָנען זײַן צופרידן פון אונזערע עסטרייכישע פאַרבינדעטע, כאַ, כאַ, כאַ!

עס האָט זיך געהערט דאָס קלינגען איבער אַ גלאָז מיט אַ לעפעלע.

— איך מוז גיין, עס איז דינסט! — האָט חנה קאָקעטיש אַ בויג געטאָן איר עלאַסטישן קערפּער, און אַ דריטן מאָל לייכט אַ קנייטש געטאָן מיט אירע אויגן אין ליטענאַנטס זײַט.

ליטענאַנט פאָן טירפּיץ האָט איר באַגלייט מיט דורשטיקע בליקן. ער האָט אויפגעכאַפּט אירע האַלבע ווונקען צו אים, און זײַן בלוט האָט זיך אָנגעצונדן. ער האָט געמאָסטן איר שלאַנקען קערפּער מיט זײַנע אײַנגעגעסענע בליקן און געזאַפּט אין זיך אירע באַוועגונגען.

חנה איז באַלד פאַרשוווּנדן הינטערן פאָרהאַנג און די קעכין איז צו איר צוגעפאַלן:

— ווײַ איז מיר! — האָט זי מוטערלעך געזאָגט צו חנהן מיט אַ קלאָגעדיקער שטימע. — עס איז דאָך געווען דער ליטענאַנט פאָן טירפּיץ. ער האָט דאָך די אויגן נישט אַראָפּגענומען פון דיר. ער שלינגט דאָך דיך מיט זײַנע בליקן. איך האָב זיך דאָך צו אַלעם צוגעקוקט דורכן שפּאַלט פון פאָרהאַנג. און דו האָסט נאָך געלאַכט צו אים, געשמייכלט צו אים... זע, חנהלע, ווי גאָט איז דיר ליב, ווייך פון אים, מייד אים אויס.

— מען מוז דאָך זיין העפלעך, — האָט חנה איר געענט־פערט, — אַז האָט ער מיך שוין באַשטעלט צו גיין אַ טאַנץ מיט אים שפּעטער. וואָס האָב איך געקאָנט טאָן?

— בעסער איין מאָל צו זיין גראָב, איידער שפּעטער צו באַ־דויערן. — האָט די קעכין געזאָגט, — פון אַזוינע פרויען־יעגער מוז מען אַנטלויפן.

— איך וועל זיך באַמיען אים צו דערוויטערן, — האָט חנה געזאָגט, — אָבער שפּעטער מוז איך מיט אים טאַנצן. איך האָב אים דאָך צוגעזאָגט, וועט ער זיך באַליידיקן, ווען איך זאָל פּלוצלינג זיך ציען צוריק.

חנה האָט פאַרשטיקט אַ שמייכל אין זיך. דער לייטענאַנט האָט איר גאָרנישט איינגעלאַדן צו קיין טאַנץ. דאָס האָט זי גאָר אַליין אויסגעקוקט, און באַצייטנס געזאָגט דער קעכין, אַז זי זאָל איר גישט ווען אָפּהאַלטן. געגאַרט האָט חנה צו טאַנצן מיטן לייטע־נאַנט, ווייל דאָס איז געווען דער איינציקער וועג, ווי צו ווערן מיט אים נענטער. זי איז געווען זיכער, אַז ער וועט זי שפּעטער איינלאַדן. זי וועט זיך באַמיען צו וואַרפן זיך אין זיינע אויגן, און ווען זי וועט שוין טאַנצן מיט אים, וועט זי שוין וויסן, ווי אויס־צואיבן איר קראַפט. זי וועט לייסטן איר גאַנצן איך, ווי שרה אהרנסאָן האָט איר געלערנט.

חנהס אויסרעכענונג איז געווען ריכטיק. איר פּלאַן האָט גע־אַרבעט פּינקטלעך און זיך איינגעגעבן.

מיט אַ פּאָר שעה שפּעטער זענען שוין אַלע טישלעך געווען צוזאַמענגעוואָרפן אין אַ ווינקל. עס זענען זיך צוזאַמענגעקומען אויסגעפּוצטע דאַמען אין קאָלירטע, העל־פאַרביקע קליידער, אויסגעשניטן אין טיפע דעקאָלטן ביים האַלז און אויף דער פּליי־צע. אַ קוואַרטעט מוזיקאַנטן האָבן פון מעשענע אינסטרומענטן אַרויסגעשפּילט אַ דייטשן טאַנץ־מאַרש, און פאָרלעך, אָפיצירן מיט דאַמען, האָבן זיך געלאָזט אין אַ ווירבל, געדרייט זיך אין אַ טאַנץ, צום טאַקט פון דער מוזיק.

חנה איז געשטאַנען אין אַ ווינקל. מיט די הענט האָט זי לאַנגזאַם געגלעט איר געקעסטלט פאַרטוך, און מיט די אויגן, ווי מיט עלעקטרישע זוך־ליכט, געפירט אין אַלע זייטן.

זי האָט דאָס מיט אירע בליקן באַגלייט די באַוועגונגען פון לייטענאַנט פאָן טירפּיץ.

געדרייט האָט זיך לייטענאַנט פאָן טירפּיץ מיט עפּעס א דיקער דאַמע. זיינע הענט האָבן זיך געגראָבן אין דער פליישיקער טאַליע פון זיין דאַמע. ער האָט זי ווי מיט קראַפט געצויגן נאָך זיך. די דאַמע האָט אים קוים נאָכגעפאָלגט, סאָפּענדיק שווער, אָנצוהאַלטן זיינע טריט. עס איז געווען קענטיק, אַז ביידע, סיי די דאַמע, סיי דער לייטענאַנט, האָבן זיך אָנגעשטרענגט אויסצוהאַלטן דעם טאַנץ ביז צום סוף.

אָבער פּלוצלינג האָט לייטענאַנט פאָן טירפּיץ אויפגעכאַפּט חנהס בליקן. זיי האָבן צו אים געקוקט מיט האַלב־שפּאָט, אין פאַרשעמטן געבעט, און גלייכצייטיק אים געגלעט מיט א ליבלעכער ווייכקייט.

ביים לעצטן אַקאָרד פון דער מוזיק האָט דער לייטענאַנט גיך אָוועקגעזעצט זיין דאַמע, זיך א נויג געטאָן און שנעל זיך געלאָזט אין חנהס זייט.

— טאַנצען זי מאָל? — האָט ער זי געפרעגט און אויסגעשטרעקט זיינע הענט צו איר. — ביטע שיין!

חנהס פּנים האָט זיך אויסגעברייטערט אין א שמייכל. זי האָט שנעל א דריי געטאָן די האַנט אויף אַרונטער, און דאָס לויז־געמאַכטע פאַרטוך האָט זיך אַראָפּגעקייקלט פון איר. דאָס שניי־ווייסע קלייד האָט נאָך מער אונטערגעשטראָכן די ליניעס פון איר עטוואָס טונקעלן פּנים און די טיפקייט פון אירע בלויע אויגן. זי האָט מיט א האַנט פאַרוואָרפן אויף צוריק א בלאָנדזשענדע פּאַסמע האָר פון איר פּנים, און געשטעלט א טראָט.

לייטענאַנט פאָן טירפּיץ איז צוגעשפּרונגען, שנעל זי אַרומגעכאַפּט ביי דער טאַליע און זיך געלאָזט מיט איר איבערן זאַל.

געשוועבט האָט חנה מיטן יונגן לייטענאַנט שנעל, בויגזאַם און אין פיינעם ריטם, אַזוי, אַז דאָס פּאָרל האָט צוגעצויגן אַלעמענס אויפמערקזאַמקייט, און מען האָט זיי נאָכגעקוקט מיט פאַרכאַפּטן אָטעם. לייטענאַנט פאָן טירפּיץ האָט אָבער קיינעם נישט געזען. חנה האָט דערגרייכט מיט איר קאָפּ ביז זיין מויל, און ער האָט זיין נאָז געהאַלטן ווי איינגעגראָבן אין אירע ווייך־זיידענע האָר און געזויגן אין זיך דעם דינעם פאַרפומען־דופטיקן אַראָ־

מאַט, וואָס האָט זיך געטראָגן פֿון זיי. זי האָט זיך געטוליעט צו אים מיט איר וואַרעמען, ווייכן קערפּער, און אַ זיסער ציטער איז אַריבער איבער זיינע גלידער. זיינע אויגן האָבן זיך באַגאָסן ווי מיט אַ נעפּל, און אַ זיסע שיכּרות האָט אים באַרוישט. חנה האָט אויפגעהויבן איר קאָפּ, געשמייכלט אים אין פּנים, און פאַרן ליי־טענאַנטס אויגן האָט זיך אַליץ, די בליץ־לאָמפּן און די מענטשן, ווי איינגעהילט אין אַ שלייער און זיך געדרייט מיט אים אין טאַנץ. ער האָט ליידנשאַפטלעך געפּרעסט חנהס קערפּער צו זיך און זיינע ליפּן האָבן אָפּגעהאַקט געשמייכלט:

— שאַץ מיינער, הערלעכעס ווענן!

חנהס אויגן האָבן געגלאַנצט מיט אַ שמייכל. עס האָט זיך אין איר געצאַפּלט דאָס האַרץ, און זי איז געווען באַרוישט פון איר אייגענעם שפּיל.

— יאָ, לייטענאַנט פאָן טירפּיץ איז ביי איר אין די הענט. זי האָט אים געפאַנגען.

קאַפּיטל איין און דרייסיק

פון יענעם אָוונט אָן איז לייטענאַנט פאָן טירפּיץ געוואָרן אַן אָפטער באַזוכער אין קאַסינאָ. עס איז געווען, ווי די קעכין האָט פאַראויסגעזאָגט, אַז דער דאָן־זשואַן וועט זיך אָנקלעפּן אָן חנהן.

נאָך איצט האָט די קעכין געהאַט וואָרנונגען פאַר חנהן, זי זאָל אים אַזוי צו זיך נישט צולאָזן, נאָר אים אָפּשטויסן און דער־ווייטערן, וואָרום דער סוף וועט פאַר איר, חנהן, זיין זייער ביי־טער. זי האָט איר נאָך מוטערלעך געראַטן, כאָטש טיף אין האַרצן האָבן זיך ביי איר אָנגעהויבן צו דערוועקן ספקות וועגן חנהס אָרנטלעכקייט. צי נאַרט זי זיך אַמאָל איינגאַנצן נישט אָפּ מיט דעמדאָזיקן מיידל, וואָס זעט אויס אויבערפלעכלעך צו זיין אָנ־שטענדיק, שטיל און באַשיידן? מעגלעך, אַז זי איז גאָר אַ לייכט־זיניקע, וואָס האָט ליב דעם פלירט מיטן לייטענאַנט, און זי דער־מוטיקט אים נאָך?

וואָרום, ווי חנה האָט זיך באַמיט אויסצומיידן דעם לייטע־נאַנט אין דער קעכינס אָנוועזנהייט, האָט זיך עס איר נישט אַלע־מאָל איינגעגעבן. דער קעכינס נייגיריק אויג האָט מער ווי איין

מאָל דורך אַ ווינקל פון דער פאָרהאַנג באַמערקט, ווי חנה ווינקט זיך איבער מיטן לייטענאַנט, שמייכלט צו אים, זאָגט אים עפּעס אין אויער, און פינקלט צו אים מיט גלאַנציקע אויגן.

זי, די קעכין, האָט חנהס אויפפירונג נישט געקאָנט פאַרשטיין. עס איז פאַר איר געווען אַ רעטעניש. זי האָט שוין געהאַט באַשלאָסן, אַז חנה איז זיכער אַ צעלאָזן מיידל, וואָס האַלט זיך אויסער די גרענעצן פון אָנשטענדיקייט, און האָט שוין געהאַט צוגעגרייט אַ פול מויל מיט זידלערייען און פאָרוואורפן פאַר איר, כדי חנהן קלאָר צו מאַכן, אַז איר, דער קעכין, קאָן מען נישט נאַרן, און זיך פאַרשטעלן פאַר אַ שטילינקע, זי, די קעכין, זעט אַלץ דורך און דורך. אָבער ווען חנה פלעגט אַריינקומען צו איר אין קיך, מיט איר גוטהאַרציקן, לייכטן שמייכעלע, און ריינעם, באַשיידענעם אויסדרוק אויף איר פּנים, פלעגן איר אַלע טענות אַרויספאַלן פון געדאַנק, און חנה איז דאָך געבליבן פאַר איר דאָס אָרנטלעכע, אָנשטענדיקע מיידל, ווי אין דעם ערשטן טאָג פון זייער באַקאַנטשאַפט. זי פלעגט איר, אָנשטאָט זידלען, מוטערלעך איבעראַניים אָנהויבן לערנען און שטראָפן:

— חנהלע, ווי גאָט איז דיר ליב, היט זיך פאַר דעם לייטענאַנט פאָן טירפּיץ. פאַרוואָס ביזטו אַזוי גוט צו אים און ענטפערסט אויף זיינע לאַסקעס?

אין חנהן פלעגט אַ ווייכער געפיל אויפגיין צום האַרץ, הערנדיק דער קעכינס רייד. זי רופט זי „חנהלע”, גאָר ווי אינדערהיים אין פּוילן, און זי מיינט דאָך טאַקע פאַר איר טובה. אַ קלעם פון בענקשאַפט און צעטומלטקייט פלעגט איר אויף אַ ווײַלע אַרומנעמען. דערינערונגען האָבן אין איר געוועקט פאַרטליעטע איבערלעבונגען און געפילן. זי פלעגט אָבער אַ שאָקל טאָן מיטן קאָפּ, ווי מיט געוואַלט אָפּטרייסלען און פאַרטרייבן די סענטימענטאַלע בענקשאַפט. עס איז נישט קיין צייט פאַר אַזוינע ווייכקייטן. זי דאַרף זיין שטאַרק, אַ העלדין, גרייט מקריב צו זיין איר לעבן פאַר איר פאָלק, ווי די חנהס אין דער יידישער געשיכטע.

חנה האָט זיך אַרומגעזען, אַז אין קאַסינאָ וועט זי ווײַט נישט דערגרייכן, און דורך אַ ווינק און אַ שמועס געגעבן אָנצו־הערן דעם לייטענאַנט פאַן טירפּיץ, אַז זיי קאָנען זיך טרעפן ערגעץ אַנדערש.

דער לייטענאַנט האָט זיך דערין אָנגעכאַפּט:

— געוויס, מאָרגן קום איך, פרייַלין אַנכען, זי נעמען מיט מיין אויטאָמאָביל פונדאַנען.

— אָ, ניין, — האָט חנה אים אַ דריק געטאָן די האַנט און אַרייַנגעשושקעט אין אויער, — נישט פונדאַנען. איך וועל בע־סער וואַרטן אויף אייך נישט ווייט פון שטאָב, ביים ווינקל פון דער שטראַסע, אום 7 אוהר.

* *
*

אויף צומאָרגנס ביינאַכט האָט חנה, אָנגעקליידט אין אַ גרוי קליידל, מיט אַ טיכל איבערן קאָפּ, געשפּאַצירט אין ווינקל גאַס נאָנט פון שטאָב. אין האַרצן האָט עס איר געשטורעמט. הייגט הויבט זיך אָן איר טעטיקייט. זי מוז זען אים צו פאַנגען, ביי אים אויסצונעמען, און אים האָבן ביי זיך אין נעץ.

פונווייטן האָט זיך דערהערט אַ בלאָזן, און אַ גלאַנציקער אויטאָמאָביל האָט זיך דערנענטערט און פאַרלאַנגזאַמט זיין גע־לאָף.

— פרייַלין אַנכען! — האָט זי דערהערט לייטענאַנט פאָן טירפּיצס שטימע. — שטייגן זי איין!

חנה האָט זיך אַרומגעקוקט און מיטאַמאָל האַסטיק אַרייַנ־געשפּרונגען אין אויטאָמאָביל און זיך געזעצט ביי דעם לייטע־נאַנטס זייט.

— זי האָבן געהאַלטן וואָרט, — האָט ער געזאָגט, — זי זינד ליבענסווירדיק, פרייַלין.

— נישט צו אַלעמען, — האָט חנה געענטפערט.

— אָבער צו מיר יאָ! — האָט ער געזאָגט און אָנגעהויבן ציען זיין האַנט איבער איר פּלייצע.

זי האָט לאַנגזאַם זיין האַנט אַראָפּגענומען און לאַכנדיק געזאָגט:

— איר זענט אַ שנעלער, לייטענאַנט, זאָגט מיר צוערשט, וווּהין פאָרן מיר?

— אויף אַ שפּאַציר אַרום דער שטאָט, — האָט ער געזאָגט, און דערמוטיקט פון איר טאָן, ווידער די האַנט געלאָזט גליטשן איבער איר פּלייצע, ביז צום האַלז.

דאָסמאָל האָט חנה אים נישט געשטערט.

דער אויטאָמאָביל האָט זיך דערווייל געלאָזט ביז צו שער־יפו, זיך געדרייט צו דרום, און ווידער זיך פאַרנומען צו די ברייטערע גאַסן אין נייעם טייל פון שטאָט.

לייטענאַנט פאָן טירפּיץ האָט זי געהאַלטן איינגעפּרעסט אין זיינע אָרעמס און מיט זיינע ליפּן באַרירט איר האַלז. ער האָט זי געקושט. זיינע אויגן זענען געוואָרן באַגאָסן מיט נאַסע ווייסלעך, פאַרשיכורט.

— רוף מיך מיט מיין ערשטן נאָמען, היינריך, — האָט ער צו איר געשעפּטשעט, — דו ביזט מיין שאַץ.

חנה האָט דערשפּירט, ווי עס רייבן זיינע וואָנצעס איר האַלז און אירע באַקן, ווי ער איז צעפלאַמט. זי האָט געגלעט מיט איר ווייכער האַנט זיינע באַקן און זיין פוכיקן פּנים.

— איך ליב זייער דאָס פאָרן אין אויטאָמאָביל, — האָט חנה געזאָגט, — ווי אַלץ שוועבט אַרום מיט אַזאַ געשווינדקייט.

— איך קאָן דיך, אַנכען, שטענדיק מיטנעמען אין אויטאָמאָביל־רייזעס, — האָט היינריך זיך אָנגעכאַפּט, — איך פאָר אָפט מיט ראַפּאָרטן אין די נאָענטע שטעט. איך קאָן דיך מיטנעמען זאָגאַר ביזן פראָנט, און דו וועסט דורכשניידן דאָס גאַנצע לאַנד צו דרום.

— איך קאָן אָבער נישט, — האָט חנה געשטאַמלט,—מיין שטעלע אַלס קעלנערין, איך מוז זיין אויפן פּלאַץ.

— גיב עס אויף, אַנכען, איך וועל דיר קריגן אַ בעסערע באַשעפטיקונג. איך וועל עפּעס אויסגעפינען הויז־אַרבעט אין שטאַב, וועסט אכטונג געבן אויף די וועש, מונדירן, עס זאָלן נישט פעלן קיין קנעפּ, — האָט ער געלאַכט.

— איך דאַנק איך, הער לייטענאַנט.

— ניין, ניין! — האָט ער איר פאַרשטעלט מיט דער האַנט דאָס מויל, — רוף מיך נישט לייטענאַנט, זאָג מיר נישט „איר“, רוף מיך היינריך. איך וויל עס הערן פון דיין מויל.

— נו, גוט, היינריך, איך דאַנק דיר זייער. אָבער צי וועל איך דיר נישט שטערן, ווען איך וועל מיטפאָרן מיט דיר?

— אָ, ניין, פאַרקערט, ליבע אַנכען, עס וועט מיר זיין פיל אָנגענעמער אויף די לאַנגע רייזעס.

דער אויטאָמאָביל האָט זיך געהאָצקעט באַרג־אַרויף און באַרג־אַראָפּ, און חנהן אַלע ווײַלע צוגעשליידערט צו אים. זי איז צו אים צוגעפאַלן מיט איר ווייכן קערפּער, און היינריך איז גע־וואָרן צעהיצט. זיין פּנים האָט געברענט, און ער איז געווען צע־פלאַמט פון ליידנשאַפט און באַגער.

* *
*

פון דעמאָלט אָן האָט חנה שוין אָפּט זיך געטראָפן מיטן לייטענאַנט היינריך פאָן טירפּיץ. זי האָט אינגיכן אינגאַנצן אויפגע־געבן איר קעלנערשאַפט און איבערגעקליבן זיך אין אַ גערונגענעם צימער ביי אַ יידישער פאַמיליע אין אַן אַנדער געגנט פון שטאָט. דאָרט האָט זי שוין נישט געדאַרפט אויסהיטן זיך פון קיינעם, און פראַנק און פריי אַרומגעשפּאַצירט און אַרומגעפאָרן מיטן לייטע־נאַנט פאָן טירפּיץ.

אין אָנהויב האָט ער איר מיטגענומען אין נאָענטע שטרעקעס, אָבער ווען חנהן האָבן די רייזעס פאַרשאַפט אַזויפיל פרייד, האָט ער איר אויך מיטגענומען קיין דמשק און אין דרום צום פראָנט קיין עזה.

לייטענאַנט פאָן טירפּיץ האָט זיך זייער צוגעקלעפּט צו חנהן, און וואָס ווייטער איז איר צוזבער אויף אים אַלץ מער געשטיגן. זי האָט אים געהאַלטן אין קלעם, און ער האָט געברענט פון ליבע צו איר. ביינאַכט אויף זיין געלעגער, די טעג אין שטאַב, האָט זיך פאַר זיינע אויגן אויסגעשיילט דאָס געשטאַלט פון דעם יידישן

שלאַנקען מיידל, די עסטרייכערין אַנכען, אין איר פולן לויטערן אויסזען, מיט איר לענגלעכן חנעוודיקן פּנים, מיט די פייכטע, טוי־פייכטע בלויע אויגן און שאַרפן, שפּיציקן אָדלער־נעזל.

זיין ליבע צו חנהן, וואָס האָט זיך אָנגעהויבן אין געיעג נאָך ליידנשאַפט צו אַ שיין מיידל, נאָך וועלכער דער יונגער, היציקער לייטענאַנט פלעגט זיך אַזוי יאָגן, האָט אָנגענומען אַ פאָרם, וואָס ער אַליין האָט זיך נישט געקאָנט פאָרשטעלן. זי, חנה, האָט ביי אים אָנגערירט אַ נייע סטרונע פון פאַרערונג און פאַרגעטערונג. חנה, זוכנדיק איר פאַרבאַהאַלטענעם ציל, האָט מיט אים געפירט אָפטע שמועסן, אויבערפלעכלעך־שפּילעוודיקע ווערטער, אָבער חנה האָט דערביי געוויזן איר שאַרפן פאַרשטאַנד און ווי־ציקייט. זי האָט אויך אָנגעהויבן צו קומען מיט אים אויף בעלער, אים געוויזן איר שיינעם אַרט טאַנצן, פאַר אים געזונגען און זיך באַמיט אויסצונעמען מיט אַלע מעלות, וואָס זי האָט באַזעסן.

זי, חנה, האָט שטאַרק געוואָלט ביי אים אויסנעמען. זי האָט אים אויך אַרויסגעוויזן איר צערטלעכקייט און ליבע. אָפן, פאַר אַלעמען אין די אויגן, האָט זי אים געהאַלטן אונטערן אָרעם, זיך געטוליעט צו אים, און אים אָנגערופן מיט צערטלעכע נעמען.

זי האָט זיך נישט גערעכנט מיט דעם, וואָס די יידישע שכנות אַרום האָבן, קוקנדיק אויף איר, געשאָקלט מיט די קעפּ, ווי באַ־דויערט איר און איר מוטער, וואָס האָט אויסגעהאָדעוועט אַזאַ אויס־געלאַסן מיידל.

געקענט האָבן אויך אַלע אָפיצירן לייטענאַנט פאָן טירפּיצס געליבטע.

דער דיקער מאַיאָר פאָן רענדאָרף האָט זיך אָפט געוויצלט, אַז דער לייטענאַנט האָט זי ביי אים אַרויסגעכאַפּט, און ער וועט נאָך אַרויסרופן פאָן טירפּיצן אויף אַ דועל צוליב איר. חנה פלעגט אים דערפאַר שענקען אַ ליבלעכן שמייכל. פאָן רענדאָרף פלעגט איר דערלאַנגען אַ קניפּ אין באַק, און דאָס איז געווען זיין פאַר־גיטיקונג. זי, חנה, האָט זיך באַמיט צו זיין פריינטלעך צו אַלע אָפי־צירן, אַזוי, אַז כאָטש אַלע האָבן מקנא געווען דעם יונגן לייטע־נאַנט, האָט דאָך קיינער נישט געוואָגט צו זאָגן אַ שלעכט וואָרט אויף איר, און זיי האָבן אַלע איר געאַכטעט.

חנה האָט אָנגעהויבן אויך איינצולאַדן פאַן טירפּיצן צו זיך אַהיים, אין איר צימער. זי פלעגט גרייטן קאַווע און צובייסנס, און שעהן־לאַנג מיט אים פאַרברענגען אין לייכטע שמועסן. פאַן טיר־פּיץ האָט זיך אָנגעהויבן ־טיילן מיט איר מיט זיינע איינדרוקן, דערציילן איר סודות פון דער פּאָליטישער לאַגע, און פון דעם צו־שטאַנד אויפן פראָנט. חנה פלעגט זיך אָבער מאַכן, ווי זי הערט אַלץ גלייכגילטיק, קאַלט און נישט־פאַראינטערעסירט.

אויך אין וועג, טראָגנדיק זיך מיט אים אין אַ קאַרעטע אָדער אין אויטאָמאָביל, פלעגט זי אָפּט פאַרוואַרפן דעם קאָפּ אויף פאַן טירפּיצס ברוסט. אירע האָר פלעגן זיך אויסשפּרייטן אין פאַס־מעס איבער זיין מונדיר. זי פלעגט אים אַריינקוקן, ווי פאַרחלשט, אין די אויגן, גלעטן מיט אירע ווייכע פינגער איבער זיינע פּוכיקע באַקן און שעפּטשען פראַגן, ווּהין פאָרן זיי? צי וועלן זיי לאַנג דאָרט שטיין? און וואָס דאַרף ער, היינריך, דאָרט טאָן?

ביי אים, היינריכן, פלעגט דאָס האַרץ צאַפּלען פון פרייד. ער פלעגט איר דערציילן פון זיינע וויכטיקע מיסיעס, פון געהיימע דע־קרעטן, וואָס ער פירט פון דזשעמאַל פּאַשאַס שטאַב.

חנה פלעגט אים, דוכט זיך, נאָר האַלב הערן, האָט אָבער נישט פאַרלוירן קיין וואָרט פון זיינע רייד, ביי אַ געלעגנהייט, ווען זי איז געווען אַליין, פלעגט זי אַרויסשלעפּן פון בוזעם אַ קליין ביכעלע און שנעל, פיבערהאַפט פאַרצייכענען אַלץ, וואָס איז גע־ווען וויכטיק פון זיין דערציילן.

פון צייט צו צייט פלעגן צו איר קומען שפּעט ביינאַכט חברים פון ,,נילי'', און זי פלעגט דורך זיי אָפּשיקן די אינפאָר־מאַציעס צו שרהן קיין זכרון־יעקב, אָדער צו אַהרנס עקספּערי־מענט־סטאַציע אין עתליט.

חנהס ידיעות זענען געווען זייער וויכטיק. זיי האָבן די ענג־לענדער געבראַכט פיל נוצן. די חברים פון ,,נילי'' זענען געווען איבעראַשט פון חנהס אויפטוען, און איר נעץ, וואָס זי האָט פאַרפלאָכטן אַרום דעם לייטענאַנט פאַן טירפּיץ. אַ גרויסער טייל פון חנהס אויפטוען איז אָבער געווען צו פאַרדאַנקען שרה אהרנ־סאָנען. זי, שרה, פלעגט אָפּט קומען קיין ירושלים, זיך טרעפן מיט חנהן, איר לערנען און איר דערמוטיקן, אָנצוהאַלטן דאָס שווערע שפּיל. שרה האָט מיט חנהן גערעדט אָפן וועגן איר אינטימער

פארהעלטעניש צום לייטענאנט, און עס איז געווען שרה, פאר וועמען חנה האט אויף א ווײַלע אראפגעװארפן די מאסקע פון שפילן די ראלע פון לייטענאנטס געליבטע, און אפן, אפט מיט טרערן, ארויסגעבראכט אלץ, וואס זי האט געטראגן פארשטיקט ביי זיך אין הארצן. שרה פלעגט איר טרייסטן און איר דערמו־טיקן: די ארבעט פון „נילי" פראגרעסירט. די ענגלענדער אנער־קענען שוין זייער נוצלעכקייט. זיי, די ענגלענדער, וועלן איינגיכן איינגעמען פאלעסטינע און די ארבעט פון „נילי" וועט באלוינט ווערן מיט גוטס פארן יידישן פאלק.

דערווייל האט חנהס נאנטקייט אויסער אינפארמאציעס אויך געבראכט אנדערע נוצן. דורך איר איינפלוס זענען באפרייט גע־ווארן עטלעכע חברים פון חדרה, וועמען מען האט פארדעכטיקט, אז זיי האבן סיגנאליזירט צו די ענגלישע שיפן, און מען האט די גאנצע געשיכטע פארשטיקט. שפעטער האט איר „היינריך" ארויסגעגעבן „וואסיקעס" פאר עטלעכע חברים, זיי זאלן זיך מעגן געפינען אין נאנטקייט פון פראנט, ביי באר־שבע. ער האט אויך באוויליקט איר ביטע, אז איר „ברודער", יוסף פערלשטיין, זאל באקומען א מיליטערישן אויפטראג אויפצוקויפן ווייץ און צו־שטעלן צו דער אכטער ארמיי ביים פראנט, ביי די פעסטונגען פון עזה, און איר „שוועסטער" זאל צוגענומען ווערן אלס א בארעמ־הארציקע שוועסטער אין א שפיטאל אין רמלה.

דער „ברודער", דאס איז געווען ראובן שווארץ, א חבר פון זכרון, וואס האט געארבעט אין אהרן אהרנסאנס סטאציע. דורך דעם מיליטערישן אויפטראג, איז ער אריינגעדרונגען אין דער בא־פעסטיקטער ליניע, נאנט פון פראנט. ער האט דארט מיטן קליי־נעם פאטאגראפישן אפאראטל אראפגענומען בילדער פון די אלע וויכטיקע ערטער. און די „שוועסטער", דאס איז געווען דאס מיידל מירל מייזעל פון כנרת. זי איז נאכגעפארן נאך דער ארמיי אין א וואגן פון דער רויטער לבנה, און שפעטער א פאר חדשים באדינט קראנקע אלס בארעמהארציקע שוועסטער אין א שפיטאל, נאנט פון פראנט.

דאס אלץ איז דערגרייכט געווארן א דאנק חנהס איינפלוס ביים לייטענאנט פאן טירפיץ. אבער דאס איז געווען נישט צום

פארגלייכן צו די נייע אינפארמאציעס, וואס חנה האט אינגיכן ארויסגעקריגן פון איר הײנריכן.

עס איז געווען א לויטערער פרילינגס־אוונט, מיט א גרויסער, פולער, זילבערנער לבנה, וואס האט געגאסן א בלוי־בלאסע שיין איבער די אור־אלטע געביידעס פון דער שטאט ירושלים, און זיי איינגעהילט אין א לעגענדארישן צויבער. די בערג פון מואב, צו מזרח פון שטאט, זענען געווען איינגעוויקלט אין א דינעם, דורכזיכטיקן, גרוי־זילבערנעם שלייער פון אוונט־טוי. די לופט איז געווען עטוואס געזאלצן און קרעפטיק.

אין א קארעטע, געשפאנט אין צוויי פערד, איז געזעסן לייטענאנט פאן טירפיץ און חנה. זיי האבן זיך געצויגן אויף די געדרייטע וועגן ביי דער זייט פון די בערג, ערגעץ צו א שטאט אין יענער געגנט. געוויגט האט זיך די קארעטע אויף די גריביקע וועגן, צוגעשפרונגען אין דער הויך, און זיך געזעצט אין דער נידער. ביי יעדן שפרונג זענען זיי איינער צום אנדערן צוגעפאלן, זיך אנגעקלאפט מיט די קערפערס און אפגעפאלן אויף צוריק. דער לייטענאנט האט אנגענומען חנהס האנט, זי אנגעהאלטן שטארק און אריינגעקוקט חנהן אין פנים, וואס האט פאר דער בלייכער שיין פון דער לבנה אויסגעזען געהיימניספול, ווי די בערג ארום. די קארעטע האט זיך ווידער געגעבן א האצקע. חנה איז צוגעפאלן צום לייטענאנט, און ער האט זי שוין נישט אפגעלאזט. מיט ביידע הענט האט ער שטייף ארומגעקלאמערט איר טאליע, איר קאפ צוגעפרעסט צו זיין ברוסט און מיטן מויל געקושט אירע זיידענע האר, פון וועלכע עס האט זיך געטראגן א פייכטער, טויאיקער דופט.

חנה האט אויפגעהויבן איר קאפ צו אים, און זייערע אויגן האבן זיך באגעגנט. לייטענאנט פאן טירפיץ האט פלוצלינג ארומגעכאפט איר קאפ און ווילד גענומען קושן אין די באקן, אין די אויגן, אראפ איבער איר ווייסן האלז, און געבליבן צוגעפרעסט צו אירע ליפן.

— שאץ מיינער, מיין געליבטע! — האט ער געשעפטשעט מיט א פארשטיקטן אטעם.

חנה האט אים מיט פארמאכטע אויגן צוריקגעקושט און געגלעט.

— הײנריך, — האבן אירע ליפן געמורמלט, — ווי גליקלעך

איך בין. עס שרעקט מיר אָבער דאָס האַרץ, מיר זאָלן זיך נישט מוזן שיידן.

— וואָס רעדסטו, געליבטע?

— איך האָב מורא, די ענגלענדער וועלן אַריין און דו וועסט מוזן אַנטלויפן.

— אָ, נישט אַזוי שנעל, טייערע, — האָט ער איר באַרואיקט.

— וואָס ביזטו אָבער אַזוי זיכער? — האָט זי שטיל געפּליסטערט. — קאָן מען זיך דען פאַרלאָזן אויף די טערקן?

— אָ, ניין! — האָט ער געענטפערט. — זיכער, נישט די שמוציקע טערקן מיט די ווילדע אַראַבער קאָנען זיי אָפּהאַלטן. דער טייוול מעג זיי נעמען. מיר אָבער, די דייטשע אַרמיי, וועט זיי ווייזן איר פויסט.

— אָבער וואָס קאָנט איר טאָן? די ענגלענדער האָבן שיפן און באַהערשן דעם ים? — האָט חנה אים אַריינגעצויגן אין שמועס.

— מיר האָבן צו דעם אַן עצה. איך וועל דיר דערציילן אַ סוד, וואָס די פּלאַט־קאָמאַנדע דענקט צו טאָן, — האָט היינריך גערעדט שטיל,—מען פּלאַנט צו ברענגען דורך אַנגאַרא טיילן פון וואַסערשיפלעך. מיר וועלן זיי אויפשטעלן ביי די ברעגעס פון פּאַלעסטינע, זיי דאָרטן אין דער שטיל אַראָפּלאָזן אין ים, און זיי וועלן שוין איינמאָל אָנמאַכן אַ חורבן אין ענגלישן פלאָט ביים סועץ־קאַנאַל.

— און די ענגלענדער וועלן צוקוקן און שווייגן? — האָט חנה זיך געוווּנדערט.

— דאָס וועט געטאָן ווערן אין גרויס געהיימניס. אַט ברענגען מיר אויך אַריבער מיט די באַנען טיילן פון עראָפּלאַנען און שטעלן זיי דאָ אויף. די ענגלענדער וועלן זיי באַלד פילן ביים פראָנט אין עזה.

חנה האָט געשוויגן.

— מיר וועלן זיי נאָך פאַרטרייבן פון מצרים, — האָט היינריך ווייטער גערעדט, — מיר וועלן ווידער טרייבן די אַראַבער דורך דער מדבר צו די אַפריקאַנישע ברעגעס. די הינדוסן וועלן זיך צעבונטעווען אין דער ענגלישער אַרמיי און איבערגיין צו

זייערע מאַכמעדאַנישע ברידער. מיר וועלן זיך קיינמאָל נישט שיידן, געליבטע מיינע, מיין שאַץ אין דער וועלט.

חנה האָט זיך געטוליעט צו אים און פאַרדרייט דעם שמועס אויף אַן אַנדער טעמע, פאַר איר איז עס געווען געגוג.

אויף צומאָרגנס האָט זי אַן אומגעדולדיקע געוואַרט אויף שרהן, וועלכע האָט געזאָלט צו איר קומען, און איר איבערגעבן די וויכטיקע נייעס, וואָס היינריך האָט איר דערציילט.

קאַפּיטל צוויי און דרייסיק

אין אהרן אהרנסאָנס עקספּערימענטן־סטאַציע אין עתלית האָבן חברים פון „נילי״ איינציקווייז, נאָך פון פריען אָוונט, זיך אָנגעהויבן קליבן צו א וויכטיקער פאַרזאַמלונג.

אהרן אהרנסאָן האָט צעשיקט אָנזאָגן די חברים, אַז ער רופט זיי צו זיך, ווייל ער האָט זיי אָנצוזאָגן וויכטיקע נייעס, וואָס פון דעם הענגט אָפּ די עקזיסטענץ פון זייער אָרגאַניזאַציע.

געמיינט האָבן זיי אַלע, אַז די נייעס באַשטייט אין דעם, וואָס עס איז צוריק געלונגען איינצושטעלן א „קאָנטאַקט״ מיט די ענג־לישע שיפן און זיי איבערגעבן די ידיעות. דאָס איז ווירקלעך געווען א וויכטיקער אָנזאָג, ווייל דאָס האָט אַראָפּגענומען גרויסע זאָרגן פון די פירערס קעפּ און באַפרייט אבשלומען פון דער נוי־טיקייט צו לאָזן זיך ווידער אין דער מדבר, ערשט נאָכדעם, ווי עס זענען געווען אריבער קוים געציילטע וואָכן, ווען ער איז באַ־פרייט געוואָרן פון ערשטן פּרוּוו.

דאָס איז אָבער נאָכנישט געווען אַלץ. אהרן אהרנסאָן האָט אויך געהאַט א פאַרבאַהאַלטענע איבעררעאַשונג, וואָס ער האָט גע־האַט איבערצוגעבן די חברים.

צונויפגעקומען זענען זיך א פּאָר צענדליק חברים, אַלע, וואָס האָבן זיך געפונען אין די נאָענטע געגנטן, ווי חיפה, חדרה, זכרון און אַנדערע קאָלאָניעס, און האָבן זיך צעזעצט אין דעם פוסטן חדר פון דער לאַבאָראַטאָריע אויף האַרטע בענק, וואָס זענען צו־געשטעלט געווען צו די ווייס־געקאַלכטע ווענט.

געקומען איז אויך צו דער פאַרזאַמלונג חנה און האָט זיך געזעצט אָנגעשפּאַרט אויף שרהן, אין א ווינקל פון חדר.

חנה האָט אהרנען פּערזענלעך נישט געקענט, און האָט איצט אויסגעקוקט די געלעגנהייט, אים צו טרעפן.

אַביסל שפּעטער איז אָנגעקומען אהרן, וואָס איז דעם טאָג געווען ערגעץ אַוועק, און האָט זיך גלייך געלאָזט אין חדר צו די געסט.

ער האָט זיך באַגריסט מיט אַלעמען און איז צוגעגאַנגען צו דער שוועסטער:

— שלום, שרה, — האָט ער צו איר אויסגעשטרעקט די האַנט, — שוין לאַנג דיך נישט געזען.

ער האָט זיינע אויגן אָנגעשטעלט אויף חנהן.

— דאָס איז חנה מרגלית, — האָט שרה געזאָגט צום ברודער.

— אָ, חנה, — האָט אהרן איר געדריקט ווארעם די האַנט, — מיך פרייט דיך צו קענען. געהערט אַזויפיל פון דיר. דו טוסט אַזויפיל אויף פאַר „נילי״. אונזער אַרבעט, שוועסטערלעך, וועט נישט זיין אומזיסט. אונזער פאָלק וועט קריגן זיין באַצאָלט.

חנה האָט באַטראַכט אהרנען, און וווּנדער איז געשטאַנען אין אירע אויגן: ער איז נישט געווען, ווי זי האָט זיך אים פאָרגעשטעלט. פאַר איר איז געשטאַנען אַ נידעריקער, דיקלעכער יונגערמאַן, מיט געקרייזלטע רויטלעכע האָר, וואָס האָט אים געגעבן אַ האַרטן אויסדרוק פון אַ פּרימיטיוון מענטשן. איז דאָס דער געלערנטער מענטש, דער גרויסער אַגראָנאָם און אידעאַלער פירער פון „נילי״, וואָס זאָגט זיך אָפּ פון רייכקייט, כבוד און ריזיקירט מיטן לעבן געכאַפּט צו ווערן אַלס פאַררעטער, אַבי צו אַרבעטן פאַר זיין פאָלק?

זי האָט געהאַלטן אָנגעשטרענגט אויף אים אירע בליקן און געזוכט אַריינצודרינגען אין זיין נשמה, צו געפינען אַ באַשיידנדיקן ענטפער צו איר רעטעניש.

באַלד איז אהרן צוגעגאַנגען צום טיש. ער האָט ליכטיקער אַרויפגעדרייט דעם בליץ־לאָמפּ אינמיטן חדר, אָנגעשפּאַרט איין פוס אויף אַ בענקל, אַ האַנט אויפן פוס און גענומען רעדן. חנה האָט נאָר דערהערט די ערשטע פּאָר ווערטער, דעם קלאַנג פון זיין קלאָרער שטימע, און איז פאַרכאַפּט געוואָרן, ווי פון אַ צויבער.

ער האָט אָנגעהויבן — און זיין טונקל פּנים האָט זיך אויס־

געשפּריים אין אַ האַרציקן שמייכל, און זיינע רויטלעכע האָר זע־נען אויסגעקומען ווי פלעמלעך, וואָס טליען מיט אַ שטילן פייער, ברענען און ווערן קיינמאָל נישט פאַרברענט.

— חברים, — האָט ער געזאָגט, — דאָס ערשטע וויל איך אייך איבערגעבן די איינצלהייטן, ווי מיר האָבן איינגעשטעלט צוריק דעם „קאָנטאַקט" מיט די ענגלישע שיפן. איך וועל אייך בכיוון דערציילן מיט אַלע פּרטים, ווייל איך בין זיכער, אַז די איינצלהייטן וועלן רירן אייערע הערצער, ווי זיי האָבן גערירט מיין האַרץ; און וועלן אייך שטאַרקן אין מוט. דאָס איז געווען מיט עטלעכע וואָכן צריק, — האָט ער אָנגעהויבן שטיל, — דאָ אין עתליט. עס לויפט צו מיר אַריין אין אַ פרימאָרגן אַ חבר און רופט מיך; איך זאָל מיט אים אַריינגיין אין אַ שייער. איך גיי אים נאָך, און דער חבר ווייזט מיר אָן אויף דער דרעש־מאַשין, וואָס איז דאָרט געשטאַנען. ביי דעם הענטל פון דער מאַשין איז מיט אַ שטריקל געווען צוגעבונדן אַ פאַרשריבענער בויגן פּאַפּיר. איך האָב עס אַראָפּגענומען און אין דעם בויגן פּאַפּיר געפונען איינ־געוויקלט אַ פאַרחתמעטן קאָנווערט פון דער ענגלישער מיליטע־רישער אָנפירונג אין מצרים. אין פאַרחתמעטן בריוו זענען גע־ווען אָנגעצייכנט נייע סמנים, און דורך זיי האָבן מיר איינגע־שטעלט דעם „קאָנטאַקט" מיט נייע צייכנס, ווי מיר זאָלן זיך צו־נויפרעדן מיט די שיפן. אָבער נאָך טייערער פון בריוו איז ביי מיר געווען דער פאַרשריבענער בויגן פּאַפּיר, וואָס איך האָב אים דאָ מיט זיך און וועל אים פאַר אייך פאָרלייענען.

ער האָט פון צווישן אַ פּעקל פּאַפּירן אין זיין האַנט אַרויס־געצויגן אַ געלבלעכן בויגן פּאַפּיר, פאַרשריבן פון ביידע זייטן מיט אַ בליישטיפט, און אָנגעהויבן לייענען:

„דאָס שרייבט פּסח דאָלין. שוין וואָכן, אַז די ענגלישע שיפן קאָנען נישט מאַכן מיט אייך קיין „קאָנטאַקט". זענען געקומען צום ברעג און אַוועק מיט גאָרנישט. אַלע צייכנס זע־נען צעמישט. האָב איך זיך אונטערגענומען לאָזן זיך פון דער שיף אויפן ברעג און אייך ברענגען אַ בריוו פון דער מי־ליטערישער אָנפירונג מיט נייע צייכנס, ווי זיך צונויפצורעדן מיט די שיפן. אַ קריגס־שיף האָט מיך מיט דריי טעג צוריק גע־בראַכט צום ברעג נאָנט פון עתליט, און כ'האָב זיך מיט אַ לוד־

קע אראָפּגעלאָזט צום ברעג. עס איז געווען אָפּגערעדט, אַז מיט דריי טעג שפּעטער וועט דיזעלבע שיף קומען מיך נעמען צו־ריק. איך בין פון ברעג געקראָכן אויפן בויך צווישן קוסטעס, פעלזן און שטיינער און דערגרייכט נאָנט פון דער סטאַציע. אָבער פאַרן איבערשניידן אין דער ברייט דעם שליאַך, וואָס ציט זיך פון חיפה קיין זכרון, האָב איך פאַרנומען טויבע טריט און אַ גערודער פון שווערע רעדער־רייבונגען אויף דעם וועג. איך האָב זיך באַהאַלטן אונטער אַ קוסט. אַ גאַנצע נאַכט האָבן זיך געצויגן מיליטערישע טראַנספּאָרטן און עס האָט מאַרשירט מיליטער. בייטאָג האָב איך נישט געקאָנט גיין. די צווייטע נאַכט האָב איך ווידער דערהערט הירזשערייען פון פערד און אַ קלאַ־פּעריי פון וועגענער. אַ נייער מיליטערישער טראַנספּאָרט. בין איך ווידער געלעגן די נאַכט אַ הונגעריקער, אַ דורשטיקער. ערשט איצט, אויף דער דריטער נאַכט, איז געוואָרן שטיל, און איך האָב זיך קוים דערשלעפּט אַהער. אָבער דאָ איז שטיל ארום. נישט קיין פונק פון קיין ליכט און נישט קיין ריר פון אַ באַוועגונג. איך האָב מורא צו קלאַפּן אין דער טיר, טאָמער זענען ביי אייך דאָ „געסט" פון די מיליטערישע טראַנספּאָרטן. איך קאָן אָבער מער נישט וואַרטן. פונוויטן זעען זיך די ליכט־סיגנאַלן פון דער שיף, וואָס קומט פאַר מיר. בינד איך דאָ איין דעם בריוו פון דער מיליטערישער קאָמאַנדע אויפן הענטל. אַלע דאַנערשטיק ביינאַכט וועט ביי עתלית אָנ־קומען אַ שיף. גרייט צו נייעס. באַנוצט זיך מיט די נייע צייכנס און וואַרט ביים ברעג. אַ שיפל וועט צו אייך צופאָרן און די נייעס איבערנעמען."

אהרן איז אַנטשוויגן געוואָרן. זיינע אויגן זענען געווען צע־גלאַנצט מיט אַ פייכטקייט. אויך אַלע חברים זענען געווען גע־רירט. עס איז פאַר אַלעמענס פאַרשטעלונג געשטאַנען דאָס בילד פון אַ בחור, ווי ער שטייט אַ פאַרלוירענער אין הויף. פונוויטן ווינקט צו אים די שיף, און ער קאָן זיך קיין עצה נישט געבן, זאָל ער קלאַפּן אָדער נישט?

— דער בחור פסח דאַלין, — האָט אין אַ ווײַלע ארום אהרן געזאָגט, — איז פאַר דער מלחמה געווען אַ פורמאַן אין דער געגנט. ער איז ארויסגעטריבן געוואָרן אין אָנהויב מלחמה פון

לאַנד און איז אַוועק קיין מצרים. ער ווייס אַלע שטעגעלעך פון די בּרעגעס אַרום עתליט און חדרה, און ער האָט זיך עס אונ־טערגענומען אַריבּערצובּרענגען דעם בּריוו. איך האָבּ בּכיוון דעם בּריוו בּאַהאַלטן פאַר אייך צו לייענען. עס איז אַ דאָקומענט פון דער זעלבּסט־אויפאָפּפערונג פון אונזערע חברים פאַר אונזער אי־דעאַלער אַרבּעט. און איצט, — האָט אהרן פאַרענדיקט, — איז אַלץ אין אָרדענונג. די שיפן קומען פּינקטלעך, סיגנאַליזירן און מיר ענטפערן מיט גרויס דערפאָלג. אבו־צדוק מיט עטלעכע געדונגענע בּעדואינער וואַרטן בּיים בּרעג, שווימען צו אויף אַ לודקע צו די שיפן און גיבּן איבּער אונזערע אינפאָרמאַציעס.

— אָבּער פאַר די אינפאָרמאַציעס האָבּן מיר צו פאַרדאַנקען חנהן, — האָט שרה זיך איבּערגעבּויגן צו איר און זי אַרומגע־נומען, — איר זעלבּסט־אויפאָפּפערונג איז נישט ווינציקער פון דעם חברס אין מצרים. אַ דאַנק איר, האָבּן די ענגלענדער פאַר־שטאַרקט די וואַך קעגן מינעס און אונטערוואַסער־שיפן בּיים סועץ־קאַנאַל, און היטן זיך פון דייטשע עראָפּלאַנען, זיי זאָלן נישט בּאָמבּאַרדירן די שיפן.

אַלע האָבּן זיך אומגעקוקט אויף חנהן און איר אַרויסגעוויזן אַכטונג מיט זייערע בּליקן. חנה האָט זיך געפילט אומבּאַקוועם.

— איך בּין צופרידן צו טאָן מיין חלק, — האָט זי געזאָגט אין פאַרלעגנהייט, — יעדער חבר טוט זיין טייל, לויט זיינע כחות.

— איך בּין אַזוי צופרידן, וואָס עס האָט זיך אַזוי גע־מאַכט, — האָט שרה געזאָגט, — אויסער די נוצן פון „קאָנטאַקט'', איז אויך די מעלה, וואָס אבשלום וועט שוין נישט דאַרפן זיך לאָזן אין דער מדבּר און שטעלן דאָס לעבּן אין סכנה.

— און אז יאָ, איז וואָס? — האָט אבשלום זיך אויפגע־שטעלט און אָנגעשטעלט אויף שרהן זיינע פלאַם־שוואַרצע אויגן.— וואָס האָסטו זיך אַזוי געשראָקן? עס איז נאָך נישט געענדיקט. איך האָבּ אַ פאָרגעפיל, אַז איך וועל נאָכאַמאָל זיך דורכרייסן דורך דער מדבּר.

— דו האָסט טאָקע נישט געדאַרפט דענקען וועגן אַזאַ שריט, אבשלום, — האָט אהרן געזאָגט, — עס איז נאָר אַ דאַנק בּעלקינדן בּיזטו פריי פון דיין פריערדיקן פּרווו. איך האָבּ געהאַט גענוג זאָרג וועגן דיר.

אַרויפוואַרפן אויף אונז יידן. מען וועט נאָך אויסגעפינען וועגן אונזער טעטיקייט, און עס איז נישט אויסגעשלאָסן, אַז מען זאָל אויף אונז, יידן, נישט אָנפאַלן מיט רציחה, ווי אויף די אַרמענער, מאַכן אויף אונז פּאָגראָמען און דערנאָך אינגאַנצן אַרויסטרייבן פון לאַנד; ווייל איך דעריבער פאַרכאַפּן די רפואה פאַר דער מכה. איך וועל זיך אַריבערשמוגלען קיין ענגלאַנד און דאָרט זען אויס־פּועלן, אַז אין אַ מאָמענט פון געפאַר זאָל ענגלאַנד שיקן שיפן צו די ברעגעס פון ארץ־ישראל און אַריבערנעמען אַלע יידן אויף זיי קיין מצרים.

— עס איז אַ צו־ווייטע פאַנטאַזיע, — האָט אבשלום זיך אָנגערופן, — איך גלויב קוים, צי אַזאַ זאַך וועט קאָנען דורכגע־פירט ווערן און צי ענגלאַנד וועט ווילן דאָס טאָן.

— גאַנץ געוויס, — האָט אהרן געזאָגט, — אויב מיר וועלן פון פריער צו דעם זיי צוגרייטן. איך פּלאַן דעריבער צו פאָרן אויך קיין אַמעריקע, דערוועקן אונזערע יידן דאָרטן. זיי האָבן אַ גרויסן איינפלוס אויף דער אַמעריקאַנער רעגירונג. מען וועט גרינדן קאָמיסיעס און שאַפן געלט פאַר אַזאַ אונטערנעמונג. און דאָס איז נאָך נישט אַלץ, — האָבן אהרנס אויגן ווי אויפגע־פלאַמט אין באַגייסטערונג, — מיין רייזע האָט נאָך מאָטיוון. איך האָב גרויסע פּלענער, ווי צו ברענגען קאָלאָסאַלע נוצן דער ענג־לישער אַרמיי אין דער מדבר און פאַרשנעלערן איר מאַרש אויף אונזער לאַנד. עס האַנדלט זיך וועגן וויסנשאַפטלעכע אויספאָר־שונגען, ווי זיי צו באַזאָרגן מיט וואַסער, די אַרמיי זאָל נישט ליידן פון דורשט אין דער זאַמדיקער טריקעניש. מיר דאַרפן אַרייג־כאַפּן העלפן ענגלאַנד, איידער זי באַזעצט אונזער לאַנד, כדי מיר זאָלן דערנאָך האָבן פאַר וואָס צו בעטן אונזער באַצאָלונג — אַ פרייע היים פאַר אונזער פאָלק אין אונזער לאַנד.

אַלע האָבן געשוויגן. אהרנס רייד האָבן אויף אַלעמען גע־מאַכט אַ שטאַרקן איינדרוק. מען האָט געשפּירט, אַז ער איז גע־רעכט און נישט געקאָנט עטוואָס אויסאיבן קעגן דעם, ווי שווער עס איז נישט געווען דאָס שיידן זיך פון אים.

— אָבער ווי וועסטו זיך אַרויסקריגן אויף דער אַנדערער זייט? — האָט שרה געפרעגט.

— איך האָב שוין פון דזשעמאַל פּאַשאַ אַ בריוו, — האָט

— אָ, ווען מען כאַפּט מיך איצט, — האָט אבשלום געזאָגט מיט א געלעכטער, — וואָלט מיך שוין חנה ארויסגענומען. איצט האָט זי די דעה. לעבן זאָל לייטענאַנט היינריך פאָן טירפּיץ! ,

א שמייכל איז צעגאַנגען צווישן די חברים. ביי חנהן האָט א רויטקייט פארגאָסן דאָס פּנים.

— עס איז נישט אַזאַ געלונגענע חכמה, — האָט שרה גע־זאָגט, — און דו, חנה, האָסט נישט וואָס צו זיין פארלעגן. מענסט זיך פילן שטאָלץ. אונזער געשיכטע ווייס פון פיל אַקטן פון אַזוינע פרויען, ווי יעל, אסתר און חנה, וואָס האָבן געפאַנגען הערצער פון די קעניגן און דערנאָך געבראַכט זייערע אָפּגעהאַקטע קעפּ.

— לאָמיר, חברים, אוועקלייגן אַלע זייטיקע רייד! — האָט אהרן אויסגערופן מיט א געביטענעם טאָן. — איך האָב אייך צו־זאַמענגערופן צוליב א וויכטיקער זאַך, און לאָמיר עס אייך דער־ציילן. חברים, — איז זיין פּנים געוואָרן ערנסט, — איך זאָג אייך אָן א נייעס: איך פאָר אוועק פונדאַנען. די סכנה פון היישעריק איז שוין אריבער. מיין עקספּערימענט־סטאַציע וועט זיך צומאַכן. די אַרבעט פון „נילי" דאָ אין לאַנד איז אין זיכערע הענט, ביי שרהן, אבשלום און יוספן, איר, חברים, וועט אַליין קאָנען פאָרט־זעצן אייער טעטיקייט און איך האָב דאָ מער נישט וואָס צו טאָן.

אַן איבערראַשונג האָט ארומגענומען אַלע פארזאַמלטע. פרא־גע און וואונדער זענען געלעגן אויף זייערע פּנימער.

— אָבער וואָס איז דער שכל פון פּלוצימדיקן אוועקפאָרן? — האָט אבשלום געפרעגט.

— עס זענען דאָ אין דעם גאָר גרויסע מאָטיוון, — האָט אהרן ווי געוואַרט אויף דער פראַגע, — אינערלעכע און אויסער־לעכע. מיר דאַרפן אריינקוקן אין דער צוקונפט. דאָ, אינעווייניק אין לאַנד, הויבט אָן די טערקישע רעגירונג פון טאָג צו טאָג זיך צו באַציען ערגער צום יידישן ישוב. די גרויסע גירושים אָנהויב מלחמה פון פרעמדע בירגער, די „סוכרא", דער געיעג אויף פררים און היימלאָזע, זענען געצילט געווען קעגן די יידן. דזשעמאַל פּאַשאַ ווערט געהעצט קעגן אונז. איצט, ווען די טערקיש־דייטשע אָפענ־סיווע אויף דעם סועץ־קאַנאַל איז דורכגעפאַלן, און די ענגלענדער ווערן שטאַרקער פון טאָג צו טאָג, מעג מען זיך ריכטן אויף נייע גזירות און אונטערדריקונגען. די שולד פון יעדער מפּלה וועט מען

אהרן געזאָגט; — מען זאָל מיר אַרויסהעלפן אַנקומען קיין בערלין: דזשעמאַל פּאַשאַ וויל, איך זאָל פאָרן אויף אַ קורצע צייט קיין בערלין און אים ברענגען נייעס, וואָס ס'הערט זיך אין דייטשלאַנד. פון בערלין וועל איך מיט אַ דערלויבעניש אַפּפאָרן אין אַ ניי־טראַל לאַנד און פון דאָרט וועט שוין מיר זיין לייכט אָנצוקו־מען קיין אַמעריקע אָדער ענגלאַנד.

— עס איז אונז שווער, דו זאָלסט אונז פאַרלאָזן, אָבער פאַר־פאַלן, אויב דו מוזט. מיר, פון אונזער זייט, וועלן טאָן דאָס בעס־טע, — האָט אבשלום אים איבערגעהאַקט, — לאָמיר האָפן, אַז עס וועט נישט נעמען לאַנג און מיר וועלן צוריק זיין פאַראייניקט.

— אָט צוליב דעם האָב איך אייך, חברים, גערופן אַהער, — האָט אהרן פאַרענדיקט, — איך זעגן זיך מיט אייך. מאָרגן פאַר־נאַכט פאָר איך אָפּ קיין אַנגאָרע. איך האָף, אַז מיר וועלן גיך זיך טרעפן צוזאַמען און זיך פרייען מיט אונזער זיג.

— אויב מיר וועלן נישט פאַלן אין קאַמף, — האָט אַ חבר שטיל אַריינגעזאָגט.

אַלע האָבן זיך אַרומגעקוקט, געוואָרפן די בליקן אויף די וויים־געקאַלכטע ווענט, ווי געזוכט דאָרט אַן אויפשריפט פון אַ האַנט וועגן זייער צוקונפט, וואָס איז געווען פאַרבאָרגן פון זיי.

קאַפּיטל דריי און דרייסיק

סיר באַזיל טאָמפּסאָן, דער שעף פון דער געהיימער מיליי־טערישער אָכראַנע אין לאָנדאָן, איז געזעסן ביי זיך אין קאַבי־נעט און איבערגעקוקט די פרימאָרגנדיקע פּאָסט.

זיין אַדיוטאַנט איז אַריינגעקומען און זיך פאַרנויגט:

— מען האָט דאָ געבראַכט אַ טערקישן אונטערטאַן, וואָס איז אַראָפּגענומען געוואָרן פון אַ נייטראַלער שיף מיט קאָנטראַ־באַנד. ער באַשטייט נאָר אויף דעם צו רעדן פערזענלעך מיטן שעף, — האָט דער אַדיוטאַנט געזאָגט.

— ווי זעט ער אויס? — האָט סער טאָמפּסאָן אויסגערופן, נישט אויפהויבנדיק די אויגן פון אַ בריוו.

— אַ נידעריקער, מיט רויטלעכע האָר און אַ טונקעלן פּנים, זעט אויס צו זיין אַ ייד.

— איז ער באַוואָפנט?

— ניין. מיר האָבן אים אונטערזוכט.

— וועגן וואָס איז דאָס?

— ער וויל נישט זאָגן קיינעם, נאָר דעם שעף.

— לאָז אים אַריינברענגען.

דער יונגערמאַן, באַגלייט פון אַדיוטאַנט, איז אַריינגעטרעטן אינעווייניק.

סער באַזיל טאָמפּסאָן האָט אויפגעהויבן זיינע אויגן. עס איז געווען, ווי דער אַדיוטאַנט האָט אים אָפּגעמאָלט: אַ פליישיקער, אַ דיקער, מיט אַ קורצן האַלז. זיינע געקרייזלטע, רויטלעכע האָר אויף זיין אָפּגעברענטן פּנים האָבן געמאַכט דעם איינדרוק פון אַ פּרימיטיוון, האַלב־ווילדן מענטשן. זיין שוואַרצער אַנצוג איז געווען צעקנייטשט און פאַרשטויבט.

דער פרעמדער האָט מיט די אויגן געקוקט אַרום זיך, ווי געזוכט אַן אָרט, וווּ זיך צו זעצן.

— זעצט זיך דאָ! — האָט סער טאָמפּסאָן אים אָנגעוויזן אויף אַ שטול לעבן אים. — דערציילט, וואָס איר פאַרלאַנגט.

— מיין נאָמען איז אהרן אהרנסאָן, — האָט דער יונגערמאַן אָנגעהויבן מיט אַ וווייכער שטימע אין אַ קלאָרן ענגליש, וואָס האָט גאָרנישט געשטימט מיט זיין אויסערלעכן אויסזען, — איך קום פון ירושלים, איך בין אַן אַגראָנאָם, איך האָב געהאָלפן דזשעמאַל פּאַשאַן צו באַקעמפן דעם היישעריק, וואָס איז באַפאַלן פּאַלעסטינע.

— און דזשעמאַל פּאַשאַ האָט אייך אַרויסגעלאָזט פון לאַנד?

— האָט סער באַזיל אים אָנגעקוקט, און אומצוטרוי איז געלעגן אין זיין טאָן.

— די געפאַר פון היישעריק איז שוין אַריבער, — האָט אהרן אומדערשראָקן דערציילט געלאַסן מיט אַ לייכט שמייכעלע אויף די ליפּן, — און ער האָט מיר באַוויליקט מיין ביטע צו פאָרן קיין בערלין, זיך צו פאַרפולקאָמען אין אַגראָנאָמישער וויסנשאַפט. דזשעמאַל פּאַשאַ האָט מיך געאַכטעט, מיך אָפּט איינגעלאַדן צו זיך אין הויז און געהאַט צו מיר גרויס צוטרוי. פון בערלין האָב איך

זיך אַרויסגעקריגן מיט אַ דערלויבעניש אין אַ נייטראַל לאַנד, און פון דאָרט בין איך עם אַרויף אויף דער שיף.

— און איר ווילט אים איצט פאַרראַטן, אָדער אפשר גאָר די־נען מיט אייער קומען צו מיר?

— יאָ, פאַרראַטן! — האָט אהרן דרייסט געענטפערט. — איך האָב אים נאָך אין פאַלעסטינע פאַרראַטן, און בין שטאָלץ אויף דעם.

סער באַזיל טאָמפּסאָן האָט זיך טיפער אַריינגערוקט אין שטול אהרנסאָן האָט אים פאַראינטערעסירט. זיין ערשטער אָפּשטויסנ־דיקער איינדרוק האָט לאַנגזאַם אָנגעהויבן צו צעשמעלצן. ער האָט אויפגעכאַפּט אַ האַרציקייט אין אהרנסאָנס קול.

— מיט וואָס זענט איר אַזוי שטאָלץ אויף דעם? — האָט ער אים געפרעגט.

— איך בין אַ ציוניסט, — האָט אהרן געזאָגט, — אַ פּאַ־טריאָט פון מיין יידיש פאָלק. נאָך פון אָנהויב מלחמה בין איך איבערצייגט, אַז ענגלאַנד וועט פאַרנעמען ארץ־ישראל, און זע, אין דעם אַ גליק פאַר מיין פאָלק. ארץ־ישראל וועט אויפבליען, דאָס יידישע פאָלק וועט דאָרט האָבן זיין היים. איך האָב דעריבער באַשלאָסן צו העלפן ענגלאַנד מיט אַלע מיטלען. איך האָב זיך דע־ריבער איינגעקויפט אין דזשעמאַל פּאַשאַס פריינטשאַפט, אונ־טערגענומען זיך צו באַקעמפן דעם היישעריק, אַלץ, כדי צו העלפן ענגלאַנד.

— און וואָס האָט איר אויפגעטאָן? — איז סער טאָמפּסאָנס אינטערעס געוואַקסן.

— גאָר פיל. איך האָב געגרינדעט אַ שטילע שפּיאָנען־אָרגאַ־ניזאַציע פון חברים, שומרים, געבוירענע אין לאַנד. זיי געמאַכט פאַר מיינע געהילפן צו זוכן דעם היישעריק און אַזוי אַרום אַריינ־געדרונגען ביזן פראָנט און אַרויסגעקריגן אַלע אינפאָרמאַציעס. מיר האָבן זיך דערנאָך געשטעלט אין פאַרבינדונג מיט דער ענג־לישער קאָמאַנדע אין מצרים, אָפּגעמאַכט צייכנס מיט די ענגלי־שע שיפן, וועלכע פלעגן אָפט קומען צו די ברעגעס פון פאַלעסטינע און איבערנעמען פון אונז אַלע ידיעות. זאָל דער סער מיך פאַר־האַלטן אויף אַ פּאָר טעג און זיך שטעלן אין פאַרבינדונג מיט דער מיליטערישער קאָמאַנדע, וועט ער אַלץ אויסגעפינען.

— און נאָך וואָס זענט איר געפאָרן אהער און נישט אָנגע־האַלטן די שפּיאָנאַזש־אַרבעט אין פּאַלעסטינע? — האָט פּער טאָמפּסאָן געפרעגט מיט נייגיריקייט.

די אַרבעט אין פּאַלעסטינע ליגט אין זיכערע הענט, — האָט אהרן געזאָגט, — און איז היינט צו טאָג איבערהויפּט שוין נישט וויכטיק. דער טערקישער ווידערשטאַנד איז געבראָכן. איך האָב דאָ וויכטיקערע פּלענער, ווי צו העלפן דער ענגלישער אַרמיי אין מצרים.

— וואָס, צום ביישפּיל?

— אויפן וויסנשאַפטלעכן געביט. אַט באַציט דאָס ענגלישע מיליטער אין מדבר וואַסער מיט דער באַן פון קאַירא. זעלבסט־פאַרשטענדלעך, אַז דאָס פאַרשאַפט שוועריקייטן און באַרלאַנגזאַמט זייער מאַרש, אָבער אונטער דעם זאַמד, וואָס דאָס מיליטער טרעט דערויף, איז דאָ אַן איבערפלוס פון ריינעם וואַסער.

— פונוואַנען ווייסט איר דאָס?

— די אידעע איז צו מיר געקומען פון יאָזעפוס פלאַוויוסעס היסטאָרישע געשיכטן, — האָט אהרן אָנגעהאַלטן זיין געלאַסענעם טאָן, — ער דערציילט דאָרט אין זיינע שריפטן, אַז פון דער מויער פון קיסריה האָט אַ מענטש געקאָנט גיין אַ דיסטאַנץ פון אַ טאָג גאַנג, דאָס מיינט בערך פיר און צוואַנציק מייל, דורך בליענדיקע גערט־נער. איצט, ווי מיר ווייסן, דערגרייכט דאָס זאַמד פון ברעג ביז די שפּיצן פון די טויערן. פרעגט זיך אָבער אַן אַנדער פראַגע: ווי איז עס געווען מעגלעך, אַז דאָרט זאָל האָבן געווען גערטנער, סיידן עס איז אויך געווען וואַסער זיי אָנצוטרינקען? איך האָב מיך דעריבער גענומען די זאַך אויסצופאָרשן און אַלס אַן עקספּערט, וואָס קען די געאָלאָגיע פון ארץ־ישראל, בין איך איבערצייגט, אַז אין דער טיף פון דריי הונדערט פוס אונטער דער ערד געפינט זיך גענוג וואַסער. ווען מען זאָל דאָס וואַסער אַרויסברענגען, וואָלט מען אַפילו געקאָנט אויף אַלע טרוקענע בערג פאַרזייען דעם בעסטן ווייץ.

— און וואָס, דענקט איר, דאַרף מען טאָן?

— מען דאַרף דורך רערן אַרויפּצווינגען דאָס וואַסער אין דער הויך און מען וואָלט קיין טראָפּן נישט געדאַרפט ברענגען פון קאַירא.

סער טאָמפּסאָן איז געזעסן אַן איבערראַשטער. אַ געפיל פון רעספּעקט איז ביי אים אויסגעוואַקסן צו דעם פרעמדן יונגנמאַן. צי איז עס געווען פון זיין וויסנשאַפטלעכן פּאָרטראַג, וואָס ער האָט אים אַזוי איינפאַך דערקלערט, אָדער איז דאָס געווען די אַכטונג פאַר דער ליבע צו זיין לאַנד, וואָס דער יונגערמאַן האָט דאָ אַרויסגעבּרענגט, וואָס האָט אים געטריבן, ער זאָל פאַראַכטן געלט און כבוד און זיך פאַרנעמען מיט שוואַרצער שפּיאָנעריי?

סער טאָמפּסאָן, דער שעף פון די שפּיאָנען, האָט אַ ווײַלע אַ טראַכט געטאָן.

— מיין טייערער יונגערמאַן, — האָט ער זיך אויפגעשטעלט און אַרויפגעלייגט זיין האַנט אויף אַהרנס פּלייצע, — איך באַציי זיך מיט גרויס ערנסט צו דעם, וואָס איר האָט מיר דאָ געזאָגט. איר רופט ביי מיר אַרויס פולן צוטרוי. איך וועל איבערשיקן אין קריגס־מיניסטעריום און זיי וועלן דאָרט געוויס אויסנוצן אייערע ידיעות, און אייער באַלוינונג וועט זיין גרויס.

— באַלוינונג? — האָט זיך אַהרן אַ כאַפּ געטאָן. — איך פאַרלאַנג נישט קיין געלט. קיינער אין אונזער אָרגאַניזאַציע איז נישט אויסן קיין געלט. מיר ווילן אַ באַלוינונג פאַר אונזער פאָלק. פאַרדינען פאַר אים פרייהייט און רעכט צום סוף פון דער מלחמה.

— זאָל זיין דיזאָזיקע באַלוינונג, — האָט סער טאָמפּסאָן געזאָגט מיט אַ שמייכל.

אַ דריק אין אַ קנעפּל האָט געבּראַכט דעם אַדיוטאַנט.

— באַזאָרגן מר. אַהרנסאָנען צום קריגס־מיניסטעריום מיט מיין רעקאָמענדאַציע אים אויפמערקזאַם אויסצוהערן.

* *
*

פיל האָט אַהרנסאָן געהאַט איינצוטענהן אין קריגס־מיניסטעריום אין לאָנדאָן, ביז עס האָט זיך אים איינגעגעבן אַראָפּצונעמען פון זיך דעם פאַרדאַכט און געווינען זייער צוטרוי. דאָרט איז מען געווען זייער פּאָזיטיוו־סקעפּטיש(?)

מ'האָט זיך צונויפגערעדט מיט דער מיליטערישער אָנפירונג אין מצרים, דערגאַנגען פון זיי וועגן דער ריכטיקייט פון די אָנגעגע־בענע געשיכטעס פון דער שטילער שפּיאָנען־אָרגאַניזאַציע אין פּאַלעסטינע, און ערשט דעמאָלט באַוויליקט אים אָפּצושיקן מיט אַ טראַנספּאָרט צו דער מיליטערישער אָנפירונג קיין מצרים.

ענדלעך, נאָך חדשים וואַלגערנישן, איז ער אַהין אָנגעקו־מען. דאָרט, אין מצרים, האָט מען שוין געקענט אהרנסאָנען און געוווּסט, אַז ער איז דער גרינדער פון „נילי״. מען האָט זיך באַ־צויגן צו אים מיט ערנסט און געלייגט גרויס אַכט אויף זיין אויס־געאַרבעטן פּלאַן צו זוכן וואַסער אונטער דער ערד־פלאַך. מען האָט געמאַכט עקספּערימענטן, ביז מען האָט ווירקלעך געפונען קלאָר וואַסער טיף אין דער ערד, וועלכעס מען האָט דורך פאַרשידענע מיטלען אַרויפגעצאַפּט אין דער הויך און מיט דעם באַזאָרגט די אַרמיי אין דער מדבר.

דידאָזיקע דערפינדונג האָט אויפגעהויבן אהרנסאָנס אָנזען אין די אויגן פון די הויכע גענעראַלן, די פירער פון דער ענגלי־שער אַרמיי אין עגיפּטן. אהרן האָט נאָך געבראַכט פיל נוצן מיט זיינע ידיעות וועגן דעם קלימאַט און אויסלייג פון די בערג און טאָלן אין פּאַלעסטינע.

שפּעטער האָט ער איבערגענומען אָנצופירן פון מצרים די שפּיאָנאַזש־אַרבעט אין ארץ־ישראל. ער איז צוגעשטעלט געוואָרן צו דער „אינטעליגענץ״־אָפּטיילונג ביים שטאַב אין פּאָרט סאַאיד אַלס אַן עקספּערט אין פּאַלעסטינער ענינים.

זיין ראַט און טעטיקייט האָבן פיל געהאָלפן די ענגלענדער אין זייער מאַרש אויף פּאַלעסטינע. די מיליטערישע קאָמאַנדע האָט עם אָנערקענט און זיין נאָמען איז געוואָרן הויך געשעצט ביי אַלע הויכע אָפיצירן פון דער ענגלישער אַרמיי.

קאַפּיטל פיר און דרייסיק

לאַנגע חדשים האָט עס געדויערט, ביז אהרן אהרנסאָן איז איבערגעקומען אַלע שוועריקייטן און זיך באַזעצט אין מצרים, און אין פאַרלויף פון דער צווישנצייט האָט די „נילי״־גרופּע אין

ארץ־ישראל, מיט שרה אהרנסאָן און אבשלום פיינבערג אין דער שפּיץ, געהאַט אויסצושטיין גרויסע שוועריקייטן און שטערונגען.

דער „קאָנטאַקט" מיט די ענגלישע שיפן, וואָס איז אַזוי גלענצנד איינגעשטעלט געוואָרן פאַר אהרנסאָנס אַפּפאָרן פון לאַנד, איז צוריק צעשטערט געוואָרן צוליב אומבאַקאַנטע סיבות פאַר דער גרופּע אין לאַנד.

נאַכט ביי נאַכט פלעגן די חברים, אונטער אבו־צדוקס אָנפירונג, ליגן ביי די ברעגעס, צווישן עתליט און חדרה, איינגעגראָבן צווישן שטיינער און פעלזן, הונגעריקע און דורשטיקע, און אויסגעקוקט די שיפן. אָבער די שיפן פלעגן זיך נישט ווייזן. ערשט, ווען מען האָט שוין געהאַט אויפגעגעבן יעדע האָפענונג, און זיך געשלייכט אהיים דורך פאַרבאַהאַלטענע שטעגעלעך, נישט געכאַפּט צו ווערן פון די ווילדע בעדואינער און דעזערטירן, וואָס האָבן אָנגעפילט יעדן שפּאַלט ביים ברעג, ערשט דעמאָלט פלעגן פונוויטן זיך ווייזן פייערלעך פון אַ שיף. איז מען שוין געקראָכן מיט סכנה צוריק צום ברעג זיך צונויפרעדן, אָבער די אָנשטרענגונג איז ווידער געווען אומזיסט. די שיף פלעגט פינקלען און מיגיען מיט די עלעקטרישע פייערלעך אין פאַרשידענע קאָלירן, און די חברים האָבן אויף קיין פאַל נישט געקאָנט דערקענען די צייכנס.

עטלעכע חברים, וועלכע האָבן זיך געלאָזן אין ים נאַקעט, שווימענדיק, אָדער אין לודקעס, זענען איבערגענומען געוואָרן פון די אראַבער, איבערגעגעבן געוואָרן דער מאַכט, און מען האָט זיי פאַרשיקט אין טורמע קיין דמשק. אויך אבו־צדוק אַליין איז איינמאָל אַריינגעפאַלן. אים האָט אָבער חנה תיכף אַרויסגענומען פון תפיסה. זי האָט פאַר אים שטאַרק געבעטן ביים לייטענאַנט פאָן טירפּיץ, געזאָגט, אַז ער איז איר אַ פריינט, און איז געפאָרן אויף דער לודקע כאַפּן פיש ביי די ברעגעס. פאַר די איבעריקע אָבער האָט זי נישט געקאָנט בעטן. זי האָט געמוזט זיין פאַרזיכטיק.

דערווייל איז די לאַגע אין לאַנד אַלץ ערגער געוואָרן.

עס איז געווען, ווי אהרן האָט פאָראויסגעזאָגט. די אַרמיי ביים פראָנט אין עזה האָט געליטן אַ שרעקלעכע מפּלה. די עסטרייכער, וואָס האָבן איבערגענומען די פאַרטיידיקונג אין יענער

געגנט, האָבן זיך אַרויסגעוויזן נישט פיל בעסער פון די טערקן און אַראַבער. דעמאָראַליזירט און נישט דיסציפּלינירט.

דעזערטערן אין טויזנטער האָבן זיך געצויגן פון פראָנט. אָפּגעריסענע און שמוציקע, פאַרצאַרנטע און פאַרצוויפלטע, האָבן זיי זיך אַרומגעוואַלגערט איבער די וועגן און געקלאַפּט אין יעדער טיר נאָך אַ שטיקל ברויט, צו דערהאַלטן די נשמה. עס האָבן זיך אָנגעהויבן אַרומטראָגן קלאַנגען, אַז אין לאַנד זענען דאָ יידישע שפּיאָנען, וואָס אַרבעטן פאַר ענגלאַנד. די דייטשע מיליטערישע קאָמאַנדע, וועלכע רעכטפאַרטיקן איר דורכפאַל, האָט געשיקט אַ דעקרעט צו דזשעמאַל פּאַשאַ, ער זאָל זען אויסגעפינען די שפּיאָנען און דערביי באַצייכנט, אַז וואַרשיינלעך זענען זיי אינטעליגענטע מענטשן, ווייל זיי האָבן געוווּסט איבערצוגעבן ענגלאַנד אַלע איינצלהייטן וועגן דעם אויסלייג פון מיליטער, און די סאָרטן וואָפן, און צוליב זיי האָבן עס די טערקן געליטן דעם דורכפאַל.

דזשעמאַל פּאַשאַ, צו וועמען עס האָבן זיך שוין פריער דערטראָגן ידיעות וועגן אהרן אהרנסאָנס פאַרראַט, האָט געברענט פון צאָרן און נקמה־דורשט. אהרנסאָנס טאַט איז פאַר אים געווען אַ געוואַלטיקער קלאַפּ, און עס האָט אים געמאַכט ווילד פון פאַרדרוס. אויב אהרנסאָן, וועמען ער האָט אַזוי געטרויט און געאַכטעט, האָט אים געקאָנט פאַרראַטן, טאָ מיט וועמען איז ער שוין זיכער?

דער גרויזאַמער פּאַשאַ פון ירושלים האָט אָנגעהויבן אַרויסגעבן איין גזירה אויף די יידן נאָך דער אַנדערער. עס זענען אַרעסטירט געוואָרן ציוניסטישע פירער. פאַר געפינען אַ ציוניסטישע מאַרקע, האָט געדראָט טויט־שטראָף. עס זענען אָרגאַניזירט געוואָרן געיעגן אויף דעזערטערן, היימלאָזע און שומרים. שרעק האָט אָנגעפילט די לופט און מיט ציטערניש האָט יעדער דערוואַרט דעם מאָרגנדיקן טאָג.

די ערנסטקייט פון דער לאַגע האָבן אויך דערשפּירט די אָנפירער פון „נילי". שרה האָט געדענקט די גרויזאַמקייטן, וואָס די טערקן זענען באַגאַנגען קעגן די אַרמענער, און זיך פאַרגעשטעלט, אַז דאָסזעלבע וועט געטאָן ווערן מיטן יידישן ישוב.

עס האָט געמוזט קומען אַ גיכע און קאַרדינאַלע הילף.

עס איז פאַר שרהן, ווי פאַר אַלע חברים פון דער שפּיאָנאַזש־

אָרגאַניזאַציע, געווען קלאָר, לויט אַלע אינפאָרמאַציעס, וואָס זיי האָבן באַזעסן, אַז דאָס טערקישע מיליטער איז פולשטענדיק דע־מאָראַליזירט און אומפעאיק אָנצוהאַלטן די פאַרטיידיקונג. דאָס לאַנד איז אָפן פאַר דעם פיינט: „קום און נעם". זאָלן נאָר די ענג־לענדער אָנגרייפן, ווי די „ערב־רבדיקע" אַרמיי וועט אפילו קיין ווידערשטאַנד נישט שטעלן.

וואָס שייך די טרויעריקע לאַגע פון די יידן, קאָן די איינציקע הילף נאָר זיין, ווען די ענגלענדער באַזעצן שנעל דאָס לאַנד, וואָס איז פאַר זיי לייכט צו טאָן. אָבער ווי זאָגט מען עס אָן? די פאַר־בינדונגען זענען איבערגעריסן. און איבערהויפט קאָן מען דען אַזאַ פולשטענדיקע שילדערונג מאַכן אין אַ בריוו? קאָן מען עס דען אין שריפט איבערצייגן דער ענגלישער קאָמאַנדע, זי זאָל שיקן איר מיליטער אין אָנגריף?

לאַנג האָבן דידאָזיקע פראַגעס געמאַטערט די אָנפירער פון „נילי", ביז ביי אבשלום פיינבערג האָט דאָס געדולד נישט אויס־געהאַלטן. אַ באַשלוס האָט אָנגעהויבן ווערן רייף אין זיין האַרצן.

— ער גייט צו דער מדבר, ער וועט דורכרייסן דעם פראָנט און צוקומען צו דער ענגלישער מיליטערישער קאָמאַנדע.

איצט האָט אים שוין שרה נישט געשטערט. זי האָט זיך נישט צוגעהערט צו דער שרעק אין איר האַרצן וועגן אבשלומס גורל. דאָס לעבן פון אַלע יידן איז געשטאַנען אין קאָן. זי האָט דעריבער, אויסהערנדיק זיין באַשלוס, פאַרדריקט מיט די ליפּן און געזאָגט:

— איך וועל זען, אַז חנה זאָל כאָטש קריגן אַ דערלויבעניש פאַר דיר צו גיין ביזן פראָנט.

— עס איז שוין געפערלעך צו בעטן דערלויבענישן, — האָט אבשלום זיך קעגנגעשטעלט, — מען קאָן חנהן אָנהויבן פאַרדעכ־טיקן.

— דאָסמאָל מוז זי איינשטעלן צוליב דיר, — האָט שרה גע־זאָגט, — איך וועל עס שוין באַזאָרגן. איך גיב דיר מיין רינג מיט זיך, — האָט שרה אויסגעטאָן איר רינג פון פינגער און אַרויפגע־צויגן אויף אבשלומס, — דאָס איז אַ צייכן, אַז איך בין מיט דיר און וועל דיך דערמוטיקן.

יוסף לישאַנסקי, הערנדיק פון אבשלומס באַשלוס, האָט זיך אונטערגענומען אים באַגלייטן.

— איך גיי מיט אבשלומען! — האָט ער אויסגערופן. — דאָס איז דער איינציקער אויסוועג. די שליחות איז איצט וויכטי־קער, ווי זיין דאָ. אין צווייען קאָן מען ווייטער דערגרייכן. אבשלום וועט קאָנען בלייבן אין מצרים און איך וועל מיט א שיף אהער־קומען צוריק. איך וועל אויך קומען אין בארירונג מיט אהרנען.

שרהן איז עס געווען צום הארצן, וואָס אבשלום וועט האָבן נאָך עמעצן, מיט וועמען צו גיין אין דעם געפערלעכן וועג. זי איז אוועק קיין ירושלים און האָט דורך הנהן געקריגן פאַר זיי ,,וואַ־סיקעס'': פאַר אבשלומען ביז באר־שבע צו באַזוכן א פריינט און פאַר יוסף לישאַנסקין האָט זי געקריגן א פאַלשן פאַספּאָרט אויפן נאָמען פון א ספרדישן ייד יוסף טורין, וואָס האָט געוווינט ביי רוחמה.

צו אבשלומען און יוספן איז אויך צוגעשטאַנען א בעדואינער, אבשלומס א פריינט, אַן אויסגעפרוווטער ארויסהעלפער ביי די ,,קאָנטאַקט''־שיפן.

זיי האָבן אַלע דריי אָנגעטאָן בעדואינישע קליידער, מיט אַבאַ־יעס און טאַרבושן אויף די קעפּ, באַוואָפנט זיך מיט רעוואָלווערן און ביקסן, און אויף קעמלען זיך געלאָזט קיין רוחמה צום לעצטן פונקט פון יידישן ישוב פאַרן טערקישן פראָנט אין דרום

קאַפּיטל פינף און דרייסיק

ארויס פון רוחמה אָנהויב נאַכט, זענען זיי א גאַנצע נאַכט זאַלבעדריט געריטן אויף די קעמלען איבער דעם קאַראַוואַנען־וועג פון דער מדבר, און פון קיינעם נישט אָפּגעשטעלט געוואָרן. מען האָט זיי אָנגענומען פאַר א בעדואינישן אוואַנגאַרד־פּאַטראָל, וועל־כע האָבן זיך פיל ארומגעדרייט אין יענער שפּערע פון פראָנט. זיי זענען אַזוי דערגאַנגען פאַרביי פראָנט־פּאַטראָלן זיך געגריסט מיט זיי אויפן בעדואינישן שטייגער, און נישט־געשטערט ווייטער זיך געצויגן זייער וועג.

— מיר זענען, דוכט זיך, שוין הינטער פון פראָנט, — האָט יוסף געזאָגט, — גראָד איצט ציטערט מיר דאָס הארץ.

עס האָט אָנגעהויבן גרויען אויפֿן פֿאַרמזרח פֿון ווײַטן, בײַם בלײַ־גרויען האָריזאָנט, האָט זיך אָנגעהויבן אויסשיילן די מאָרגנשטערן, די זאַמדיקע פֿלאַכן פֿון דער מדבר האָבן זיך אָנגעהויבן אויסהײלן פֿון ענגן נאַכטיקן שלייער און זיך פֿאַרשפּרייטן אין דער ברייט און אין דער לענג אין רויטלעכן, פֿיאָלעטן פֿאַרב. זיי האָבן באַמערקט, ווי אַרויף ווייט, דאָרט, וווּ דאָס געלבלעכע זאַמד האָט זיך געגאַרבט ביז צום בלאַסן הימל, צעשפּרייט זיך דער קאַראַוואַנען־וועג אין צוויי צווייגן. איינער ציט זיך גלײַך, און דער אַנדערער פֿאַרבויגט זיך אַביסל צו לינקס.

— אויף וועלכן וועג זאָלן מיר זיך נעמען? — האָט אבשלום אָנגעוויזן אויף דעם קרייץ־וועג, — איך דענק, גלײַך, ווײַל לינקס קאָנען מיר נאָך פֿאַרבלאָנדזשען קיין נאַקהעל.

— אָ, דו מאַכסט אַ טעות, — האָט דער בעדויִנער דער באַגלייטער געזאָגט, — זיכער לינקס. רעכטס וועלן מיר אַרײַנפֿאַלן צום פֿראָנט בײַם ברעג פֿון ים, נאָנט פֿון אַלעריש, גלײַך צו די טערקישע טראַנשעען.

— ביזטו זיכער, סאַאי? — האָט אים אבשלום איבערגעפֿרעגט.

— אומבאַדינגט זיכער, — האָט דער בעדויִנער געזאָגט.

זיי האָבן זיך דערנענטערט צום קרייץ־וועג און זיך אָפּגעשטעלט. רעכטס און לינקס האָבן זיך, ווי וואַסער אין מיטן ים, געצויגן זאַמד־פֿלאַכקייטן, אָן אָן אָנהויב, אָן אַ סוף.

אַ צי אויף לינקס — און די קעמלען האָבן אויפֿגענומען זייער לאַנגזאַמען גאַנג און געזונקען די פֿיס אין זאַמד פֿון נײַעם, לינקן וועג.

עס האָט אָבער נישט געדויערט קיין שעה, ווי זיי האָבן זיך באַוועגט אויף דעם נײַעם וועג, אַז פֿלוצלינג האָט אַ ביקסן־שאָס אָפּגעקלונגען אין דער לופֿט און אַ פֿײַף פֿון אַ קויל האָט דורכגעריסן די לופֿט אַרום זיי.

זיי האָבן אָפּגעשטעלט די קעמלען און זיך אַרומגעקוקט: אָן אַ זײַט, פֿון אונטער אַן אויפֿגעוואָרפֿענעם בערגל זאַמד האָבן אַרויסגעשפּראָצט שפּיצן קעפּ פֿון דרײַ בעדויִנער. זיי זענען געלעגן אײַנגעגראָבן, און די קעמלען זענען געשטאַנען אין אַ זײַט.

אַ האָגל קוילן האָט זיך אַ זיפּ געטאָן אין אבשלומס זײַט.

— אראָפּ פון די קעמלען! — האָט אבשלום אויסגעשריגן, און די אויגן האָבן געברענט.

אַלע דריי האָבן זיי זיך אראָפּגעגליטשט פון די קעמלען און זיך געוואָרפן צו דער ערד.

— שיסט! — האָט אבשלום געשריגן. — זיי זענען נאָר דריי. איינס אויף איינס, און מיר וועלן זיי בייקומען.

— דאָס זענען איינפאַכע רויבער, — האָט דער באַגלייטער דער בעדואינער געזאָגט אין אבשלומס זייט, — לאָמיר זיי געבן אַ צייכן, אַז מיר גיבן זיך אונטער. זיי וועלן ביי אונז נעמען געלט און אָפּלאָזן.

— ניין! — האָט אבשלום אויסגעשריגן. — עס איז מעגלעך אַ טערקישער פּאַטראָל. מיר טאָרן נישט איינשטעלן. שיסט!

אויסגעלייגט אין אַ רייע, אבשלום אינמיטן; יוסף מיט דעם בעדואינער פון ביידע זייטן, האָבן זיי געצויגן פאַר די טריגלעך פון די ביקסן און געשאָסן אין דער ריכטונג צו די אַנפאַלער.

פּלוצלינג איז יוסף געבליבן שטיל. אבשלום האָט געוואָרפן אַ בליק אין זיין זייט, און אַ שוידער איז אריבער זיינע גלידער. ער האָט זיך גלייך אַ קייקל געטאָן צו אים. מיט אַ פאַרוואָרפענעם קאָפּ איז יוסף געלעגן און דאָס פּנים איז ביי אים געווען אויסגעקרימט פון ווייטאָק. אַ דינער שטראָם רויט בלוט האָט זיך גע־שנורט פון זיין אַקסל און זיך געזאַפּט אין געלן זאַמד.

— יוסף! — האָט אבשלום אויסגעשריגן מיט צעפּלאָנטע אויגן. — יוסף, רוף זיך אָפּ! דו לעבסט?

— אוי, אוי, — האָבן זיך געהערט שוואַכע קרעכצן פון יוספס מויל.

— שטאַרק זיך, יוסף! — האָט אבשלום שנעל אַרויסגע־רעדט. — אַבי דו לעבסט. מיר וועלן זיי נאָר פאַרטרייבן, וועלן מיר דיך ראַטעווען.

אבשלום האָט שטאַרק געדריקט די ביקס אין האַנט און גע־ווענדט זיין בליק אין דער צווייטער זייט. זיין פּנים האָט זיך מיטאַמאָל פאַרקרימט און אָנגעצונדן מיט ווילדן צאָרן. דער בע־דואינער, דער באַגלייטער, איז נישט געווען אויף זיין אָרט. אבשלום האָט געוואָרפן מיט די אויגן אין אַלע זייטן און האָט דערזען: זינ־קענדיק מיט די פיס אין זאַמד, איז דער באַגלייטער געלאָפן אין דער

ריכטונג פון די אנפאלער און געפּאַכעט צו זיי מיט די הענט אין דער הויך. ער האָט, לויפנדיק, אַלע ווײַלע אַ שפּרונג געטאָן און אומגעפאַלן.

— פאַררעטער! — האָט אבשלום אויסגעשריגן און ווייסער שוים איז אים געגאַנגען פון מויל.

ער האָט געצילט מיט דער ביקס אין לויפנדיקן בעדואינער און אויסגעשאָסן.

עס האָט זיך דערהערט אַ קראַך. דער געוועזענער באַגלייטער האָט געגעבן אַ העכערן שפּרונג, אומגעפאַלן און זיך שוין מער נישט באַוויזן.

— ער איז געפאַלן, ער פאַרדינט עס, דער פאַררעטער! — האָט אבשלום אויסגעשריגן צו זיך אַליין און מיט האסט געשאָסן אין דער זייט פון די רויבער.

פון דער זייט האָבן צו אים דערגרייכט יוספס קרעכצן. אַ דערשאָסענער קעמל האָט ווילד געכאָרכלט הינטער אים. מיט אויגן אַרויסגעקראָכענע פון די לעבער, ווי אין ווילדער משוגעת, איז אבשלום געלעגן און געשאָסן אָן אַן אויפהער. עס זענען אים אויסגעגאַנגען די קוילן, האָט ער אַראָפּגעריסן פון יוספן זיין קוילן־טאַש און ווידער געשאָסן.

פון אַנטקעגן זענען די קוילן שיטערער געוואָרן. אבשלומס שיסן האָט וואַרשיינלעך אימיצן געטראָפן.

פּלוצלינג האָט אַן „אוי"־אויסגעשריי פון אבשלומס מויל אָפּגעקלונגען אין דער לופט, און אַלץ איז מיטאַמאָל שטיל געוואָרן.

פון אבשלומס ברוסט האָט געשטראָמט הייס בלוט מיט אַ פּאַרע. זיין פּנים איז געוועזן אויסגעקרימט אין אַ ווילדער גרימאַסע. די אויגן זענען געבליבן אויסגעגלאָצט און פאַרגליווערט. ער האָט עפּעס אַ מורמל געטאָן, און דאָס מויל, פון וועלכן ס'האָט נאָך געשלאָגן אַ ווייסע פּינע, האָט זיך איינגעגראָבן אין זאַמד.

— — — — — — — — — — — —

די ברענענדיקע, בייטאַגיקע זון פון אויבן און דאָס גליענדיקע זאַמד פון אונטן האָבן יוספן אויפגעוועקט פון זיין פאַרחלשט־קייט.

ער האָט מיט מאַטערניש האַלב אויפגעעפנט די אויגן און זיך אַרומגעקוקט אַרום. די געשעענישן פון פאַרטאָג האָבן, ווי אַ קאָש־

מאָר, פֿאַררוּיכערט זיין מח, זיינע געדאַנקען זענען געווען פֿאַרנעפּלט. ער האָט זיי נישט געקאָנט צונויפֿזאַמלען צוזאַמען און זיך דערמאָנען, ווו איז ער און וואָס איז דאָ פֿאָרגעקומען. ער האָט זיך געוואָלט אויפֿהויבן און דערשפּירט אַ שווערקייט, ווי זיין קערפּער וואָלט מיט בליי געווען אָנגעגאָסן. ער האָט דערפֿילט אַ ווייטאָק אין אַקסל און אין פֿוס, און האָט זיך דערמאָנט אָן דער שיסעריי אין היינטיקן פֿרימאָרגן.

איצט איז אים געקומען אבשלום אויפֿן געדאַנק. ער האָט אים גענומען אַרומזוכן מיט זיינע בליקן און האָט אים באַמערקט. ביי אַ צען טריט פֿון אים איז אבשלום געלעגן האַלב־איינגעגראָבן אין זאַמד, אינגאַנצן איינגעקאָרטשעט, ווי אַ קנויל, די פֿיס אָן דער קאָפּ צום בויך. יוסף האָט צוגעפֿויזעט צו אים און האָט דערזען ווי די שטיוול און אַבאַיע זענען פֿון אים אַראָפּגעצויגן. עס פֿעלן די ביקס און רעוואָלווער. יוסף האָט זיך געכאַפּט, אַז אויך זיין ביקס איז נישטאָ, און פֿון די געשאָסענע קעמלען איז אַראָפּגענומען געוואָרן דער פּראָוויאַנט.

פֿאַרשטאַנען האָט יוסף, אַז דאָ זענען געווען די רויבער און אַלץ צוגענומען. מיט זיי איז זיכער אויך אַוועק דער בעדואינער, דער באַגלייטער. אָבער וואָס איז אים איצט דאָס אַלץ אָנגעגאַנגען? אבשלום איז דאָך טויט! יוסף האָט אויסגעצויגן אבשלומס הענט, זיי אויסגעשפּרייט און אַריינגעקוקט אין זיין פּנים. עס איז מער נישט געווען אבשלום פֿיינבערג, זיין חבר, נאָר אומבאַקאַנט, געלפֿאַרמעטן געזיכט, מיט פֿאַרשטשירעטע ציין, אַרומגעוואַקסן מיט שיטערע הערעלעך פֿון אַ בערדעלע.

לאַנג האָט יוסף געקוקט אין אבשלומס פּנים מיט אַ פֿאַרגליווערט האַרץ און פּלוצלינג אויפֿגעציטערט. אַ מוסקול אויף אבשלומס טויטן פּנים האָט לייכט אַ צוק געטאָן. לעבט נאָך אבשלום? אַ ווילדע קראַפֿט האָט אים מיטאַמאָל באַהערשט. ער האָט אָנגעהויבן צו טרייסלען מיט כח אבשלומס קערפּער אַהין און צוריק, און שרייען:

— אבשלום, אבשלום! ענטפֿער מיר! דאָס איז יוסף! אבישלום, כאָטש איין וואָרט!... אבשלום, דו לעבסט?... אבשלום! אבשלום!

זיין קול איז אויסגעגאַנגען און זיין געשריי איז פֿאַרלוירן געוואָרן אין דער וויטער מדבר, און אבשלום האָט זיך נישט גע־

רירט, עס האָבן נאָר איין מאָל זיך אַ ריר געטאָן זיינע ליפּן, און אַ ברעם פון איין אויג האָט עטוואָס געגעבן אַ ציטער, ווי ער וואָלט פאַרנעמען יוספס געבעט און געוואָלט זיך אָפּרופן, נאָר מער נישט געקאָנט געוועלטיקן איבער זיין טויטן קערפּער.

יוסף האָט געזוכט דאָס פלעשל וואַסער, צו ברענגען צו אבשלומס מויל. דאָס פלעשל איז אָבער נישט געווען. די רויבער האָבן עס צוגענומען. פאַרצווייפלט האָט זיך יוסף איבערגעבויגן איבער זיין טויטן חבר, געהויכט אויף אים מיט זיין אָטעם, ביז ער איז אַליין געפאַלן אין אָנמאַכט לעבן אים. די זון האָט דערווייל אומברחמנותדיק געברענט. יוספן האָט געמאַטערט דער דורשט און די ווייטאָקן אין אַקסל. עס האָבן אים געטריקנט די ליפּן, און די צונג האָט זיך געקלעפּט צום מויל.

אַ פּאָר שעה איז אַזוי יוסף געלעגן לעבן טויטן חבר. ער האָט דערשפּירט, ווי זיינע אייגענע כחות פאַרלאָזן אים און אָט באַלד, און ער פאַלט אין אָנמאַכט, פון וועלכער ער וועט זיך שוין נישט אויפכאַפּן.

אין יוספס פאַרנעפּלטן מוח האָט זיך אָנגעהויבן אויסוועבן אַ געדאַנק וועגן ראַטעווען זיך און אַוועקגיין: וועלכע נוצן וועט ער ברענגען אבשלומען, ווען ער וועט אויך אויסגיין לעבן אים? איז דען נישט גלייכער, ער זאָל פּרוּוון זיך שלעפּן ווייטער? זיי זענען דאָך שוין געווען אַריבער דעם טערקישן פראָנט, און אַ מייל אָדער צוויי ווייטער, וועט ער, מעגלעך, אָנטרעפן אַן ענגלישן פּאַטראָל, און זיי וועלן אים ראַטעווען?

אין האַרצן האָבן אים אָבער געצופּט אַנדערע געפילן: ווי לאָזט מען איבער אַ פריינט, כל־זמן עס שלאָגט נאָך אַן אָדער? אמת, דאָס זענען נאָר גסיסה־קאָנוואַלסיעס, זיין געזונטער קערפּער לאָזט זיך שנעל נישט פאַרגליווערן. נאָך אַ פּאָר שעה און ער וועט זיין טויט. אָבער דערווייל איז ער דאָך נאָך וואַרעם. מאַ ווי לאָזט מען אים איבער?

געראַנגלט האָט זיך יוסף מיט זיך אַליין, נישט געוווּסט, ווי צו טאָן, און האָט זיך גערירט פון אָרט צו גיין. אין קאָפּ האָט זיך נעפּלדיק געפורעמט אַ געדאַנק, אַז ער מוז זיך ראַטעווען. נישט צוליב זיין אייגן לעבן, נאָר צוליב „נילי“. דאָ קאָנען אים כאַפּן די טערקן און אויסגעפינען, אַז ער איז אַ שפּיאָן. מען וועט פאַלן

אויף די שפּורן פון דער גאַנצער אָרגאַניזאַציע. ווען ער וועט זיך אָבער רוקן צו דרום, קאָן ער זיך נאָך ראַטעווען ביי אַן ענגלישן פּאַטראָל און איבערגעבן די שליחות, ברענגען הילף.

ער האָט אַראָפּגעצויגן פון אבשלומס פינגער דעם רינג, וואָס שרה האָט אים געגעבן, אַרויפגעטאָן אויף זיינעם; און ווי גע־שטויסן פון עפּעס אַ קראַפט, האָט ער זיך אויפגעהויבן צו גיין. ער איז גלייך צוריקגעפאַלן; נאָכאַמאָל זיך אויפגעהויבן, און פּויזענדיק אויף די הענט און פיס, גראַבנדיק מיט די פינגער פון די הענט דאָס זאמד, האָט ער זיך אָנגעהויבן רוקן אַלץ ווייטער און ווייטער אויף דעם קאַראַוואַנען־וועג, דערווייטערנדיק זיך אַלץ מער פון אבשלומען. ער האָט אָבער, ביז זיין אויג האָט פאַרכאַפּט, געוואָרפן אַלע ווײַלע אַ בליק צו יענעם שוואַרצן פלעק, וווּ אבשלום איז געלעגן. דער פלעק איז אַלץ געוואָרן קלענער און קלענער, ביז עס איז פאַרבליבן אַ קליין שוואַרץ פינטעלע, און דערנאָך אינגאַנצן פאַרשוווּנדן.

יוסף האָט זיך געלאָזט ווייטער און ווייטער. עס האָט זיך אַראָפּגעלאָזט די נאַכט און אים פאַרדעקט אונטער איר שאָטן. מיט אַ פּאָר שעה שפּעטער האָט אים אָנגעטראָפן אַ פּאַטראָל. יוסף האָט נישט געוווּסט, צי עס איז אַ טערקישער אָדער אַן ענגלי־שער. ער איז אָבער געווען אויסגעשעפּט און האָט נישט געמאַכט קיין פּרווו צו אַנטלויפן. ער האָט זיך איבערגעגעבן דעם גורל אין די הענט.

צו זיין פרייד אָבער איז עס געווען אַ פּאַטראָל פון ענגלישע הינדוסן. זיי האָבן אים פאַרכאַפּט אַלס אַ געפאַנגענעם בעדואינער און אָפּגעפירט קיין פּאָרט־סאַיד. דאָרט האָט מען אים אַריינגע־בּרענגט אין אַ שפּיטאָל, און ער איז גיך געקומען צו זיך.

עס איז אים געלונגען צו שטעלן זיך אין פאַרבינדונג מיט די „ניליי“־חברים אין קאַירא, און מען האָט געאײַלט אים צו־הילף.

דעמאָלט האָט ער איבערגעלעבט אַ גרויסע איבערראַשונג.

אהרן אהרנסאָן, וועלכער איז שוין דעמאָלט געווען אין מצרים, איז געקומען אים באַזוכן. יוסף האָט אים איבערגעגעבן די גייעס פון דער וויכטיקער שליחות, אַז דער ווידערשטאַנד פון די טערקן איז שוואַך, און די ענגלענדער זאָלן איילן צו פאַרנעמען ארץ־ישראל. ער האָט אים דערציילט די אַלע איינצלהייטן, ווי אַזוי

אבשלום איז געפאלן טויט אין דער מדבר, פארהוילנדיק דעם אמת, אז ער האט אים איבערגעלאזט א גוססן. ער, יוסף, האט וועגן יענעם טראגישן מאמענט נישט געקאנט ארויסברענגען פון מויל.

ביי אהרנסאנען זענען טרערן געפלאסן איבער די באקן.

— אבשלום איז טויט, — האט ער געמורמלט, — אומגע־קומען אזוי טראגיש. אליין אין דער מדבר, פארשאטן פון די זאמדן. עס בלייבט אפילו נישט קיין בערגל ערד, וואס זאל שפע־טער קאנען פארהייליקט ווערן ביי אונזער פאלק פאר דער דינסט פון זיינעם א מארטירער.

— אפשר איז מעגלעך צו שיקן פאטראלן צו יענעם ארט?— האט יוסף אים געפרעגט. — טאמער וועט מען געפינען זיין קער־פער? איך וועל זיי באגלייטן.

— מיר וועלן עס פרוון טאן, ווען דו וועסט אויסגעהיילט ווערן, — האט אהרן געזאגט.

יוסף האט מער וועגן דעם נישט גערוט. צי האט עס אים גע־מאנט דאס געוויסן, אדער די פליכט פון א חבר? אזוי צי אזוי, אבער מיט א פאר וואכן שפעטער האט ער זיך געלאזט מיט אן ענגלישן פאטראל צוריק צום מדבר זוכן יענעם פלאץ. זיי האבן זיך אבער אומגעקערט ליידיק. יוסף האט געננוי נישט געקאנט אויס־טיילן דעם פלאץ פון יענער געשעעניש.

אהרן האט אים געזאגט:

— איך האב לכתחילה געלייגט שוואכע האפענונגען, אז מען זאל אים קענען אפזוכן. די נאכטיקע ווינטן האבן זיכער ארויפגע־בלאזן כוואליעס זאמד און זיי האבן אים פארשאטן, פארגראבן טיף אונטער געדיכטע שיכטן און פארווישט אלע שפורן.

געבליבן זענען נאר אנדערע שפורן — קנייטשן פון טרויער און צער אויף די פנימער פון אהרנען און אלע איבעריקע חברים.

קאפיטל זעקס און דרייסיק

די נייעס פון אבשלומס טראגישן טויט האט דערגרייכט צו די חברים אין ארץ־ישראל.

נאכדעם, ווי יוסף האט זיך אויסגעהיילט אין שפיטאל און האט זיך איבערצייגט פון אהרנען, אז די ענגלענדער איילן זיך נישט צוליב אייגענע טעמים צו פארנעמען פאלעסטינע, האט ער געזען באטש איינצושטעלן ריכטיק דעם קאנטאקט מיט די שיפן. און איינער פון די חברים, וואס איז אריבערגעקומען פון מצרים מיט אזא שיף, האט עס געבראכט די טרויעריקע בשורה פון אבשלומס טויט.

געוועז זענען אלע חברים דערשלאגן פון אבשלומס טויט, אבער מער ווי אויף אלעמען, האט עס געמאכט א דערשיטערנדיקן איינדרוק אויף שרהן. זי, שרה, האט אויסער חברשאפט, אויך געהאט פערזענלעכע, ווארעמע באציאונגען צו אבשלומען; זי האט אים פארערט און אויך ליב געהאט. זי איז געווען אויפגעטרייסלט פון אומגליק, ארומגעגאנגען ווי צעטומלט און נישט געפונען קיין טרייסט. ערשט איצט האט זי געגארט צו זען נקמה פון די טערקן, שוין צוליב אבשלומען אליין.

שרה האט זיך געפילט עלנט און גענויטיקט זיך אין א העלפער, אנצופירן מיט דער טעטיקייט פון דעם שפיאנאזש. די פארבינדונג מיט די שיפן איז אנגעגאנגען פינקטלעך, און אויף איר ווונטש איז אינגיכן אויף איינער פון די שיפן יוסף לישאנסקי צוריקגעקומען, און זיך אראפגעלאזט אויף א שיפל ביים ברעג פון עתליט, צו פארבלייבן אין לאנד און העלפן שרהן אנפירן מיטן „נילי".

ער, יוסף, ווי שרה, זענען געווען אנגעפילט מיט צער איבער אבשלומס טויט, און אין דער טעטיקייט געזוכט צו פארגעסן זייער טרויער.

דערווייל איז די לאגע אין לאנד געווארן ערגער און ערגער. די טערקן האבן ביים פראנט אלץ געליטן שטארקערע מפלות און די שולד ארויפגעווארפן אויף יידן, אז זיי שפיאנירן פאר ענגלאנד. קיין באווייזן האט די מאכט נישט געהאט, אבער עס זענען געווען גענוג בלויז פארדאכטן, אום אריינצוווארפן אין תפיסה. די טורמעס אין נצרת און דמשק זענען געווען איבערפולט מיט יידישע יונגעלייט, נישט קיין דעזערטערן, וואנדערער, נאר פארדעטער און שפיאנען.

די יידן־פיינט האבן אויפגעהויבן די קעפ. זיי האבן געהעצט,

און אונטער זייער ווירקונג האָט דזשעמאַל פּאַשאַ אַרויסגעגעבן אַלץ נייע גזירות, ביז עס האָט דעם ישוב געטראָפן ווי אַ דונער דער גירוש פון יפו און אומגעגנט. די אַרויסגעטריבענע אויסוואַנדערער האָבן זיך צעלאָזט איבער די ישובים, און דאָרט געזייט שרעק און פאַרצווייפלונג, מער פון אַלעמען האָבן געליטן די „שומרים״. געטומלט האָט דאָס לאַנד מיט יידישע שפּיאָנען און מען האָט די „מרגלים״ געזוכט צווישן די שומרישע רייען.

דערוווּסט האָט מען זיך שוין אין לאַנד פון אהרן אהרנסאָנס פאַרראַט, אַז ער איז אין מצרים און העלפט די ענגלענדער, און דער פאַרדאַכט פון „מרגלים״ האָט געקריגן שפּורן צו פישל אהרנסאָנען אין הויז אין זכרון־יעקב. די יידן אַליין, צעשראָקענע, און באַשולדיקנדיק די מרגלים, אַז צוליב זיי קומען אַלע גזירות, האָבן געוויכט פון אהרנסאָנס הויז און געקוקט קרום אויף זיין טאָכטער, דעם ווייבל שרה, וואָס פאַרט אָפט אַרום, דרייט זיך אַרום מיט יונגעלייט און האָט שטענדיק סודות. מען האָט זיך אויך דערוווּסט, אַז דאָס געלט, וואָס איז אָן אַ נאָמען אָנגעקומען צו דעם קאָמיטעט צו העלפן די וואַנדערער, האָט געשטאַמט פון זכרון־יעקב.

אַ געפאַר האָט זיך אָנגערוקט אויף אהרנסאָנס הויז. זי, שרה, האָט עס געוווּסט, האָט אָבער איר טעטיקייט נישט אויפגעגעבן. זי איז פאַר דער צייט אַליין געפאָרן אויף אַ שיף קיין מצרים, דאָרט, מיט דער הילף פון איר ברודער אהרן, געזען זיך מיט הויך־ראַנגיקע ענגלישע גענעראַלן. זי האָט פאַר זיי געשילדערט די לאַגע פון דעם טערקישן מיליטער, זיין שוואַכקייט און הילפלאָזיקייט, זיי פאַרזיכערט, אַז זיי וועלן באַגעגענען אַ לייכטן ווידערשטאַנד. זי האָט פאַר זיי אויך פאַרגעשמעלט די פאַרצווייפלונג פון די יידן, ווי זיי זענען אויסגעשטעלט אויף אַלע גזירות, און וועלן אויך געוויס פאַגראָמירט ווערן, און אויפגעפאָדערט, אין נאָמען פון מענטשלעכקייט, צו איילן מיט זייער אָנגריף אויף פאַלעסטינע.

— מיר, אַ גרופּע מענטשן, אָפּפערן אונזער לעבן פאַר אונזער פאָלק, — האָט זי גערעדט מיט הארץ, — מיר האָבן אייך געבראַכט פיל אינפאָרמאַציעס. גיט אונז איצט אונזער באַצאָלט. גישט קיין געלט פאַרלאַנגען מיר, נאָר אייער הילף. קומט און ראַ־

טעוועט אונז, כל־זמן עס איז נישט שפעט. דאָס לאַנד איז מאַר אייך אָפן. וואָס זאָמט איר?

די קאַלטע ענגלענדער זענען אָבער נישט געוואָרן גערירט פון אירע היציקע רייד און געבעטן:

— מיר, פריילין, האָבן אונזערע אייגענע חשבונות, — האָט איר איין אָפיציר פון שטאַב געזאָגט, — ביי אונז איז שוין לאַנג באַשטימט די צייט און זאָגאַר די דאַטע, ווען מיר וועלן פאַרנעמען ארץ־ישראל. קיין שום אַרגומענטן קאָנען עס נישט ענדערן. אָבער אייך פערזענלעך וואָלט איך געוואָלט עטוואָס פאָרשלאָגן.

— מיר פערזענלעך מיינט דאָס לאַנד ארץ־ישראל און מיין פאָלק, — האָט שרה געענטפערט, — זיין אויסלייז איז מיין אייגן גליק.

— דאָך, פריילין, — האָט דער שטאַב־אָפיציר גערערט העפ־לעך, — וואָלט איך אייך פאָרגעשלאָגן צו בלייבן אין מצרים. אייער לעבן איז ביי אונז הויך געשעצט. איר האָט אין פאַלעסטינע אייער אויפגאַבע דערפילט. דאָרט איז נישטאָ וואָס אויפצוטאָן, און מצרים איז פאַר אייך אָפן. וואָס איר האָט געטאָן ביז איצט, איז איבער־גענוג.

אָבער שרה האָט פון דעם גאָרנישט געוואָלט הערן.

— איך וועל נישט פאַרלאָזן מיינע ברידער אַליין אין אַ שווע־רער שעה, — האָט זי געענטפערט, — זענען ביי אייך אָנגעלייגט אונזערע פאַרדינסטן, קומט אַריין אין לאַנד און העלפט אַלעמען. איך וועל פאַר מיר אַליין נישט זוכן קיין אַנטרינעניש.

זי איז מיט אַ שיף צוריקגעפאָרן אין לאַנד.

אָבער באַלד נאָך איר צוריקקער, האָט די פאַסירונג מיט נעמן בעלקינד אַרויסגערופן צעמישעניש און פאַרווירונג אין די רייען פון „נילי" און געבראַכט גרויס אומגליק.

* *
*

נעמן בעלקינד איז געווען אבשלומס אַ קוזין און זיינער אַן אינטימער חבר. אבשלומס טויט האָט אים דערשיטערט אין דער־זעלבער מאָס ווי אַלע חברים, אָבער אין דער צייט, ווען שרה,

יוסף און די איבעריקע חברים זענען ביסלעכווייז געקומען צו זיך פון דעם קלאַפּ, באַמיט זיך צו פאַרגעסן דעם, וועמען מען קאָן צוריק נישט לעבעדיק מאַכן, און זיך געוואָרפן נאָכמער אין דער אַרבעט, וואָס האָט איצט געפאָדערט מער אָנשטרענגונג. האָט ער, נעמן, זיך נישט געקאָנט באַפרייען פון דעם דערדריקנדיקן גייסט, וואָס די טראַגישע פּאַסירונג האָט אויף אים אויסגעאיבט. אָן אַ־מעט און מרה־שחורה האָבן זיך געלייגט אויף זיין געזיכט, אין פאַרזאָרגטע מחשבות האָבן אים געדריקט, ווי מיט אַ שווערער משא. אבשלומס געשטאַלט איז נישט אָפּגעטראָטן פון זיינע אויגן: איז עס מעגלעך, אַז אבשלום איז טאַקע טויט? וועט ער שוין ווירק־לעך מער זיך נישט באַווייזן, ער, מיט זיינע פלאַמענדיקע אויגן, מוסקולדיקן פנים, וואָס האָט געוויעט מיט גבורה און העלדיש־קייט?

ער האָט יוסף לישאַנסקין נישט אָפּגעלאָזט. נאָכאַמאָל און נאָכאַמאָל האָט ער אים געמוזט דערציילן אַלע איינצלהייטן, ווי אבשלום איז געפאַלן טויט, וווּ איז ער געווען דורכגעשאָסן, און ווי האָט ער אויסגעזען נאָכן טויט? יוסף האָט זיך געמאַטערט צו שילדערן פאַר אים יענע אומשטענדן, וועלכע ער האָט אַליין נישט געדענקט, ווו איינגנטלעך איז אבשלום געווען געשאָסן? און אפשר האָבן אים גאָר דערהרגעט די אָנקומענדיקע רויבער? און ווו איז דער בעדואינער, דער באַגלייטער?

נעמן האָט אַזוי לאַנג געפאָרשט, ביז יוסף האָט זיך אַרויס־געכאַפּט און אים דערציילט, אַז בעת ער, יוסף, איז אַוועק, האָט ביי אבשלומען אַ צוק געטאָן אַ ברעם, און זיין קערפּער איז נאָך געווען וואַרעם.

— האָט ער דאָך נאָך געלעבט?! — האָט נעמן אויסגעשריגן. — נאָך געלעבט?! און דו האָסט אים איבערגעלאָזט און אַוועק?

געמאַטערט האָט זיך יוסף אים צו דערקלערן זיין דעמאָלטיקן צושטאַנד, ווי ער איז אַליין געווען שווער פאַרוווּנדעט, און אויב ער וואָלט געווען וואַרטן לענגער, וואָלט ער זיכער אויך אומגעקו־מען, און אַז צו אבשלומען איז שוין סיי־ווי נישט געווען קיין הילף. נעמן האָט פון דעם אַלעם נישט געוואָלט וויסן.

— ער האָט דאָך נאָך געלעבט... — האָט ער געהאַלטן אין איין מורמלען, — נאָך געלעבט האָט אבשלום...

עס איז געווען, ווי אַ שלאַנג וואָלט אים מיטאַמאָל אַ ביס געטאָן. ער האָט זיך געצאַפּלט און צו זיך נישט געקאָנט קומען. עס איז געווען, ווי ער וואָלט אויף דידאָזיקע נייעס שוין לאַנג אויסגעקוקט און דערוואַרט. ער האָט שוין פון פריער געוווּסט, אַז אַזוי איז געווען, אבשלום איז נישט געווען טויט. נאָכמער, ער איז שוין איצט זיכער געווען איבערצייגט, אַז אבשלום איז זאָגאַר איצט נישט טויט. ער לעבט און וואַלגערט זיך איצט אַרום ערגעץ אַ קראַנקער, אַ געפאַנגענער. ער איז דערשלאָגן אין מוט פון פאַרצווייפלונג, וואָס פריינט האָבן אים פאַרלאָזן, געלאָזט אויף גאָטס באַראָט אין זאַמדיקן מדבר.

אַ פלאַמענדיקער צאָרן האָט זיך אין זיין האַרצן צעבּרויזט קעגן יוספן: ווי האָט ער עס געקאָנט איבערלאָזן אַ שטאַרבנדיקן חבר? ער האָט זיין פאַראַנטפערונג נישט פאַרשטאַנען, אַלע מאָטיוון זענען טאַקע ריכטיק, אָבער ווי קאָן מען דאָך זיין אַזוי גרויזאַם און אַוועקגיין, ווען דער חבר הויכט אויס זיין לעצטן אָטעם?

אַלע פּלענער פאַר דער אָרגאַניזאַציע פון „נילי" האָבן זיך ביי אים פאַררוקט אין הינטערגרונד. דאָס ערשטע איז געווען אבשלום. ער מוז אים געפינען. ער וועט זיך לאָזן אין דער מדבר, אויף דעמזעלבן וועג, און וועט זיכער פאַלן אויף זיינע שפּורן און אים ברענגען.

ער האָט אָנגענומען דעם באַשלוס צו לאָזן זיך זוכן אבשלומען, אָבער עס געהאַלטן בסוד, און זיך נישט אַרויסגערעדט פאַר קיינעם. ער האָט זיך אויך אויסגעהיט פון שרהן. ער האָט געוווּסט, אַז שרה וועט אים דערין שטערן. האָט זי דאָך נישט געוואָלט, אַז אבשלום זאָל גיין, ווייל עס איז געפערלעך דורכצורייסן זיך דורכן פראָנט, און איצט, ווען דער געוואַלט קעגן שפּיאָנען פּילט אָן דאָס לאַנד, און די וואַכזאַמקייט ביים פראָנט איז פאַרשטאַרקט, וועט זי דאָך געוויס אים נישט דערלאָזן אויספירן זיין פּלאַן.

ער האָט דעריבער געשפּילט אַ פאַלשע שפּיל. ער האָט זיך אונטערגענומען צו גיין קיין באר־שבע, דאָרט אויסשפּיאָנירן וועגן מיליטער, און צוגעזאָגט צו קומען גלייך צוריק. שרה האָט אים

פאר דעם צוועק באזארגט מיט א פאלשן פאספארט, וואס חנה האט פון א צייט געהאט ביי זיך, ווען זי האט עס נאך מיט חדשים צוריק געקריגן פון לייטענאנט פאן טירפיץ פאר אן אנדער חבר. וועלכער האט דערנאך נישט געקאנט אויספירן די שליחות.

ער האט זיך געזעגנט מיט שרהן און די איבעריקע חברים, מיט דעם צוזאג צו קומען אין צוויי וואכן ארום צוריק. ביי זיך אין הארצן האט ער זיך אבער צוגעגרייט אויף א לענגערער רייזע, וואס ער וועט מאכן דורך דער מדבר, נאך די פוס־טריט פון אבשלומען, וועמען ער וועט ברענגען א לעבעדיקן אהיים און אלעמען איבעראשן.

קאפיטל זיבן און דרייסיק

מיט אומגעדולד איז חנה געזעסן אויף דער סאפע אין איר צימער און אויסגעקוקט, עס זאל זיך הערן לייטענאנט פאן טירפיצם געוויינלעכער קלאפ אין טיר.

עס איז שוין געווען שפעט אין אוונט און היינריך האט שוין פון א שעה צוריק געדארפט זיין. וואס זאל עס באדייטן, וואס ער, היינריך, האט אנגעהויבן פארשפעטיקן? דאס איז שוין נישט געווען דאס ערשטע מאל. ערשט די לעצטע וואך האט ער אינגאנצן פארפעלט צו קומען אין באשטימטן טאג. ער איז אויף צומארגנס אריינגעלאפן און אין איילעניש פארענטפערט זיך, אז ער איז שטארק באשעפטיקט אין שטאב. דאס פלעגט קיינמאל נישט טרעפן. בכלל האט חנה אנגעהויבן מערקן, אז היינריך הויבט אן ווערן קעלטער צו איר. זאל עס זיין, אז ער האט זיך אנגעזעטיקט מיט איר ליבע, און זי הויבט אן צו ווערן אים איבערדריסיק? זוכט ער מיט איר איבערצוהאקן די באציאונגען? ווען דאס אליין זאל זיין דער פאל, וואלט חנהן שטארק נישט געארט. זי האט שוין איצט מער נישט געדארפט היינריכן. זי האט סיי־ווי פון אים קיין נוצן מער נישט געקאנט ארויסציען. דער געוואלט־געשריי איבער די שפיאנען האט אנגעפילט דאס לאנד. אלע אפיצירן האבן באקומען וואָרענונגען, זיי זאלן זיך אויסהיטן פון פרעמדער געזעלשאפט, און קוקן מיט פארדאכט און פאראורטייל אויף א מאן

אָדער אַ פרוי, וואָס זוכט זייער באַקאַנטשאַפט. זי, חנה, האָט גע־מוזט ווערן זייער פאַרזיכטיק. זי האָט דאָך פריער פון אים גע־פאָדערט אַזויפיל: ער, היינריך, האָט דאָך איר באַזאָרגט מיט ,,וויסיקעס'' צו דער פראַנט־ספּערע פאַר אַזויפיל יונגעלייט. האָט פאַר איר ,,ברודער'' געקריגן דעם קאָנטראַקט צוצושטעלן ווייַן, און די ,,שוועסטער'' אָנגעשטעלט אין שפּיטאָל. אָט איז נעמן בעלקינד איצט אויך אין באר־שבע אויף דעם פאַלשן פּאַספּאָרט, וואָס ער האָט איר באַזאָרגט. עס איז פאַר איר אַליין אַ געטלעכער וווּנ־דער, וואָס היינריך כאַפּט זיך נישט וועגן איר, און האָט צו איר אַזויפיל צוטרוי. געוויס האָט זי עס צו פאַרדאַנקען איר טאַקט און רייץ, וואָס האַלט אים אין געפאַנגענשאַפט, ווי מיט אַ צויבער, אָבער זי טאָר נישט איבערכאַפּן די מאָס און נישט פאַרלאַנגען צו־פיל.

חנה האָט דעריבער געהאַט באַשלאָסן מער קיין זאַך נישט צו ציען פון דעם לייטענאַנט. איצט וועט זי אָנהאַלטן איר ליבע צו אים, נישט פאַרשנדיק און נישט פאָדערנדיק. היינריך וועט זיך איבערצייגן, איידער ער וועט נאָך אָנהויבן צו פאַרדאַכטן, אַז זי איז אומשולדיק, און מיינט נישט קיין זאַך מיט איר ליבע צו אים.

זי וועט אָנהאַלטן איר ליבע־שפּיל, כדי אָפּצוהיטן פון פאַר־דאַכט. איר וואָלט אָבער נישט געאַרט, ווען היינריך רייסט איבער מיט איר און וואַרפט זי אַוועק.

דאָך אויסגעקוקט האָט זי יענעם אָוונט, היינריך זאָל קומען, צוליב אַן אַנדער טעם: עס האָט זיך דערוועקט ביי איר אין האַרצן אַ חשד, אַז ער, היינריך, ווייס שוין אַלץ. זי איז שוין אין זיין נעץ, און ער שפּילט איצט נאָר מיט איר אַ שפּיל, פּונקט ווי זי האָט עס פריער געטאָן מיט אים, כדי אַריינצוקריגן מער באַווייזן. געבראַכט האָט די שרעק דער אויפרודער אין לאַנד וועגן שפּיאָנען, און זי, חנה, האָט זיך דאָך געפילט אַזוי שולדיק. היינריך זאָל נאָר אַן עפן טאָן די אויגן, וועט ער זיך דאָך אַזוי לייכט אַרומזען.

געגאַרט האָט זי דעריבער, היינריך זאָל איצט קומען. זי וועט אַריינקוקן אין זיינע אויגן. זי וועט פאַרשן זיינע געזיכטס־שטריכן. זי קען דאָך אים אַזוי גוט. ער איז דאָך פאַר איר ווי אַן אָפן בוך. זי וועט נאָר אויפכאַפּן דעם שפּיציקן בליק אין זיינע אויגן, דעם קנייטש פון זיינע ליפּן, און זי וועט לייכט וויסן זיין הינטער־

גערדאַנק, וואָס איז באַהאַלטן בײַ איר אין האַרצן. זי וועט זיכער זען, אַז עס איז אַן אומזיסטע שרעק. הײַנריך האָט זי ליב און אַכטעט זי ווי פריער.

אָבער אָט איז שוין שפּעט און הײַנריך איז נישטאָ. חנה האָט קיין ליכט נישט אָנגעצונדן אין צימער. זי האָט אויסגעצויגן די פיס אויף דער סאָפע, אונטערגעשפּאַרט די הענט אונטערן קאָפּ, און אַזוי ליגנדיק, געלאָזט די געדאַנקען מישן זיך אין איר מח. דורך די פענסטער האָט אַ מאַטאָווע בלויקייט באַגאָסן די ווענט, אַ קרומער אָפּשײַן פון דער העלער לבנה האָט זיך געלייגט אויפן דיל. עס האָבן זיך צו איר דערטראָגן אָפּגעהאַקטע שמועסן פון שכנים, פאַרשטיקטע געשרייען, און דאָס וויינען פון אַ קינד. אַן אומעטיק־זיסע בענקשאַפט האָט זיך צעגאָסן איבער אירע גלידער. ווי גוט עס איז צו ליגן אַזוי איינע אַליין, די בלויע נאַכט זאָל זיך ציען אייביק, אָן אַן ענדע. אירע אויגן האָבן זיך אָנגעהויבן צו קלעפּן, אַ שלעפעריקייט האָט איר אָנגעהויבן אַרומקלאַמערן. זי האָט געדרעמלט.

— — — — — — — — — — —

ערשט מיטאַמאָל שווערע קלעפּ אין טיר האָבן חנהן אויפגעריסן. זי איז גלײַך געוואָרן וואַך, און איר האַרץ האָט אָנגעהויבן קלאַפּן האַסטיק. ניין, דאָס איז נישט הײַנריכס שטייגער פון קלאַפּן אין טיר.

אַ צעשראָקענע איז זי צוגעלאָפן צו דער טיר און אויסגעשריגן:

— ווער איז דאָס?

— איפּטאַח (עפן)! — האָט זי דערהערט אַ האַרטן אויסגעשריי.

חנה האָט אויפגעמאַכט די טיר. פאַר איר זענען געשטאַנען פיר טערקישע זעלנער מיט ביקסן אין די הענט און אַן אָפיציר.

— ביזטו עס חנה פערלשטיין? — האָט דער אָפיציר געפרעגט.

— יאָ. — האָט זי געענטפערט.

— קום מיט אונז, דו ביזט אַרעסטירט.

ווי זי וואָלט זיך פון לאַנג ריכטן אויף דעם, איז חנה נישט געוואָרן איבעררעשט, נישט געפרעגט קיין קשיות, נאָר געזאָגט קורץ:

— איך גיי!

דער אָפיציר האָט דערלאַנגט א ווונק. א סאָלדאַט איז צו איר צוגעגאַנגען, און קיימעלעך האָבן אָנגעהויבן צו קלימפּערן אין זיי־נע הענט.

חנה האָט אויסגעשטרעקט אירע הענט צום שמידן.

— אַזוי שלעכט האָלט עס מיט מיר? — האָט זי געפּרוּווט שמייכלען צום אָפיציר.

— אַסקאָט! — האָט דער אָפיציר א דונער געטאָן. — וואָס מיינסטו, איך בין לייטענאַנט פאָן טירפּיץ? מיך וועסטו נישט פאַרפירן, שפּיאָנען־באַנדע!

חנה האָט געשוויגן. זי האָט געוווּסט, אַז זי שטייט פאַר אַן אומגליק. אַלץ איז אויפגעדעקט. זי האָט צוזאַמענגענומען א פּע־קעלע זאַכן און זיך געלאָזט, באַגלייט פון די סאָלדאַטן, צו דער טיר.

אינדרויסן האָט אויף איר געוואַרט א קאַרעטקע. מען האָט זי אָפּגעפירט צו „באב אל עין" און פון דאָרט מיט דער באַן אָפּגע־שיקט קיין דמשק.

אין דמשק האָט מען איר געבראַנגט צו דעם טויער פון גע־פענגעניש „כאן אל באשא". א קליין טירל האָט זיך אויפגעעפנט אין הויכן טויער, און מען האָט זי אַריינגעפירט אינעווייניק אין טורמע. דאָרט האָט א זשאַנדאַרם מיט א מעשענער בלעך אויף דער ברוסט זי אַרויפגעפירט אין א קליינעם חדרל אויף א העכערן עטאַזש, וואָס האָט געהאַט א קליין פענסטערל צום דאַך, און האָט געזאָגט:

— דאָ איז דיין פּלאַץ.

ער איז אַוועק און חנה איז פאַרבליבן אַליין.

צעמישט זענען איר געלאָפן אָפּגעהאַקטע געדאַנקען אין קאָפּ, און זי האָט נישט געקאָנט אויפקלערן, וואָס דאָ האָט געטראָפן. פון דעם אָפיצירס רייד ביים אַרעסט האָט זי אַרויסגעדרונגען, אַז לייטענאַנט היינריך האָט איר נישט אויסגעגעבן, טאָ ווי אַזוי איז מען דערגאַנגען וועגן איר? און וואָס איז איצט מיט דעם לייט

טענאנט? ליידט ער אויך צוליב איר, אדער אפשר וועט ער איך נאך העלפן, און זי וועט נאך ווייטער קאנען אנהאלטן דאס שפיל?

זי האט פארשטאנען, אז אומגעזוימט וועט קומען אן אויס־פארשונג, און האט זיך צוגעגרייט צו האלטן שטייף און אלץ פאר־לייקענען. טאמער איז עס גלאט א צופאל און זי וועט אינגיכן זיין פריי...

אבער אין דעם טאג האט זיך צו איר קיינער נישט באוויזן. מען האט איר אריינגעווארפן אין חדרל א טרוקן שטיקל ברויט און מער האט זי קיינעם נישט אנגעזען.

ערשט אויפן צווייטן טאג האט מען זי אפגעפירט אין קאנ־צעלאריע פון מיליטערישן קאמענדאנט.

א דיקער מאן, מיט א פולן פנים און שארפע אויגן, האט איר אנגעקוקט פארצארנט.

— ביזטו חנה פערלשטיין? — האט ער געפרעגט מיט פאר־ביסענע ליפן.

— יא. — האט חנה געענטפערט.

— קענסטו א מאן לאמיטי?

חנה האט שנעל א טראכט געטאן: „לאמיטי"? דאס איז דאך דער נאמען אויפן פאלשן פאספארט, וואס זי האט געקריגן פאר בעלקינדן.

— יא, איך קען אים. — האט זי געענטפערט.

— און נעמן בעלקינד קענסטו?

צעמישט איז חנה געווארן און נישט געוווסט, וואס צו זאגן.

— דו קענסט אים? זאג! — האט דער קאמענדאנט אויס־געשריגן.

— ניין! — האט חנה זיך ארויסגעכאפט אין א שנעלן ענטפער.

— ניין? — האט דער קאמענדאנט א דונער געטאן און א קלונג געגעבן אין א גלעקל.

א באדינער איז אריינגעקומען.

— פיר אריין בעלקינדן! — האט דער קאמענדאנט בא־פוילן.

עס האָט געדויערט אַ פּאָר מינוט און נעמן בעלקינד, גע־שמידט אין קייטן, איז אַריינגעפירט געוואָרן אין צימער.

חנהן זענען פייערדיקע רינגען געלאָפן פאַר די אויגן. איצט איז איר שוין אַלץ קלאָר און פאַרשטענדלעך. בעלקינד איז גע־כאַפּט געוואָרן און ער האָט אַרויסגעגעבן, ווער עס האָט אים באַ־זאָרגט מיטן פאַלשן פּאַספּאָרט. זי האָט געוואָרפן אַ בליק אויף אים. בעלקינד האָט געהאַלטן די אויגן אַראָפּגעלאָזט און געקוקט אויפן דיל.

— נו, דו קענסט אים? — האָט זיך דער קאָמענדאַנט אויפ־געשטעלט.

— יאָ, איך קען אים! — האָט חנה געזאָגט.

— און ער איז דאָס דער לאָמיטי, וואָס האָט גענוצט דעם פּאַספּאָרט? — האָט דער קאָמענדאַנט געהאַמערט. — און איז מיט דעם געגאַנגען איבערן פראָנט אין דער מדבר צו שפּיאָנירן?

הנה האָט געשוויגן. „נעמן איז געגאַנגען איבערן פראָנט", ווי קומט ער אַהין? ער האָט דאָך נאָר געזאָלט גיין ביז באר־שבע?

— וואָס שווייגסטו? — האָט דער קאָמענדאַנט זיך אָנגעגאָסן מיט רציחה. ער איז צוגעגאַנגען נאָנט צו חנהן, אַריינגעקוקט איר אין די אויגן. און פּלוצלינג האָט זיך זיין פּנים צעפלאַמט. ער האָט אַראָפּגעכאַפּט אַ שווערע רימענע פּיל־פּאַפּיקע בייטש, וואָס איז געהאַנגען אויף דער וואַנט, און מיט די פאַרקניפּטע פּאַסן אָנ־געהויבן שלאָגן איבער חנהס פּנים, פּלייצע, ברוסט און וווּ עס איז נאָר געפאַלן.

— זאָג! — האָט ער געשריגן מיט שוים אויפן מויל. — זאָג! וווּ איז יוסף לישאַנסקי?

די פראַגע איז חנהן געקומען פּלוצלינג. זי איז געשטאַנען צעטומלט, פאַרקרימט פון ווייטאָק, געהאַלטן די ציין פאַרקלעמט אין מויל און געשוויגן.

— דו וועסט רעדן! — האָט דער קאָמענדאַנט אַ שליידער געטאָן דעם רימען און זיך געוואָרפן מיט די פויסטן. — דו וועסט רעדן! איך וועל פון דיר אַרויסשלאָגן רייד!

אויף חנהס פּנים האָבן זיך באַוויזן שטראָמעלעך בלוט.

— קענסט מיך אַפילו צום טויט שלאָגן! — האָט חנה אַרויס־

געריעדט מיט אָפּגעהאַקטן אָטעם, — וועל איך דיר מער נישט זאָגן. איך ווייס נישט קיין זאַך.

דאָס רינגענדיקע בלוט אויף איר פּנים האָט דעם קאָמענדאַנט אָפּגעהאַלטן. ער האָט זיך איצט געוואָרפן אויף בעלקינדן:

— זאָג, וווּ איז לישאַנסקי? — האָט ער אים געשלאָגן מיט די פויסטן איבערן פּנים און ברוסט. — וווּ איז ער, דער שפּיאָן?

בעלקינד האָט זיך געבויגן אין די קייטן און האָט זיך צעכלי־פּעט אַן ווערטער.

— איך וועל אייך ווייזן, איך וועל אייך ווייזן! — האָט דער קאָמענדאַנט געברומט ווי אַן אויפגערייצטע חיה. — איר שפּיאָנען, איר האָט אונז פאַרקויפט, אונז פאַרראַטן. דער לייטענאַנט האָט זיך געיאָגט נאָך אַ שיין פּנים, נאָך ווערמפּס. איך וועל אייך די הויט אָפּשינדן. לאָמיר נאָר אייך אַלעמען פאַנגען.

דורך אַ קלונג איז אַנגעקומען דער באַדינער און אָפּגעפירט חנהן און בעלקינדן אין זייערע באַזונדערע צימערלעך.

חנה איז געגאַנגען אַ וואַקלענדיקע, אַ צעבראָכענע. עס האָט איר נישט געאַרט די פיזישע ווייטאָקן, ווי די גייסטיקע ליידן: אַלץ איז איצט פאַרשפּילט. אַלע חברים וועלן געכאַפּט ווערן. מען וועט זיי אַרויפבריינגען אַהער, דאָ זיי אומבריינגען מיט אינקוויזיציעס און פּייניקונגען. זייערע טעג וועלן זיין געציילטע, דערנאָך וועלן אַריין די ענגלענדער און מען וועט זיי נישט געדענקען. נישט וויסן, וווּ זייער קבורה איז און פאַרגעסן וועלן ווערן זייערע מעשים.

אַ קאָשמאַר האָט זיך געמישט אין איר מח: ווי האָבן זיי דאָס אַלץ אויסגעפונען? האָט בעלקינד „גערעדט״? און ווי קומט בעל־קינד צום פראָנט? האָט עס אים שרה געלאָזט?

אויף איר ברעטער־נאַרע, אין איר שפּאַניקן צימער'ל, האָט זיך חנה אַ גאַנצע נאַכט געוואָרפן פון זייט צו זייט און נישט גע־קאָנט שלאָפן פון פיזישע און גייסטיקע יסורים.

קאַפּיטל אַכט און דרייסיק

די נייעס פון בעלקינדס אַרעסט האָט אויפגעשטורעמט דאָס לאַנד. דאָס איז געווען דער ערשטער באַוויז, אַז דער געשריי וועגן

שפּיאָנען אין לאַנד איז נישט קיין אויסגעטראַכטער בלבול, נאָר א ביטערער אמת. אַט האָט מען דאָך געכאַפּט א שומר ביים פראָנט, און מען האָט ביי אים געפונען א ביכעלע מיט אינפאָרמאַציעס וועגן מיליטער און ציפערן פון זייער צאָל. די יידן זענען ארומגעגאַנגען ווי דערשלאָגענע. ערשט איצט וועלן די יידן־העצער קריגן די אוי־בערהאַנט, און מען וועט אָנטאָן נייע גגישות און פּיין, און מען וועט נאָך נישט קאָנען זיך פאַרענטפערן.

אויך צווישן די חברים פון „נילי" האָט עס אריינגעבראַכט א צעמישעניש. ווי קומט עס, בעלקינד זאָל גיין צום פראָנט, נישט באַראַטנדיק זיך מיט זיי? האָט ער דען נישט געוווּסט, אַז ער ברענגט זיך אריין אויף זיכער אין טערקישע הענט, און וועט אויף אַלעמען ברענגען אַן אומגליק?

שרה און יוסף לישאַנסקי האָבן געברענט מיט צאָרן אויף בעל־קינדן. אָבער מיט צאָרן אַליין קאָן מען גאָרנישט מאַכן, און, אַזוי צי אַזוי, מוז מען בעלקינדן באַפרייען און פאַררייבן דעם גאַנצן טומל.

גענומען האָט יוסף א שווער פעקל גאָלדענע לירעס מיט זיך און געלאָזט זיך קיין רוחמה.

ער האָט זיך געזען מיט חברים, און מען האָט אָנגעהויבן צו־צוגרייטן וועגן אונטערצוקויפן די היטער פון געפענגעניש און ארויסגנבענען נעמנען פון דאָרט.

אָבער איידער וואָס ווען, האָט מען זיך דערוווּסט פון נעמנס א צווייטן דורכפאַל, וואָס האָט צעשטערט אַלע פּלענער, געבראַכט טויט און אומגליק אויף פיל חברים, און פאַטאַל צעבראָכן די עק־זיסטענץ פון דער שטילער „נילי".

עס איז געווען אַזאַ געשיכטע:

נעמן בעלקינד האָט פון דער צייט, וואָס ער האָט געדינט אין דער טערקישער ארמיי אין אָנהויב מלחמה, געהאַט פיל באַ־קאַנטע טערקישע אָפיצירן. אַנדערע האָט ער אַפילו געהאַט איבער־געקויפט, און זיי האָבן אים פאַר געלט געהאַט צוגעשטעלט קאָפּיעס פון מאַפּעס פון פראָנט, פאָטאָגראַפישע קלישעס פון די פאַרפעס־טונגען. צווישן די אונטערגעקויפטע, וואָס האָבן פאַר גאָלד אים גע־דינט מיט אינפאָרמאַציעס, איז אויך געווען דער קאָמאַנדיר עלי פואַד־ביי. דערזעלבער עלי פואַד־ביי האָט אים מיט א יאָר פריער

געהאָלפֿן באַפֿרייען אבשלומען, ווען מען האָט אים געכאַפּט דאָס ערשטע מאָל אין דער מדבר. איצט, האָט נעמן בעלקינד געוווּסט, געפֿינט זיך עלי פֿואַד־בײ מיט זיין אָפּטיילונג אין דער מדבר ביים פֿראָנט, און נעמנען איז איינגעפֿאַלן, אַז ער וועט אים אויסנוצן זיך צו ראַטעווען. ער וועט זיך פֿאַרענטפֿערן און זאָגן, אַז ער איז געפֿאָרן באַזוכן עלי פֿואַד־בײ, וואָס האָט אים געהאַט איינגעלאַדן צו זיך. נעמן האָט גערעכנט, אַז זיין באַקאַנטער קאָמאַנדיר וועט עס געוויס באַשטעטיקן. ער וועט זיכער זיך אָנשטויסן, אַז ער וועט קריגן גוט באַצאָלט דערפֿאַר, וויפֿל ער וועט פֿאַרלאַנגען, און ער, נעמן, וועט אַזוי אַרום אַרויס פֿריי.

נעמנס אויסרעכענונג איז אָבער געווען פֿאַלש געבויט. עס איז איצט געווען אַן אַנדער צייט. די שרעק פֿון שפּיאָנען האָט גע־מאַכט אויפֿציטערן יעדן איינעם. עלי פֿואַד־בײ האָט זיך געשראָקן פֿאַר זיין אייגענער פֿעל, און פֿאַרקערט נאָך, כדי עס זאָלן נישט אויפֿגעדעקט ווערן אַלטע זינד, האָט ער געוואָלט ווייזן זיין פּאַט־ריאָטישע טרייהייט, און האָט נאָכמער פֿאַרצויגן די שטריק איבער נעמנס האַלז.

ווען מען האָט נעמנס רייד טעלעפֿאָנירט צו עלי פֿואַד־בײ מיט אַן אָנפֿראַגע, צי עס איז אמת, האָט פֿואַד־בײ באַפֿוילן נעמנען צו ברענגען צו אים.

עלי פֿואַד־בײ האָט נעמנען אויפֿגענומען זייער פֿריינטלעך, ער האָט אים באַטראַכט ווי זיין גאַסט און אַרויסגעוויזן מיטגעפֿיל צו זיין לאַגע.

ער האָט אים אַריינגערופֿן אין אַ פֿאַרמאַכטן צימער און מיט אים געהאַט אַ פֿאַרטרוילעכן שמועס. דער קאָמאַנדיר האָט אים צוגעזאָגט, אַז ער וועט אים באַפֿרייען, און אים נאָך העלפֿן אַריי־בערגעמען צו די ענגלענדער. ער, נעמן, דאַרף נאָר מיט אים זיין אָפֿנהאַרציק. זאָל ער אים דערציילן, ווי ער קומט צום פֿראָנט, ווי ער האָט געקריגן דעם פּאַספּאָרט און אַלע איינצלהייטן.

נעמן האָט צום אָפֿיציר געהאַט גרויס צוטרוי, ער האָט אים דערציילט פֿון דער שפּיאָנאַזש־אָרגאַניזאַציע, פֿון אבשלומס טויט, לישאַנסקיס קומען צוריק אויף אַ שיף פֿון מצרים, און אַז ער, נעמן, איז געפֿאָרן אויפֿזוכן אבשלומען.

דער קאָמאַנדיר האָט אים פֿריינטלעך אויסגעהערט, אַריינגע־

ווארפן פון צייט צו צייט פראגן, וואס האבן ארויסגעבראכט נעמנס ענטפערס, מיט א צוגאב פון נעמען. ער האט דערציילט, ווי חנה האט אים באזארגט מיט דעם פאספארט אויף א פרעמדן נאמען, איר איינפלוס אויף דעם לייטענאנט פאן טירפיץ, וועגן שרהס און יוספס טעטיקייט מיט די ענגלישע שיפן, און האט צו־געזאגט דעם אפיציר פיל געלד פאר זיין פריינטשאפט.

נעמן האט אלץ דערציילט פארטרוילעך, זיך אלע ווייל ארומגעקוקט, צי אין צימער איז קיינער נישטא, אבער ווען אין צימער איז טאקע נישט געווען קיין זייטיקער מענטש, זענען אי־בער א דינעם ווענטל געזעסן אפיצירן, זיך צוגעהערט צו זיינע רייד, און אלץ פארצייכנט.

דער גורל פון „נילי" איז דעמאלט געווארן געחתמעט; אלע געהיימניסן, די גאנצע פארצווייגטע טעטיקייט פון דער ארגאניזא־ציע, מיט אלע נעמען פון די מיטגלידער זענען איצט געווען ביי די באאמטע אין די הענט.

און אזוי ווי דאס וואלט נאך געווען ווינציק, איז גלייך צו דעם צוגעקומען די סיבה מיט דער טויב.

יוסף לישאנסקי האט פון רוחמה ארויסגעשיקט דורך א גע־איבטער טויב א צעטעלע קיין מצרים וועגן בעלקינדס ארעסט. די טויב איז געווען אן אויסגעאיבטע, זי איז שוין געהאט געפלויגן עטלעכע מאל אהין און צוריק מיט שליחותן, און האט זיך ארויס־געוויזן פאר א פינקטלעכן שליח. מאכט זיך אבער דאס מאל, אז די טויב איז געווארן דורשטיק, און האט זיך אפגעשטעלט ביים ברעג פון קיסריה טרינקען. האבן זי דארט פארכאפט מיליטער, און מען האט ביי דער טויב געפונען א צעטעלע, צוגעבונדן מיט א געגנזן־פעדער צום פוס. אין צעטעלע האט יוסף געשריבן, מען זאל שיקן א שיף פאר אים און נעמנען, וועמען ער האט געהאפט צו באפרייען דורך שוחד.

יוסף האט דעמאלט גלייך געקוילעט די איבעריקע אויסגע־לערנטע טויבן, וואס ער האט געהאט. ער האט זיי באגראבן און פארשאטן אין פעלד, און אריבער מיטן אקער איבער דער פרישער ערד, מען זאל נישט דערקענען דעם פלאץ, אבער מיט דעם האט ער די שפורן פון דער געכאפטער טויב נישט געקאנט פארווישן.

דער טומל אבער איבער ביידע געשיכטעס, מיט בעלקינדן און

דער טויב, האָט געמאַכט אויפרודערן דאָס לאַנד, און צעשטערעמט די אַזוי אויך צערייצטע מיליטערישע מאַכט. די נייעסן פון פראָנט זענען אַזוי ווי פאַרגעסן געוואָרן צוליב דעם. דזשעמאַל פּאַשאַ האָט באַשטימט קאָמאַנדירן און אויפגעשטעלט עקסטרא עקספּעדיציעס, און צוזאַמען מיט די קאַימאַקאַמס פון די שטעט און קאָלאָניעס, האָבן זיך ארויסגעלאָזט אויף יאָגד צו זוכן די שפּיאָנען, זיי כאַפּן און פאַנגען.

חורבן און פאַרצווייפלונג האָבן דידאַזיקע גייענגן אויף די שפּיאָנען געבראַכט אויף דעם גאַנצן יידישן ישוב פון לאַנד: מוכתרים פון די קאָלאָניעס זענען אריינגעזעצט געוואָרן אין די תפיסות, יונגעלייט זענען ארויסגעשלעפּט געוואָרן פון די בעטן, גע־בונדן מיט שטריק און אריינגעוואָרפן געוואָרן אָן קיין שום אוים־רייד אין געפענגעניש. די טורמעס אין נצרת, דמשק און ירושלים זענען פאַרפולט געוואָרן, ביז עס איז נישט געווען קיין פּלאַץ צו זיצן. מענער זענען געשלאָפן אין קעלערן, אויף פעלדער, אין רערן פון וואַסער, אַבי אויסצומיידן די איבערפאַלן.

צעיושעט אין ווילדער רציחה האָבן די גרויזאַמע קאַימאַקאַמס געשלאָגן און געפּייניקט, געמאַטערט און פאַרשפּאַרט אין תפיסה, און זיך אַלץ נישט בארויִקט.

* *

*

דער גייעג נאָך שפּיאָנען האָט זיך איצט קאָנצענטרירט אויף איין נאָמען. מען האָט געזוכט יוסף לישאַנסקין, וועלכער איז באַ־טראַכט געוואָרן פאַר דעם אָנפירער פון דער גאַנצער אָרגאַניזאַציע. פאַלשע געשיכטעס האָבן זיך שנעל געשאַפן וועגן דעם בלאָנדן בחור מיט דעם קינדערישן שמייכל; מען האָט אים פאָרגעשטעלט ווי אַ ווילדע חיה, אַ גרויזאַמער, שרעקלעכער מאָנסטער, וועמען מען מוז פאַנגען, אויב נישט, איז מען אין געפאַר.

די יידן אַליין זענען אויך אריינגעצויגן געוואָרן אין דעם גע־יעג. עס האָבן זיך געגרינדעט יידישע קאָנטער־שפּיאָנאַזש־אָרגאַניזאַ־ציעס, וואָס האָבן געהאַט פאַר אַן אויפגאַבע צו העלפן כאַפּן לישאַנסקין.

— צוליב אים דראַט אַ געפאַר דעם גאַנצן ישוב, — האָט מען געטענהט, — און צוליב דעם ווײַל פון אַלעמען, מעג מען איבער־געבן איינעם.

איבער שומרון און יהודה, איבער דעם גאַנצן גליל, האָבן די מיליטערישע עקספּעדיציעס אויסגעשפּרייט נעצן און געזוכט יוסף לישאַנסקין. מען האָט געגישטערט און געגריבלט זיך אין יעדן דאָרף און שטאָט:

— יוסף לישאַנסקי מוז געפאַנגען ווערן! יוסף לישאַנסקי, דער קאָפּ פון די שפּיאָנען!

קאַפּיטל ניין און דרײַסיק

עס איז אָנגעקומען דער ערשטער טאָג פון יום־טוב סוכות. אין זכרון־יעקב, ווי אין אַלע אַנדערע יידישע קאָלאָניעס, האָבן די יידן געפּייערט דאָס יאָר דעם יום־טוב מיט אַ שווער האַרץ. כאָטש דער הימל איז געווען קלאָר, האָט מען דאָך געפילט, ווי שווערע וואָלקנס וואַלטן אונטער אים געהאָנגען. מען האָט זיך געריכט אויף שווערע טעג. די טערקישע אַרמיי, דורכגעזיפּט מיט עסקט־רייכער, האָט זיך געהאַלטן בײַם צעפאַלן. די ערשטע שטיקלעך פון איר, אין פאָרם פון דעזערטירן, האָבן זיך אָפּגעריסן פון איר, און זיך צעברעקלט איבערן לאַנד. זיי האָבן, אָפּגעריסענע, מידע און פאַרצווייפלטע, געוואַלגערט זיך איבער די וועגן, געקלאַפּט אין יע־דער טיר, און ווי משוגענע חיות, מיט אָפענע מײַלער אויסגעקוקט אויף רויב און פּלינדער.

עס איז געווען אַ שרעק אַרויסצולאָזן זיך אין וועג. אָבער אי־נעווייניק, אין דער זכרון־קאָלאָניע, איז נאָך געווען פאַרהעלטניס־מעסיק רואיק. מען איז נאָך געגאַנגען אין שול דאַווגען, באַזוכט איינער דעם אַנדערן. מען האָט זיך אָבער געהאַלטן נאָענט פון די הײַזער, גרייט יעדע מינוט צו זוכן אַ באַהעלטעניש.

בײַ פישל אַהרנסאָנען אין הויז איז מיטן פאַרטאָג אָנגעקומען אַ גאַסט. אַ מיידל מיט אַ טיכל אויפן קאָפּ, זי האָט שטיל אָנגע־קלאַפּט אין פענסטער. ווען מען האָט פאַר איר די טיר געעפנט, און זי איז אַריין אין הויז, האָט „זי" שנעל אַראָפּגעוואָרפן פון זיך

דאָס קלייד, אַראָפּגעצויגן דאָס טיכל פון קאָפּ און — עס איז געווען יוסף לישאַנסקי.

די וואָנסעס זענען בײַ אים געווען אינגאַנצן אָפּגעגאָלט, די ברעמען פון די אויגן אַרומגעשוירן דין, און די האָר פון קאָפּ פאַר־וואַקסן און פאַרקיילעכדיקט.

די שטוביקע זענען געווען איבעראַשט. באַלד איז שרה פון איר צימער אַרײַנגעלאָפן און מיט וווּנדער אויסגערופן:

— יוסף? פונוואַנען קומסטו? ווייסטו, וואָס עס טוט זיך? מען זוכט דאָך דיך אַרום איבערן גאַנצן לאַנד?!

— איך ווייס, שרה, איך ווייס אַלץ, — האָט יוסף געענט־פערט מיט אַ ציטער אין קול, — מײַן בילד איז אָפּגעדרוקט אויף צירקולאַרן און צעשיקט צו אַלע מוכתרים און קאַימאַקאַמס אי־בערן לאַנד. צוויי הונדערט לירעס האָט מען באַשטימט פאַר מײַן קאָפּ. נעמן האָט דאָס אונז אַלעמען אומגליקלעך געמאַכט. מיר זענען פאַרלוירן.

— זײַ מוטיק, יוסף! — האָט שרה געקוקט, ווי ער ציטערט פון שרעק. — מיר האָבן זיך אויף דעם געדאַרפט ריכטן, ווען מיר האָבן אונטערגענומען אונזער שפּיאָנען־אַרבעט. עס איז אָבער נאָך דאָ אַ האָפענונג. יעדן טאָג קאָנען אָנקומען די ענגלענדער און מיר זענען געראַטעוועט. אָבער זע, דו ביזט אַזוי פאַרשטויבט און פאַר־שמאַכט. דײַנע באַקן זענען אַזוי אײַנגעטריקנט. גיי, וואַש זיך אַרום, טו זיך איבער. איך האָב דאָ מײַנע ברידערס אַנצוגן. איך וועל דיר אויך געבן עסן.

יוסף האָט זיך אַרומגעוואַשן. ער האָט געגאָסן דאָס קאַלטע וואַסער אויף זײַן קערפּער און פּנים, און זיך געקוויקט. צוזאַמען מיטן שווייס און שטויב, זענען אויך אַראָפּגעשווענקט געוואָרן שטיקער פון זײַן יאוש און פאַרצווייפלונג. ער האָט זיך דערשפּירט פרישער און גרינגער. ער האָט געגעסן מיט אַפּעטיט, און ווען ער איז אַביסל געקומען צו זיך, האָט ער געזאָגט:

— שרה, דו וווּנדערסט זיך, ווי איך זע אויס? שוין צוויי וואָכן, אַז איך האָב נישט אַראָפּגעצויגן די זאַכן פון מײַן קערפּער, געגעכטיקט צווישן שטיינער און גריבער, דערהאַלטן די נשמה מיט רויע פּרוכטן, וואָס איך האָב אויסגעריסן פון גערטנער אויפן וועג. אין רוחמה האָב איך עס דערהערט פון בעלקינדס דורכפאַל, ווי ער

האָט זיך געלאָזט פאַרפירן פון אָפיציר, און אַלעמען אַרויסגעגעבן. איך האָב דערהערט, אַז מען זוכט מיך, און גלייך געזען צו אַנט־רינען. אַ חבר האָט מיר געבראַכט אַן עסטרייכישן אוניפאָרם, און פאַרקליידט אַלס עסטרייכישער זעלנער, האָב איך אַזוי דערשלעפּט זיך ביז פּתח־תקוה, דאָרט בין איך אַריינגעפאַלן צו אונזער חבר מועלקין אין הויז, אָבער זיין ווייב איז געווען זייער דערשראָקן. עס האָט געדראָט מיט טויט־שטראָף דעם, וואָס וועט מיך אויסבאַ־האַלטן, האָבן זיי מיך באַזאָרגט מיט די מיידלשע קליידער און אַביסל פּראָוויאַנט, און איך האָב זיך געלאָזט אַהער. אין די נעכט בין איך געגאַנגען, און אין די טעג געלעגן צווישן די בערג.

— אָבער דאָ, יוסף, איז פאַר דיר קיין אָרט נישט, — האָט שרה געזאָגט, — דו ווייסט דאָך, ווי פאַרדעכטיקט אונזער הויז איז. יעדע רגע קאָן מען אונז קומען אַרעסטירן. איך פאַרשטיי נישט, פאַרוואָס זיי טוען עס ביז איצט נישט. זיי ווייסן דאָך, אַז אהרן איז אין מצרים?

— טאָ ווו זאָל איך זיך אַהינטאָן? — האָבן יוספס אויגן גע־קוקט מיט שרעק. — איך האָב די גאַנצע צייט געהאַט איין האָפע־נונג, צו דערגרייכן אַהער, צו אייך אין הויז, און איצט שרעקט איר זיך אַלע פאַר מיר.

— שרעקן זיך? — האָט שרה אויפגעכאַפּט זיינע לעצטע ווערטער. — ווי קומט עס, יוסף, דו זאָלסט פון מיר און פון אונז אַלעמען אין הויז אַזוי דענקען? אהרן איז נישט לאַנג דאָ געווען אויף אַ קריגס־שיף, געוואָלט מיך אַריבערנעמען קיין מצרים. אין זיכערקייט, און איך האָב אים אָפּגעזאָגט. איך שרעק מיך נישט, טייערער יוסף, איך מיין פאַרקערט, צו וואָס זאָל מען דיך כאַפּן ביי אונז אין הויז, ווען איך בין זיכער, אַז זיי וועלן דאָס הויז באַ־פאַלן און מיך אַרעסטירן?

געערעדט האָט שרה אַזוי גלייכגילטיק וועגן איר אייגענעם גורל, אַז ביי יוספן האָט גערירט דאָס האַרץ מיט אַכטונג און פאַרערונג צו איר.

— אַנטשולדיק מיר, שרה, — האָט ער געזאָגט, — איך בין צעמישט, אָנגעזאָפּט מיט שרעק, און ווייס נישט, וואָס איך רעד. הלוואי וואָלט איך געווען אַזוי שטאַרק אין גייסט ווי דו. אָבער איך

ווײַל, שרה, זײַן לעבן דיר. וועט מען דיך פֿאַנגען, וועל איך גײן צו־זאַמען מיט דיר.

— דו וועסט מיר, יוסף, מיט דעם קײן טובה נישט טאָן, ווען מען וועט דיך אַרעסטירן צוזאַמען מיט מיר. עס ו׳עט מיר פֿון דעם נישט זײַן גרינגער, קײן קאָמפּאַניע דאַרף מען דאָרט נישט. — האָט שרה ביטער געשמייכלט.

— אָבער איך קאָן סײ־ווי אין ערגעץ נישט גײן, — האָט יוסף געזאָגט, — דאָס לאַנד איז דאָך אויפֿגערודערט וועגן מיר. פֿיל פֿון אונזערע יידן אַליין, ווען זײ וועלן מיך דערזען, וועלן זײ מיך איבערגעבן אין די הענקערס הענט.

— איך האָב אַן עצה, יוסף, — האָט שרה געזאָגט, — איך וועל מיך פֿריער אַריבערכאַפּן צום חבר לאַשינער אין הויז. ער וווינט בײַם עק פֿון דער קאָלאָניע, פֿון אים ווייסט קײנער נישט. איך וועל מיט אים איבערדעדן, ער זאָל פֿאַר דיר מאַכן אַן אָרט אין קעלער פֿון הויז. וועסט זיך דאָרטן אויפֿהאַלטן, ווי לאַנג עס וועט זײַן מעגלעך, און אויב דו וועסט מוזן אַנטלויפֿן, ביזטו גלײַך הינטער דער קאָלאָניע אויף די פֿרײַע פֿעלדער.

— איך בין גרײט, — האָט יוסף געזאָגט, — און אויב גײן, איז טאַקע גלײַך איצט, איידער עס ווערט ליכטיק, און מענטשן וועלן מיך דערקענען.

— וואַרט, — האָט שרה אויפֿגעעפֿנט אַ שופֿלאָד, — דאָ האָסטו אַ ציק גאָלדענע לירעס. נעם עס מיט זיך. גאָלד קאָן דיר אַמאָל אַרויסהעלפֿן.

ער האָט זיך צעקושט מיט שרהן און די איבעריקע אין הויז. דער אַלטער פֿישל, דער פֿאָטער, האָט אים געדריקט וואַרעם די האַנט און געגלעט מיט פֿאָטערלעכע רחמנות־בליקן. טרערן זענען געשטאַנען אין אַלעמס אויגן. אַלע האָבן זיך אָבער באַהערשט און די טרערן דערשטיקט און אַראָפּגעשלונגען.

שרה איז אַוועק צום חבר לאַשינער און יוסף באַלד נאָך איר. ליידיק זענען געווען די גאַסן און קײנער האָט זײ נישט באַמערקט.

קאַפּיטל פערציק

שרהס פּאָראויסזען, אַז מען וועט זיך נעמען צו זייער הויז, איז מקוים געוואָרן שנעלער, ווי זי האָט גערעכנט.

נאָך דעמזעלבן טאָג, פאַרנאַכט, ווען שרה איז געשטאַנען בײַ דער שוועל פון איר הויז און געמיטלעך געשמועסט מיט עטלעכע באַקאַנטע מיידלעך פון דער קאָלאָניע, האָט פּלוצלינג אויסגעבראָכן אַ טומל אין גאַס. ווי צעמישט, מיט ווילד־צעשראָקענע אויגן, זענען מענטשן געלאָפן אָן אָטעם זיך צו באַהאַלטן אין לעבער אַרום זייערע הייזער.

— זשאַנדאַרמען מיט זעלנער רינגלען אַרום די קאָלאָניע! — האָבן זיך געטראָגן קולות אין דער לופט.

— דער קיימאַקאַם פון חיפה, מיט דעם קאָמענדאַנט פון נצרת זענען אויך דאָ!

— גאַנץ זכרון איז אַרומגענומען פון זעלנער!

די מיידלעך האָבן מיט שרעק געקוקט אויף שרהן.

— גייט שנעל אַהיים, קינדער, — האָט שרה צו זיי געזאָגט אין אַ רואיקן טאָן, — דאָס קומט מען נאָך מיין נשמה.

איבער די אויסגעליידיקטע גאַסן האָבן זיך געטראָגן, רייטנדיק אויף פערד, צוויי רייען זשאַנדאַרמען, מיט דעם קיימאַקאַם פון חיפה און קאָמענדאַנט פון נצרת אין דער שפּיץ. די טויבע אָפּקלאַנגען פון די פערד־טריט האָבן דערגרייכט צו די באַהעלטענישן און געמאַכט אויפציטערן די לייבער פון די פאַרשטעקטע מענטשן.

די רייטער האָבן זיך גענומען רעכטס, דערגרייכט צו פישל אהרנסאָנס הויז, און עס אַרומגערינגלט פון אַלע זייטן.

זיי זענען אַראָפּ פון די פערד.

דער קיימאַקאַם פון חיפה, כאַמיד־בײַ, האָט דורכגעלאָזט דעם קאָמענדאַנט פון נצרת פאָראויס, און טרעטנדיק מיט די שווערע טריט, מיט קראַפט אַ שטויס געגעבן די טיר.

זיי זענען אַריין אינעווייניק אין הויז.

פישל אהרנסאָן, מיט זיין זון צבי און טאָכטער שרה, זענען געשטאַנען אינמיטן גרויסן פאָדערשטן צימער, און מיט שרעק אָנגעקוקט די אַריינגעקומענע.

כאמיד־ביי, א פלײשיקער, מיט א פולן פנים און לאנגער אדלערדיקער נאז, וואס האט זיך ארויסגעשניטן ביי אים מיט א פארשיכורטער רויטקייט אריבער פארפלינלטע וואנסעס, האט געגלאנצט מיט גרוי־שטאלענע אויגן איבער די שטוביקע און אויסגערופן:

— פישל אהרנסאן!

— איך בין עס! — האט דער אלטער פישל ארויסגערוקט זיך נענטער.

— וווּ איז דיין זון אהרן? — האט כאמיד־ביי א שטורעם געטאן, און זיינע אויגן האבן אנגעהויבן שיסן מיט בייזע פייערן.

— איך ווייס נישט, — האט דער אלטער מאן געציטערט, — זינט ער האט פארלאזן דאס לאנד, האב איך פון אים נישט געהערט.

— און וווּ איז יוסף לישאנסקי? — האבן זיך כאמיד־ביים אויגן געטונקט אין מוטנער פליסיקייט.

— איך ווייס נישט.

— קום אהער! — האט כאמיד־ביי אנגעטייטלט אויף שרהן. שרה איז געלאסן צוגעטראטן נאנט צו די „געסט".

— וווּ איז יוסף לישאנסקי? — האט כאמיד־ביי איבערגעחזרט צו איר דיזעלבע פראגע.

— איך ווייס נישט.

— דו ווייסט נישט, דיין פאטער ווייסט נישט, וווּ ס'איז אהרן — ווייסט איר נישט, וווּ יוסף — ווייסט איר נישט; איר וועט באלד ביי מיר אלץ וויסן! — האבן כאמיד־ביים קולות געטרייסלט די ווענט.

ער האט געגעבן א פייף און א פאר זשאנדארמען האבן זיך באוויזן אין טיר.

— די פאלאקע! — האט ער אויסגעשריגן.

א נאסער רימען האט אויפגעטויכט אין די הענט פון די זשאנדארמען.

לאנגזאם, קאלט, ווי זיי וואלטן געטאן אן אומשולדיקע מלאכה, האבן זיי א נעם געטאן דעם אלטן פישל. פון אים אראפגעצויגן די שיך און זאקן, און מיט דעם נאסן רימען אנגעהויבן צו שמייסן איבער די שפיצן פינגער פון זיינע פיס.

פישלס קערפּער האָט זיך געקאָרטשעט פון ווייטאָק. זיין פּנים האָט זיך געקרימט אין אַ שרעקלעכער גרימאַסע. עס האָבן זיך גע־הערט קרעכצן.

— זאָג, ווו איז יוסף לישאַנסקי?? ער איז דאָ געווען! — האָט כאַמיד־ביי אַליין איבערגענומען דעם רימען אין די הענט.

— זאָג דו, וועט מען דיין טאַטן נישט שלאָגן! — האָט דער קאָמענדאַנט פון נצרת געווענדט זיין בליק צו שרהן.

ביידע האָבן געשוויגן.

— זאָג! — האָט כאַמיד־ביי אָנגעהויבן מיט ווילדער רציחה פּאָכען מיטן רימען איבער דעם אַלטן. — איך וועל דיך צום טויט דערשלאָגן!

— שמע ישראל! — האָבן געשעפּטשעט פישלס ליפּן, גע־מישט מיט קרעכצן, און ער איז אַראָפּגעפאַלן פון בענקל אויף דער ערד. זיין קאָפּ האָט זיך צעקלאַפּט אָן וואַנט. זיינע ליפּן האָבן אָבער נאָכאַנאַנד געהאַלטן אין שעפּטשען אומפאַרשטענדלעכע ווערטער.

שרה מיטן ברודער זענען געשטאַנען און זיך צוגעקוקט. יע־דער שמיץ איבערן פאָטער האָט געריסן זייער לייב, ווי מען וואָלט פון זיי געצופּט מיט צוואַנגען לעבעדיק פלייש. פאַר די אויגן זע־נען זיי געלאָפן פייערדיקע רעדער. שרה האָט געביילט די פויסטן.

פּלוצלינג האָט זי אויפגעשווידערט: דער פאָטער האָט אַ מאַך געגעבן מיט דער האַנט און אַ מורמל געטאָן. ווערט ער שוואַך? האַלט נישט אויס, און וויל אויסזאָגן, ווו עס איז לישאַנסקי?

— טאַטע! — האָט זיך דערהערט שרהס אויסגעשריי. — זיי שטאַרק! געדענק, דו ביזט שוין אַלט. געציילטע יאָרן זענען דיר פאַרבליבן. שטאַרב בעסער מיט ערע.

דעם פאָטערס פאַרגלאָצטע אויגן האָבן זיך אויסגעדרייט צו איר מיט פאַרלאָפענע ווייסלען. אויפן פּנים איז געווען פאַראיבל.

— איבעריק דיין אָנזאָגן, — האָט ער אויסגעקרעכצט.

כאַמיד־ביי, אויפכאַפּנדיק דאָס איבערוווערטלען זיך צווישן פאָ־טער און טאָכטער, האָט זיך געוואָרפן אויף שרהן:

— דיך וועל איך נאָך ערגער שלאָגן! — האָט ער דעם רימען געלאָזט פאַלן איבער איר קאָפּ, איבער די אַקסלען, און ווו עס האָט נאָר געטראָפן.

— דערציי‏ל אַלץ, וואָס דו ווייסט!
— איך ווייס קיין זאַך נישט!
— דו ווייסט, דו ווייסט! דו ביזט אַ פאַררעטערין, אַ שפּיאָן!

ער האָט אויפגעמאַכט די טיר, אָנגעכאַפּט שרהס האַנט, אירע שפּיצן־פינגער אַריינגערוקט אין דער עפענונג און לאַנגזאַם געפירט די טיר צוריק, צו פאַרמאַכן.

די טיר האָט געדריקט און זיך איינגעקוועטשט אין אירע פינ־גער. שרהס פּנים האָט זיך אויסגעדרייט פון יסורים. זי האָט פאַר־שטשירעט מיט די ציין, איינגעביסן די ליפּן ביז בלוט, און זיך געקאַרטשעט פון פּיין.

דער פייניקער האָט אַ ווײַלע נאָכגעלאָזט דעם דרוק.

— דערציי‏ל, און מיר וועלן דיך אָפּלאָזן!

שרהס אויגן האָבן איצט געשפּריצט מיט פייער. זי האָט אַ צי געגעבן דעם אָטעם און ווילד אויסגעשריגן:

— פייניקט מיך, שלאָגט מיך, וויפל איר גלוסט! אומזיסט! פון מיין מויל וועט איר קיין זאַך נישט אַרויסקריגן! איר קאָנט מיך פאַרפייניקן צום טויט!

דער קאָמענדאַנט האָט מאָדנע אַ קוק געגעבן אויף שרהן. איז עס געווען אַכטונג פאַר איר שטאָלץ, אָדער אַ פונק פון רחמנות? ער האָט עפּעס אַ מורמל געטאָן צו כאַמיד־בײַ.

— מיר וועלן דיך לאָזן אַ ווײַלע אָפּרוען, — האָט כאַמיד־בײַ געזאָגט, — זיך באַדענקען. אפשר וועט איר אַלע בעסער ווערן, און אַרויסגעבן אַלץ, וואָס איר ווייסט; אויב נישט, וועלן מיר אייך אַזוי־פיל פייניקן, אַז איר וועט אויסגיין פאַר אונזערע אויגן.

שרה האָט אַ וואַקלענדיקע, אַ געבויגענע, זיך צוגעשלעפּט צו דער קיך. מיט דער לינקער האַנט האָט זי אָנגענומען אַ גלאָז וואַ־סער, צוריק זיך דערשלעפּט ביז צום טאַטן, און זיך איבערגעבויגן איבער אים:

— טרינק, טאַטע, איך בין שטאָלץ מיט דיר. מיר וועלן בע־סער שטאַרבן ווי העלדן.

מען האָט אָנגעצונדן פייער, און כאַמיד־בײַ מיט די זשאַנדאַר־מען האָבן זיך באַזעצט אין הויז. מען האָט געבראַכט צו שלעפּן דעם מוכתר, און ער האָט געמוזט מיט זיי אַרויסגיין און אָנווייזן, ווו עס וווינען די מענטשן, וועמענס נעמען דער קאַימאַקאַם האָט

געהאַט אויף אַ ליסטע. מען האָט אַלעמען צונויפגעשלעפּט צו די אהרנסאָנס אין הויז, דאָרט געמאַכט די הויפּט־קוואַרטיר פאַר די געפאַנגענע.

פאַרטאָגס האָט דער קאָמענדאַנט אַלע געפאַנגענע אָפּגעפירט קיין נצרת. כּאמיד־ביי איז פאַרבליבן מיט די אהרנסאָנס אין הויז.

די פּייניקונגען האָבן אָנגעהויבן זיך איבערצוחזרן נאָך מיט מער גרויזאַמקייט. דערהויפּט האָט דער אכזר אויסגעלאָזט זיין ווילדן צאָרן צו שרהן. ער האָט אויף איר אויסגענוצט אַלע אינ־קוויזיטאָרישע מיטלען, האָט איר געשלאָגן איבער די הענט און פיס, געבראָכן יעדן גליד באַזונדער, צוגעלייגט פייערדיקע אייער אונטער אירע אָרעמס, זי געשמעלט אויף ברענענדיקע אייזנס. איר לייב איז געוואָרן שוואַרץ פון יסורים.

ער האָט איר אָפּגעלאָזן אַ ווייַלע, אויף קורצע מינוטן, זי זאָל קאָנען אָפּכאַפּן דעם אָטעם און אַרויסברענגען אַ וואָרט פון מויל, אָבער דעמאָלט זענען אַנדערע ווערטער געפלויגן מיט בלו־טיקן שוים פון שרהס מויל:

— איר וועט אונטערגיין, פּייניקער. — האָט זי ווילד גע־שריגן. — עס קלאַפּט אייער לעצטע שעה. יאָ, איך ווייס אַלץ און וועל אייך גישט זאָגן. איך אַליין האָב עס געטאָן. איך האָב שפּיאָ־נירט פאַר ענגלאַנד, ווייל איך וויל זען אייער סוף, און באַפרייען די יידן פון אייער הערשאַפט.

פיר טעג האָבן זיך אַזוי געצויגן די מאַטערנישן פון שרהן, איר פאָטער און ברודער. כּאמיד־ביי האָט מיטאמאָל געקריגן באַ־ווייזן, אַז יוסף לישאַנסקי איז ביי זיי געוועזן דעם טאָג פון זיין קומען. די אַראַבישע דינסט ביי אהרנסאָנען האָט זיך אין דעם מודה געווען, אַז זי האָט געזען יוספן אין הויז. דאָס האָט נאָכ־מער אויפגערייצט כּאמיד־בייען, און ער האָט זיך גענומען מיט מער פרישקייט שלאָגן דעם אַלטן פאָטער.

— מיין טאַטע ווייס גאָרנישט! — האָט זי אויסגעשריגן. — יוסף איז געווען מיין געליבטער, און ער פלעגט צו מיר קומען אין די נעכט שטילערהייט. איך איינע ווייס, ווו ער איז, און וועל דיר נישט זאָגן.

ווי אַ צערייצטע חיה האָט ער זיך ווידער געוואָרפן צו איר.

די זשאַנדאַרמען האָבן, לויט זיין באַפעל, מעטאָדיש אויסגעפּרו־בירט אויף איר אַלע אינקוויזיטאָרישע מיטלען צום צענטן מאָל. ציטנווייז פלעגן אירע געשרייען פון ווייטאָק מאַכן אויפציטערן די גאַנצע קאָלאָניע, אָבער זי האָט אויסגעהאַלטן און גאָרנישט געזאָגט.

נאָך די פיר טעג האָט כאַמיד־ביי רעזיגנירט און באַשלאָסן זיי אַלעמען אָפּפירן קיין נצרת.

— איצט וועלן אַנדערע זיך נעמען צו אייך, — האָט ער גע־זאָגט, — מען וועט פון אייך אַלץ אַרויסקריגן.

ער האָט שרהן איבערגעגעבן אין די הענט פון די זשאַנדאַר־מען.

— לאָז מיך אַריין אַ ווײַלע אין מיין צימער, — האָט שרה אַרויסגעשטאַמלט צום זשאַנדאַרם, וואָס איז געשטאַנען איבער איר, — נאָר איבערבייטן די קליידער.

דער זשאַנדאַרם האָט עס איר דערלויבט. ער איז געבליבן שטיין ביי דער טיר, און זי איז אַריין אינעווייניק צו זיך אין צי־מער און צוגעמאַכט די טיר.

עס האָט גענומען אַ קורצע ווײַלע — און עס האָט זיך מיט־אַמאָל דערהערט אַ קנאַל פון אַ שאָס און אַ פאַל פון אַ קערפער.

דער זשאַנדאַרם האָט האַסטיק אַ פראַל־אויפגעטאָן די טיר.

שרה איז געלעגן אויפן דיל און פון איר מויל האָט געשטראָמט אַ דין שנירעלע בלוט, ביי איר אָפענער לינקער האַנט איז געלעגן אַ קליינער רעוואָלווער, אַ בלוילעכער רויך און גערוך פון פודער האָט אָנגעפילט די לופט.

אויפן טיש איז געלעגן אַן אָפענער בויגן פּאַפּיר מיט אַן אויפ־שריפט פון צעוואָרפענע אותיות, געשריבן מיט אַ ציטערדיקער האַנט:

„...איך האָב מער נישט קיין קרעפטן... מיין טויט איז גאָר־נישט. איך שטאַרב פאַר מיין לאַנד... זאָגט אַן יוספן, ער זאָל אויך אַזוי טאָן. בעסער זיך טויטן, איידער איבערגעבן...“

— זי האָט זיך דערשאָסן! — האָט דער זשאַנדאַרם אויסגעש־שריגן, און גלייך אָנגעזאָגט דעם קאַימאַקאַם.

מען האָט שרהן אַריינגעלייגט אין איר בעטל. כאַמיד־ביי האָט טעלעגראַפירט די נייעס קיין נצרת.

פון נצרת האָט מען גלייך אַרויסגעשיקט עטלעכע דאָקטוירים מיט דעם אָנזאָג, זיי זאָלן זען זי צו ראַטעווען, אָבער זייער מי איז געווען אומזיסט.

דריי טעג איז שרה געלעגן אַ פּאַראַליזירטע. זי האָט זיך גע־ראַנגלט אין ביטערער גסיסה, און האָט ענדלעך אויסגעהויכט איר נשמה מיט אַ שמייכל אויף איר אויסגעלייטערטן מאַרטירער־פּנים.

* *
*

מיט אַראָפּגעלאָזטע קעפּ זענען אויף מאָרגן אַלע יידן פון דער קאָלאָניע נאָכגעגאַנגען נאָך איר אָרון, זי באַגלייט צו איר אייביקער רו. מען האָט פאַרגעסן וועגן דער טויט־שרעק, וואָס איז גע־האַנגען איבער יעדן, צו באַגלייטן אַ שפּיאָן, און דעם ווידערווילן פון פיל קעגן די פאַררעטער. איצט האָט מען געפירט אין אָרון די ביי־נער פון אַ העלדין, וואָס איז ביינעשטאַנען יסורים און געשטאָרבן מיט כבוד.

די זשאַנדאַרמען זענען אויך נאָכגעגאַנגען נאָכן אָרון און אכטונג איז געלעגן אויסגעגאָסן אויף זייערע שטומע, שטייפע פּנימער.

קאַפּיטל איין און פערציק

יוסף לישאַנסקי, אין זיין באַהעלטעניש ביים חבר פון „ניליי" אין הויז, ביים אַריינפאָר אין זכרון־יעקב, איז געווען איינער פון די ערשטע, צו דערהערן דעם טומל, ווען די זשאַנדאַרמען האָבן אַרומ־גערינגלט די קאָלאָניע. עס האָבן צו אים אין קעלער דערגרייכט אָפּ־געהאַקטע קולות, אַז מען באַפאַלט די קאָלאָניע, מען נעמט אַרום אַהרנסאָנס הויז, מען זוכט לישאַנסקין.

דאָס בלוט האָט אים אַ זעץ געטאָן אין קאָפּ: ער מוז גלייך אַנטלויפן, איידער עס ווערט שפּעט. מען וועט זיכער זוכן אין אַלע באַהעלטענישן, מען וועט פאַרצוימען אַלע דורכגענג.

חבר לאַשינער איז דערוויל צו אים אַראָפּ אין קעלער.

— יוסף, הערסט, וואָס עס טוט זיך? — האָבן זיינע ציין אין

מויל געקלאפּט פון שרעק. — די קאָלאָניע איז באַלאַגערט. מען זוכט דיך אַרום.

— איך האָב אַלץ געהערט דורכן פענסטערל, — האָט יוסף געענטפערט, — איך אַנטלויף באַלד פונדאַנען, איך וועל זיך קאָנען אויסבאַהאַלטן צווישן די שפּאַלטן פון די שטיינער ביי די בערג, נישט ווייט, ביי אום איל דזשעמאַל.

— אָבער ווי אַזוי וועסטו זיך אַרויסרייסן פון דער קאָלאָניע?

— האָט חבר לאַשינער געפרעגט.

— איך וועל וואַרטן, ביז עס וועט ווערן גוט פינסטער. דע־מאָלט וועל איך זיך לאָזן דורך די גערטנער הינטער דעם הויז. איך וועל קריכן אויף אַלע פיר צווישן ביימן, און מען וועט מיך נישט מערקן. ברענג מיר, חבר, ברויט.

חבר לאַשינער האָט אים געבראַכט ברויט. יוסף האָט אָנגע־פּאַקט אַ פולע קעשענע.

— פיל אָן די אַנדערע קעשענע אויך, — האָט לאַשינער גע־זאָגט, — טאָמער דאַרפסטו לאַנג זיין באַהאַלטן.

— אָ, ניין, — האָט יוסף אַרויסגעצויגן פון דער אַנדערער קעשענע אַ גלאַנציקן רעוואָלווער און אים געפּעטלט, כדי צו זען, צי ער איז אָנגעלאָדן, — דאָס איז פאַר מיר נויטיקער, ווי ברויט.

שפּעט אין דער נאַכט איז יוסף אַרויסגעשפּרונגען דורכן פענסטער פון לאַשינערס הויז, ווי ער האָט געפּלאַנט. ער האָט גע־פּויזעט צווישן די ביימן אויף די הענט און פיס, ווייט אין דער קאָלאָניע. פון ביידע זייטן וועג האָבן צו אים דערגרייכט אָפּגע־האַקטע רייד פון די זעלנער, וואָס האָבן געהאַלטן וואַך ביים אַרויס־גאַנג פון דער קאָלאָניע. דאָס האַרץ האָט אים געקלאַפּט. ער האָט אַלע ווײַלע אָנגעטאַפּט דעם רעוואָלווער: דאָס וועט אים אַרויס־העלפן. ער וועט זיך נישט איבערגעבן, נאָר פריער טויטן זיינע נאָכ־יאָגער, דערנאָך אַ קויל זיך אין קאָפּ.

לאַנג איז ער אַזוי געלאָפן, ביז ער איז אָנגעקומען צו די בערג פון אום אל דזשעמאַל. דאָרט, צווישן שפּאַלטן און פעלזן איז ער געלעגן דריי טעג, ביז עס איז אים אויסגעגאַנגען דאָס ברויט. עס האָט אים אָנגעהויבן דריקן דער הונגער. איז ער אַרויס ביינאַכט פון די בערג און אָנגעקומען אין דאָרף כרכור. ער האָט אָנגעקלאַפּט אין אַ הויז.

— איך בין יוסף לישאנסקי, — האט ער אפגעזאגט שנעל צום יידן, וואס איז אַרוים אויף זיין קלאפּן, און אין זיין האנט האט א גלאנץ געטאָן דער רעוואָלווער, — גיב מיר א שטיקל ברויט און א טרונק וואסער.

דער ייד, א צעשראָקענער צום טויט, האט זיך געטרייסלט פון מורא.

— איך וועל דיר גארנישט טאָן, — האט יוסף געזאָגט, — לאָז מיך נאָר אריין אפּעסן.

דער ייד האט אים אריינגעלאָזט, און אליין זיך געשטעלט ביי דער טיר, אלס א וואך.

יוסף האט שנעל געגעסן דאָס ברויט, וואָס דאָס ווייב פון יידן האט אים דערלאנגט, און פארטרונקען מיט מילך.

אז ער האט געענדיקט, איז ער צוריק אַרוים.

— מען זוכט מיך אַרום, האַ? — האט יוסף געזאָגט צום יידן. — זיי וועלן מיך אָבער נישט כאפּן. שלום, אנטשולדיק, וואָס איך האָב דיך איבערגעשראָקן.

ער האט זיך געלאָזט ווייטער און איז צוגעקומען צום וועג, וואס האט זיך געצויגן פון יפו. פון וויטן האט צו אים דערגרייכט א רויש פון רעדער. ער האט באמערקט א פור און איז צו איר צו־געלאָפן.

— האַלט! — האט ער א דריי געגעבן מיטן רעוואָלווער צו די צוויי יונגעלייט, וואס זענען געזעסן אין וואגן.

די יונגעלייט האבן זיך אפּגעשטעלט. יוסף האט זיי אריינגע־קוקט אין די פּנימער, און איז געבליבן פארשטיינערט פון איבער־ראשונג. די יונגעלייט זענען געווען באַקאַנטע שומרים, וועלכע זע־נען געווען קעגן דער טעטיקייט פון „נילי" און פון וועלכע ער האט זיך אפּגעטיילט מיט גרויס שנאה.

ער איז א ווײַלע געבליבן שטיין אומאנטשלאָסן, אָבער האט זיך באלד געפּאַסט:

— חברים, שומרים, — האט ער געזאָגט מיט א בעטנדיק קול, — איר דערקענט מיך? איך בין דאך יוסף לישאנסקי! פאר־געסט איצט אַלע חשבונות, ראטעוועט מיך!

די חברים זענען אראָפּ פון וואָגן. זיי האָבן אים באַטראַכט און זענען געווען געשלאָגן פון איבערראַשונג.

— מיר זאָלן דיך נעמען? — איז איינער געקומען צו זיך פריער. — ווייסטו, וואָס עס טוט זיך וועגן דיר? דו האָסט מיט דיין קאָמפּאַניע שפּיאָנען אומגליקלעך געמאַכט אַלע יידן. יעדער איינער וואָלט דיך גערן איבערגעגעבן דער מאַכט.

— עס איז נישט, ווי איר זאָגט, — האָט יוסף געבעטן זיך,— איצט איז אָבער נישט קיין צייט צו רעדן וועגן דעם, נעמט מיך אַרויף אויפן וואָגן, ברענגט מיך צו די חברים און משפּט מיך דאָרט. גיט מיר כאָטש אַ מעגלעכקייט זיך ריינצוּוואַשן, צו שטאַרבן מיט ערע, ווי אַ רעטער, נישט קיין פאַררעטער.

די יונגעלייט האָבן זיך איבערגעקוקט. עפּעס איז געווען אין יוספס רייד, טאָן און בליק, וואָס האָט אַ ריר געטאָן אַ סטרונע אין זייערע הערצער.

— קריך אַרויף אויפן וואָגן, פאַרשטעק זיך אונטער דער משא, מיר וועלן דיך איבערדעקן מיט דער לייוונט, — האָבן זיי צו אים געזאָגט.

יוסף איז אַרויף אויפן וואָגן, די שומרים האָבן אים איבער־געדעקט, פאַרבאַהאַלטן, און זענען אָנגעקומען מיט זייער פאַרבאָר־גענעם פּאַסאַזשיר קיין תל־עדש, און פון דאָרט האָבן זיי אים גע־בראַכט קיין מתולה.

זיי האָבן יוספן אַריינגעבראַכט אין אַ שייער און אוועק צו־נויפרופן אַלע חברים צו אַ פאַרזאַמלונג, פאַרטרויענדיק זיי דעם גרויסן סוד, אַז יוסף איז דאָ.

— — — — — — — — — — —

— — — — — — — — — — —

דאָס איז געווען אַ שטורמישע באַראַטונג ביי די שומרים פון מתולה.

— עס איז אונזער פליכט אים איבערצוגעבן צו דער מאַכט,— האָט איינער אַרגומענטירט און פיל זענען געווען מיט אים איינ־שטימיק, — מיר וועלן מיט דעם ראַטעווען דעם גאַנצן ישוב, מיר וועלן שטילן דעם צאָרן פון דער צערייצטער מאַכט. זיי, די שפּיאָ־נען, די מוסרים, זענען מיאוסע מענטשן. זיי האָבן פאַרשוועכט אונ־זער נאָמען. פאַראורזאַכט אויף אונז אַלע גזירות. דער גירוש פון

יפו איז צוליב זיי. הונדערטער נפשות זענען צוליב זיי אומגעקו־מען. לאָמיר איצט ווייזן, אַז מיר טרייסלען זיך אָפּ פון אַזוינע נפשות און גיבן זיי אַליין איבער.

— און איך גלויב, אַז מיר דאַרפן אַריינרופן אַהער לישאַנ־סקין, הערן, וואָס ער וועט זאָגן. זיי האָבן דאָך דאָס פּאָרט נישט געטאָן פאַר געלט, נאָר פאַר אַן אידעאַל, — האָט איינער געפּרוּווט אַריינזאָגן.

— עס איז נישטאָ וואָס צו הערן! — האָט אַן אַנדערער אָפּ־געענטפערט. — קיין מאָטיוו באַרעכטיקט נישט די מיאוסע אַרבעט פון שפּיאָנאַזש. וואָס עס וועט זיין, ווייסט מען נישט, דערווייל האָט די קאָמפּאַניע שפּיאָנען פאַרשוואַרצט אונזער נאָמען, און גע־בראַכט אויף אונז, יידן, גרויסע גזירות.

— ער איז גערעכט! עס איז ריכטיק! — האָבן זיך געהערט שטימען. עס איז געווען קענטיק, אַז די מערהייט האָט נישט קיין גוט וואָרט פאַר לישאַנסקין.

— מען מוז אים איבערגעבן צו דער מאַכט! — האָט מען גערופן פון אַלע זייטן.

— מיר דאַרפן זיך עס נישט איילן צו טאָן, — האָט גע־טענהט אַן אַנדערער, — מיר דאַרפן די יידישע פיינט נישט פאַר־שאַפן קיין פרייד. דערצו וועלן זיי אים מאַטערן, פון אים אַרויס־קריגן נאָך איינצלהייטן פון דער פאַרצווייגטער שפּיאָנאַזש־טעטי־קייט, און עס אויספּויקן צו אונזער שאַנד און שאָדן.

— מיר דאַרפן אים איבערגעבן אַ טויטן צו דער מאַכט, — האָט אַריינגעזאָגט אַ דריטער, — וועט ער שוין שווייגן.

אַלע האָבן אים אָנגעקוקט.

— איך מיין, אַז מיר זאָלן אים זאָגן, ער זאָל זיך אַליין נעמען דאָס לעבן. דאָס איז זיין אויסוועג.

— דאַרף ער דאָך וועלן?

— לאָמיר שיקן זיך מיט אים דורכרעדן.

צוויי אָנפירער פון די שומרים זענען אַריין צו יוספן אין שייער.

זיי האָבן זיך מיט אים נישט באַגריסט, אים אָנגעקוקט מיט צאָרן און געזאָגט:

— נו, וואָס וועט איצט מיט דיר זיין?

— איך וויל, חברים, — האָט יוסף געזאָגט מיט געבעט, — זיך אַריבערכאַפּן קיין צפון צו די דרוזן. איך קען זיך מיט זיי פון מיין יוגנט. זיי זענען פיינט פון די טערקן און וועלן מיך אויס־באַהאַלטן.

— דאָס קאָן נישט זיין, — האָבן זיי אים שאַרף געענט־פערט, — אַז די מאַכט וועט דיך האָבן, וועלן אַלע יידן אויסגע־לייזט ווערן. עס וועט זיך שטילן זייער כעס. און זאָל מען זיך דער־וויסן, אַז מיר האָבן דיך געלאָזט אַנטלויפן, וועט מען פון אונז אַלעמען אַ תל מאַכן.

— טאָ ווי זאָל זיין? — האָט יוסף זיי אָנגעקוקט מיט שרעק.

— דיין רעוואָלווער קאָן דיר געבן דעם ענטפער, — האָט איי־נער געזאָגט.

יוסף איז אַ ווײַלע געבליבן שטיין פאַרגליווערט. ער האָט זיך אָבער באַלד ווי אויפגעכאַפּט:

— איך זאָל מיך שיסן? — האָט ער אויסגעשריגן מיט ווילד־צעפלאַמטע אויגן. — איר, חברים, פאָדערט, איך זאָל זיך טויטן, כדי נאָכצוגעבן די פייניקער, די טערקן? איר ווילט מיך פאַר אַ קרבן?

— מיר זעען נישט קיין אַנדער אויסוועג, — האָט קאַלט גע־קלונגען זייער פאַרמשפּטער ענטפער.

אַ היסטעריש געוויין האָט פּלוצלינג אַ ריס געטאָן די לופט מיט אַ שרעקלעכן יאָמער. יוסף האָט זיך צעכליפּעט מיט אַ ווילדן רע־וועץ און שרעקלעכן שלוכצן, ווי עס רעוועט אַ פאַרוווּנדעטע, גע־פאַנגענע חיה.

— מיינע ברידער, חברים, יידן, זאָלן אַזוי זיין!

די צוויי שומרים זענען געוואָרן גערירט.

— באַרואיק דיך, יוסף, — האָבן זיי צום ערשטן מאָל אים אָנגערופן ביים נאָמען, — מיר וועלן זען, וואָס מען קאָן טאָן פאַר דיר.

זיי זענען אַריין צוריק צו די פאַרזאַמלטע.

געוועזן זענען איצט די צוויי שומרים דערפאַר, אַז מען זאָל אים לאָזן אַנטלויפן, אָבער די מערהייט האָט זיי איבערגעשריגן: מען טאָר אויף אים קיין רחמנות נישט האָבן. איינער און אַלע, זענען

אלע ווילטיקער. מען האט נאר געטראכט וועגן א מיטל, ווי אזוי יוסף זאל געטויט ווערן.

— איך אליין וועל אים דערשיסן! — האט זיך איינער אנגערופן. — פלוצלינג, פון הינטן, ער וועט נישט וויסן.

— — — — — — — — — — —

— — — — — — — — — — —

געזעסן איז יוסף יענעם אוונט אויף א שטיין הינטער מתולה, א שומר האט אים דארט געבראכט פון שייער.

— זייַ דא א ווײַלע, — האט דער שומר צו אים געזאגט, — באלד וועט קומען א פור און דיך נעמען צו צפון, צו די דרוזן.

יוסף איז געזעסן און זיינע אויגן זענען געדרונגען אין דער דינער בלויקייט, וואס האט באצויגן די ארומיקע בערג. דארט ארויף, ביי די דרוזן, ווארט אויף אים זיין פרייהייט.

פלוצלינג האט זיך דערהערט א שאס, און יוסף האט דערשפירט א ברי אין אקסל.

— זיי האבן מיך אפגענארט... זיי דערשיסן מיך!... — האט ער אויסגעשריגן.

בלוט האט געשטראמט פון זיין אקסל. זיין פנים האט זיך געקרימט פון ווייטאק. ער האט אבער זיין האנט גערוקט אין קעשענע, געשלעפט זיין רעוואלווער און אנגעהויבן לויפן.

ער האט געשאסן אין דער לופטן און געלאפן. ער האט איצטער נישט געוווסט, וווהין ער לויפט. עס איז אים אלצאיינס געווען. ער וויל זיך גארנישט ראטעווען מער. ער וויל שטארבן, אבער פריער מוז ער נעמען נקמה פון זיי, פון יענע חברים, וואס האבן אים פאררעטעריש געוואלט טויטן, ער מוז אויך זען, וואס איז מיט שרהן. ער וועט זיך איבערגעבן צוזאמען מיט איר, און וועט זיי, די שומרים אין מתולה, פארראטן מיט פאלשע בלבולים, אז זיי זענען זיינע שותפים. ער וועט נעמען נקמה, נקמה...

ער האט אויסגעזען ווי א געיאגטער, משוגענער הונט, וואס לויפט אן א ציל מיט אן אפן מויל, גרייט צו בייסן מיט גיפט. ער האט דערגרייכט זכרון־יעקב, איז אבער נישט אריין אין דער קאלאניע. א ייד, וועמען ער האט אפגעשטעלט פאר דער קאלאניע, האט אים דערציילט די טרויעריקע נייעס פון שרהס זעלבסטמארד, אז נעכטן איז געווען איר לויה.

צערייצט נאָכמער, האָט ער זיך געלאָזט אַלץ ווייטער צו דרום. רעכטס און לינקס האָט ער זיך געדרייט, נעענטער צום ברעג. אפשר וועט אָנקומען אַן ענגלישע שיף, וועט ער זיך לאָזן אין וואסער שווימען צו איר. קיין שיף האָט זיך נישט געזען, און ער האָט זיך געטראָגן ווייטער. דער פאַרוווּנדעטער, איבערגעבונדענער אַקסל האָט אים ווי געטאָן. עס האָט אים געפּייניקט דער דורשט. ער האָט דערשפּירט, ווי די קרעפטן פאַרלאָזן אים. אַט, אַט און ער וועט אומ־פאַלן. ער מוז דאָך אָבער גיין ווייטער. אָט דאָרט, שטייט אַ קעמל אויפן פעלד, ער וועט זיך אויף אים זעצן, ער וועט אַפּרוען — —

יוסף קריכט אויפן קעמל, רירט זיך פון אָרט און — אַ מענגע אַראַבער האָבן אים אַרומגערינגלט.

— אַ גנבֿ! — האָט מען געשריגן פון אַלע זייטן, און אים גע־שלאָגן.

יוסף האָט זיך נישט פאַרטיידיקט. ער האָט זיך געלאָזט שלאָגן, פּאַטשן און געשטאָגן אַ צעמישטער, ווי אַ שוואַך קינד.

די אַראַבער האָבן אים אַריינגעקוקט אין פּנים און אויסגע־שריגן אין גרויס וווּנדער:

— ־דאָס איז דאָך יוסף לישאַנסקי!

זיי האָבן אים דערקענט לויט די אויסגעקלעפּטע בילדער אין אַלע דערפער.

— — — — — — — — — — —

אַ געבונדענעם מיט שטריק, האָבן זיי אים געברענגט קיין רמלה. באַלד האָט דאָס גאַנצע לאַנד געקאָכט מיט דער גרויסער נייעס: יוסף, דער לייב, איז געפאַנגען. עס זענען אָנגעקומען הויכע מילי־טערישע לייט און אים, אין אַ ספּעציעלן צוג, געשמידט אין קייטן, אונטער אַ שטאַרקער וואַך, אָפּגעפירט קיין ירושלים.

קאַפּיטל צוויי און פערציק

לאַנג האָט מען יוספן אין ירושלים נישט געהאַלטן. די טעג פון דער טערקישער הערשאַפט אין יענער אומגעגנט פון יפו און ירושלים זענען געוואָרן געציילטע, און מען האָט יוספן, צוזאַמען מיט אַנדערע אַרעסטאַנטן, אָפּגעפירט קיין דמשק, אין טורמע פון

„כאן אל באשא'', ווי עס זענען שוין פון פריער געזעסן חנה, אבו־צדוק, נעמן בעלקינד און נאך פיל חברים פון „נילי''.

אין ירושלים האט מען זיך שוין אנגעהויבן ריכטן אויף דער אויסלייזונג. ביינאכט האט מען פון די בערג געקאנט מערקן, ווי ביים האריזאנט צו דרום, טונקט זיך דער הימל אין פלאמען פייער. טויבע קאנאנען־שאסן האבן טעמפ אפגעקלונגען מיט אן עכא, וואס איז אלץ געווארן הילכיקער און קלארער. א סימן, אז דער פראנט דערנענטערט זיך.

ארויס זענען קלאנגען, אז דער טערקישער פראנט ביי באר־שבע איז דורכגעבראכן, און די קלאנגען האבן זיך ענדלעך ארויס־געוויזן פאר אן אמת. אויף די וועגן, ארויף צו צפון, און צו דער וויסטעניש פון יריחו אין מזרח, האבן זיך אנגעהויבן ציען טראנס־פארטן מיליטער. רייטער, פוסגייער, פערד, וועגענער מיט הארמאטן און מיט פראוויאנט, האבן זיך געצויגן אין אומארדענונג, אן אן אנהויב און אן א סוף. מען האט געמיינט, אז עס וועט קיינמאל קיין סוף נישט נעמען. אבער דער סוף איז דאך געקומען.

די וואקלדיקע פראצעסיע פון צוריקטרעטנדיקן מיליטער איז געווארן שיטערער, ביז עס האבן זיך באוויזן איינציקע לעצטע ריי־טער, און עס איז געווארן ליידיק, שטיל.

ביינאכט האבן זיך געהערט עטלעכע אויפרייסן פון בריקן, און אויפן פארטאג — איז געקומען די הילף. עס האבן זיך בא־וויזן די ערשטע ענגלישע רייטער, אויסטראליער און זעעלענדער, הויכע מענטשן אויף הויכע פערד, מיט גוטע, שמייכלענדיקע פנימער, ווי לאכנדיקע קינדער.

ארויסגערוקט האבן זיך די מענטשן פון ירושלים פון די בא־העלטענישן. מען האט זיך געלאזט מיט פרייד און יובל־געשריי אי־בער די גאסן. פרעמדע האבן איינע די אנדערע באגריסט, גראטו־לירט, אפגעגעבן מזל־טוב, און געפאלן אויף די העלזער זיך קושן. עס איז געווען א גרויסער יום־טוב. אלע האבן געפילט, אז עס איז א היסטארישער טאג פארן יידישן פאלק, א ניי בלאט אין זיין גע־שיכטע.

געפרייט האבן זיך די יידן פון יהודה, און געהאפט האט מען, אז אויך דמשק, ווי גאנץ סיריע, וועלן באלד אויך באפרייט ווערן פון טערקישן יאך.

אָבער עס איז אַזוי נישט געווען. אָפּגעשטעלט האָט זיך די צוריקטרעטנדיקע אַרמיי, זיך איינגעגראָבן אין צפון פון ירושלים אויף אַ לענגערער צייט, און זיך דאָרט געהאַלטן. און אין דער צייט, ווען אין ירושלים, יפו, פּתח־תקוה און אַנדערע קאָלאָניעס צו דרום, האָט געהערשט פרייד און ליכטיקייט, האָט אין סיריע און גליל געבושעוועט די שווערד פון פייער און חורבן. מען האָט געטריבן די וואַנדערער פון אָרט צו אָרט. מען האָט נאָך אַלץ געזוכט שפּיאָנען. און אין דמשק האָט זיך אָנגעהויבן דאָס פעלד־געריכט איבער די חברים פון „נילי", וואָס האָט נאָכמער אויפגעבראַוזעט דעם צאָרן קעגן די יידן.

דעם גרעסטן אויפזען האָט אַרויסגערופן דער פּראָצעס פון יוסף לישאַנסקי און נעמן בעלקינד.

זיי זענען געמשפּט געוואָרן צוזאַמען.

געזעסן זענען ביידע אויף דער באַשולדיקונגס־באַנק מיט געשמידטע הענט, און געקוקט גלייך פאַר זיך, נישט וועלנדיק שענקען אַ בליק איינער דעם אַנדערן.

יוסף האָט געבראַוזט מיט כעס אויף נעמנען, ווייל דורך אים איז געקומען דאָס גאַנצע אומגליק, און נעמן האָט געהאַלטן, אַז עס איז יוספס שולד, וואָס ער האָט איבערגעלאָזט אבשלומען אַ פאַרוווּנדעטן אין דער מדבר.

זעקס ריכטער אין מיליטערישע אוניפאָרמען זענען געזעסן ביי די זייטן פון אַ לאַנגן טיש, און אַ זיבעטער, אַ פּאָרזיצער, אויבנאָן. עס איז אויך געווען אַ מיליטערישער באַשולדיקער און פאַרטיידיקער.

— איז עס אמת, אַז דו ביזט צוויי מאָל געגאַנגען דורך דער מדבר קיין מצרים? — האָט דער באַשולדיקער געפרעגט יוספן.

יוסף האָט אַ שנעלן בליק געוואָרפן אין נעמנס זייט: „נעמן האָט עס דערציילט" — האָט ער געטראַכט.

— עס איז אמת, — האָט ער געזאָגט.

— צוליב וואָס האָסטו דאָס געטאָן?

— צו נעמען אַ סטאַטיסטיק פון אַלע יידן, וואָס געפינען זיך אין ארץ־ישראל און מצרים.

— האָסט געבראַכט אַ נדבה זעכציק טויזנט לירעס פאַר די וואַנדערער?

— ווי דענקט איר, — האָט יוסף געענטפערט, — אַז די פיינט, וועלכע ווילן אייך אויסהונגערן, וועלן שיקן אַזויפיל גאָלד צו אייך אין לאַנד?

— ביזטו געווען אַ שפּיאָן?

— ניין.

— זענען אין לאַנד געווען שפּיאָנען?

— יאָ.

— ווער זענען זיי?

— די גרופּע פון „השומר״ אין מתולה, — האָט ער געענטפערט, — זיי האָבן באַהאַלטן געווער און גרייטן זיך צו אַן אויפשטאַנד, זיי ווילן העלפן ענגלאַנד.

— פאַרוואָס דערציילסטו עס אויף זיי?

— איך וויל, איר זאָלט מיר דערפאַר שענקען דאָס לעבן.

— וועסטו דערציילן נאָך זאַכן?

— מער ווייס איך נישט.

— און חנה פּערלשטיין קענסטו? און אבו־צדוקן?

יוסף האָט אַ קלער געטאָן: „האָט נעמן דערציילט?״

— ניין, — האָט ער געזאָגט, — איך ווייס נישט, ווער זיי זענען.

— דו ווייסט נישט? — האָט דער באַשולדיקער געזאָגט מיט אַ חוזק־שמייכעלע און זיך געווענדט צו נעמנס זייט. — נעמן בעל־קינד, קענסטו זיי?

— יאָ, איך קען זיי, — האָט נעמן געזאָגט.

— און וואָס האָט יוסף געטאָן?

— שפּיאָנירט פאַר ענגלאַנד.

— און ווו האָט איר גענומען די „וואַסיקעס״ (דערלויבעניש)?

— אַ טייל האָט חנה געקריגן דורך דעם לייטענאַנט פאָן טירפּיץ און אַנדערע האָט מען אונז באַזאָרגט פאַר געלט, — האָט נעמן געזאָגט.

— פאַררעטער! — האָט יוסף אויסגעשריגן אין נעמנס זייט.

— ער וועט אָבער בעסער מאַכן פון דיר, — האָט דער באַשולדיקער געזאָגט.

— איך וויל בעסער דעם טויט, איידער א פארטעטערישן לעבן! — האט לישאנסקי אויסגערופן.

מען האט זיי צוריק ארויסגעפירט אין זייערע צימערלעך. זיי זענען דורכגעגאנגען נאנט פארביי איינער דעם אנדערן, אבער גע־האלטן אראפגעלאזט די אויגן, זיך נישט צו באגעגענען מיט די בליקן.

צוויי וואכן האט זיך געצויגן זייער משפט. עס זענען פאר־שריבן געווארן איבער הונדערט בויגנס פאפיר. די ריכטער האבן בכיון פארצויגן דעם פראצעס און נאכאנאנד געפארשט, כדי ארויס־צוקריגן וואס מער סודות פון יוספן. דער באשולדיקער האט גע־פרווט איינרעדן יוספן, אז ער וועט בעטן, מען זאל אים שענקען דאס לעבן, ער זאל נאר דערציילן דעם אמת, און ארויסגעבן אלע חברים. יוסף איז אבער געווען איינגעשפארט, אז ער וויים נישט פון קיין זאך. מער נישט, אז די שומרים פון מתולה האבן געווער און זענען געפערלעכע מענטשן.

דאס האט ער געוואלט נקמה נעמען אן יענע שומרים, וואס האבן אים געוואלט דערשיסן.

נעמען בעלקינד האט זיך געלאזט איבעררעדן, און זיך מודה געווען אין אלעם; ער איז נאך אליין געווען איינפארטרויט אין עלי אפוד־בוי, זיין פריינט, דעם קאמאנדיר, אז ער וועט אים ראַ־טעווען, און געוואלט אויסנעמען ביי די ריכטער. ער האט דעריבער אלץ איבערגעגעבן, צוגעהארכט זיך צו די הבטחות און ווונקען פון דעם באשולדיקער, אז ער וועט אינגיכן זיין פריי, און קומען צו זיין פרוי און קינד, און געווארט רואיק אויף דעם אורטייל.

ער איז געווען זיכער, אז ער וועט באפרייט ווערן, און נישט נאר ער אליין האט אזוי געגלויבט. געהערשט האט דער אלגעמיינער איינדרוק, אז יוסף וועט פאראורטיילט ווערן צום טויט, אבער נעמען וועט ארויסגעלאזט ווערן פריי.

יוסף האט זיך דעריבער געגרייט צו זיין סוף. ער האט זיך דורך בריוועלעך געזעגנט מיט די איבעריקע ארעסטירטע חברים פון „נילי‟, און פאר אלעמען געהאט איין נוסח: „איך האב אייך נישט געפעלשט, חברים, איך שטארב מיט א רואיקן געוויסן‟.

דאקעגן נעמען האט געשריבן בריוועלעך צו זיין פרוי, זי בארו־

איקט, זי זאָל נישט זאָרגן, ער וועט אינגיכן זיין מיט איר, און זיי וועלן אַלץ פאַרגעסן.

עס האָט אָבער אויף נעמנען געוואַרט אַ ביטערע אַנטוישונג. עס איז געקומען דער טאָג, ווען עס איז באַוווּסט געוואָרן דער גורל פון די געמשפּטע. זייער פּסק־דין:

ביידע, יוסף און נעמן, אַלס פּירער, זענען פאַרמשפּט געוואָרן צום טויט, דורך הענגען, די איבעריקע, ווי חנה, אבו־צדוק — צו לאַנג־יאָריקער געפענגעניש.

פּונקט אין אַ וואָך אַרום איז באַשטימט געוואָרן דער טאָג, ווען דער אורטייל איבער יוספן און נעמנען מוז אויסגעפירט ווערן.

אויסגעהערט האָט יוסף דעם אורטייל רואיק, געפאַסט, ווי גע־ריכט זיך, נעמן אָבער איז געבליבן זיצן פאַרגליווערט, ווי דער־שלאָגן פון אַ דונער.

— — — — — — — — — — —

— — — — — — — — — — —

עס איז אויפגעגאַנגען דער מאָרגנשטערן, און געבוירן גע־וואָרן איז דער טאָג פון ערשטן שבת, אַ וואָך נאָכן אורטייל, ווען יוסף און נעמן האָבן געמוזט שטאַרבן אויף דער תליה.

יוסף איז די גאַנצע נאַכט געוועזן וואַך. ער האָט אַרומגעשפּאַ־צירט אַהין און צוריק אין זיין צעלע, און אָפּגעהאַקטע געדאַנקען האָבן זיך געמישט אין זיין קאָפּ. עס האָט פאַר אים אויפגעטויכט די גאַנצע פאַרגאַנגענהייט, און איין בילד האָט זיך געמישט מיט דעם אַנדערן. ער האָט זיך געזען אין מדבר, אבשלום ליגט פאַר־וואָרפן דעם קאָפּ, עס האָט אויף אים געקוקט שרה, מיט איר ווייכן בליק, „זיי מוטיק, יוסף!". יאָ, ער וועט זיין מוטיק. וועט שטאַרבן ווי אַ העלד, זיין געוויסן איז ריין. מעגן אַלע יידן האַלטן זיין נאָמען פאַר אַ שאַנדע. זיי וועלן זיך אַמאָל אַרומזען, אַז ער האָט געדינט זיין פאָלק. ער האָט איצט אַלעמען מוחל געווען, אפילו נעמנען. נאָך אַלעמען איז דאָך זיין גיין אין דער מדבר דיקטירט געוועזן פון אינטימער חברישער איבערגעגעבנקייט.

ער האָט אַזוי לאַנג געשפּרייזט אַהין און צוריק אין זיין צעלע, מיט שווערע, ווי בליי, געדאַנקען, ביז ער האָט אַנמעכטיק זיך אַ וואָרף געגעבן אויף זיין ברעטער־געלעגער, פאַרמאַכט די אויגן און אַלע געפילן זענען זיך צעשמאָלצן אין אַ פאַרזונקנקייט. איז עס

געוועז שלאָף, אָדער וואַכע באַוווּסטלאָזיקייט? — אָבער ער האָט מער קיין זאַך נישט געשפּירט...

אַזוי איז ער לאַנג געלעגן, ביז אַ האַנט האָט אים געטרייסלט ביים אַקסל און געוועקט. ער האָט מיט געוואַלט אויפגעריסן די אויגן און דערזען — דער טורמע־וועכטער מיט נאָך אַ זעלנער שטייען איבער אים:

— שטיי אויף! — האָט אים דער וועכטער געשאָקלט אַהין און צוריק. — מיר ווילן דיך אַריבערפירן קיין אַנגאַרע.

— אין אַזאַ מינוט זאָלסטו פון מיר אַפּלאַכן? — האָט יוסף זיך אַ הויב געטאָן. — איך שרעק מיך נישט, היטער, איך וויים, וואוהין מען גייט מיך אַריבערפירן, אין אַ בעסערער וועלט.

ער איז רואיק געגאַנגען איבערן קאָרידאָר פון טורמע, באַגלייט פון די וועכטער און זעלנער, און אַרויסגעקומען אויפן טורמע־הויף, וווּ עס זענען געשטאַנען פיל זשאַנדאַרמען, און אַ הויכער סלופּ מיט אַ נייעם, אַריבערגעוואָרפענעם שטריק, האָט אַרויסגעגלאַנצט פון דער פרימאָרגן־גרויקייט.

מען האָט אים צוגעפירט צו אַ פּלאַץ נישט ווייט פון סלופּ, און אים איבערגעגעבן אין די הענט פון זשאַנדאַרמען, וועלכע האָבן אים אַרומגערינגלט פון אַלע זייטן.

אַ ווײַלע שפּעטער האָט מען צום זעלבן פּלאַץ צוגעפירט נעמנען.

זיין פּנים איז געווען פאַרשוואָלן פון געוויין, און אויסגעדריקט נידערגעשלאָגנקייט און אַנטוישונג. אויך ער האָט זיך געמאַטערט אַ גאַנצע נאַכט אויף זיין געלעגער, גרויסע באַליידיקונג און שטאַרקער צאָרן האָט געברויזט אין זיינע גלידער: וואָס האָט מען אים אָפּגענאַרט, און פאַרוואָס האָט ער זיך געלאָזט נאַרן? ער האָט דאָך כאָטש געקאָנט שטאַרבן מיט כבוד, מיט אַן אומבאַפלעקטן געוויסן, ווי יוסף.

מען האָט אים אַוועקגעשטעלט זייט ביי זייט צו יוספן. זיי האָבן איינע די אַנדערע אָנגערירט מיט די אַקסלען.

באַלד האָט זיך לעבן זיי באַוויזן אַ פּאַטריאַרכאַלישער ייד מיט אַ שוואַרצער באָרד. ער האָט געהאַלטן אַ סדור אין האַנט.

— איך בין נתנאל הכהן,—האָט דער ייד געזאָגט, — אַ ספר־

דישער חכם. מען האָט מיר באַפוילן, איך זאָל זאָגן מיט אייך ודוי און פאַרשרייבן, וואָס איר ווילט אָנזאָגן אַלס אַ צוואה.

— איך האָב נישט וואָס אָנצוזאָגן, — האָט יוסף געזאָגט, — איך וויל נאָר זאָגן ודוי.

נעמען האָט אָנגעכאַפּט דעם רבס האַנט.

— זײַ געזונט, — האָט ער געזאָגט מיט האַרץ, — גרוס אַלע ייִדן.

רבי נתנאל האָט פאָרגעלייענט קריאת־שמע, וואָרט בײַ וואָרט, און יוסף מיט נעמען האָבן אים נאָכגעזאָגט מיט צעבראָכענע שטימען.

דער פרימאָרגן איז דערווײַל אויסגעוואַקסן. ערשטע, גאָלדענע זונען־שטראַלן זענען אין דער קרום געפאַלן און זיך געלייגט צו זייערע פיס.

יוסף און נעמען האָבן מיטאַמאָל אינסטינקטיוו אַ קוק געגעבן איינער אויפן אַנדערן, און זיך אויסגעדרייט מיט די פּנימער. אַ ווײַלע האָבן זיי זיך אָנגעקוקט און מיטאַמאָל אַרויפגעפאַלן איינער אויפן אַנדערנס האַלז, זיך צונויפגעקלעפּט צוזאַמען אין אַ פאַרשטיקטן געוויין.

— זײַ מיר מוחל, יוסף, — האָט נעמען געיאָמערט, — איך בין אין אַלעם שולדיק.

— איך בין דיר מוחל, נעמען, איך בין יעדערן מוחל. עס איז אפשר געווען מײַן שולד. נישט געדאַרפט איבערלאָזן אבשלומען.

עס איז אָנגעקומען דער באַשולדיקער מיטן הויפּט־ריכטער.

אויסגעשלאָפענע, אויסגערוטע, זענען זיי מיט שטײַפע פיגורן צוגעקומען צו די פאַרמשפּטע.

— אַלץ פאַרטיק? — האָט דער הויפּט־ריכטער געפרעגט דעם טורמע־אויפזעער.

— אַלץ.

— פירט אוים דאָס געזעץ!

יוספן האָט מען אַרויפגעפירט צום ערשטן. מיט איין הויב האָט ער אַרויפגעקלעטערט אויפן טישל, וואָס איז געשטאַנען אונטער דער שטריק בײַם סלופּ, און זיך אויך אים אַוועקגעשטעלט. ער האָט פון דער הויך אַראָפּגעקוקט אויף אַלע אויסגעשטעלטע

זעלנער, זשאַנדאַרמען און ריכטער. אויף זיין פּנים איז געלעגן אַ געלעכטער, וואָס איז געווען אַ געמיש פון משוגעת און פאַר־שעמטקייט.

ער האָט געהאָלפן דעם תּליון אַריינצונעמען זיין קאָפּ אין דער שלייף פון שטריק, און אַליין מיט אַ שטויס פון פוס, אומ־געוואָרפן דאָס טישל.

— שרה, שרה! — האָט ער אויסגעשריגן. — איך שטאַרב מוטיק!

זיין קערפּער איז געבליבן הענגען אין דער לופט און האָט זיך אַ ווײַלע קאָנוווּלסיוו געוואָרפן אין אַלע זייטן. זיין פּנים האָט זיך אָנגעגאָסן מיט אַ רויטקייט, וואָס איז פאַרגאַנגען אין אַ בלויקייט. זיין צונג האָט זיך אָנגעהויבן אַרויסשטעקן אַלץ מער און מער פון אָפענעם מויל, די אויגן האָבן געגלאָצט מיט איבערגעקערטע ווייסלען — — — — — — — — — — — — — — — —

— — — — — — — — — — —

— יוסף לישאַנסקי איז טויט! — האָט אַ דאָקטאָר אויסגע־רופן, צושטעלנדיק אַ טרובקע צו זיין האַרץ.

מען האָט אַראָפּגענומען זיין קערפּער און אַריינגעוואָרפן אין אַ קעסטל.

דערנאָך איז געקומען נעמנס רייע.

נעמן איז אַלץ געשטאַנען און געווײנט. ער האָט נישט גע־קוקט, וואָס מען האָט געטאָן מיט יוספן. ער איז געווען איבער־פולט מיט הארציקייט פון איבערבעטן זיך מיט יוספן.

ער האָט פונווייטן דערזען דעם באַשולדיקער:

— דו האָסט דאָך מיר צוגעזאָגט, אַז דו וועסט מיר שענ־קען דאָס לעבן? — האָט ער געזאָגט צו אים מיט כּעס.

דער באַשולדיקער האָט זיך אָפּגעקערט פון אים און גאָרנישט געענטפערט.

צוויי זעלנער זענען צו אים צוגעקומען, אים גענומען אונ־טער די הענט און מיט קראַפט כמעט ווי אים אוועקגעשלעפּט און אַרויפגעשטעלט אויפן טיש.

נעמן איז באַלד אָבער צוריקגעפאַלן. די פיס האָבן זיך אונ־טער אים נישט געהאַלטן.

ווידער זענען די זעלנער צוגעלאָפן און אים אונטערגעהאַלטן

אונטערן אָרעם, ביז דער תּליון האָט איינגעשלייפּט דעם שטריק ארום זיין האַלז.

— לשנה הבאה בירושלים! — האָט נעמן אויסגעשריגן מיט פייערדיקע אויגן.

דער תּליון האָט אומגעוואָרפן דאָס טישל. ער איז געבליבן הענגען אין דער לופטן... —

עס איז שוין געווען שפּעט אין טאָג אריין, און חנה איז נאָך געלעגן אין איר נאָרע־חדרל מיט פאַרמאַכטע אויגן. אָפּגעריסענע געדאַנקען, שווערע ווי בליי, האָבן זיך געטראָגן אין איר פאַר־קאַשמאַרטן מח. עס איז אין איר געווען א געמיש פון צער און פרייד, קלעמעניש און דערלייזונג.

זי האָט געוווּסט, אז היינט אינדערפרי זענען יוסף און נעמן אויפגעהאָנגען געוואָרן און דאָס האָט איר אויפגעטרייסלט. אָט אַזוי האָט זיך עס געענדיקט די אָנשטרענגונג פון „נילי". אומגע־קומען זענען די בעסטע פירער, מאַרטירער פאַרן יידישן פאָלק, געהאָנגען געוואָרן, ווי פאַררעטער. וועט מען כאָטש געדענקען אין שפּעטערע דורות טייער צו האַלטן זייער אָנדענקען? וועלן זייערע נעמען פאַרשריבן ווערן אין דער געשיכטע פון יידישן פאָלק? אָדער וועלן זיי פאַרגעסן ווערן, און אפשר נאָך באַצייכנט ווערן אַלס נידעריקע, אומווירדיקע מענטשן, ווי עס דענקען איצט פיל, מיינענדיק אפשר, אז זיי זענען געווען א געוויינלעכע גרופּע שפּיאָנען, וואָס האָבן זיך פאַרקויפט פאַר געלט?

די טרויעריקע געדאַנקען זענען אָבער פאַרביטן געוואָרן מיט אַנדערע. די פרייד פון איר אַנטרינונג פון זעלבן גורל געהאָנגען צו ווערן, האָט זיך געגאָסן אין איר קערפּער. אָ, ווי נאָנט זי און אבו־צדוק זענען אויך געווען, זיי זאָלן טיילן דעמזעלבן גורל, וואָס יוסף און נעמן!

אין איר פאָרשטעלונג זענען דורכגעלאָפן די פאַרהאַנדלונגען פון איר משפּט: די ריכטער, זיי האָבן איר אָנגעקוקט מיט גאַל און פאַרביטערונג. עס איז געווען קלאָר, אז זיי דורשטן נאָך איר טויט. זי האָט עס געלייענט אין זייערע פאַרגאָסענע אויגן. זיי האָבן איר אויסגעפרעגט, געפאָרשט און געוואָרפן איר שימף־ווערטער מיט אויסרופן: „שפּיאָנען", פאַררעטער", אָבער פּלוצלינג, —

וועמען האָט זי געזען? יאָ, עס איז לייטענאַנט היינריך פֿאָן טורפּיץ, מען האָט אים געבראַכט פֿאַר אַן עדות. שטום האָט ער זי אָנגעקוקט. ער האָט געזוכט זיך צו טרעפֿן מיט איר בליק. זי האָט אים אָבער אויסגעמיטן. געפֿילט זיך שולדיק קעגן אים, וואָרום אויב ביי זיך האָט זי אַ באַרעכטיקונג פֿאַר אירע מעשים, אָבער— אים האָט זי דאָך באמת באַשווינדלט. זי האָט בגנבה נאָר איין מאָל געוואָרפֿן אַ בליק אויף אים, און פֿאַראיבל, ווונדער און באַליידיקונג איז געלעגן אויף זיין פּנים, ווי ער וואָלט נאָך אַלץ נישט גלויבן, אַז זי, חנה, האָט אים אָפּגענאַרט, באַטריגט. די ריכטער האָבן אים אויסגעפֿרעגט, אָבער וואָס הערט זי? ער, היינריך, פּרוּווט און באַמיט זיך איר צו פֿאַרטיידיקן. דערציילט, אַז זי איז אַריינגעצויגן געוואָרן אין אַ נעץ קעגן איר ווילן, אומשולדיק. זי הויבט אויף די אויגן אויף היינריכן — און ברעכט אויס אין אַ יאָמער. איר יאָמער טרייסלט די ווענט, אַפֿילו די ריכטער זענען עטוואָס גערירט. זי כליפּעט און מורמלט: „היינריך, פֿאַרגיב מיר, איך האָב דיך באַשווינדלט". מער געדענקט זי גאָרנישט. זי איז געפֿאַלן אין אָנמאַכט, און לאַנג האָט מען זי געוועקט און געמונטערט. אָבער איצט, ווען די דערינערונגען גייען נאָכאַמאָל איבער דורך איר מח, פֿילט זי, אַז דאָס האָט זי געראַטעוועט, און נישט נאָר זי, נאָר אויך אבו־צדוקן, ווייל היינריך האָט נאָך ביז איצט געדענקט, אַז ער איז איר ברודער, ווי זי האָט אים פֿיל מאָל געזאָגט. נישט געקאָנט האָט ער גלויבן, אַז אין אַלץ האָט זי אים גענאַרט.

איצט איז זי געלעגן מיט פֿאַרמאַכטע אויגן און געטראַכט וועגן דער צוקונפֿט, וואָס איז איר אויסגעקומען פֿינסטער, אָן אַ שטראַל ליכט און האָפֿענונג.

קאַפּיטל דריי און פֿערציק

צווישן די לעגיאָנערן אין אַמעריקאַנער יידישן לעגיאָן, אונטער דער קאָמאַנדע פֿון קאָלאָנעל מאַרגאָלין, איז אויך געווען גבריאל רעזניק.

זינט דעמאָלט, ווען ער האָט קורץ פֿאַר דער וועלט־מלחמה

פארלאזט חנהן אין מרחביה און איז אוועק קיין אמעריקע, האט ער זי נישט געקאנט פארגעסן.

ערשט פונדערווייטנס, אויף דער אנדערער זייט אטלאנטיק, האט צו אים חנה ארויסגעלויכטן אין איר ריכטיקן געשטאלט: ריין, אידעאליסטיש און פול מיט מוט און גלויבן. ערשט איצט האט ער דערשפירט, אז זי פעלט אים און ער בענקט נאך איר. ווי זונען־שטראלן האט זי אים באלויכטן און באווארעמט זיין לעבן, און וואס אייגנטלעך האט אים געטריבן פון איר? זי האט פארערט און פארגעטערט חצרין. איז דאך דאס אבער געווען א פלאטאנישע, חברישע ליבע, ווייל זי האט ליב געהאט דאס לאנד, און פארגעטערט זיינע העלדן. האט זי דען נישט באמת זיך אים, גבריאלן, איינצורעדן, ער זאל בלייבן, אים ארויסגעוויזן ליבע און גוטסקייט און ווייכקייט? טא וואס האט ער אזוי געצארנט אויף איר? פארוואס האט ער זי אוועקגעלאזט? און וואס איז וועגן לאנד אליין? פארוואס איז דעמאלט אלץ מיטאמאל פארוואלקנט געווארן אין זיינע אויגן? ארץ־ישראל איז אים מיטאמאל נישט גע־פעלן געווארן. א וויסט, א פוסט לאנד. גאט אין הימל! ווי בענקט ער איצט נאך יענע זיסע נעכט אין מרחביה, נאך דעם קלארן, בלויען ארץ־ישראל־הימל...

גבריאל האט זיך נישט געקאנט בארואיקן אין דער אמעריקא־נער נייער וועלט. יעדעס מיידל, וואס ער האט באגעגנט, איז נישט געווען קיין פארגלייך צו חנהן, וועלכע האט שטענדיק געשוועבט פאר זיינע אויגן מיט גלאנץ און הערלעכקייט, און קיין פארגעניגן האט זיך נישט געקאנט פארמעסטן מיט דעם געגנום פון ארץ־ישראל.

זיין בענקשאפט צו חנהן און ארץ־ישראל איז מיט יעדן טאג געשטיגן. ער איז געווען פול מיט חרטה אויף זיין שריט, און גלייך, נאך שטענדיק דעם ערשטן טראט אויף דער אמעריקאנער ערד, האט ער געשפירט, אז ער וועט דארט נישט פארבלייבן, אלץ איז אים געווען אזוי פרעמד, פאריאגט, פארטומלט און נישט צום הארצן. דאסדאזיקע געפיל פון פרעמדקייט איז ביי אים שפעטער אויסגעוואקסן אין א באשלוס. ער פארט צוריק קיין ארץ־ישראל. ער וועט דארט אויפזוכן חנהן, ווו זי וועט זיין, ער וועט פאלן צו אירע פיס, בעטן איר אנטשולדיקונג. ער וועט עפענען פאר איר

זיין האַרץ, דערציילן פון זיין נאָגנדיקער בענקשאַפט נאָך איר און נאָך דעם לאַנד, און פון זיין קלעמעניש און חרטה. זי, חנה, וועט אים געוויס פאַרגעבן, זי וועט אַריינגעמען זיין קאָפּ אין איר שויס, גלעטן מיט אירע ווייכע פינגער זיינע האָר פון קאָפּ, און אים טרייסטן, אים מוטיקן...

גבריאל האָט עס באַשלאָסן. ער האָט אָבער נישט פאַרמאָגט קיין געלט אויף דער צוריקרייזע. האָט ער זיך דערוויילע צייטווייליק אָפּגעשטעלט אין ניו־יאָרק, געוואָרן אַ העברעאישער לערער, געגעבן לעקציעס אין די הייזער, און פון זיינע מאַגערע פאַרדינסטן אָנגעהויבן אָפּצושפּאָרן אַ פּעני צו אַ פּעני. אַבי נאָר אויף הוצאות און עטלעכע ערשטע דאָלאַר אין ארץ־ישראל, און ער נעמט די שיף אויף צוריק.

פון בענקשאַפט און שפּאָרעניש איז ער דערוויילע געוואָרן קראַנק, און די קראַנקהייט האָט פאַרצערט זיין גאַנץ געלט. ער האָט ווידער געמוזט אָפּלייגן די רייזע, און אָנהויבן צו קלייבן און שפּאָרן געלט איבעראַנייעס, און דאַן — מיטאַמאָל די גרויסע וועלט־מלחמה. טערקיי איז אין קריג, פון ארץ־ישראל טרייבט מען יידן, פרעמדע בירגער. ער איז אַ רוסישער, וועט דאָרט נישט טאָרן זיין.

ער איז פאַרבליבן אין ניו־יאָרק.

אַ פּאָר יאָר זענען ווידער אַזוי פאַרלאָפן ביי אים אין אַנגסט און בענקשאַפט. יאוש האָט געגעסן זיין האַרץ. ער וועט שוין געוויס מער חנהן נישט זען. די מלחמה וועט קיינמאָל נישט אויפהערן. חנה איז געוויס אַרויסגעשיקט געוואָרן פון לאַנד. זי איז ערגעץ פאַרוואָגלט. ער וועט איר קיינמאָל נישט געפינען מער.

און דעמאָלט איז מיטאַמאָל געקומען אַ שטראַל פון האָפענונג.

דער רוף צום יידישן לעגיאָן אין ארץ־ישראל.

פון די ערשטע איז ער געקומען זיך איינשרייבן. ער האָט מיט אומגעדולד געציילט די טעג און וואָכן, ביז אַלץ האָט זיך איינגעאָרדנט, ביז דער לעגיאָן האָט זיך פאַרמירט, דערנאָך איז ער געזעסן אויף דער שיף און זיך געגליטשט צו דעם הייליקן לאַנד.

עס איז ביי אים דאָס הייליקע לאַנד געווען געמישט מיט חנהס געשטאַלט.

ער האָט געשטראַלט, זײַנע אויגן האָבן געלויכטן. ער איז איצט געפאָרן צו איר, צו חנהן. ער וועט זי אויפזוכן, פאַר איר אַרויסגעבן זײַן אָנגעקלעמטע בענקשאַפט, און זי וועט אים זיכער פאַרשטיין.

גרינג איבערגעטראָגן האָט גבריאל אַלע שוועריקייטן פון דעם לעגיאָנען־לעבן, ביז ער האָט ענדלעך דערלעבט צו זען זײַן טרוים אויף אַ העלפט פאַרווירקלעכט.

זײַנע פיס האָבן צום צווייטן מאָל געטראָטן איבער דעם באָדן פון ארץ־ישראל.

געשפּרייזט האָט גבריאל אין די געשלאָסענע רייען צווישן די לעגיאָנערן, און זײַן האַרץ האָט געשפּרונגען פון פרייד. עס האָט זײַן בלוט אין אים געזונגען: ענדלעך איז זײַן בענקשאַפט אויסגעקויפט, זײַן האָפענונג הויבט זיך אָן צו פאַרווירקלעכן, זײַ־נע אויגן בליקן צוריק אויף דעם ליכטיקן ארץ־ישראל־הימל, און ער אָטעמט אײַן זיך אײַן די לופט פון הייליקן לאַנד. אָבער דאָס איז דאָך נאָך נישט דער עיקר. ערגעץ־ווו נאָענט געפינט זיך חנה. ער פילט איר נאָענטקייט. עס זענען דאָך שוין צווישן זיי נישטאָ מער קיין ימים. ער קאָן זי דערגרייכן. אָבער ווו איז זי? ווו געפינט מען זי?

צוזאַמען מיטן לעגיאָן, מיט די אַמעריקאַנער אָפּטיילונגען, איז ער אַריבער דעם ירדן, געיאָגט די טערקן צו די וויסטענישן פון יריחו, צו די בערג פון מואב. די טערקן האָבן פאַר־לאָזן אָנגעצונדן די הויכע גראָזן אין די טאָלן. רויט־שוואַרצער רויך האָט זיך געוויקלט אין דער לופט. מען האָט אין זיך געזאַפּט דעם געסמאַליעטן רויך פון זאַמד און שטויב. מען האָט געקלע־טערט איבער פעלזיקע שטיינער, און די זון האָט געפלאַמט פון אויבן, איבער די קעפּ. מען איז געווען מיד, איינגעגעסן מיט שווייס און רויך. די ליפּן זענען געווען פאַרטריקנט, געקלעפּט זיך צום גומען. פיל לעגיאָנערן זענען אַוועקגעפאַלן און צוגענומען געוואָרן אין די פעלד־שפּיטאָלן. ער, גבריאל, אָבער, האָט גע־שפּרייזט מיט מוט. יעדער טריט, האָט ער געשפּירט, ברענגט אים נענטער צו חנהן. זאָל מען נאָר פאַרטרייבן די טערקן, באַפרייען דאָס לאַנד, און ער וועט זי שוין אָפּזוכן, זי זען און מיט איר רעדן.

גבריאל האָט איצט אויסגעקוקט, אַז אָט באַלד וועט ענגלאַנד

איינגעמען עפולה, ער וועט קומען קיין מרחביה און וועט דארט אויפזוכן חנהן, אדער צום ווינציקסטן, דערגיין עטוואס וועגן איר.

אבער די טערקן האבן זיך אפגעשטעלט צו צפון פון ירושלים, אויפגעבויט א פארטיידיקונגס־ליניע און זיך לאנג געהאלטן.

גבריאלס געדולד האט נישט אויסגעהאלטן. ער איז אפשר נאנט פון חנהן און ווייס עס נישט. ער האט געבעטן ביי זיין קאמאנדיר א דערלויבעניש צו פארן קיין ירושלים באזוכן קרובים. דארט איז ער אוועק צו דעם קאמיטעט פון די וואנדערער, זיך נאכגעפרעגט וועגן די וואנדערער פון מרחביה. אין קאמיטעט האט מען אים געגעבן אדרעסן פון געוועזענע ארבעטער און שומרים אין יענער קאלאניע. גבריאל האט זיי מיט גרויס מי אויפגעזוכט און איז אויך דערגאנגען וועגן חנהן.

ער האט זיך דערוווסט אלץ, וואס מיט איר האט פאסירט, זינט זיין אפפאר פון מרחביה פאר דער מלחמה, וועגן חצרים טויט, און איר ליבע מיט אבו־צדוקן, דערנאך וועגן איר וווינען אין זכרון־יעקב, איר טעטיקייט אלס שפיאן, איר אפערע צוליב דעם מיט א לייטענאנט פאן טירפיץ, און אז איצט זיצט זי אין טורמע אין דמשק.

גבריאל איז פון די אלע ידיעות געווען איבערראשט. אין זיין הארצן איז עס געווען א געמיש פון פרייד, צער און פארדרוס, אלץ צוזאמען. ער האט נישט געוווסט, ווי ער זאל רעאגירן אויף די אלע געשעענישן.

עס איז אים נישט געווען צום הארצן איר נאנטקייט צו אבו־צדוקן, איר ליבע מיטן לייטענאנט צוליב שפיאנאזש, דער גאנצער ענין פון שפיאנירן. אבער איבער דעם אלעם האט זיך א גרויסע פרייד, ווי ווייזן, געגאסן אין זיינע גלידער: חנה האט דערווייל נישט חתונה געהאט, זיך נישט פארבונדן מיט קיינעם, און וועט קאנען געהערן צו אים. ער וועט שוין איצט נישט זיין איפערזיכטיק, ער וועט פארטרייבן פון זיך מיט געוואלט די פלאג, וואס האט פארשטויסן זיין אייגן גליק. חנה מעג פירן צען ליבעס, זי איז ריין, ווי א מלאך. ער ווייס עס און ער קען זי. ווי גליקלעך איז ער, וואס זי איז פריי.

„זי איז פריי" — האט גבריאל צו זיך אליין איבערגערעדט זיינע געדאנקען, און ביטער א שמייכל געטאן. זי זיצט דאך איצט

אין טורמע אין דמשק. ווערט געפּייניקט פון די גרויזאַמע טערקן און דייטשן, און אַן אייזערנע וואַנט שטייט צווישן זיי. ער קאָן איר נישט העלפן.

גבריאל האָט צוריקגעקערט זיך צום לעגיאָן, און זיין האַרץ האָט נישט אויפגעהערט צו קלעמען און בענקען. ער האָט זיך דורכגעשריבן מיט פריינט אין ירושלים, געזוכט עצות, ביז אהרן אהרנסאָן איז אָנגעקומען אין לאַנד.

אהרנסאָן האָט זיך מיט שטאָלץ, ווי אַ זיגער, אומגעקערט פון אַמעריקע קיין ירושלים. זיין האַרץ איז געווען פול מיט פרייד, זעענדיק, ווי ירושלים איז אויסגעלייזט, זיין אידעאַל איז פאַר־ווירקלעכט. עס איז אָבער איבער זיין פרייד געהאַנגען דער וואָלקן פון זיין פּערזענלעכן צער און טרויער: זיין שוועסטער שרהס טויט, אבשלומס אומקומען אין דער מדבר, יוספס און נעמנס שטאַרבן אויף דער תליה, די ענוים און פּייניקונגען, וואָס די חברים פון „גילי", מיט זיין ברודער צבי, שטייען איצט אויס אין דמשק.

עס האָט אים געקלעמט דאָס האַרץ: וואָלטן כאָטש די טרייע חברים און זיין ליבע שוועסטער געזען די פרוכט פון זייער אַר־בעט, ווי זייער אידעאַל איז פאַרווירקלעכט: יהודה איז ביי די ענגלענדער, באַלפורס דעקלאַראַציע פאַר אַ יידישער היים אין פּאַ־לעסטינע. ווי טראַגיש עס איז, וואָס ביים שוועל פון גליק זענען זיי אומגעקומען.

אויב אָבער די טויטע קאָן מען נישט לעבעדיק מאַכן, דאַרף מען אָבער מאַכן די גרעסטע אָנשטרענגונגען, צו ראַטעווען ווי מעגלעך די אַרעסטירטע אין דמשק.

און ער, אהרנסאָן, האָט אָנגעהויבן זוכן פאַרבינדונגען, ווי איבערצושיקן געלט קיין דמשק, מען זאָל קאָנען אפשר דורך באַק־שיש און שוחד אויסקויפן די געפאַנגענע.

און דעמאָלט איז עס גבריאל געקומען צו אהרנען, בעטן ביי אים, ער זאָל עטוואָס טאָן פאַר חנהן, וואָס שמאַכט אין טורמע פאַר איר טעטיקייט אין זיין, אהרנסאָנס, אָרגאַניזאַציע.

אַ יונגערמאַן אין אַ מונדיר און שטייפע הויזן איז פאַר אים געשטאַנען, און מיט אַ פּנים, דורכגעזאַפּט מיט ווייטאָק, אים גע־בעטן, ער זאָל עפּעס זען צו טאָן פאַר חנהן.

אהרן האָט דעם אַמעריקאַנער לעגיאָנער אָנגעקוקט מיט אַ שמייכעלע:

— איך זאָל עפּעס זען צו טאָן פאַר חנהן? — האָט ער גע־זאָגט. — וואָלט איך נאָר געקאָנט. חנה איז מיר איינגעבאַקן אין האַרצן, זי איז געווען געטריי אונזער „נילי׳׳ און אונז גע־לייסטעט פיל הילף. זי איז געווען מיין שוועסטער שרהס בעסטער געהילף, און בכלל זענען אַלע חברים פון „נילי׳׳ מיר טייער, אָבער פאַרלויפיק קאָן די הילף באַשטיין אין געלט, וואָס איך האָב שוין אַהין אַריבערגעשיקט. דאָס איבעריקע מוז געטאָן ווערן דאָרט, אין דמשק, אויפן אָרט.

— אָבער איז כאָטש פאַראַן אַ האָפענונג, אַז חנה וועט אַמאָל באַפרייט ווערן? — האָט גבריאל געפרעגט מיט זאָרג. — אַז זי וועט אַמאָל קומען אַהער, און די טערקן וועלן זי דערווייל נישט אומברענגען?

— לאָמיר האָפן, אַז אַלץ וועט זיך אויסלאָזן גוט. אָבער וואָס געהערט איר זיך אָן מיט חנהן?

— איך בין איר.. אירער אַ פריינט... — האָט גבריאל גע־שטאַמלט אין פאַרלעגנהייט. — פון איין שטעטל. צוזאַמען גע־קומען אין לאַנד.

— ס׳איז אַ טייערע פּריווילעגיע צו האָבן אַזאַ פריינט, — האָט אהרן געזאָגט, — איך וועל נישט רוען, ביז מיר וועלן עט־וואָס קאָנען טאָן פאַר די געפאַנגענע.

— און לאָמיר האָפן, אַז די ענגלענדער וועלן אינגיכן פאַר־כאַפּן דמשק, — האָט גבריאל געדריקט אהרנס האַנט ביים גע־זעגענען זיך, — איך וואָלט מיט זיי געגאַנגען דער ערשטער.

— צוליב חנהן לוינט זיך, — האָט אהרן צוריקגעדריקט גבריאלס האַנט, און אים געשמייכלט אין די אויגן.

קאַפּיטל פיר און פערציק

עס איז שוין געווען באַלד אַ יאָר, אַז חנה איז געווען פאַר־שפּאַרט אין אַן ענגער צעלע אין „כאַן אַל באַשאַ׳׳־געפענגעניש אין דמשק.

דאָס איז געווען אַ שווערע צייט פאַר איר. איינע אַליין אין איר עלנטקייט און אומעט האָט זי געהאַט לאַנגע טעג און נעכט אַליין איבערצוטראַכטן צום טויזנטסטן מאָל. איר קאָפּ איז אין איר קלאָר געוואָרן צו דענקען. זי האָט ווי אויף אַ שנור געצויגן איינציקווייז די געשעענישן פון איר פאַרגאַנגענהייט, פון יענעם טאָג, וואָס זי איז אַנטלאָפן פון טאַטנס הויז אין זוועצק, איר לעבן אין ארץ־ישראל, ביז איר איצטיקן פאַרשפּאַרט ווערן דאָ אין טורמע. עס זענען פאַר איר דורכגעגאַנגען די געשטאַלטן פון אירע נאָנטע, וואָס האָבן פאַרנומען אַ פּלאַץ אין איר האַרצן: חצרי און שרה זענען טויט, אבו־צדוק זיצט אין אַ נאָנטער צעלע אין דערזעלבער טורמע, נישט ווייט פון איר. גבריאל... ווו איז איצט גבריאל?

ערשט איצט, אין טורמע, האָט זי זיך דערמאָנט וועגן אים, און אַ בענקשאַפט האָט זיך אַ וועק געגעבן אין איר האַרצן צו איר ערשטן געליבטן און איינציקן מאַן. זי האָט זיך דערמאָנט יענע יונגע יאָרן ביים טאַטן אין שטעטל, ווען גבריאל האָט איר צום ערשטן מאָל גערופן צו ציוניסטישער טעטיקייט פאַר ארץ־ישראל, צו די געהיימע פאַרזאַמלונגען אין ביבליאָטעק, ווו גבריאל איז געווען דער אָנפירער. שפּעטער, ווי זיי זענען צוזאַמען אַנטלאָפן, די חתונה אין אָדעס, די ערשטע צייט אין לאַנד. וואָס פאַר אַ גרויס אָרט גבריאל האָט פאַרנומען אין איר לעבן, וויפל טעג און יאָרן ער איז געווען איר איינציקער אָנשפּאַר, און ער האָט איר שטענדיק דערמוטיקט. און וואָס איז דאָס אייגנטלעך געווען די סיבה, וואָס האָט געבראַכט די איבערקערעניש, זיי פאַרפרעמדט, צע־שיידט, און אים פאַרטריבן פון לאַנד? איינפערזוכט? אָבער אַז ער איז געווען אייפערזיכטיק, איז דאָך דאָס געווען אַ באַווייז, אַז ער האָט איר נאָכמער ליב געהאַט? און ווער ווייס, פּיליכט איז ער געווען גערעכט? געשטורעמט האָט אין איר דעמאָלט די יוגנט... בויען... אָבער אָט איז יענע גאַנצע אַרבעט געוואָרן צע־שטערט, פאַרניכטעט. געקומען איז די מלחמה און געשאַפן נייע באַדינגונגען. נישטאָ מער די „באַקשיש"־מאַכט. ווער האָט עס דעמאָלט פון דעם געחלומט? פּיליכט האָט זי געדאַרפט פאָלגן גבריאלן, פאָרן מיט אים קיין אַמעריקע. זי וואָלט איצט ערגעץ געלעבט אין צופרידנקייט, זאָרגלאָז. איצט, איצט איז זי אַזוי

מיד... מיד פון שטורעם און קאמף. און ער, גבריאל, ווי לעבט ער דאָרט? קומט זי אים אַמאָל אין גערדאַנק? מעגלעך, ער האָט שוין לאַנג חתונה געהאַט, און געפונען זיין אייגן גליק אין דער רייכער אַמעריקע. אָבער ווען זי פאָרט מיט...

חנה האָט זיך אַ טרייסל געטאָן, ווי געוואָלט אָפּטרייבן די געדאַנקען. ניין, זי האָט נישט קיין חרטה, וואָס זי איז מיט אים נישט געפאָרן. עס איז ווערט געווען דאָס ליידן, זי דאַרף עס נעמען ווי אַ העלדין. זי דאַרף זיך אָפּלערנען פון אבו־צדוקן.

אָט זיצט אבו־צדוק אָפּגעצוימט פון איר מיט אַ פּאָר צעלעס. זי זעט אים אַלע טאָג, ווי מען פירט אים פאַרביי, אויפן וועג צום שפּאַציר אין טורמע־הויף. ער איז אָפּגעצערט, פאַרדאַרט, אָבער זיינע אויגן מיטן דאַרן פּנים לאַכן. דערזעלבער לייכטער, גוטמוטיקער און נשמהדיקער געלעכטער, ווי אַמאָל, ווען ער האָט איינגעשטעלט זיין לעבן. אַ, ווען זי קאָן זיין אַזוי רואיק, נעמען עס מיט אַ געלעכטערל, ווי ער! אַזוינע, ווי אבו־צדוק, פאַרדינען רעספּעקטירט און פאַרגעטערט צו ווערן. ווען זיי וועלן באַפרייט ווערן. וועט זי שוין טאַקע בויען איר אייגענע נעסט, ווי גבריאל האָט געזאָגט, אָבער זי וועט אויסקלייבן אבו־צדוקן, כאָטש גבריאל איז איר אויך טייער.

א וועכטער האָט איר איבערגעהאַקט די מחשבות.

— אַ פּעקעלע עסנווארג פאַר דיר!

— פאַר מיר? — האָט חנה זיך געוווּנדערט. — פון וועמען?

— אַ פרוי האָט צוגעבראַכט.

— וואַרט, — האָט חנה געזאָגט צום וועכטער, — איך וועל עפענען און דיר געבן פון דעם אַ טייל פאַר דיין פריינטשאַפט מיר עס איבערצוגעבן.

— איך דאַרף נישט, — האָט דער וועכטער געזאָגט, — כּאָר האָט מען שוין באַזונדער באַצאָלט.

דער וועכטער איז אַרויס. חנה האָט לאַנגזאַם פאַנאַנדערגענומען די צוקערוואַרג און פרוכט, און אַן אויפגעקנייטשט בריוועלע האָט אַרויסגעשטעקט פון אַ ווינקל.

זי האָט שנעל פאַנאַנדערגענומען און געלייענט:

„פון ירושלים איז דאָ פאַר דיר געלט. מאָרגן וועסטו קריגן ברויט, וועלן אינעווייניק ליגן פראַנקן און לירעם. מיר

וועלן פּרוּוון דיך אַרויסקריגן פונדאַנען.״

אויף צומאָרגנס האָט חנה טאַקע באַקומען דאָס ברויט. זי האָט אויפגעשניטן און אַרויסגענומען אַ פּעקעלע גאָלדענע פראַנקן און צונויפגעדרייטע אַסיגנאַציעס.

זי האָט דאָס געלט פאַרשטעקט אין בוזעם און איר פּנים האָט אויפגעלויכטן. עס האָט אַ שטראַל־געגעבן אַ האָפענונג. מען טראַכט פון איר אין ירושלים, מען זוכט איר צו באַפרייען, ראַטעווען.

געהאָפט האָט חנה אַזוי אַ קורצע צייט, אָבער דערנאָך געמוזט זיך אַנטוישן.

אין איינעם אַ פרימאָרגן איז אין דמשק אויסגעבראָכן אַ גרויסע צעמישעניש. איבער די גאַסן האָבן זיך אָנגעהויבן ציען אָפּטיילונגען מיליטער, פערד און וועגענער, געריכטעט מיט די פּנימער צו צפון. אַלץ האָט זיך געלאָזט מיט רעש און געפילדער אויף צוריק פון פראַנט, צו דער ריכטונג פון סיריע. אַפילו צו חנהן אין טורמע האָט דערגרייכט דער טומל. עס איז געוואָרן קלאָר, אַז די אַרמיי טרעט אָפּ, און קייקלט זיך אויף צוריק.

אין טורמע האָבן זיך באַוויזן זעלנער מיט אָפיצירן.

— זייט גרייט! — האָבן די וועכטער געקלאַפּט אין אַלע צעלעס. — נעמט אייך אַלץ מיט!

אַלע אַרעסטירטע זענען צונויפגעבראַכט געוואָרן אויפן הויף און אויסגעשטעלט געוואָרן אין אַ לאַנגער רייע. ביי די זייטן זענען געווען אויסגעשטעלט באַוואָפנטע זעלנער.

חנה האָט פון ווייטן געזען אבו־צדוקן און אַנדערע חברים.

— מען נעמט אונז אַוועק פונדאַנען, — האָבן אַרעסטירטע זיך געשושקעט צווישן זיך, — די ענגלענדער יאָגן.

די שושקעריי האָט זיך אַרויסגעוויזן פאַר ריכטיק.

די אַרעסטירטע האָבן מיט זייערע וואַקלענדיקע פיס, צוליב זייער אָפּגעוווינטקייט פון גיין, געמוזט אָנהאַלטן דעם מאַרש צווישן דעם אָפּטרעטנדיקן מיליטער, און צוזאַמען מיט זיי געשפּרייזט, באַגלייט פון זעלנער, אויף די וועגן פון סיריע און אַנאַטאָליע.

— — — — — — — — — —

צוויי טעג זענען שוין געווען פאַראיבער, און די אַרעסטאַנטן

האָבן, פֿאַרשמאַכטע, נאָכגעהאַלטן די טריט פֿון דעם צוריקטרעטנ־דיקן מיליטער.

פונדערווייטנס האָבן צו זיי דערגרייכט טעמפּע קאַנאָנען־שאָסן און אויפֿרייסן, וואָס האָבן אָפּגעענטפֿערט מיט אַן עכאָ פֿון הינטער די בערג. ווי מיט לאַנגע ביימשן האָבן די ענגלענדער געטריבן די טערקן, זיי פֿאַרפֿאָלגט אויף די טריט, און נישט גע־לאָזט אָפּרוען. די קנאַלן פֿון די שאָסן האָבן זיך געשטאַרקט, דער פֿראָנט ווערט נענטער, מענטשן פֿאַלן פֿון מידקייט, ווערן אָבער געטריבן פֿון די לעצטע רייטער, נישט אָפּצושטעלן זיך, און אָפּ־האַלטן דעם צוריקצוג.

געטריבן האָבן זעלנער די אַרעסטירטע, און זיך אָנגעשטרענגט זיי אָפּצוהיטן, זיי זאָלן זיך נישט צעלויפֿן. געטאָן האָבן זיי עס אומווילליק, געצווּנגען, און געזוכט מיטלען, ווי זיך פֿון זיי צו באַ־פֿרייען.

— צו וואָס זאָלן מיר זיין געשטערט פֿון די אַרעסטירטע שפּיאָנען? — האָט אַ דייטשער אָפֿיציר געזאָגט צו אַ טערקישן.— לאָמיר זיי אויסשיסן און מיר וועלן זיין פֿריי!

— לאָמיר נאָך צוּוואַרטן. מעגלעך, מען וועט זיי פֿון אונדז צונעמען, — האָט דער טערקישער אָפֿיציר געענטפֿערט.

חנה האָט דאָס צוגעהערט, און כאָטש דאָס לעבן איז גע־וואָרן ביטער, האָבן דעם דייטשן אָפֿיצירס רייד זי אויפֿגעשוידערט. זי וואָלט נישט וועלן שטאַרבן אַזוי מיאוס, ווערן דערשאָסן ווי אַ פֿערד, און אַוועקגעוואָרפֿן ווי אַ נבֿלה אין פֿעלד. פֿונוויייטן הערן זיך האַרמאַטן־שאָסן, יעדער קנאַל רופֿט צו לעבן און פֿרייהייט. חנה האָט זיך דערמאָנט וועגן דעם באַהאַלטענעם געלט, וואָס זי האָט מיט זיך.

זי האָט איינגעשטעלט און האָט איבערגערעדט מיט אַ זעלנער, וואָס איז געשטאַנען ביי איר זייט.

— איך קאָן דיר באַצאָלן מיט גאָלד, — האָט זי צו אים אַ מורמל געגעבן, גייענדיק, — דו זאָלסט מיך לאָזן אַנטלויפֿן. דאָס גאָלד האָט נאָך אַן אַרעסטירטער ביי זיך. העלף אונדז ביידן אַנטרינען ווערן ביינאַכט, וועלן מיר דיר אַלץ אַוועקגעבן.

דעם אַנדערן האָט זי געמיינט אַבו־צדוקן.

דער זעלנער האָט זיך געקווענקלט.

— מיר האָבן גאַנצע צוויי הונדערט פראַנק! — האָט חנה געמוטיקט דעם זעלנער.

דער טערק איז איבערראַשט געוואָרן. ער האָט זיך געקווענקלט, און ענדלעך איינגעשטימט, און האָט צוגעזאָגט, נאָך דיזעלבע נאַכט זיי צו באַפרייען.

פאַרנאַכט האָבן זיי זיך אָפּגעשטעלט ביי אַ זייט פון אַ באַרג, זיי האָבן אויסגעשפּרייט לייוונטן און צוגעלייגט זיך רוען.

ווען עס איז געוואָרן פינסטער, איז דער זעלנער צוגעקומען.

חנה איז שוין געווען גרייט. זי האָט אים אַריינגעשטעקט דאָס געלד אין האַנט, און ער האָט איר געלאָזט גיין.

— נאָך דיר וועל איך אַרויסלאָזן דעם אַנדערן, — האָט דער זעלנער איר אַ שושקע געטאָן.

— ער וועט דיר באַזונדער געבן געלט, — האָט חנה אים געזאָגט.

זי האָט זיך אַרויסגעשלייכט פון דעם אָפּרו־פּלאַץ, שטיל גע־דרייט זיך ביי דער זייט פון וועג, נענטער צום באַרג, און דער־נאָך, ווען זי האָט זיך שוין דערווייטערט ביי אַ צוויי קילאָמעטער, האָט זי דערזען, ווי אַ שמאָל שטעגעלע שלענגלט זיך צווישן די בערג, און האָט זיך דאָרט אַריינגעדרייט, מען זאָל זי נישט מערקן פון וועג, און באַלד זיך אָפּגעשטעלט וואַרטן אויף אבו־צדוקן.

עס האָט נישט לאַנג גענומען — און זי האָט דערזען זיין שאָטן. זי האָט זיך געטרייסלט פון פרייד און אומגעדולד. יאָ, דאָס איז ער, אבו־צדוק! אָט גייט ער און דערנענטערט זיך, אָט איז ער שוין אין העלפט וועג, עס איז פאַרבליבן אַ האַלבער קי־לאָמעטער. ווי לאַנגזאַם ער שלעפּט זיך. ער איז אָפּגעשוואַכט, אָבער נישט געזאָרגט, זאָלן זיי נאָר זיין פריי.

אָבער דאָ איז מיטאַמאָל איר האַרץ פּלוצלינג שטיין געבליבן פון שרעק. וואָס איז עס? פונווייטן יאָגט זיך אויפן וועג אַ רייטער אויף אַ פערד, ער פייפט און שרייט. יאָגט ער זיך דאָס נאָך אבו־צדוקן? דער גאַלאָפּ פון פערד האָט זיך פאַרשטאַרקט. אפשר לויפט ער גאָר אַזוי אין אַ שליחות אויפן וועג? חנה האָט זיך אומגעוואָרפן אויף דער ערד אויפן שטעגעלע, דער רייטער זאָל זי נישט באַמערקן און אַרויסגעקוקט.

דער רייטער האָט זיך אַלץ דערנענטערט צו אבו־צדוקן, אָבער

צדוק האָט אים שוין באַמערקט, ער האָט זיך אומגעקוקט אויף צוריק, און אָנגעהויבן צו לויפן. ער לויפט. פאַרטשעפּעט זיך און פאַלט, און הויבט זיך ווידער אויף, און פּלוצלינג — אַ הילכיקער שאָס שפּאַלט די לופט און אַבו־צדוק פאַלט אום.

חנה האָט אַרויסגעלאָזט אַ קוויטש, און מער קיין זאַך נישט געזען. פייערדיקע רינגען האָבן זיך אָנגעהויבן ווירבלען פאַר אירע אויגן, געדרייט זיך אין אַ רעדל אַהין און צוריק, און מיט־אַמאָל איז אַלץ פאַרשוווּנדן. עס איז געוואָרן פינסטער.

— — — — — — — — — —

ווען זי האָט זיך אויפגעהויבן, איז שוין געווען גרויסער טאָג. זי האָט זיך אַרומגעקוקט. זי איז אויף אַ שטיינעלע צווישן צוויי בערג. שטיל איז אַרום. עס דערטראָגן זיך נאָר טעמפּע עכאָס פון ווייטן רעש, פייפעריי און טומל.

— ווו בין איך דאָ? וואָס איז מיט מיר?

ביסלעכווייז האָט זיך עס אָנגעהויבן אויסלייטערן אין איר, די נאַכטיקע איבערלעבונג האָט זיך אָנגעהויבן אַרויסשיילן פון איר פאַרנעפּלטן מח, זי האָט זיך דערמאָנט אין איר אַנטלויפן, וועגן אַבו־צדוקן.

נישט אָפּגעבנדיק זיך קיין רעכענונג, האָט זי זיך געלאָזט אויף צוריק צום וועג, ווו אַבו־צדוק האָט ביינאַכט געשפּרייזט. זי איז אָפּגעגאַנגען אַ קורצע שטרעקע, און — זי האָט אויפגע־שווידערט ביז צו די האָר פון איר קאָפּ.

אויסגעצויגן, מיטן פּנים אַרויף, די הענט אויסגעשפּרייט, איז געלעגן אַבו־צדוק. אַ שטיק פאַרקילט בלוט האָט זיך געצויגן פון זיין בויך. דאָס פּנים איז געווען געל, פאַרענדערט. פאַרבליבן איז פון זיין געשטאַלט נאָר זיין געלעכטערל; דאָס טויטע פּנים האָט געלאַכט.

צוגעפאַלן איז חנה צום קערפּער און אויסגעבראָכן אין אַ שרעקלעכן יאָמער. זי האָט אויסגעוויינט איר אָנגעלאָדן האַרץ און אים באַקלאָגט. אירע טרערן האָבן גענעצט זיין טויט פּנים, שטיל איז געווען אַרום, און די אַרומיקע בערג האָבן צוריק אי־בערגעכאַפּט איר געוויין מיט אַ הילכיקן עכאָ.

עס האָבן זיך אָנגעהויבן פאַרנעמען אָפּקלאַנגען פון שאָסן.

— איך גיי, אַבו־צדוק, — האָט זי זיך אויפגעשטעלט, —

גאָט האָט אַזוי געוואָלט. גליקלעך ביזטו, וואָס דו קאָנסט שטאַרבן מיט אַ געלעכטער.

זי האָט זיך געלאָזט צוריק אין די בערג, זי איז געגאַנגען אָן אַ ציל און אָן אַ פּלאַן. זי האָט נאָר געוווּסט, אַז זי דאַרף גיין אויף צוריק, אין דער ריכטונג, פונוואַנען עס רופן איר די קאַנאָנען־שאָסן.

— — — — — — — — — —

נאָך צוויי טעג בלאָנדזשען צווישן בערג, האָט זי זיך אָנגעשטויסן אויף צוויי רייטער אין גייע אוניפאָרמען.

— העלאָו! — האָבן די רייטער זי באַגריסט אין ענגליש. — זענען מיר שוין אַריבער דמשק?

חנה האָט זיי אָנגעקוקט מיט ברייט־צעעפנטע אויגן. זי האָט געוואָלט לאַכן און וויינען, איז אָבער געבליבן אַ ווײַלע פאַרשטיינערט, און זיך נישט געקאָנט באַוועגן.

נאָכדעם האָט זי זיך אַראָפּגעלאָזט אויף די קני און, ווי אין אויסברוך פון משוגעת, אַרומגענומען און געקושט די פיס פון די רייטער אין ווילדן עקסטאַז.

— איך בין געראַטעוועט! געראַטעוועט!

נישט פאַרשטאַנען האָבן די ענגלישע רייטער, וואָס דאָס מיידל רעדט, און זי אָפּגעפירט אין שטאַב.

קאַפּיטל פינף און פערציק

גיך איז חנה אָנגעקומען קיין ירושלים.

צוזאַמען מיט דער ענגלישער קאַוואַלעריע, וואָס האָט אויף פערד געיאָגט די טערקישע אַרמיי, זענען אויך געווען עטלעכע חברים פון אהרנסאָנס „נילי", וועלכע, זייענדיק באַקאַנט מיט די בערגיקע וועגן, האָבן זיי געוויזן די ענגלענדער דעם וועג. ווען מען האָט חנהן געבראַכט אין פעלד־שטאַב, און זי האָט דערציילט, אַז זי איז אַ מיטגליד פון „נילי", האָט מען גערופן די פּאָר חברים, זיי זאָלן זי דערקענען.

— אָ, ס'איז דאָך חנה! — האָבן די חברים געפּאַטשט אין די הענט פון פרייד.

זיי האָבן דערציילט פון חנהס טעטיקייט, און פון שטאָב האָט מען באַזאָרגט פאַר איר אַ פור, און איר אָפּגעפירט אין גליל, און פון דאָרט קיין ירושלים.

אין ירושלים איז ביי חנהס באַקאַנטע און פריינט פון „נילי" געווען גרויס יובל און פרייד מיט איר קומען. מען האָט איר גראַטולירט, באַגריסט מיט גרויס וואַרעמקייט, ביז חנה איז אַזש גע־ווען גערירט ביז טרערן. זי האָט זיך גאָרנישט פאַרגעשטעלט, אַז זי פאַרמאָגט אַזויפיל פריינט, און געמיינט גאָר, אַז זי איז עלנט. די זון האָט צוריק אַ שיין געטאָן אין איר לעבן, און זי האָט גע־רעכנט, אַז אַלץ איז שוין געענדיקט.

ביסלעכווייז האָט דער אומעט און די דערשלאָגנקייט פון דעם יאָר אין טורמע אויסגעוועפּט זיך פון אירע גלידער. אפילו דער צער איבער אבו־צדוקס טויט איז צערונען. פרייד און גליק, ווי גוטער, קרעפטיקער וויין, האָבן זיך געגאָסן אין איר בלוט, און זי געוועקט, דערפרישט. ערשט איצט האָט זי געזען דעם באַצאָל פאַר אירע ליידן. די פרייד פון גאַנצן ישוב אין איר אייגענער פרייד.

זי האָט זיך געפילט ווי אַ „העלדין", וואָס האָט געקריגן בלומען־קראַנצן, קומענדיק מיט זיג אַהיים. זי האָט אַ חלק אין די נייע האָפענונגען, וואָס הויבן אָן באַזעלן דאָס יידישע פאָלק. איר „נילי" האָט פיל ביינעטראָגן צו לאָרד באַלפורס דעקלאַראַציע. ווערט זענען געווען אַלע ליידן, אָנשטרענגונגען און געפערלעכע אונטערנעמונגען. עס האָט זיך געלוינט.

אָבער ווי דאָס אַליין וואָלט נישט געווען גענוג, האָבן איר איצט געיאָגט גוטע אָנזאָגן פון אַלע זייטן, און פּונקט ווי פריער האָבן זיך געשאָטן די אומגליקן איינע נאָך די אַנדערע, אַזוי איז איצט, ווען דאָס רעדל האָט זיך אַ דריי געטאָן, נישט געווען קיין סוף צו אירע פריידיקע איבערראַשונגען.

אהרן אהרנסאָן אַליין האָט עס זי איבערראַשט. ער, אהרן, האָט זיך זייער געפרייט מיט חנהס באַפרייאונג. עס איז ביי אים געגען אַ גליקלעכע מינוט, ווען ער האָט זי דערזען, ווי ער וואָלט אין איר געפונען אַ טרייסט, נאָך זיין טויטער שוועסטער שרה.

חנה האָט אים געדאַנקט פאַר דעם, וואָס ער האָט איר באַזאָרגט מיט געלט אין דמשק, און דאָס האָט איר געגעבן אַ מעגלעכקייט אונטערצוקויפן דעם וואַך־זעלנער.

אהרן האָט אַ שמייכל געטאָן:

— דעם גאַנצן דאַנק קומט נישט מיר. אַן אַמעריקאַנער לע־גיאָנער, דיינער אַ פריינט, איז מיך דעמאָלט געקומען בעטן, איך זאָל דיך העלפן ארויסנעמען פון דמשקער טורמע.

— אַן אַמעריקאַנער לעגיאָנער? — האָט חנה אָנגעקוקט אהרנען מיט וווּנדער. — איך האָב נישט קיין אַנונג, ווער דאָס איז.

— ער איז פון דיין שטעטל. זיין נאָמען איז רעזניק.

— גבריאל! — האָט חנה אויסגעשריגן אין געוואַלטיקער אי־בערראַשונג, און אַ רויטקייט האָט באַגאָסן איר פנים.

זי איז ווי פאַרגליווערט געבליבן שטיין אויף איין אָרט, און איר צעמישונג האָט איר געמסרט.

— אַ געליבטער אַזש פון אַמעריקע? — האָט אהרן געלאַכט.

— ער איז דאָ מיט מיר געווען אין מרחביה... ער איז געווען מיינער... אַ פריינט, פון איין שטעטל, — האָט זי געשטאַמלט אָפּ־געהאַקטע ווערטער.

די רויטקייט האָט זיך געשטאַרקט אויף חנהס פנים. זי האָט שיער נישט אויסגערעדט „מיין מאַן".

— ווו קאָן מען אים געפינען? — האָט זי געבעטן אהרנען. — איך וויל אים זען.

— איך וועל עס שוין באַזאָרגן, — האָט אהרן געענטפערט, — איך וועל שיקן אָנזאָגן אין אַמעריקאַנער לעגיאָן. פאַר דיר עפּעס צו טאָן, בין איך גערן.

— איך וועל דיר זיין זייער דאַנקבאַר, — האָט חנה נישט געקאָנט דערשטיקן איר נייגיריקייט.

פון דעמאָלט אָן האָט זי געציילט די טעג, און אומגעדולדיק געוואַרט, צו זען גבריאלן.

— — — — — — — — — — —

— — — — — — — — — — —

אין אַ שטייפן מיליטערישן אוניפאָרם, אין ברייטע הויזן, איינגענומען ביי די קני אין גלאַנציקע שטיוולעטן, איז פאַר חנהן

אין אַ קורצער צייט אַרום געשטאַנען דער אַמעריקאַנער לעגיאָנער, און זיינע אויגן האָבן געלויכטן מיט האַרציקער פרייד.

— גבריאל?! — האָט חנה אויסגעשריגן מיט אַ פנים פול מיט וווּנדער, און דאָס קול האָט זיך געשטיקט אין איר האַלז.

— חנה! — האָט גבריאלס שטימע געציטערט פון פריידיקער אויפרעגונג, און ער האָט זיך דערנענטערט מיט אַ טראָט צו איר.

חנה האָט זיך אַ ריר געטאָן פון אָרט צו אים — און זיי זע־נען אַריינגעפאַלן איינע אין דעם אַנדערנס אָרעמס, זיך איינגעקלאַ־מערט אין אַ לאַנגן, זאַפטיקן קוש.

רייד זענען געווען איבעריק. שטום האָבן אומאַרמונגען און בליקן דערציילט פון טיפער בענקשאַפט און געפונענעם גליק. זייערע אויגן זענען געווען אָנגעגאָסן מיט טרערן, און די פייכטע בליקן האָבן זיך געטונקט אין גלאַנציקער פליסיקייט.

שטום, ווי פאַרגליווערט, זענען זיי געשטאַנען אַ היפשע ווײַלע. זיי האָבן זיך געקוקט אין די אויגן, און זיך נישט געקאָנט אָנזעטיקן. די איבערגעלעבטע יאָרן פון צעשיידונג האָבן זיי גע־זוכט אין דידאָזיקע בליקן.

גבריאל איז דער ערשטער געקומען צו זיך.

— חנה, — האָט זיך זיין האַרץ געעפנט, און ער האָט גע־שטראָמט מיט רייד, — חנה, ווי גליקלעך איך בין. איך גלויב מיר גאָרנישט, איך בין צוריק לעבן דיר, און רעד מיט דיר. פאַר־גיב מיר, חנה, פאַר מיין דעמאָלטיקער קליינגלעבקייט, ווען איך האָב דיך פאַרלאָזן. איך האָב שוין מיין שטראָף געהאַט. פון מיין קומען קיין אַמעריקע ביז היינטיקן טאָג, בין איך אויפגעגעסן געוואָרן פון מיין בענקשאַפט צו דיר. דאָס זענען געווען יאָרן פון קלעמעניש, חרטה און בענקשאַפט. איך ווייס נישט, מיט וואָס דאָס וואָלט זיך געענדיקט, ווען נישט דער צופאַל מיטן לעגיאָן, און — מיין חלום איז איצט פאַרווירקלעכט געוואָרן. איך בין נאָענט צו דיר, אין אונזער לאַנד.

חנה האָט נישט אַראָפּגענומען די בליקן פון אים, אין אים געשפיגלט אירע אויגן. גבריאלס רייד האָבן, ווי גוטע מוזיק, צע־נומען איר האַרץ.

— ווי אַנדערש דו ביזט געוואָרן, גבריאל, — האָט חנה גע־זאָגט, — איך דערקען דיך דאָך גאָרנישט. דיין פנים האָט זיך

אויסגעלעגנגערט, געוואָרן שטייף, ווי דיין שיינער אוניפאָרם. איך דאַרף דיר גאָרנישט פאַרגעבן, גבריאל, דו ביזט איצט אַ נייער מענטש. יענער גבריאל, וואָס איז פון מיר אַוועק, איז איצט דאָ נישטאָ, איצט שטייט דאָ דער גבריאל, מיין שטילער געליבטער אין זוועצק, דער טרוים פון מיין יוגנט.

נאָכאַמאָל האָבן זייערע ליפן זיך צוזאַמענגעקלעפּט אין אַ הייליקן קוש.

— איך פאַרגעטער דיך איצט נאָכמער, חנה, — האָט גבריאל געשעפּטשעט, — אויך דו ביזט אַן אַנדערע, ביזט געוואָרן עלטער, רייפער, אָבער נאָך טויזנטער מאָל מער מיט חן. איך באַוווּנדער, וואָס דו האָסט מוט געגנוג אַוועקצולייגן דיין שטאָלץ, וואָס איך האָב באַליידיקט, און מיך אַזוי האַרציק אויפנעמען. כ'האָב די גאַנצע צייט געציטערט, אַז דו וועסט מיך אָפּשטויסן, אויף מיר נישט וועלן אַ בליק טאָן, ווי איך האָב פאַרדינט, און איך וועל נישט האָבן קיין מעגלעכקייט צו אַנטפּלעקן פאַר דיר מיין האַרץ. אָבער דו האָסט מיך פאַרשטאַנען פון ערשטן קוק, דו האָסט נישט געבעטן קיין אַנטשולדיקונגען, קיין צערעמאָניעס, נאָר מיר געוויזן דיין האַרציקייט.

— האַלט מיך נישט אַזוי פאַר אַ גאָט, — האָט חנה געזאָגט, לאַכנדיק, — דו וועסט הערן געשיכטעס וועגן מיר, וועסטו צוריק אַנטלויפן.

— איך האָב געהערט, חנה, אַלץ, אַלץ געהערט, אַלץ, אַלץ, אָבער דו ביזט נאָך ליבער אין מיינע אויגן. איך וועל שוין נישט זיין אייפערזיכטיק, קליינלעך, עגאָאיסטיש, און נאַריש. איך ווייס דיך צו שעצן, און טאַקע צו פאַרגעטערן.

חנהס אויגן האָבן זיך נאָכמער געטונקען אין פייכטער גלאַנציקייט.

— איך מוז דיר אַלץ דערציילן, גבריאל, — האָט זי געזאָגט,— דו מוזט אַלץ וויסן, מער, וויפל דו דענקסט.

— לאָמיר, חנה, מער נישט רעדן וועגן דער פאַרגאַנגענהייט, — האָט ער געזאָגט, — מיר זענען ווי ערשט פריש־אָנגעקומענע אין אונזער לאַנד, די צווישנצייט איז געווען אַ חלום.

— עס קומט מיר טאַקע אויס, ווי נעכטן האָב איך זיך געשיידט פון דיר,—האָט ער ווייטער גערעדט,—ווי איך בין קיינמאָל

פֿון לאַנד נישט אַוועק. אָבער דאָס איז, ווייל דו האָסט מיך אויפֿגע־נומען אַזוי איינפֿאַך, אָן סצענעס, אָן אויסרעכענונג, ווי מיר וואָלטן זיך אויסקוקן איינע די אַנדערע.

— אין טורמע, אין דמשק, — האָט חנה גערעדט שטיל — האָב איך וועגן דיר געטראַכט. דאָרט, אין עלנט, אין איינזאַמ־קייט, איז פֿאַר מיר דורך די פֿאַרגאַנגענהייט. דאָרט האָב איך דיך מיטגעפֿילט און פֿאַרשטאַנען.

— איך האָב דאַמאָלט אין מרחביה נאַריש געהאַנדלט, איך...

— רעד מער נישט! — האָט חנה מיט דער האַנט פֿאַרשטעלט אים דאָס מויל — רעד נישט! איך וויל מער נישט געדענקען. דערציייל מיר בעסער, ווי האָסטו געלעבט אין אַמעריקע?

— וועגן דעם וויל איך נישט רעדן — האָט גבֿריאל אַראָפּ־גענומען איר האַנט פֿון מויל און איר נישט אָפּגעלאָזט — איך וויל פֿאַרגעסן די יאָרן פֿון קלעמעניש און בענקשאַפֿט, ווי איך האָב געזאָגט, די צווישנצייט איז אויסגעמעקט.

— ווילסטו דען נישט פֿאָרן צוריק נאָך דער מלחמה מיט דיין לעגיאָן אין אַמעריקע?

— איך פֿאָר נישט, — האָט גבֿריאל זיך אויפֿגעטרייסלט, — איך פֿאָר נישט. לעבן דיר אין אונזער לאַנד איז מיין לעבן.

און ער האָט אַרומגעפֿלאָכטן איר קאָפּ מיט זיינע אָרעמס, און איר געקושט די שאַטיגע האָר.

שפּעטער, ווען זיי זענען געזעסן ביים עסן, וואָס חנה האָט צו־געגרייט, האָט גבֿריאל דאָך דערציילט איינצלהייטן פֿון זיין לעבן אין דער נייער וועלט, אַמעריקע. חנה האָט אים געהערט מיט אינטערעס.

— מאָדנע, — האָט זי דערנאָך אויסגעזיפֿצט — ווי וווּנ־דערלעך אַלץ האָט זיך דאָ אויסגעדרייט. חצרי און אבו־צדוק זענען טויט. דו, גבֿריאל, ביזט געקומען צוריק. דורך בלוט און פֿייער זענען מיר דורכגעגאַנגען, און דאָך אויפֿגעקומען. עס איז דאָ אַ גאָט, און אַ זאַך ווי באַשערט.

— מיר זענען דורכגעלייטערט, — האָט גבֿריאל געזאָגט, — און דורך דעם נענטער געוואָרן.

— ריכטיק, גבֿריאל — האָט חנה געזאָגט — טאַקע נענ־טער. איך האָב איצט דיין אידעאַל פֿון מרחביה, צו בויען אַ

היים פאַר זיך אַליין, פאַר דעם אייגענעם גליק. מיין חלק פאַרן פאָלק האָב איך דערפילט.

— ווען מיר עם דערגרייכן צוזאַמען — האָט גבריאל געלאַכט — מיר וועלן בויען אונזער היים. אויף די בערג פון יהודה וועלן מיר אויפשטעלן אונזער נעסט.

ווידער האָבן זיי זיך געפלאָכטן צוזאַמען און זייערע נאַסע הייסע טרערן האָבן זיך אויסגעמישט.

קאַפּיטל זעקס און פערציק

ווידער איז אַ צייט פאַרלאָפן.

אַריבער זענען די יום־טוב־טעג פון דער ענדערונג אין מאַכט. ארץ ישראל אונטער דער ענגלישער הערשאַפט האָט אָנגעפאַנגען איר וואָכעדיקן לעבן. אומרועןן און העצעס פון די אַראַבער, וואָס זענען געווען שטיל אין דער ערשטער צייט, האָבן אויפסניי אָנגעהויבן אַרויסשפּראָצן. די האָפענונגען פון „נילי" מיט אהרנסאָנען אין דער שפּיץ האָבן זיך נישט אינגאַנצן ערפילט.

מעגלעך, ווען אהרן אהרנסאָן זאָל געווען בלייבן לעבן, וואָלט זיין איינפלוס געבראַכט פיל גוטס צום יידישן ישוב אין ארץ־ישראל, אָבער דער שיקזאַל האָט אַזוי נישט געוואָלט.

אהרן אהרנסאָן איז געווען אומגעקומען מיט אַ טראַגישן טויט.

עס איז געווען אין לאָנדאָן, אין יענע שטורמישע טעג, ווען דער גורל פון יידישן פאָלק איז געלעגן אויף דער וואָג־שאָל פון די זיגרייכע פעלקער. ,

דאָס יידישע פאָלק האָט ענדלעך באַקומען זיין טייל. באַלפורס דעקלאַראַציע איז געווען דערקלערט. עס איז געלייגט געוואָרן דער ערשטער פונדאַמענט־שטיין צו דער פאַרווירקלעכונג פון אַלטן יידישן חלום פון אומקערן זיך אין זיין לאַנד.

אהרנסאָן איז דאַמאָלט געווען אין לאָנדאָן צוזאַמען מיט די גרויסע ציוניסטישע פירער. ער איז געקומען מאָנען זיין „באַצאָלט", פאַר זיין און זיין „נילים" זעלבסטאָפּפערונג. האָט ער געזוכט אויסצואיבן אַן איינפלוס, אַז די דעקלאַראַציע זאָל אויס־

געטייטשט ווערן אין בריטן זין. זיין הארץ האט געשפרונגען פון פרייד.

ענדלעך איז דער אנפאנג געמאכט געווארן. איצט וועגדט זיך אלץ אין אונז, יידן, אליין: אויב מיר ווילן איבערצייגן, אז מיר באגערן ווירקלעך אונזער לאנד, מיר וועלן זיך אנהויבן ציען אהין אין די טויזנטער, ווידמען אונזערע כחות אויפצולעבן און אויפצובליען די וויסטעניש, דעמאלט וועלן מיר אלץ דערגרייכן. וועלן מיר אבער בלייבן קאלט, גלייכגילטיק — לאזן מיר דורך די היסטארישע געלעגנהייט, און דאס יידישע פאלק איז נישט ווערט זיין פרייהייט.

אויפצוּוועקן איצט דאס יידישע פאלק איז איצט געווען אהרן אהרנסאנס שטרעבונג. דא אין לאנדאן איז מער נישטא וואס צו טאן. איצט מוז מען לויפן קיין ירושלים, יעדע שעה איז א שאד, יעדע מינוט איז טייער. אויף פליגלען וועט ער פליען אהין, אויף אמתע פליגלען, אויף אן עראפלאן. אזוי לויפט א פויגל צו איר מוטערס נעסט.

ארויסגעפלויגן איז אהרנסאן באגלייט פון אן ענגלישן פליער אויף אן עראפלאן אויף דעם וועג קיין ירושלים, אין זיין מוח ברייטע פלענער פאר דער צוקונפט, און ביי זיך פירט ער פאקעטן דאקומענטן, וויכטיק פאר דעם יידישן פאלק. אבער דא האט פאססירט דער טראגישער אומגליק — פליענדיק איבער דעם לאמאנש קאנאל האט דער עראפלאן אויפגעריסן, און אהרן אהרנסאן מיט זיין ענגלישן באגלייטער זענען אריינגעפאלן אין ים און דארט געזונקען.

אויפגעשטורעמט האט די יידישע וועלט פון דער טראגעדיע. דאס יידישע פאלק האט באוויינט זיין טויט.

געטראגן האבן זיך קלאנגען, אז זיין טויט איז נישט געווען קיין צופאל, קיין עקסידענט, נאר א פארשווערונג, א טייוולישער פלאן פון יידישע פיינט צו צעשטערן די קראפט פון יידישן העלד, א היסטארישן גבור.

„נילי" איז פארבליבן אן א פירער. דאס הייפעלע איבערגעבליבענע חברים האבן זיך צעשפרייט, זיך אויפגעלייזט, און אריבער צו א פריוואטן לעבן, פארגעסנדיק די פארגאנגענהייט.

דאס זעלבע איז אויך געשען מיט חנהן.

עס זענען שוין געווען פאַרלאָפן אַ פּאָר יאָר נאָך דער חתונה פון חנהן מיט גבריאלן.

דאָס מאָל איז זייער הייראַט געפייערט געוואָרן מיט גרויס פּאַראַד. פריינט, באַקאַנטע און מרחביהער קאָלאָניסטן האָבן זיך באַטייליקט אין דער שמחה. עס זענען געפאַלן ווערטפולע מתּ־נות — אין געלט און זאַכן. געוועזענע חברים האָבן אַלס מתנה פון „ניליי" אַריינגעשיקט אַ היפּשע סומע געלט.

נאָך דער חתונה האָבן זיי פאַר דעם געלט געקויפט אַ פּלאַץ, און געבויט אַ הויז אין אַ שטילער גאַס אין דעם נייעם וואַקסנדיקן תּל־אביב. זיי האָבן אויך געקויפט ערד, און פאַרפלאַנצט צוויי גרויסע אָראַנזש־פּרדסים, ביי וועלכע גבריאל אַליין האָט געאַרבעט מיט דער הילף פון עטלעכע געדונגענע יידישע אַרבעטער.

אָנפאַנגס האָט חנה אויך געהאָלפן אין דער אַרבעט. זי האָט אין דעם געהאַט ערפאַרונג פון דער צייט אין מרחביה. באַלד אָבער איז עס פאַר איר געוואָרן אוממעגלעך. זי האָט זיך געגרייט ווערן אַ מוטער.

צום יאָר האָט זי געבוירן אַ יינגעלע. זי האָט אים אַ נאָמען געגעבן צדוק, אין אָנדענקונג פון אבו־צדוקן.

זיי, גבריאל און חנה שוחט, („רעזניק" אין העברעאיש) האָבן געלעבט זייער גליקלעך און צופרידן. זיי זענען געווען, ווי גבריאל האָט געזאָגט, אויסגעלייטערטע מענטשן. די שטורמישע פאַרגאַנ־גענהייט האָט זיך אויסגעבעט ווי אַ האַרטער, שטיינערנער פונ־דאַמענט, אויף וועלכן זיי האָבן זיך אָנגעשפּאַרט. זיי האָבן געזוכט רו, שטילקייט און גליק, און האָבן דאָס געפונען אין זייער אייגן ווינקל, מיט זיך אַליין.

שטיל און רואיק האָט זיך געצויגן זייער פרידלעך לעבן אין דעם יונגן תּל־אביב. דאָס איבערגעלעבטע איז ווי אויסגעמעקט געוואָרן פון זייער זכרון, צעגאַנגען געוואָרן ווי אַ רויכערדיקער נעפּל אונטער זונען שטראַלן. מיט ליכטיקע זונען שטראַלן איז געווען באַנאָסן זייער לעבן, פול מיט האַרמאָניע און גליק.

חנה האָט זיך אַרויסגעוויזן צו זיין אַן איבערגעגעבענע מו־טער. זי האָט איר גאַנצע ענערגיע פאַרווענדט פאַר איר קינד, וואָס איז געוואַקסן און געבליט פון טאָג צו טאָג.

אָבער כאָטש זיי זענען געווען פאַרנומען מיט זיך, מיט די

אייגענע באַלעבאַטישקייט, האָבן זיי אויך נישט איבערגעריסן מיט די אַלטע פריינט. חברים און אַרבעטער, געוועזענע קאָלאָניסטן אין מרחביה, פלעגן אָפט קומען צו זיי אין הויז. מען האָט דיסקוטירט נייע פּראָבלעמען, פאַרבראַכט ביי שאַכמאַט און דאַמקעס, און פאַרווײַלט זיך ביז שפּעט אין דער נאַכט. חנה און גבריאל האָבן אויך אָפט באַזוכט טעאַטער, געהערט לעקציעס און אנטייל גענומען אין דיסקוסיעס. מיט דעם ביסעלע געזעלשאַפטלעכער צעשטרויטקייט פלעגן זיי זיך „אויסלעבן", און אָנשעפן זיך מיט פרישקייט פאַר טעג פון אַרבעט און רו אין שטילן, מאָנאָטאָנעם פאַמיליען־לעבן.

און איינמאָל, אויף אַ פאַרזאַמלונג, איז צו זיי געקומען אַ וווּנדערלעכע איבעררAַשונג.

עס איז פאָרגעקומען אַן אינטערעסאַנטער אָוונט. אַ קאָמוניסטישער רעדנער, וואָס איז געקומען פון מאָסקווע, האָט געדאַרפט האַלטן אַ רעפעראַט אויף דער אינטערעסאַנטער טעמע: „קאָמוניזם און נאַציאָנאַליזם", און אַ ציוניסטישער רעדנער האָט אים געזאָלט ענטפערן.

עס איז דאַמאָלט געווען נישט לאַנג נאָך די אומרוען אין פּאַלעסטינע, ווען די אַראַבער זענען באַפאַלן די יידן, מען האָט באַשולדיקט די קאָמוניסטן, אַז זיי האָבן אַ גרויסן חלק אין דעם טומל. דורך זייערע העצעס זענען די אַראַבער אויפגעבראַכט געוואָרן קעגן די יידן. מען איז דעריבער געווען נייגיריק צו הערן אַזאַ דיסקוסיע, וואָס האָט אַ קאָמוניסט צו זאָגן וועגן דעם, און דעם ציוניסטישן ענטפער.

אָנגעפּאַקט איז געווען דער פאַרהעלטנישמעסיק ענגער קלובזאַל מיט יונגוואַרג, וועלכע האָבן לאַנג פאַר דעם רעפעראַט דיסקוטירט צווישן זיך וועגן דער דאָזיקער אַקטועלער פראַגע פון קאָמוניזם און נאַציאָנאַליזם. אויסער די רעזערווירטע זיץ־פּלעצער זענען פיל געשטאַנען געפּרעסט פּלייצע צו פּלייצע, גרייט צו פאַרנעמען יעדעס וואָרט.

גבריאל און חנה זענען געזעסן אין פאָדערשטע פּלעצער, און ווי אַלע איבעריקע אויסגעקוקט אויף דעם קאָמוניסטישן רעדנער, וועלכער האָט געזאָלט יעדע מינוט אַרויפקומען אויף דער פּלאַטפאָרם.

און אַט איז ער ערשינען.

א יונגערמאַן פון א יאָר צוויי און צוואַנציק, מיט א דאַרן, לענגלעכן, פאַרצאַרנטן געזיכט. די אויגן האָבן געקוקט שאַרף, די לאַנגע האָר זענען צעשויבערט געפאַלן אין פּאַסמעס אויפן שטערן. ער האָט געטראָגן א טונקעלע אַרבעטער־בלוזע פון זאַמ־דיקן קאָליר, פאַרשפּילעט ביז צום האַלז, זיין אויסזען און גאַנג האָבן דערציילט פון זיינע קאָמוניסטישע אידעען.

אַלע פאַרזאַמלטע האָבן אויף אים געקוקט מיט נייגעריקייט. אויך חנה און גבריאל האָבן איינגעגראָבן זייערע בליקן אין אים, און האָבן פון אים נישט אַראָפּגענומען די אויגן.

חבר יאָסל — אַזוי האָט אים פאָרגעשטעלט דער פאָרזי־צענדער פון אָוונט — האָט אויסגעצווונגען א ליכטן שמייכל אויף זיין פאַרביסענעם פּנים, און געעפנט דאָס מויל צו רעדן.

ביידע, חנה און גבריאל, האָבן מיטאַמאָל לייכט א ציטער גע־טאָן.

— גבריאל, — האָט חנה געוועקט אים פאַר א האַנט, — דער קאָמוניסט זעט מיר אויס אַזוי באַקאַנט, איך וואָלט געשוווירן, אַז איך האָב אים ערגעץ געזען.

— איך טראַכט אויך וועגן דעם. — האָט גבריאל זיך גע־וווּנדערט — אַזוי ווי מיר וואָלטן זיך אָנרעדן, איך פיל, אַז איך בין מיט דעם יונגנמאַן אַמאָל געווען נאָנט.

— און אפשר דוכט זיך עס אונז, — האָט חנה געזאָגט — מיר האָבן דאָך אַזוי פיל מענטשן באַגעגנט.

— מיר דוכט זיך נישט. איך בין זיכער, נאָר איך קאָן זיך נישט דערמאָנען. — לאָמיר אָפּוואַרטן ביז דער ענדע פון רעפע־ראַט, און מיר וועלן צוגיין צו אים, און אים פרעגן.

חבר יאָסל האָט דערווייל שוין באַוויזן אַרויסצוּברענגען די ערשטע עטלעכע שטילע זאַצן, און איז אַריבער אויף א העכערע שטימע:

„...און צו באַקעמפן אַט די עקספּלואַטאַציע פון אַרבעטער און פויער, ייד אָדער אַראַבער, — האָט ער גערעדט, — איז דער ציל פון דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי. נאַציאָנאַליזם מיינט שאָוויניזם. אונטער דעם מאַנטל פון נאַציאָנאַליזם פאַרקנעכט די בורזשואַזיע דעם אַרבעטער פון זיין פאָלק און זויגט פון אים אויס

דעם זאפט פון די ביינער. אונטער די דאָזיקע פאַלשע לאָזונגען „פאָטערלאַנד", „נאַציאָן", טרייבט מען די אַרבעטער צום פראָנט, צום שלאַכט־פעלד, פליישׂ פאַר די קאַנאָנען, און די בורזשואַזיע לאַכט שפּאָטיש און שניידט פּראָפיטן."

זיין שטימע איז געוואַקסן אין אַן עקסטאַז:

„דער זעלבער פּראָצעס קומט פאָר אין ארץ־ישראל", האָט געהילכט זיין שטימע איבערן זאַל, „דאָ וויל מען דעם יידישן אַר־בעטער אליין איינשמועסן, אַז ער איז אַ העכערער קלאַס פון אַראַ־בישן אַרבעטער און פעלאַך. מען וויל דעם אַראַבער האַלטן אין דער פינסטערניש, ער זאָל נישט קאָנען לעזן אָדער שרייבן. מען שטורעמט אויף אונז קאָמוניסטן, וואָס מיר ווילן די אַראַבער אויפ־וועקן און אויפקלערן, מיר מיינען אָבער נישט צו העלפן דעם אַראַ־בישן פאָלק, נאָר דעם אַראַבישן פאַלאַך און אַרבעטער. מיר ווילן נישט וויסן פון קיין אונטערשייד פון רעליגיע, ראַסע אָדער פאָלק, נישטאָ ביי אונז קיין „אתה בחרתנו", — מיר וועקן דעם יידישן אַרבעטער ווי דעם אַראַבער. מיר באַקעמפן דעם סנאָ־בישן שאָוויניזם, וואָס הויבט אָן אויפצובליען אין פּאַלעסטינע".

— ער האָט דיין אויסדרוק, גבריאל — האָט חנה ווידער איבערגעשושקעט זיך מיטן מאַן — אַזוי ענלעך צו דיר, ווען דו ביזט געווען אין זוועצק.

— איך ווייס נישט, ענלעך צי נישט — האָט גבריאל גע־ענטפערט, — אָבער ער איז מיר זייער נאָענט.

און דער קאָמוניסט, חבר יאָסל האָט דערווייל שוין גע־שטורמט:

„...דער גאַנצער געשריי וועגן יידישער אַרבעט, וואָס די יידן האָבן אויפגעהויבן אין לאַנד; די פּריווילעגיע, וואָס זיי מאָנען צו־ליב זייער יידישקייט, — דאָס אַליין וועט ווי אַן אָפּקלאַנג טרעפן זיי צוריק אַליין. זיי גראָבן זייער אייגענעם קבר. די בורזשואַזיע וועט דעם יידישן אַרבעטער קיכלען, ביז וואַנען זי וועט אים דאַרפן צו באַפעסטיקן איר פּאָזיציע, וואָס זי זוכט צו געניסן מיט דער זעלבער פּריווילעגיע אַלס אַ ייד, דערנאָך אָבער, ווען די בורזשו־אַזיע וועט אירס דערגרייכן, וועט דער מאָטיוו „ייד" נישט באַ־וועגן אַרויסצוציען אַ שילינג פון דעמזעלבן רייכן יידן, וואָס האָט ערוואָרבן זיין רייכטום דורך דער עקספּלואַטאַציע פון אַרבעטערס

שוויס. ער וועט זיין בלינד צו דעם יידישן ארבעטערס נויטן, וועט ער וועט קריגן ארבעט פאר ביליקער, און וועט דעם יידישן אר־בעטער לאָזן הונגעריק און פארשמאכט...״

גערימן האָבן זיך נאָך ווערטער און פראזן פון דעם קאָמור־ניסטס מויל, ווי ער וואָלט געשאָסן מיט פייערדיקע קוילן, אָבער חנה און גבריאל האָבן מער נישט געהערט וואָס ער האָט געזאָגט, זיי זענען געווען פארשלונגען מיט זיין געשטאלט, וואָס איז זיי געווען אויסערגעוויינלעך נאָנט און אייגן.

זיי האָבן געוואָרט מיט אומגעדולד ביז צו דער ענדע פון זיינע רייד, דערנאָך האָבן זיי נאָך געמוזט הערן דעם ענטפער פון דעם ציוניסטישן רעדנער.

דער ציוניסט האָט זיך אויך נישט געלאָזט ווארפן אין קאשע.

„מיר ווילן אָן ארבעטנדע ארץ־ישראל״ — האָט ער זיך באמיט צו זיין געלאָסן, אין קאָנטראסט צו דעם קאָמוניסט — „אָן עקספלואטאטאָרס און עקספלואטירטע״. מיר גרינדן „קבו־צות״, ווו דער אידעאלער קאָמונאלער ארט לעבן מעג דינען פאר א מוסטער אפילו דעם קאָמוניסטישן רוסלאנד. מיר זענען אָבער ציוניסטן נאציאָנאליסטן. מיר ווילן נישט דריקן דעם אראבער, האלטן אים אין פינסטערניש, מיר זענען אָבער נישט מחויב צו טראָגן אים אויף קעסט, אים בילדן, אים געבן ארבעט, און אים אויסהאלטן אויף אונזער רעכענונג. מיר ווילן נישט קיין פריווילע־גיעס, מיר ווילן אָבער נישט זיין אונטער־פריווילעגירטע. מיר מאָנען גלייכהייט. מיר זוכן צו אנטוויקלען אונזער פאָלק און אוועק־שטעלן זיין לעבן אויף פראָדוקטיווע יסודות, אלס א שטאָלצער ענטפער צו אונזערע דריקער אין אלע לענדער, אז די שולד פאר אונזער לופט־לעבן ליגט אויף זיי. זיי גיבן אונז נישט קיין אנדער מעגלעכקייט. מיר ווילן אויפבויען אונזער קולטור אויף אונזער היסטאָרישער ערד. מיר ווילן אנטוויקלען דאָס לאנד, ארויפברענ־גען אויף א העכערן שטאנד. דאמאָלט וועט אויך זיין בעסער פאר דעם אראבישן ארבעטער, ער וועט אויך געניסן די פרוכט פון אונ־זער מי. דערווייל אָבער מוזן מיר אָנהאלטן דעם מאָטאָ: „יידישע ארבעט״, צו ברענגען מער יידישע ארבעטער אין לאנד, און שאפן פאר זיי ארבעט, אויסצופירן אלע פלענער״.

דער עולם האָט לאַנג און הילכיק אַפּלאָדירט דעם ציוניסטישן רעדנער.

חבר יאָסל איז די גאַנצע צייט, וואָס זיין געגנער האָט גע־רעדט, געשטאַנען אין אַ ווינקל פון דער פּלאַטפאָרם און באַ־טראַכט דעם עולם. ער האָט זיך כמעט נישט צוגעהערט צו דעם ענטפער, ווי ער וואָלט געוועזן זיכער, אַז קיין נייעס וועט ער נישט הערן, און מען וועט אים שוין נישט איבערציינגן. ער האָט אַלע ווײַלע פאַרריכט די צעשויבערטע האָר, און אומגעדולד האָט זיך געלייענט אויף זיין פּנים: זאָל שוין דער רעדנער ענדיקן, און עס זאָל נעמען אַ סוף.

ער איז דעריבער געווען צופרידן צו הערן די ערשטע הענט־קלאַפּעריי, און זיך גלייך געלאָזט אַראָפּצוגיין די עטלעכע טרעפּ־לעך פון דער פּלאַטפאָרם, אַריינצוגיין אין זאַל צווישן דעם עולם, ווו עס זענען אין איין זייט געשטאַנען „קאָנצענטרירט" אַ גרופּע קאָמוניסטן חברים.

ער האָט געשטעלט אַ פוס אויף דעם ערשטן טרעפּל, און איז אָפּגעשטעלט געוואָרן פון חנהן מיט גבריאלן.

— אַנטשולדיקט, — האָט גבריאל געזאָגט — איר זעט מיר אויס...

ער האָט אָבער נאָך נישט באַוויזן צו ענדיקן די לעצטע ווער־טער, ווי דער קאָמוניסט האָט אַ שפּרונג געגעבן פון אָרט, און אַן איבערראַשטער אויסגעשריגן:

— גבריאל! מיין ברודער גבריאל!

ווי געטראָפן פון אַ דונער איז גבריאל געבליבן, ווי אַ פאַר־גליווערטער שטיין אויף אַן אָרט. איצט האָט ער אים דערקאַנט.

— מענדל! — האָט ער אויסגעשריגן — מיין ברודער מענדל!

אינסטינקטיוו האָבן זיך ביידע ברידער האַסטיק אַרומגעכאַפּט און זיך צונויפגעקלעפּט אין אַ לאַנגן קוש.

חנה האָט זיי אָנגעקוקט אַ צעטומלטע.

— קומט, לאָמיר אַרויסגיין פון דאַנען, — האָט זי געזאָגט— עס קלייבט זיך אַרום אונז אַ רעדל.

זיי האָבן זיך דורכגעשאַרט צווישן עולם, און אַרויס אין גאַס.

— וואָס פאַר אַ טראַף, וואָס פאַר אַ וווּנדערלעכער צופאַל!—

האָט גבריאל נישט געקאָנט באַנעמען דעם וואונדער, און ווידער אַרומגענומען דעם ברודער. — דער צוועלף־יאָריקער יינגל מענדל, דער חסידל מיט די לאַנגע פאותלעך, איצט אַ קאָמוניסטישער רעדנער.

— אַזאַ צייט קאָן אַלץ מאַכן, — האָט מענדל געזאָגט, און געקוקט אויף חנהן.

— און זי דערקענסטו? — האָט גבריאל אים געפרעגט.

— געוויס, דאָס איז דאָך חנהלע, ר' שמואלקעס טאָכטער — האָט מענדל איר וואַרעם געדריקט די האַנט — די שטשופּלינקע חנהלע, די „בונטאַוושטשיצע". האָט איר דאָס אויפגעהויבן זוועצק אויף די פּיס מיט אייער אַנטלויפן! איר זענט געוויס מיין שוועגערין, האַ?

— רוף מיך נישט „איר" — האָט חנה געזאָגט — מיר זענען דאָך ברידער און שוועסטער.

— אָבער דערצייל, מענדל, פון וואַנען ביסטו אַראָפּגע־פאַלן? — איז גבריאל אַלץ געווען אין עקסטאַז — וואָס רופט מען דיך עפּעס „חבר יאָסל"? ווי קומסטו אין מאָסקווע? וואָס איז עפּעס מיט אַמאָל קאָמוניזם?

— זע, ווי ער פאַרוואַרפט אים מיט פראַגן, — האָט חנה אויסגערופן — וואָס איז דאָ פאַר אַן אָרט. קומט אַהיים, וועלן מיר זיך נאָך וועגן אַלעם אויסרעדן.

אָרעם אין אָרעם האָבן זיך ביידע ברידער מיט חנהן אומ־געקערט אַהיים.

עס האָט געדויערט אַ היפּשע ווײַלע, ביז מען האָט זיך באַ־רואיקט. און דאַמאָלט האָט מענדל דערציילט זיין געשיכטע.

לאַנגזאַם, מיט איינצלהייטן האָט מענדל געשילדערט זיינע איבערלעבונגען, ווען ער מיטן טאַטן הערשן זענען געווען גע־שמידט אין קייטן, ווען דער דייטשער שפּיאָן האָט זיי פאַרנאַרט. ווי עס האָט זיי געדראָט טויט־שטראָף, נאָר חנהלעס פאָטער, ר' שמואלקע, האָט זיי געראַטעוועט דורך דעם שעדלעצער קאָמענדאַנט, וואָס האָט געהאַט אַ יידישע מוטער. דערנאָך וועגן זיין ראַטעווען צוויי יידן און אַנטלויפן צו די באָלשעוויקעס, ווו ער איז פאַרבליבן ביז דער לעצטער מיסיע, ער זאָל פאָרן קיין פּאַלעסטינע, דאָרט

אגיטירן פאַר דעם קאָמוניסטישן געדאַנק, און בילדן אַ קאָמוניס־טישע אָרגאַניזאַציע צווישן די יידישע אַרבעטער.

גבריאל און חנה זענען געזעסן ווי פאַרגאַפּט. מענדלס גע־שיכטע האָט גערירט זייער האַרץ. זיין מוט און אידעאַליזם איינ־צושטעלן דאָס לעבן פאַר די אידעען, האָט אַרויסגערופן אַכטונג צו אים.

— זעט, — האָט גבריאל געזאָגט, — אַבי מיר מיינען, אַז נאָר מיר האָבן אַ רייכע געשיכטע צו דערציילן פון אונזער פאַר־גאַנגענהייט. דו, חנה, האָסט זיך נישט מיט וואָס איבערצונעמען.

— אַ גרויסע צייט שאַפט העלדן, — האָט חנה געזאָגט, — עס זענען דאָ טויזנטער אַזוינע, וואָס זייערע העלדישע אידעאַלע מעשים וואָלטן וועלטן אויפגעשטורעמט, נאָר מען ווייסט נישט פון זיי.

אָבער כאָטש גבריאל האָט געזאָגט, אַז חנה האָט זיך נישט מיט וואָס איבערצונעמען, פונדעסטוועגן, אַז מענדל האָט אויס־געהערט איר געשיכטע, איז ער געווען ווי געפּלעפט פון איבער־ראַשונג.

— איך בין אַנטציקט פון דיין אידעאַליזם, חנה, — האָט ער געזאָגט, און זיינע אויגן האָבן צוגעגעבן, אַז ער מיינט דאָס, וואָס ער רעדט, — עס מאַכט נישט אויס, וואָס איך בין ווייט פון דיין אידעאַל. אָבער דיינע מעשים רופן אַרויס מיין פאַרערונג. איך בין אַנטציקט, דו האָסט קאָמוניסטישן מוט.

— דו וועסט נאָך זיין אַנטציקט פון אונזער אידעע אויך, — האָט גבריאל געזאָגט, — וואַרט, איצט האָסטו אַ ברודער, וואָס וועט מיט דיר נישט פירן קיין דיסקוסיעס, וועט דיר אָבער העלפן זיך צו איבערשאַפן, און אַנהויבן אַליץ צו פאַרשטיין.

ביז שפּעט אין דער נאַכט זענען זיי אַלע געזעסן און פאַר־בראַכט אין אַלטע דערינערונגען; מענדל האָט דערציילט פון טאַטן, הערש דעם אייער־הענדלער, פון ר׳ שמואלקען אין חסידישן הויף, ביז דעם יאָר, וואָס ער איז אַוועק קיין רוסלאַנד. ער האָט אויך איבערגעגעבן פון די איצטיקע גרוסן, אַז דאָס שטעטל זוועצק איז פאַראַרעמט און חרוב.

מיט אומעט און קלעמעניש האָבן זיך געפייכט זייערע אויגן,

ווען די אַלטע חיים און די יונגע יאָרן האָבן זיך ווי פון אַ פאַר־דעקטן שלייער אויסגעטיילט פאַר זיי.

פון מזרח־זייט האָט זיך אָנגעהויבן צו שפּרייטן גרויקייט אי־בער דער בלויער נאַכט, און זיי זענען אָוועק שלאָפן.

קאַפּיטל זיבן און פערציק

געלעגן איז גבריאל אויף זיין געלעגער און נישט געקאָנט איינשלאָפן. ער איז נאָך געווען באַרוישט פון דער פּלוצימדיקער באַגעגעניש מיטן ברודער און פון די אויפגעוועקטע זכרונות. גלייכצייטיק האָט אים אָבער געמאַטערט אַ זאָרג: ער האָט זיך דערמאָנט, ווי מענדל האָט זיך געקאָכט אין זיין רעדע מיט גיפטיקן כעס קעגן די ציוניסטן און בעלי־בתּישע יידן, די בורזשואַזיע. און ער, גבריאל, איז דאָך אַזאַ „בורזשוי״. ווי וועט זיך דאָס איינהאַלטן אַ האַרציקע באַציאונג צווישן זיי, ווי ברודער צו ברו־דער? האָט ער דאָך געהערט, אַז ביי די באָלשעוויקעס אין רוס־לאַנד זענען זין אויפגעשטאַנען קעגן עלטערן, ברודער קעגן ברו־דער; וועט דען נישט מענדל זיין אים אַ פיינט? ווי זאָל ער איצט האַנדלען? ווי צעוואָרפן מען די אייזערנע וואַנט, וואָס שטייט צווישן זיי?

ער איז איינגעשלאָפן מיט אַ באַשלאָסענעם געדאַנק וועגן דער פראַגע, די זאַך קלאָר צו מאַכן מיט מענדלען גאָר פון אָנ־הויב.

אויף מאָרגן פרי האָבן די ברידער געהאַט אַן אָפנעם שמועס:

— איך וואָלט וועלן, מענדל, — האָט גבריאל גערעדט צו אים ווייך, — אַז דו זאָלסט אַריבערגיין וווינען צו מיר. מיר וועלן לעבן צוזאַמען און דו וועסט זיך גוט איינאָרדענען, אָבער... אָבער איך וויל פון דיר איין באַדינג, וואָס דו מוזט מיר צוזאָגן אויסצופירן. מעגסט זיך האָבן דיינע ראַדיקאַלסטע אידעען, אָבער דו ביזט אויס פּראָפּאַגאַנדיסט, גיב אויף דיין מיסיע, און וועסט האָבן דיין פּריוואַט לעבן.

— איך זאָל אַלץ אויפגעבן און איבערגיין צו אַ קאַפּיטאַ־ליסטישן אָרט לעבן? — האָט מענדל איבערגערעדט און מיט שפּאָט

זענען געווען אַנגעפּילט זיינע אויגן. — דו לאַכסט פון מיר, גבריאל. דו מיינסט, אַז איך טו עס צוליב קאַריערע, צוליב געלט? דו באַטסט מיר אָן, איך זאָל פאַרראַטן מיין פּאַרטיי. מאַכסט אַ מעות, ברודער. דו מיט דיין פאַמיליע זענט מיר טייער, אָבער די פּאַרטיי פאַרנעמט דאָס ערשטע אָרט אין מיין לעבן.

— אויב אַזוי, מענדל, — איז גבריאלס פּנים געוואָרן ערנסט, — וועלן מיר זיך מוזן שיידן; זיך האַלטן פונדערווייטנס. איך וויל נישט האָבן די קלענסטע שייכות צו די קאָמוניסטן. מיין הויז קאָן נישט זיין קיין נעסט פאַר די, וואָס שטרעבן צו זען דעם חורבן פון אונזער אויפלעבונג אין ארץ־ישראל.

— דאָס שרעקט מיך נישט, גבריאל, — האָט מענדל גע־זאָגט, — איך פאַרשטיי, אַז אַזוי מוז עס זיין. מיר, קאָמוניסטן, גיבן אָפּ אַלץ אויף פאַר אונזער אידעע: טאַטע־מאַמע, און אַפילו זיך אַליין.

אָפּגעגעסן, האָט זיך מענדל אויפגעשטעלט צו גיין. גבריאל איז געשטאַנען איבער אים, ווי אַ צעבראָכענער מענטש, און זיך געבעטן:

— מענדל, ווי שווער איז מיר, דו זאָלסט אַוועקגיין. באַ־דאַכט זיך, מענדל. דו האָסט דאָך מיר נעכטן אַליין דערציילט, אַז חנהס טאַטע האָט דיך און אונזער פאָטער געראַטעוועט פון טויט. שפּעטער האָסטו געראַטעוועט צוויי יידן פון די דייטשע הענט. עס קלאַפּט דאָך אין דיר אַ יידיש האַרץ — טאָ פאַרוואָס זאָלסטו אַליין דערדריקן דיינע געפילן און זיך לאָזן דינען אַנדערע געטער?

— עס איז אמת, גבריאל, — האָט מענדל געזאָגט, — אַז איך קאָן מיך אינגאַנצן נישט באַפרייען פון דער בורזשואַזער פּסיכאָלאָגיע און געפילן, צופיל האָט מען מיר אין זוועצק איינגע־וואָרצלט יידישקייט און ענגע נאַציאָנאַלע געפילן. עס מאָנט מיך אויך די דאַנקבאַרקייט צו ר׳ שמואלקען, וואָס האָט געראַטעוועט מיין לעבן. איך וועל עס אָבער אַרויסטרייבן פון מיין האַרצן. די מיליאָנען אונטערדריקטע אַרבעטער מאָנען אויך פון מיר, איך זאָל זיי העלפן אין זייער גערעכטן קאַמף.

חנה, וואָס איז דערביי געשטאַנען און געשוויגן, האָט גע־וואָלט צעשטריטן דעם אומעטיקן ערנסט פון דער לאַגע:

— הערט זיך איין, „טאָוואַרישטשי", חברים, קאַמעראַדן,—

האָט זי זיך אַריינגעשפּאַרט אינמיטן צווישן גבריאלן און מענדלען, און זיי גענומען אונטער די אָרעמס, — נישט אַזוי שנעל וועט איר איינער דעם אַנדערן איבערצייגן און איבערערדן. אָבער נעמט עס נישט אַזוי ערנסט. עס איז נישט קיין טראַגעדיע. דו, מענדל, ביזט גבריאַלס אַ ברודער, האָסט געווים זיין כאַראַקטער, און מען דאַרף צו דיר נוצן דיזעלבע מעטאָדע און דיזעלבע מיטלען ווי צו גבריאלן.

— הער זיך איין, מענדל, — האָט זי אים געדריקט דעם אָרעם, — ווען גבריאל איז געוואָרן אייפּערזיכטיק און זיך געריסן אוועקצוגיין פון מיר, פון מרחביה קיין אַמעריקע, האָב איך אים נישט אָפּגעהאַלטן, נאָר געזאָגט: פאָר געזונטערהייט! איך בין ביי מיר געווען זיכער, אַז אויב ער וועט נישט בענקען נאָך מיר, וועט ער אָבער געוויס בענקען נאָך אונזער פאַרבּנרייכן, ליבן לאַנד. און אַזוי איז געווען. דאָסזעלבע, מענדל, וועט זיין מיט דיר. דו האַלטסט זיך ביי ס'דייניקע, ביי קאָמוניזם — גוט, גיי און באַגליק. איך בין אָבער זיכער, אַז ווי נאָר דו וועסט זיין אַ שטיקל צייט אין לאַנד, וועט דער זאַפט פון לאַנד זיך איינזאַפּן אין דיינע ביינער, און אַנשטאָט דו זאָלסט איבערמאַכן דאָס לאַנד, וועט דאָס לאַנד דיך איבערשאַפן. דאָס איז שוין די אייגנאַרטיקע אייגנשאַפט פון אונזער ערד. זי באַקט זיך איין ביי דיר אין האַרצן קעגן דיין ווילן, און באַהעפט דיך מיט ליבע און זיסקייט מיט געוואַלט, מיט איר און מיט אונזער פאָלק.

אויף מענדלס פּנים האָט דער שפּאָטישער שמייכל אָנגעהויבן צו פאַרשווינדן, דאַקעגן גבריאַלס פּנים האָט אויפגעלויכטן מיט אַ שטראַל פון האָפענונג.

— ...און דעמאָלט, — האָט גבריאל געזאָגט פאַרחלומט, — וועסטו, מענדל, קומען צוריק, אַזוי ווי איך בין געקומען. דו וועסט געפינען אָפענע טירן און אַ ברודערס וואַרעמע אויפנאַמע, ווי איך האָב געקריגן ביי חנהן.

געדענקט האָט מענדל חנהס ווערטער. זיי זענען געווען די ערשטע קערנדלעך, וואָס האָבן זיך פאַרפלאַנצט ביי אים אין האַרצן, און שפּעטער געבראַכט שפּראָצונגען.

— — — — — — — — — — —

— — — — — — — — — — —

עס זענען אַריבער צוויי יאָר.

מענדל האָט אין פאַרלויף פון דער צייט, אונטער דעם פּאָלי־טישן נאָמען „חבר יאָסל", אָנגעהאַלטן זיין פּראָפּאַגאַנדע און טע־טיקייט, צו פאַרשפּרייטן קאָמוניזם אין לאַנד. מיט געלט־מיטלען איז ער געווען באַזאָרגט פון מאָסקווע. האָט ער געגרינדעט קלובן, אַרויסגעגעבן אַ צייטונג און אַרויסגעטרעטן מיט רעדעס אויף ווינקלען פון די גאַסן. זיין נאָמען אַלס אַגיטאַטאָר איז געווען באַ־וווּסט איבעראַל, און מען האָט געפּלאַנט אים אַרויסצושיקן פון לאַנד. מיט גבריאלן איז ער געווען פונגווייטן. גבריאל האָט זיך מיט אים געשעמט און פאַרבאָהאַלטן, ווי ווייט מעגלעך, דעם פאַקט, אַז „חבר יאָסל" איז זיין ברודער. זעלטן האָבן זיי זיך געטראָפן אין גאַס אָדער אין אַן עפנטלעכן אָרט, און אַ געצוווּנגענע קאַלטקייט האָט געצוימט די נאַטירלעכע גאַרונג פון ברודער צו ברודער.

אָבער ביים סוף פון די צוויי יאָר איז פּלוצים געקומען אַן איי־בערברוך.

מענדל האָט דערהאַלטן אָנווייזונגען פון מאָסקווע, אַז ער זאָל פון פּאַלעסטינע אָפּפאָרן קיין איטאַליע, דאָרט פּלאַנצן די קאָמו־ניסטישע אידעען, און דעמאָלט, אַז עס איז געקומען דער טאָג, ווען מענדל האָט געזאָלט אָפּפאָרן פון לאַנד, — דעמאָלט האָט ער מיטאָמאָל דערשפּירט דעם אמת פון חנהס פאָראויסזאָגונג.

ער האָט דאָס לאַנד נישט געקאָנט פאַרלאָזן.

אומבאַוווּסט פאַר אים אַליין, האָט דאָס לאַנד ביסלעכווייז געשלאָגן וואָרצלען אין זיין האַרץ. וואָס מער ער האָט זיך באַמיט צו אַגיטירן און איבערצייגן אַנדערע, אַלץ ווינציקער איז ער אַליין איבערצייגט געוואָרן, און זיין קאָמוניסטישע פאַרפרוירנקייט האָט אָנגעהויבן זיך צו שמעלצן.

ער האָט זיך נישט געקאָנט אָפּגעבן קיין רעכענונג, וואָס מיט אים טוט זיך עס. שוין לאַנג האָט ער אָנגעהויבן פילן, ווי דער צויבער פון לאַנד הויבט אָן צו פאַנגען זיין האַרץ. שפּאַצירנ־דיק אַמאָל ביי די ברעגעס פון ים, לעבן תל־אביב, אָדער אַרום די בערג, ביי זיינע אָפטע רייזעס איבער יהודה, גליל, פלעגט ער שפּירן, ווי אַן אומעטיקע זיסקייט צעגיסט זיך אין זיין וועזן. אַ בענקנדיקע קלעמעניש נאָך עפּעס אומבאַוווּסטס, וואָס באַהאַלט זיך הינטער די בערג, נעמט אים אַרום. דאָס שטילע געזאַנג פון דער לופט שטראָמט אַריין אינעווייניק אין זיין בלוט. ער פלעגט

מיט געוואַלט פאַרטרייבן פון זיך דיראַזיקע ווייכע, סענטימענטאַלע געפילן. אָבער איצט, אַז עס איז געקומען די שעה, ווען ער האָט ווירקלעך געדאַרפט פאַרלאָזן דאָס לאַנד, האָט ער מיטאַמאָל באַגריפן, אַז ער איז געפאַנגען און צו־שוואַך זיך צו שטעלן קעגן דעם כח פון די ווייכע געפילן, צו וועלכע עס געהערט זיין האַרץ. ביי דעם געדאַנק, אַז נאָך אַ טאָג, און ער וועט שוין מער נישט זען דעם קלאָרן הימל און ליכטיקע זון פון פּאַלעסטינע, וועט מער נישט שפּאַצירן אין די ווייסע, זילבערגע נעכט מיט זייער נעטלעכער שטילקייט, וועט מער נישט זאַפּן אין זיך דעם שטומען געזאַנג פון דער לופט — האָט אַ ציטער דורכגענומען זיין נשמה.

לאַנג האָט זיך מענדל געראַנגלט מיט זיך אַליין, געשטראָפט זיך, אַז ער קאָן נישט פריי ווערן פון דער קאַפּיטאַליסטישער פּסיכאָלאָגיע, וואָס האָט אים פאַרסמט די בלוטן, אָבער די צייט פון פאָרן איז געקומען און איז אַריבער, און מענדל איז דאָך נישט געפאָרן. ווי צוגעקלעפּט מיט אַ מאַגנעט איז ער געוואָרן צו דער ערד פון ארץ־ישראל.

אַריבער איז אַ צייט, און ער איז געקומען צו גבריאלן, און אָן אויסרעדענישן דערציילט דעם אמת:

— טייערע מיינע, — האָט ער געזאָגט, — חנה איז גערעכט געווען. דאָס לאַנד האָט מיך איבערגעשטאַרקט. איך בלייב מיט אייך. איך האָב נישט געפאָלגט דעם באַפעל פון מאָסקווע, צו פאַרלאָזן דאָס לאַנד, און איצט מוז איך מיט זיי איבעררייסן. איך בין זיך מודה אָפן, אַז איך בין באַצויבערט פון לאַנד, און פיל, אַז עס איז מיינס. איך בין אַ גליד פון יידישן פאָלק. איך האָב געהאַט גענוג מוט צו קעמפן קעגן עלטערן און קעגן אייך, איבערברעכן מיט דעם איינגעוואָרצלטן, האָב איך איצט אויך גענוג קוראַזש זיך אונטערצוגעבן, אָוועקצוואַרפן דאָס געווער, און זאָגן: איך בין געפאַנגען, נעמט מיך! מיין האַרץ עפנט זיך אנטקעגן דער ארץ־ישראל־זון, ווי אַ בלום פאַר אַ טראָפּן רעגן.

— — — — — — — — — — —
— — — — — — — — — — —

די ברידער האָבן זיך צעקושט, צום ערשטן מאָל אַלס ברידער, וואָס האָבן זיך ערשט געפונען.

— מיין פרייד איז נישט נאָר פאַר מיר אַליין, — האָט גבריאל

געדערט מיט גלאַנציקע טרערן, — נאָר אויך פאַר אונזערע און חנהס עלטערן. צוליב דיר האָב איך צו זיי ביז איצט נישט געשריבן, כאָטש, ווי מיר הערן איצט פון פוילן, וואָלט ר׳ שמואלקע אונז שוין לאַנג מוחל געווען, און זיך נאָך געפרייט, וואָס זיין חנה איז אין ארץ־ישראל. די מיינונגען פון די חסידים וועגן ארץ־ישראל האָבן זיך געביטן. מיר האָבן עס אָבער נישט געטאָן צוליב דיר, אונזער אָרעמער טאַטע זאָל נישט האָבן קיין הארצווייטאָק, וואָס דו ביזט אַ העצער און פאַרשטויסער; איצט אָבער ווען מיר אַלעמען אָנזאָגן, אַז זייערע קינדער זענען אַלע דאָ אין הייליקן לאַנד צופרידן און גליקלעך.

קאַפּיטל אַכט און פערציק

ווידער זענען אַ פּאָר יאָר פאַרלאָפן.

ארץ־ישראל איז איבערגעקומען אַלע איבערפאַלן פון די אַראַבער, אַלע שוועריקייטן, און איז אַרויס פון זיי נאָך שטאַרקער.

דאָס לאַנד האָט לאַנגזאַם אָנגעהויבן זיין מאַרש צו בליאונג און אַנטוויקלונג. חלוצים, אידעאַליסטישע יונגעלייט, האָבן זיך אָנגעהויבן ציען פון אַלע וועלט־ווינקלען און האָבן מיט זייער שווייס פעט געמאַכט די ערד און פאַרוואַנדלט ווי־סטעניש אין בליענדיקע גערטנער.

איבער דער וועלט, אין „חוץ־לארץ״, איז אָבער די יידישע לאַגע געוואָרן אַלץ ערגער און ערגער. עס איז אַוועק דער טשאַד פון דער מלחמה, און מען האָט זיך אַרומגעזען אויף די גרויסע חורבנות, וואָס די גרויסע צעשטערונג האָט אָנגעמאַכט.

אין פוילן, וווּ עס זענען פאַרבליבן ביי דריי מיליאָן יידן, איז די יידישע לאַגע געוואָרן אומדערטרעגלעך. איינגעצוימט אין די ענגע גרענעצן פון דער ניי־אויפגעשטאַנענער פוילישער מלוכה, האָבן די יידן נישט געזען קיין מעגלעכקייט פונוואַנען צו שעפּן פרנסה. ווי הונגעריקע חיות האָבן זיי אין פאַרצווייפלונג זיך געוואָרפן איינע אויף די אַנדערע, גרייט איינצושלינגען און צו פאַרניכטן.

אין זוועצק איז געווען חורבן. פון ר׳ שמואלקעס הויף איז אראפ די גדולה. עס זענען מער נישט געווען די רייכע חסידים, וואס האבן אויפגעהאלטן דעם הויף בכבוד. דחקות האט זיך איינגענעסטיקט ביי ר׳ שמואלקען און זיין רבישער משפחה. אלט און צעבראכן איז געווען ר׳ שמואלקע און זיין ווייב ליפשע. אויך אויף זיין עלטערן זון און אויף יאכנעצען האט זיך די עלטער אויסגעלייגט. אוועק איז דער ווייכער, בוימלדיקער ארט רעדן — צרות פארשווארצן דעם מענטשנס געשטאלט.

ביי הערש דעם אייער־הענדלער איז די לאגע געווען נאך ערגער. זיין פרוי איז געשטארבן און ער האט איצט געוווינט צוזאמען מיט זיין אויסגעגעבענער טאכטער, וועלכע האט חתונה געהאט פאר אן ארעמען בעל־מלאכה און געפירט א געמאטערט לעבן.

איין זאך איז אבער געווען, וואס האט, סיי ביי ר׳ שמואלקען און נאכמער ביי הערשן, אנגעפילט מיט פרייד זייער ארעמען לעבן — און דאס איז געווען די גליקלעכע קינדער אין ארץ־ישראל.

עס איז שוין געווען פארביי א פאר יאר, אז זיי האט דערגרייכט די גוטע בשורה. א פלוצימדיקער בריוו פון די קינדער פון ארץ־ישראל האט זיי עס געבראכט. זיי, חנה מיט איר מאן גבריאל, האבן געבעטן מחילה ביי זיי, די עלטערן, און דערציילט פון זייער גליקלעכן, רואיקן לעבן. הערש האט אויך אזא בריוו באקומען, מיט נאך א גרוס פון מענדלען, וואס האט נאכמער אים איבערראשט, דענקנדיק, אז מענדל איז ערגעץ א קאמוניסט אין רוסלאנד, ווי עס האבן זיך צו אים דערטראגן קלאנגען.

ווי גליקלעך און איבערראשט ר׳ שמואלקע און די רביצין זענען געווען פון בריוו! עס איז זיי צוגעקומען יארן לעבן.

די גרויסע מלחמה און די נאכווייענישן שפעטער, האבן געעפנט די אויגן פון די חסידים וועגן ארץ־ישראל, און געבראכט אן איבערקערעניש אין זייער באציאונג צום ציוניסטישן געדאנק. זיי האבן זיך ארומגעזען, אז ארץ־ישראל איז דער איינציקער מקום־מקלט פאר דער יוגנט. פון יאבלאנגע איז אויפגעשטאנען א יונגער רבי און אין שפיץ פון זיינע חסידים אוועקגעלאזט זיך קיין ארץ־ישראל, דארט אליין גענומען דעם גראב־אייזן אין האנט און

אויפגעבויט א קאָלאָניע. פיל חסידים זענען אַוועק קיין ארץ־ישראל און פון דאָרט געשריבן באַגייסטערטע בריוו. ער, ר' שמואלקע אליין, אַז מען פלעגט ביי אים פרעגן אַן עצה, האָט ער געהייסן פאָרן אין דעם הייליקן לאַנד, ווייל אַזוי איז גאָטס ווילן.

ר' שמואלקע אליין האָט אויך געגלוסט צו פאָרן קיין ארץ־ישראל. עס איז נישט געווען אַזוי דאָס לאַנד, וואָס האָט אים געצויגן, נאָר זיין בענקשאַפט צו חנהן מיט אירע קינדערלעך. צוויי קינדערלעך האָט חנה פאַרמאָגט — אַ ייִנגל און אַ מיידל. זיי האָבן געשריבן גרוסן צו זייער זיידן אין העברעאיש.

ר' שמואלקען זענען טרערן פון פרייד געשטאַנען אין די אויגן, לייענענדיק זייערע קינדערישע גרוסן. וואָס פאַר אַ שיינע שפּראַך, וואָס פאַר אַ ליבע אויסדרוקן. ווען ער קאָן אָנקוקן זייערע ליבע געשטאַלטן!

— ליפשע, — פלעגט ער רעדן צו דער רביצין, — מיר זענען געווען אומגערעכט; מיר האָבן געזינדיקט קעגן די קינדער; מיר האָבן זיי געשטערט, ווען מיר האָבן זיי גאָר געדאַרפט העלפן.

— פאַרבאָרגן זענען גאָטס וועגן, שמואל, — האָט די רביצין געזאָגט, — ווי האָט מען עס געקאָנט אויסרעכענען, אַז עס וועט אָנקומען אַזאַ צייט?

— טאַקע, ווייל מען האָט נישט געקאָנט אויסרעכענען, — האָט ר' שמואלקע ווייטער געזאָגט מיט אַ זיפץ, — האָבן מיר נישט געדאַרפט אַזוי מרעיש עולמות זיין. מיר האָבן געדאַרפט פאַרשטיין, אַז עס איז געווען דער ווילן פון השם־יתברך.

— ווי איך וואָלט געגלוסט צו זען אונזערע אייניקלעך, — האָט ליפשע געזאָגט, — זיי בעטן דאָך אונז צו קומען. פאַרוואָס, שמואל, זאָלן מיר נישט פאָרן? דו זעעסט דאָך, דאָ איז אַלץ חורבן.

— אָבער לייבוש... און יאַכנעצע... און אונזערע אייניקלעך, — האָט ר' שמואלקע ווי גערעדט צו זיך אַליין, — סיידן מיר זאָלן אַלע פאָרן, איז דאָך שווער.

— וועלן זיי קומען דערנאָך. לייבוש וועט פאַרנעמען דיין פּלאַץ.

— אַ, ניין! — האָט ר' שמואלקע זיך ווי אַ טרייסל געטאָן.— אויב איך וויל פאָרן, איז עס נישט צוליב מיר, נאָר צוליב לייר־

בושן און זיינע קינדער, צוליב אונזערע אייניקלעך. מיר אליין איז גארנישט אזוי ניחא איבערצולאזן מיינע חסידים אין נויט דא אין זוועצק, און אליין זיך ראטעווען, אנטלויפן פון דער סכנה.

— וועלן מיר זיי שרייבן, אז זיי זאלן אונז אלעמען נעמען אהין. נישקשה, לייבוש וועט קאנען פארדינען פאר זיך. מיר קאנען נאך אויפקלייבן אביסל געלט. מיר וועלן פארקויפן אונזערע זאכן,— האט די רביצין געטענהט.

זי האט ר׳ שמואלקען נישט אפגעלאזט. ער האט געשריבן בריוו, באקומען ענטפערס. עס האבן זיך געצויגן וואכן, און דער בריוו־אויסטויש האט אנגעהאלטן.

די לאגע אין פוילן איז דערווייל געווארן אלץ ערגער, און אין ארץ־ישראל אלץ בעסער. דאס לאנד האט געדארפט מענטשן. אויסזיכטן אויף ארבעט איז געווען פאר יעדן, און חנה און גבריאל האבן באשלאסן אריבערצונעמען אלעמען. זיי וועלן געפינען ביי וואס איז באשעפטיקונג, און וועלן נישט זיין אויף זיי קיין יאך.

און געקומען איז דער טאג, ווען די נייע גוטע בשורה האט אויפגעטרייסלט זוועצק: דער רבי, ר׳ שמואלקע, מיט זיין גאנצער משפחה, און הערש מיט זיין איידעם און טאכטער פארן קיין ארץ־ישראל. זייערע קינדער שיקן געלט פאר אלעמען.

שווער איז געווען ר׳ שמואלקען זיך צו שיידן פון זיין שטעטל, מיט זיינע פארבליבענע חסידים און סתם יידן. ער האט געפילט א צער פאר זיי. ער לאזט זיי איבער אזוי צעבראכן, און זיי וועלן זיין נאכמער עלנטער, ער האט עס אבער געמוזט טאן, צוליב די קינדער, וועלכע ער נעמט מיט, צוליב זייער צוקונפט.

געפראוועט האט ר׳ שמואלקע דעם לעצטן שבת־טיש פאר זיין אוועקפאר. ארומגעקליבן האבן זיך ארום אים אין „שטיבל״ אלע איבערגעבליבענע, פארעלטערטע און פארארעמטע ביסל חסידים. דאס יונגוואַרג איז געווען פארטריבן צוליב דער מלחמה אין דער גרויסער וועלט. עס האט געפעלט דער גלאנץ, פאמפע און פראכט פון אמאליקע טישן. אלץ איז געווען ווי אפגעריבן, פארבלייכט און פארעלטערט פון צייט־צרות. פארבליבן זענען נאר דיזעלבע נגונים, וואס דער פארגרוויטער ר׳ נפתלי מאלעץ האט זיי אנגעהויבן, אבער, דוכט זיך, אז אויך אט דיזעלבע נגונים זענען געווען אנ־

דערש, אומעטיק און אויסגעזויגן פון דער איינגעזאפּטער באַ־גייסטערונג.

פּאַרקלעמטער צער האָט געשוועבט אין דער לופט. געוווּסט האָבן אַלע, אַז עס איז דער לעצטער שבת מיט ר' שמואלקען. מער וועלן שוין די ווענט פון „שטיבל" נישט הערן זיין קול און נישט פילן זיין ווען. ליידיק וועט זיין דער חלל, און זיי, די פאַר־בליבענע חסידים, וועלן דאָרט אַרומבלאָנקען, זוכן ר' שמואלקעס שאָטן...

אַן אומעט איז איצט געהאָנגען איבער ר' שמואלקעס פּנים. ער האָט נישט געטראַכט וועגן זיך, נאָר איבערגעלעבט דעם ווייטאָק פון צעשיידונג מיט זיינע טרייע חסידים...

ער האָט אָנגעהויבן זאָגן „תורה". די אויגן האָבן זיך ביי אים פאַרצויגן ווי מיט אַ וואָלקן, און ווי פון אַ טיפן אָפּגרונט האָט געקלונגען זיין שטימע, טעמפּ:

— „מי יתן לי אבר כיונה", ווער גיט מיר פליגל ווי אַ טויב, זאָגט דוד המלך אין תהילים, — האָבן זיך געטראָגן זיינע רייד.— זאָגט דער מדרש, וואָס עפּעס ווי אַ טויב? ווייל אַלע פייגל, ווען זיי זענען פאַרמאַטערט, רוען זיי אויף אַ שטיין, די טויב אָבער פאַרבויגט איין פליגל און פליט מיט דעם אַנדערן. איך פלי איצט אויך נאָר מיט איין פליגל, — האָט ער אַ זיפץ געטאָן, — איין פליגל בלייבט ביי אייך... קשה עלי פרידתכם, שווער איז מיר די שיידונג מיט אייך. עס איז אָבער אַזוי דער ווילן פון השם־יתברך. ווער עס האָט אַ זכות, וועט נאָך קומען קיין ארץ־ישראל. דער־ווייל זאָלט איר זיך אָנגעהערן צו ר' אברהמעלע טעווסקער, ר' אשרקעס ז"ל זון. ער איז ראוי צו זיין אייער מנהיג. איין „הויף" פון איצט אָן פאַר טעווסק און זוועצק.

אַ שטילקייט האָט געהערשט אַרום. ביי די חסידים זענען די אויגן געווען פאַרגלאַנצט, און טרערן אָן ווערטער האָבן גע־נעצט די באַקן...

ר' נפתלי איז אַרויס מיט אַ נגון, דעם פריילעכסטן זוועצ־קער נגון, און באַלד האָט מען זיך געטראָגן אין אַ טאַנץ אַרום שטיבל מיט ר' שמואלקען און לייבושן זיין זון אינמיטן. קוואַלן פון ווייטאָק, קלעמעניש און בענקשאַפט האָט מען אויסגעגאָסן אין

דעמדראָזיקן לעצטן זוועצקער טאַנץ פון ר׳ שמואלקעס הויף, וואָס האָט זיך געצויגן פון דורות און איצט זיך געשלאָסן.

קורץ נאָכדעם, אין אַ וואָכעדיקן טאָג, און גאַנץ זוועצק האָט באַגלייט ר׳ שמואלקען מיט זיין פאַמיליע ווי אויך הערשן און זיי־נע אייגענע אויף זייער רייזע צום הייליקן לאַנד.

מיט טרערן אין די אויגן זענען געשטאַנען איינגעקאָרטשעטע מענער, ווייבער, אַלט פון זאָרג און נויט, און געקוקט מיט גע־מישטע געפילן פון קנאה צו די גליקלעכע און רחמנות אויף זיך אליין, ווי די פורן מיט די רייזנדיקע רירן פון אָרט.

— פאָרט לשלום, רבי! — האָבן די קולות געוויגט די לופט. — לשלום, לשלום. געדענקט אָן אונז. אויף וועמען לאָזט איר אונז? בעט פאַר אונז אין אונזער הייליקן לאַנד.

— — — — — — — — — — —

קאַפּיטל ניין און פערציק

ר׳ שמואלקע און ר׳ הערש מיט זייערע משפחות זענען אָנ־געקומען קיין תל־אביב.

עס איז געווען אַ רירנדיקע באַגעגעניש פון אַלטן חסידישן רבין מיט זיין אַנטלאָפענער טאָכטער פון לאַנגע יאָרן צוריק, וואָס האָט געמאַכט אַ טיפן איינדרוק אויף אַלע צוקוקנדיקע און אַרויס־גערופן טרערן פון זייערע אויגן.

גרוי איז געווען ר׳ שמואלקע, אַלט, מיט אַ צעקנייטשט פנים, און געקושט האָט דער גרייז־גרויער ר׳ שמואלקע זיין פאַרענדער־טע טאָכטער און געוויינט ווי אַ קינד.

— איך האָב געזינדיקט, קינד מיינס, — האָט ער גע־שטאַמלט, — געזינדיקט קעגן דיר און אונזער הייליק לאַנד. איך האָב געוואָלט אייך שטערן אין אייער הייליקער אַרבעט. השם־יתברך האָט אָבער אַנדערש געוואָלט. ווען נישט איר, קינדער, וואָלט פאַר אונז צוגעגרייט דאָס לאַנד, וואָס וואָלט איצט פון אונז געוואָרן?

ביי דער רביצין, דער אַלטער מאַמען, זענען די טרערן געלאָפן אין אַ שטראָם. זי האָט זיי געשלונגען און געשטיקט זיך מיט יעדן

וואָרט. אירע ליפּן האָבן זיך באַוועגט מיט איין און איינציקן אויס־דרוק: „מיין טאָכטער", „מיין טאָכטער", אָבער וואָסערע קוואַלן פרייד און מוטערלעכע בענקשאַפט פון אַלע יאָרן האָט זי אַריינגעגאָסן אין דידאָזיקע ווערטער!

אויך יאָכנעצע איז געווען גערירט. זי האָט געהאַלזט חנהן און געוויינט:

— חנהלע, — האָט געקלונגען איר אַמאָליקער זינגענדיקער קול, כאָטש איר פּנים איז געווען פאַרענדערט און צעקניטשט פון עלטער, — חנהלע, איך האָב עס אָנגעפירט, מען זאָל דיך כאַפּן אין ביבליאָטעק, איך האָב שפּיאָנירט. איצט זע איך, ווי נאַריש איך בין געווען. ווי גליקלעך בין איך פאַר מיר און מיינע קינדער, וואָס מיר זענען אויסגעלייזט געוואָרן פון גלות און זענען דאָ. און דאָס האָב איך דיר צו פאַרדאַנקען.

ביי חנהען זענען די אויגן געווען אויסגעווייקט פון טרערן. „חנהלע", „חנהלע" — זי איז צוריק אַ קינד, צוריק ביים טאַטן און מאַמען. אויסגערונען זענען אַלע יאָרן און געשעענישן מיט־אַמאָל. פאַרשוווּנדן ווי דורך דעם מאַך פון אַ כשוף־שטעקעלע. זי איז יונגער, זי איז די אַכצן־יאָריקע „חנהלע" פון זוועצק, די לע־בעדיקע, באַגייסטערטע שטיפערין.

— זאָרג זיך נישט, יאָכנעצע, — האָט זי גערעדט, און דאָס קול איז געווען ווי פאַרשטיקט פון אינערלעכע איבערלעבונגען,— זאָרגט זיך נישט, טאַטע־מאַמע, אַזוי איז דאָס לעבן. איר זענט נישט שולדיק און מיר קומט נישט קיין לויב. איך בין געווען איינע פון מיין דור, און איר פון אייערן.

באַלד איז געקומען די רייע אויף גבריאַלן.

אויך אים האָט דער אַלטער, גרויער ר' שמואלקע אַרומגענו־מען, און גבריאַלס פּנים איינגעקלאַמערט אין זיין באָרד.

— מיין קינד, זיי מיר מוחל, — האָט ער געשטאַמלט, — מיינע שלעכטע מחשבות וועגן דיר. איך ווייס איצט, אַז דו ביזט אַן אָרנטלעכער ייִד, מיט אַ טייער ייִדיש האַרץ.

— פאַרגעסט, רבי, פאַרגעסט, שווער, — האָבן ביי גבריאַלן געגלאַנצט די אויגן, און די ליפּן האָבן געציטערט פון גערירט־קייט, — דאָ איז דאָס לאַנד פון אונזער צוקונפט, די פאַרגאַנגענ־הייט איז אויסגעמעקט.

נישט אַזוי גיך וואָלט זיך זיכער אויסגעוועפּט דער אומעט, און די איינגעזאַפּטע יאָרן פון בענקשאַפט און חרטה. זיי וואָלטן געווים נאָכאַמאָל און נאָכאַמאָל עס באַדויערט, און זיך אַזוי־צרום וועלן אויסליידיקן פון דער שווערער משא, זענען אָבער באַלד אונטערגעלאָפן די „נייע" אייניקלעך, חנהס קינדערלעך.

דאָסראָזיקע שיינע פּאָרל, מיט זייערע רויטע, פולע בעקעלעך, מיט זייער קלינגענדיקן העברעאיש, האָבן דעם טרויער צעזייט אין דער לופט. באַרוישנדיקע פרייד האָט מיטאַמאָל מיט אַ הערלעכער ליכטיקייט באַגאָסן אַלע ווינקעלעך.

— סבא... סבתא... — האָבן ווי גלעקעלעך געקלונגען זייערע קוויטשעדיקע קולעכלעך, און מיט וווּנדער געגלעט און באַטאַפּט די אָנגעקומענע געסט.

ר' שמואלקעס אויגן האָבן אָנגעהויבן גלאַנצן מיט אַ שאַר־פערן גלאַנץ. ליפשע האָט שטיל געוויינט פון גליק. זיי האָבן זיך געפילט יונגער מיט פיל יאָרן.

צוזאַמען מיט ר' שמואלקען און זיין משפחה איז אויך געקו־מען הערש, גבריאלס פאָטער, מיט זיין טאָכטער און איידעם.

כאָטש דער טומל אַרום ר' שמואלקען האָט פאַרנומען דעם אויבנאָן, איז דאָך געווען געגנוג רירנדיקעס אין דער באַגעגעניש פון אַלטן, פשוטן טאַטן, מיט זיינע צוויי זין, שנור און אייניקלעך.

דער איינפאַכער הערש האָט נישט געהאַט קיין שפּראַך אין מויל, אַרויסצוגעבן זיינע געפילן. זיי זענען געווען צו־הויך פאַר זיין קראַפט אויסצודריקן, מען האָט זיי אָבער געקאָנט לייענען אויף זיין פּנים, וואָס איז געווען פון זיי אינגאַנצן איבערגעוועל־טיקט. ער איז געשטאַנען ווי צעמישט, און ווי אַ נעפּל האָט אַלץ איינגעוויקלט און אויסגעשיילט פאַר זיינע אויגן. זיינע זין, וועמען ער האָט אַזויפיל יאָר נישט געזען, און וועלכע האָבן אים פאַרלאָזן יונגע בחורימלעך אויף נישט אומצוקערן זיך, זענען איצט מיט אים, אויסגעוואַקסענע מענטשן, אַזוינע חשובדיקע, אַז ער האָט פאַר זיי אין האַרצן רעספּעקט... און זי, חנהלע, ר' שמואלקעס טאָכטער, איז זיין שנור, און דאָס זענען די אייניקלעך... זיינע אייניקלעך, און ר' שמואלקע איז זיין מחותן... שעמט זיך נישט מיט אים... זיי זענען צוזאַמען.

טרערן האָבן זיך געקייקלט איבער זיין צעשויבערט ווייסלעך

בערדל: טרערן פון אזוינס, וואָס איז העכער פון גליק. טרערן אויך פון מיטלייד און צער פאַר זיין געשטאָרבענעם ווייב, וואָס האָט נישט געהאַט דעם זכות דאָס אַלץ צו זען, און איז איצט אַליין פאַרבליבן אויפן זוועצקער בית-עולם...

געגלעט האָבן אים איצט די זין און שנור. מען האָט אים באַרואיקט און דערמוטיקט, אים אויפגעשטעלט צוזאַמען פון זיין פאַנאַנדערפאַלן און זיין פאַרלוירנקייט אין גרויס פרייד.

אריבער זענען די ערשטע טעג פון פרייד און געמישטע געפילן. מען האָט זיך אויסגעליידיקט, באַרואיקט, און גענומען טראַכטן וועגן „תכלית״, וועגן איינאָרדענען זיך אין נייעם לאַנד.

און אויך דאָס איז נישט אָנגעקומען שווער.

הערשס איידעם איז אוועק אַרבעטן ביי פעלדער, און לייבוש, חנהלעס ברודער, האָט געהאָלפן גבריאלן ביי זיינע פּרדסים, און אַזוי אַרום פאַרדינט אויף זיין פאַמיליעס אויסקומעניש. הערש אַליין איז אויך צוגיין געקומען צו דער האַנט, ער פלעגט גיין אין שליחות, ברענגען עסן, היטן, אַכטונג געבן, און אַמאָל אויך אויף אַ ווײַלע גראָבן, אַרומשניידן.

אין ר׳ שמואלקע איז געבליבן פריי. עס איז ביי קיינעם קיין געדאַנק נישט געווען, אַז דער אַלטער רבי זאָל עפּעס דאַרפן טאָן. ער האָט אויסגעפונען זיינעם אַ ווינקל אין אַ שול, דאָרט געקריגן זיין סביבה, עטלעכע יידן לומדים, ער פלעגט פיל לערנען און דאַוונען, און פאַרברענגען מיט יענע יידן אין תורה.

מתפלל געווען האָט ער פיל צו גאָט, און די תפלות זענען געווען דורכאויס לויב-געזאַנגען צו גאָט פאַר אים, וואָס ער האָט אים אַריינגעבראַכט אין הייליקן לאַנד, וועלכעס איז אים ליבער געוואָרן פון טאָג צו טאָג, פאַר זיינע קינדער און אייניקלעך, וואָס האָבן געלעבט אָן פּחד, נישט ווי אין גלות, נאָר רואיק, „יעדער אונטער זיין וויינגאָרטן און אייל-בירט-בוים״, און האָט געבעטן דעם השם-יתברך, ער זאָל זיין חסד ווייטער נישט אָפּטאָן מיט אים און דעם כלל-ישראל, און זאָל אין אים אָנהאַלטן די פרייד און נחת, וואָס שפּרייט זיך איבער אַלע ברעגעס.

קאפיטל פופציק

עס איז געווען א שיינער זוניקער טאָג. די דעכער פון די הויכע געביידעס אויף דער לינדן־שטראַסע אין בערלין זענען געווען באַגאָסן מיט הערלעכן ליכט. גאָלדענע שטראַלן האָבן זיך דורכגעשטאָכן נידעריקער, אַראָפּ צו דער ערד, און ווי מיט ציטערדיקע לאַנגע פינגער געטייטלט אויף דער גרויסער מענגע מענטשן, וואָס איז געווען אויסגעשטעלט אין א ברייטער רייע, געדיכט, ביי ביידע זייטן פון דער אַלעע.

עס איז געווען א יום־טוב ביי דער נייער היטלער־מאַכט. איינער פון יענע ערשטע, אַזוינע אָפּטע פייערטעג, וואָס די נייע נאַצי־רעגירונג האָט דורכגעפירט אין דער הויפּט־שטאָט, כדי ארויסצורופן באַגייסטערונג ביי די מאַסן, כדי צו וועקן און אויפּברויזן זייער בלוט, זייערע געפילן און אינסטינקטן.

אַלץ איז טאַקע געווען אַזוי צוגעפּאַסט און אַזוי איינגערעכנט, עס זאָל דינען יענע פאַרבאַהאַלטענע צוועקן. גרויסע, שוואַרצע פענער מיט ווייסע האַקנקרייצן אינמיטן, האָבן געפלאַטערט פון אַלע ווינקלען פון די געביידעס. דידאָזיקע שוואַרצע טיכער האָבן געוויזט מיט סקעלעטישער קאַלטקייט, פאַרגליווערטקייט, דערמאָנט אָן טויט און פייניקונגען. זיי האָבן זיך געטונקט אין דער ליכטיקייט און וואַרעמקייט פון דער זון, און זענען דאָך געבליבן פינסטער, שוואַרץ...

פאַרגליווערט זענען אויך געווען די אויסדרוקן אויף די פּנימער ביי דער מענטשן־מאַסע, וואָס איז געשטאַנען ערנסט, שטיל, און געוואַרט אויף דער אָנקומענדיקער פּראָצעסיע — דער מאַרש פון די שטורעם־גרופּן.

און דער מאַרש־פּאַראַד האָט זיך געהאַלטן ביים דערנענטערן.

עס האָבן אָנגעהויבן צו דערגרייכן טויבע קולות, וואָס זענען אַלץ געוואַקסן אין קראַפט. באַלד האָט געשניטן די לופט א מיליטערישער מאַרש פון מעשענע אינסטרומענטן, געמישט מיט טעמפּע אָפּקלאַנגען פון טריט צום טאַקט.

די שטורעם־טרופּן זענען אָנגעקומען.

פאַראויס אויף א פערד האָט זיך געטראָגן א דיקער מאַן אין מיליטערישע קליידער מיט א הויכן, שטאָלענעם העלם אויפן קאָפּ.

ער האָט געפּאַכעט מיט דער בלויזער שווערד, און נאָך אים האָבן זיך געצויגן, צו פיר אין א רייע, זעלנער מיט בענדער און האקנ־קרייצן־צייכנס אויף די אָרעמס. זיי האָבן געטרעטן גלייכע, שטאָל־צע, פארגליווערטע, ווי נישט נאָר זייערע היטלען, נאָר אויך זייערע פּנימער וואָלטן געווען אויסגעגאָסן פון מעש און שטאָל.

די מעשענע אינסטרומענטן זענען א ווײַלע שטיל געוואָרן, און דאָס הארטע טופּען פון די פיס האָט איבערגעבראָכן א באַ־סאָווע שטימע פון איין זעלנער, וואָס האָט אויסגעזונגען אין סאָלאָ:

„דער דויטשע האָט ערוואַכט —
דער דויטשע ניט מער פערשוואַכט;
אוים מיט דעם יודע בעטריגער —
דער דויטשע איז דער זיגער.״

און הונדערטער ברוסטיקע שטימען האָבן אים באַלד אָפּגע־ענטפערט אין כאָר, און די לופט האָט זיך געוויגט צוזאמען מיט זייערע פיס־טריט:

„אוים מיט דעם יודע בעטריגער —
דער דויטשע איז דער זיגער״.

אין דער געביידע אויף דערזעלבער אַלעען־גאַס, האָט אין דערזעלבער צייט, א הויכער, שטייפער עלטערער מענטש נערוועז ארומגעשפּאַצירט אהין און צוריק, לענג־אוים א גרויסן צימער, און זיין הארץ האָט געברויזט מיט שטורעם. דורך די אָפענע פענסטער האָבן זיך צו אים אַלע ווײַלע דערטראָגן אָפּגעריסענע אָפּקלאַנגען פון זעלנער־געזאַנגען, און זיין פול פּנים האָט זיך א קרים געטאָן פון ווייטאָק.

דערגרייכט האָבן צו אים אויסרופן „יודע״, „יודע״ — און ער האָט זיך מיטאמאָל אָפּגעשטעלט. ער האָט געשפּירט, ווי שאַרפע שפּיזן וואָלטן געשטאָכן אין זיין לייב מיט דידאָזיקע ווערטער. ער האָט פארשטשירעט מיט די ציין, און זיין פּנים האָט מיטאמאָל אָנגענומען אַן אַנטשלאָסענעם אויסדרוק.

דער עלטערער מענטש — דאָס איז געווען הער האַנס פאָן לעווצאָוו.

גלייך נאָך דער מלחמה האָט דערדאָזיקער גענעראַל פון מלחמה־צייט, פאַרלאָזט זיין מיליטערישע קאַריערע און איז אוועק אין פּריוואַטן לעבן. ער האָט איבערגענומען זיין פאָטערס פאַבריק פון שפּילצייג, און זיך אָפּגעגעבן מיט דער אַנטוויקלונג פון דער אונטערנעמונג.

ער, האַנס פאָן לעווצאָוו, האָט אָבער געלעבט מיט זיין מי־ליטערישער פאַרגאַנגענהייט. אין אַ פייערטאָג אָדער אַזוי אַ שמחה פלעגט ער אויף זיך אָרויפציען זיין מיליטערישן מונדיר, באַפּוצט פון אויבן מיט די מעדאַלן און אַנדערע אויסצייכענונגען, געהייסן זיך רופן מיט דעם טיטל „גענעראַל", און האָט זיך מיט דעם געגרויסט און געפילט שטאָלץ.

צווישן זיינע אָנדענקונגען פון דער מלחמה־צייט איז אים אויך פאַרבליבן טייער די געשיכטע מיט יענע צוויי יידן, אַ פאָטער און זון, אין שעדלעץ, פאַר וועמען אַ יידישער רבי האָט זיך איינ־געשטעלט, און ער, האַנס, האָט יענע יידן געראַטעוועט פון טויט־שטראָף און האָט זיי באַפרייט.

יענער יידישער רבי האָט אים דעמאָלט דערמאָנט דאָס בילד פון זיין יידישן זיידן, זיין מאַמעס פאָטער, און זיין דעמאָלטיקע מאַט פון באַפרייען די יידן האָט האַנסן שטענדיק געמאַכט שטאָלץ אויף זיך אַליין. ער האָט געפילט, ווי ער וואָלט מיט דעם געטאָן אַ פאַרגעניגן זיין מראַגיש־פאַרשטאָרבענער יידישער מוטער, ווי ער וואָלט אויסגעקויפט איר זינד, וואָס זי האָט התונה געהאַט מיט זיין פאָטער קאַרל, אַ זון פון אַ דייטשער אַריסטאָקראַטישער פאַ־מיליע.

געבליבן זענען האַנסן אין קאָפּ אָפּגעהאַקטע, ווי אין אַ נעפּל איינגעוויקלטע, אַלטע דערינערונגען פון זיין קינדהייט, פון זיין מוטערס גייסטיקע ליידן. ער האָט נאָך שוואַך געדענקט איר גע־שטאַלט, אירע שטענדיק פייכטע אויגן. עס איז אים פאַרבליבן איינגעקריצט אין זכרון, ווי זי פלעגט אים, אַ קליין יינגעלע, פירן אָפט אין אַ ווייטער גאַס אין פראַנקפורט ביים מיין, וווּ זיי האָבן געוווינט, דאָרט אים האַלטן פאַר אַ הענטל, און וואַרטן אַ לאַנגע

ציִיט פֿאַר אַ ווינקל פֿון אַ הויז. דערנאָך פֿלעגט זיך פֿון הויז באַווייזן אַ פֿיגור פֿון אַ הויכלעכן, עטוואָס איינגעבויגענעם מענטשן, מיט אַ ווייסער, פֿאַרקעמטער באָרד. זיין מאַמע פֿלעגט אים דאַן אַ דריק טאָן פֿאַרן הענטל און צו אים שעפּטשען:

— קוק אָן, מיין קינד, דאָס איז דיין זיידע, דיין זיידע...

פֿון דעמאָלט אָן איז דאָס געשטאַלט פֿון יענעם אַלטן מאַן געבליבן ווי איינגעקריצט אין האַנסנס מח.

האַנס האָט אויך געדענקט יענעם טאָג, ווען זיין מוטער האָט שרעקלעך געקלאָגט, און אים דערקלערט, אַז זיין זיידע איז טויט. זי האָט געוויינט אין געוויין, אַז זי איז שולדיק אין איר פֿאָטערס פּלוצלינגן טויט, און פֿון דעמאָלט אָן איז זי אַרומגעגאַנגען אַ פֿאַרקלעמטע מיט אַ ווייטאָקדיקן אויסדרוק אויף איר פּנים. זי איז קורץ נאָכדעם קראַנק געוואָרן און געשטאָרבן אין איר בליענדיקער יוגנט.

ער, האַנס, איז נאָך דעמאָלט געווען אַ יונג ייִנגל. זיין פֿאָטער קאַרל האָט נאָך איר טויט אומגעזוימט חתונה געהאַט מיט אַ דייטשער פֿרוי און געוואָלט, אַז האַנס זאָל זיין מוטער פֿאַרגעסן, און אַז זיין דייטשע פֿרוי זאָל אים גילטן אַלס מוטער. ער האָט האַנסן אָפּגעגעבן אין אַ מיליטערישער אַקאַדעמיע, דערגרייכט פֿאַר אים אַ הויכן מיליטערישן ראַנג, און באַמיט זיך אַריינצוברענגען אים צווישן הויכע דייטשע קרייזן און מאַכן אים פֿאַרגעסן זיין אָפּשטאַם.

איינגעגעבן האָט זיך עס זיין פֿאָטער, אַז האַנס זאָל וועגן זיין אָפּשטאַם נישט אַרויפֿברענגען אויף זיינע ליפּן. ער האָט זיין מאַמעס נאָמען נישט דערמאָנט, ווי אַלץ וואָלט אָפּגעווישט געוואָרן אָן שום שפּורן.

דאָס איז אָבער נאָר געווען אויסערלעך. טיף אין האַרצן האָט ער זיין מוטער נישט געקאָנט פֿאַרגעסן, און איר געשטאַלט, און דאָס געשטאַלט פֿון זיין זיידן, פֿלעגן אָפֿט אַרויפֿשווימען אויף זיין זכרון, און אים אָנפֿילן מיט בענקשאַפֿט און קלעמעניש.

יאָרן זענען אַזוי דערווייל פֿאַריבער. האַנס איז אויסגעוואַקסן. ער האָט חתונה געהאַט מיט אַ דייטשער פֿרוי, וואָס האָט נישט געוווּסט פֿון זיין ייִדישן אָפּשטאַם. זי האָט אים געבוירן אַ טאָכטער, וואָס וואָלט קיינמאָל נישט פֿאַרדעכטיקט, אַז אין איר

פּליסט יידיש בלוט. זיין יידישע אַנגעהעריקייט איז אָפּגעהאַקט געוואָרן.

האַנס איז דעריבער שטענדיק געווען שטאָלץ אויף יענער געשיכטע פון זיין ראַטעווען צוויי יידישע לעבנס, ווי ער וואָלט דערמיט באַצאָלט פאַר זיין מוטער איר חלק צום יידישן פאָלק.

אַזוי איז דאָס אַלץ געווען ביז דער נייער נאַצי־הערשאַפט.

געקומען זענען צו דער מאַכט היטלער און זיינע מענטשן. ער, האַנס, אַלס אַ קאָנסערוואַטיווער מענטש, האָט אין אָנהויב געהאַלטן מיט די נאַצי־אידעען. צו אים אין הויז האָט אָנגעהויבן אַריינצוקומען אַ סטודענט, אַ נאַצי, וועלכער פלעגט באַזוכן זיין טאָכטער מערלינען, יענער יונגערמאַן פלעגט פאַר אים אַנטוויקלען די אידעאָלאָגיע פון זיין פּאַרטיי, און האַנס פלעגט איינשטימען.

אמת, עס איז אים, האַנסן, געווען דערווידער יענער טייל פון דעם נאַצי־פּראָגראַם, וואָס אָנבאַלאַנגט די באַשולדיקונגען אויף יידן. ער האָט געהאַלטן, אַז די באַשולדיקונגען זענען איבערגעטריבן. אָבער ער האָט, ווי פיל אַנדערע זיינסגלייכן, נישט געלייגט קיין אכט אויף יענע פּלענער אין נאַצי־פּראָגראַם צו טאָן רשעות די יידן. ער האָט געגלויבט, אַז דאָס זענען נאָר גוזמאַדיקע אַגיטאַציע־מיטלען, אַ פּאַרציע דעמאַגאָגיע, וואָס איז נויטיק צו וועקן די מאַסן, ווי אָבער די נאַצי־פּאַרטיי וועט קומען צו דער מאַכט, וועלן די פירער ווערן געלאַסענער און זיך ווייסן ווי צו צוימען.

געקומען איז אָבער אַ גרויסע אַנטוישונג.

דערגרייכט האָבן די נאַציס צו דער מאַכט, און ווי ווילדע חיות אין מענטשן־געשטאַלט זיך געלאָזט מיט גיפטיקער רציחה אין געיעג קעגן די יידן. מיט אייזערנע בייטשן האָבן די גרוזאַמע הערשער געשמיסן איבער די יידן, און זיי געטריבן, אַלס פאַררעטער, צו פאַרלאָזן זייער פאָטערלאַנד.

דערשלאָגן איז האַנס געבליבן שטיין פאַר דער נייער דערשיינונג. ער האָט געהאַט געשעפטלעך צווישן יידן פריינט און באַקאַנטע, וועלכע האָבן געמוזט אַלץ איבערלאָזן און נעמען דעם וואַנדער־שטעקן אין האַנט. האַנס האָט געפילט, ווי בושה נעמט אַרום זיין וועזן, אַ פאַרשעמטקייט פאַרבט זיין פּנים, ווי ער אַליין וואָלט עס זיינע יידישע פריינט געדריקט.

ער האָט זיך אַליין געפּרוּווט טרייסטן, אַז עס וועט ווערן רו־איקער. די דורשטיקע וועלן זיך אָנטרינקען, און שטילן זייער בלוט־באַגער.

אָבער די טרייסט איז נישט געקומען, עס איז נישט געוואָרן בעסער, גרינגער, נאָר שווערער. עס זענען געקומען נייע גזירות, וועלכע האָבן דערגרייכט דירעקט האַנסן.

די נאַציס האָבן אַנטוויקלט די ראַסן־טעאָריע, זיך געגריבלט אין יחוס פון דורות, און אַ צווייטער אָדער אַ דריטער דור פון יידן — האָט געמוזט טיילן דעם יידישע ביטערן גורל.

דיראַזיקע נייעס האָט האַנסן געטראָפן ווי אַ דונער. אים האָט אַזוי נישט געאַרט פאַר זיך, פאַר דער זיכערקייט פון זיין עקאָנאָ־מישן וווילזיין, ווי פאַר זיין פרוי און דערוואַקסענער טאָכטער, מערלין.

וואָס וועלן זיי, זיין איינגן בלוט און פלייש זאָגן, ווען זיי וועלן זיך דערוויסן, אַז ער איז אַ זון פון אַ יידישער מוטער? פאַר זיין פרוי איז ער געווען זיכער. זי איז אים געווען געטריי און וואָלט די טרויעריקע איבערראַשונג „אויפגענומען שטיל און זיך אונטער־געגעבן, אָבער מערלין? זי, מערלין, זאָפּט אין זיך איין דורך און דורך דעם נייעם גיפט פון יידן־האַס, איר „חתן" קאַרל איז אַ נאַצי סטודענט, ווי וועט זי איבערטראָגן דעם קלאַפּ? זי איז דאָך גע־וווינט צו קוקן אויף אַ יידן ווי אויף אַ נידעריקער באַשעפעניש, טאָ ווי וועט עס זי צעברעכן, ווען זי וועט מיטאַמאָל זיך דערוויסן, אַז זי איז איינע פון יענע מינדערווערטיקע? וואָס פאַר אַ טראַגעדיע קאָן עס נאָך ברענגען אין איר יונגן לעבן?

נעכט האָט האַנס פאַרבראַכט אויף זיין געלעגער, זיך גע־וואָרפן פון איין זייט אויף דער אַנדערער און נישט געקאָנט איינ־שלאָפן; עס האָבן אים געמאַטערט מחשבות: ווי זאָל ער האַנדלען? צי זאָל ער שווייגן און וואַרטן, ביז די געשעענישן וועלן נעמען זייער גאַנג? נאָך אַלעמען וועט מען עס דאָך אַזוי לייכט נישט אויסגעפינען זיין אָפּשטאַם. זיין פאָטער אין פראַנקפורט האָט עס נאָכאַמאָל פאַרווישט, אפשר וועט מען עס קיינמאָל נישט אויס־געפינען, און אַלע זאָרג וועלן אויסגעמיטן ווערן?

האָט ער אָבער פון דער צווייטער זייט געוווּסט, ווי ווייט עס דערגייען די נאַצי־פאָרשונגען אין דער הינזיכט, און אַז עס רופן

זיך שוין אָפּ אין יעדן פאַל עדות, מענטשן, וואָס געדענקען אַלטע מעשיות, פאַרלאָשענע פונקען ווערן אויפגעבלאָזן צו אַ גרויס פייער. און וואָס וועט זיין, ווען עמיצער פון פראַנקפורט, וואָס ווייס יענע פּאַסירונג מיט זיין מוטער, קומט און פאַרמסרט אים? איז עס דען נישט גלייכער, ער אַליין זאָל עס איר, זיין טאָכטער, דערציילן, איר צוגרייטן, איר אויפקלערן, אַזוי אַז ער וועט אויסמיידן די אַגאָניעס פון שטענדיקן שרעק, טאָמער דערוויסט מען זיך, און ווען יאָ, וועט עס זיין מערלינען נישט דערשלאָגן?

„האַנס האָט געשפּירט, אַז דער לעצטער וועג איז דער ריכטיקער. עס האָט אים אַזוי דיקטירט דער פּראַקטישער שכל, און עס האָט אים, חוץ דעם, אויך אַזוי דיקטירט זיין אייגענער געוויסן.

ער, האַנס, האָט איצט דווקא צוליב די דריקונגען זיך געפילט נענטער צו יידן. זיי, די נאַציס, האָבן אים דערנענטערט צום יידישן פאָלק. ער האָט איצט אויף זיין אייגן ליַיב געפילט, ווי ווייט אַלע בלבולים און באַשולדיקונגען קעגן יידן זענען אויסגעטראַכטע, ער האָט אין זיין אייגענעם האַרצן דערשפּירט די פאַרשעמטקייט פון אַ מאַרטירער, אַ ייד, וואָס ליידט אומזיסט אַזעלכע גרויזאַמקייטן און רציחות. ער האָט זיך פאַרטראַכט איבער דעם גורל פון יידישן פאָלק, און ביסלעכווייז אָנגעהויבן ווערן שטאָלץ אויף דער שטאַרקייט און ווידערשטאַנד פון דעמדאָזיקן שוואַכן פאָלק.

פאַראומערט איז האַנס אַרומגעגאַנגען און געזוכט אין די געדאַנקען אַ וועג, ווי ער זאָל עס אויפקלערן זיין ווייב און טאָכטער. ער האָט געשפּירט, אַז די אָנגעלאָדענע משא פון זאָרג אין זיין האַרץ, מוז אויסגעליידיקט ווערן, איידער ער ווערט דערשטיקט פון איר שווערקייט. ער האָט אויך געהאַט דאָס געפיל, אַז די געהיימניש בויט אַ דיקע וואַנט צווישן אים און זיין ווייב און קינד. זי דערווייטערט און פרעמדט אָפּ זיינע געפילן. יאָ, עס מוז קומען צו אַן אָפענער דערקלערונג, איידער עס ווערט צו שפּעט.

איצט, ווען פון דער גאַס האָבן זיך צו אים געטראָגן די שימפּף־געזאַנגען: „יודע פערעקע״, „יודע בעטריגער״, איז עס געווען, ווי די ווערטער וואָלטן ווי פייערדיקע שפּיזן אים שטעכן גלייך אין האַרץ אַריין. ער איז געווען אויפגעברויזט און אויפגעשטורעמט: עס מוז נעמען אַן ענדע. ער מוז אַלץ דערציילן, נאָך

הײנט. באַלד װעט ער אַנטפּלעקן זײַן טראַגעדיע, און זאָל עס זײַן װאָס עס װיל זיך.

קאַפּיטל אײן און פּופּציק

דער עבֿאַ פֿון די שטורם־טרופּן־געזאַנגען איז נאָכנישט גע־װען אױסגעװעפּט פֿון דער לופֿט, װי די טיר פֿון הױז האָט זיך צעפּראַלט אָפֿן, און אַ מײדלשע פֿיגור אין אַ לײַכטן בלױען זומער־מאַנטל, מיט דער נאַצי־צײַטונג „דער אַנגריף" אונטערן אָרעם, איז מיט פֿרײלעכקײט אַרײַנגעקומען אינעװײניק.

— גוט מאָרגן, פֿאָטער, — האָט זיך דערטראָגן צו האַנסן מערלינס פֿרײלעכער אױסרוף. זי איז צו אים צוגעשפּרונגען און, אױפֿהױבנדיק זיך אױף די שפּיץ־פֿינגער, דערגרײכט מיט אירע ליפּן צו זײַנע באַקן. זי האָט אים אַ לײַכטן קוש געטאָן, אים אָפּ־געמאָסטן מיט איר לאַכנדיק פּנים, און װי אָפּטרעטנדיק אױף צוריק מיט װוּנדער אױסגערופֿן:

— װאָס איז מיט דיר, פֿאָטער? פֿילסטו זיך קראַנק? װאָס ביסטו אַזױ צעשראָקן און פֿאַרטרױערט?

— גאָרנישט, טאָכטער, — האָט האַנס אַרױסגעמורמלט אָן ענטפֿער, און קײן מוסקול האָט זיך נישט באַװעגן אױף זײַן פּנים.

ער האָט אַ װײַלע געשװיגן, און דאַן װידער אָנגעהױבן שטיל:

— איך טראַכט װעגן מײַנעם אַ פֿרײַנד, װאָס איז איצט אין גרױס פֿאַרלעגנקײט, און זײַן לאַגע רירט מײַן האַרץ מיט צער.

— צו װאָס דאָס זאָרגן? העלף אים אַרױס מיט געלט װיפֿל דו קענסט, — האָט מערלין אָנגעקוקט דעם פֿאָטער מיט װוּנדער.

— אָ, זײַן צרה איז נישט קײן געלט — האָט האַנס געגעבן אַ שװערן זיפֿץ — עס איז אַן אַנדער געשיכטע. זעץ זיך צו, טאָכ־טער, װעל איך עס דיר דערצײלן.

מערלין האָט זיך צוגעזעצט, אַװעקלײגנדיק דעם „אַנגריף" פֿאַרנט בײַם טיש.

— נעם אַראָפּ די צײַטונג! — האָט האַנס געזאָגט.

מערלין האָט אים אָנגעקוקט מיט אַ פֿראַגע־צײכן אױפֿן פּנים און האָט די צײַטונג אַװעקגעלײגט אָן אַ זײַט.

— עס איז אַזאַ געשיכטע — האָט האַנס אָנגעפֿאַנגען מיט

א קלאנגענגלאזער שטימע, ווי דאָס קול וואָלט געקומען ערגעץ פון א טיפעניש. — מיין פריינט איז באקאנט אלס א ריינער דייטש, און אריער, אזוי האלטן אים פרעמדע, און אזוי גילט ער אויך פאר זיין ווייב און קינדער, אָבער ער האָט א געהיימניש — ער שטאמט פון יידן. זיין מוטער איז געווען א יידישע טאָכטער.

— דאָס איז ווירקלעך אן אומגליק — האָט מערלין באַמערקט.

— אָ, ניין — האָט האנס ווי זיך א כאפ געטאָן, — ער אליין באטראכט עס גראָד נישט ווי קיין אומגליק. ער וואָלט זיך מיט דעם יידישן אָפּשטאם נישט געשעמט. ביי אים זענען די יידן נישט קיין מינדערווערטיקע מענטשן.

— ווייל ער האָט אין זיך יידיש בלוט — האָט מערלין אריינגעזאָגט.

— ער זאָרגט זיך אָבער פאר זיין ווייב און קינדער — האָט האנס ווי נישט געהערט איר באמערקונג.—זיי, ווען זיי וועלן זיך דערוויסן פון זייער אָפּשטאַמונג, וועלן זיי ליידן.

— עס איז זיין שולד — האָט מערלין ווידער באמערקט.

— ער האָט זיי געדאַרפט פון פריער אלץ דערציילן, וואָלטן זיי געוווּסט זייער פלאַץ.

— אָ, טאָכטער, — האָט האנס ווידער א זיפץ געטאָן. — ער איז נישט שולדיק. ער האָט נישט געוואָלט זיין שטאם פארלייקענען, נאָר ער האָט נישט פאָראויסגעזען אז עס איז נויטיק.

— פריער, פאר די נאציס איז עס נישט געווען קיין פראָבלעם, טאָ צו וואָס האָט ער געזאָלט דערוועקן אלע פאמיליע-געשיכטעס און אריינברענגען נייע געדאנקען אין די הערצער פון די קינדער? צו וואָס וועגדן זייערע מחשבות וועגן פראגן פון ראסן, רעליגיעס און ברענגען א ריס אין זייער נשמה? איצט אָבער...

— איצט זענען די קינדער אומגליקלעך — האָט מערלין געזאָגט — איך אויף זייער אָרט, ווען מיר טרעפט אזא קלאפּ, וואָלט איך זיך גענומען דאָס לעבן... איך וואָלט...

מערלין האָט נישט באוויזן צו ענדיקן אירע רייד, ווי אירע אייגן האָבן זיך אין וווּנדער ברייט פאנאנדערגעעפנט.

איר פאָטערס פנים האָט זיך פלוצלונג ביי אירע לעצטע ווערטער פארענדערט. א געלקייט האָט זיך איבער אים פארצויגן, זיין

קאָפּ האָט געגומען אָנמעכטיק אַראָפּהענגען איבערן טיש און ער האָט זיך מיטאמאָל אַראָפּגעלאָזט פאַרחלשט אין שטול.

מערלין האָט האסטיק זיך א הויב געטאָן פון אָרט און אָנגע־הויבן וועקן מיט די הענט דעם פאָטער, זייענדיק דורכגענומען מיט שרעק:

— פּאַפּאַ, פּאַפּאַ, וואָס האָט געטראָפן? וואָס איז מיט דיר? מאַמאַ, מאַמאַ, דער פאָטער איז אין אָנמאַכט!

אַריינגעלאָפן איז פרוי לעוועצאָוו און צוזאמען מיט דער טאָכ־טער האָבן זיי גענומען אַרבעטן איבער האַנסן, צו ברענגען אים צום לעבן.

עס האָט געדויערט א קורצע ווײַלע און האַנסנס אויגן האָבן זיך גענומען לאַנגזאַם עפענען. זײַנע צונויפגעדריקטע ליפּן, באַ־גאָסן מיט ווייסן שוים, האָבן זיך ביסלעכוויז אויפגעשפּאָלטן, און עס האָבן זיך דערהערט אָפּגעהאַקטע ווערטער:

— טאָכטער... מערלין... די געשיכטע פון פריינט... עס איז מײַן אייגענע געשיכטע... מײַן מאַמע א יידישע... דו, מערלין, פון יידישער אָפּשטאַמונג.

ערשט איצט האָט א נייער הילכיקער קוויטש דורכגעשפּאָלטן די לופט. דאָס האָט מערלין אַזוי היסטעריש אויסגעשריגן. אירע אויגן זענען איר געקראָכן פון די לעבער. איר פּנים איז געווען צעפלאַמט, ווילד, ווי זי וואָלט געוועז אַראָפּ פון זינען.

— עס איז ליגן! עס איז ליגן! — האָט זי נאָכאַנאַנד גע־שריגן, און איז אַרויסגעלאָפן מיט א געוויין צו איר צימער.

פרוי לעוועצאָוו, נישט וויסנדיק וואָס דאָ קומט פאָר, האָט געבראָכן די הענט. זי האָט זיך געטרייסלט פון שרעק, און אין פאַרצווייפלונג געמורמלט:

— מײַן גאָט, וואָס איז דאָ געשען, וואָס האָט פּאַסירט?

— — — — — — — — — — — — —

שפּעטער איז האַנס געלעגן אין בעט און זײַן ווייב איז געזעסן בײַ זײַן זייט. זי האָט געפירט מיט איר ווייכער האַנט איבער זײַן שטערן, איבער זײַנע באַקן, און גערעדט צאַרט:

— באַרואיק זיך, האַנס, באַרואיק זיך, דאָס מיינט פאַר מיר

גאָרנישט. עס מאַכט נישט קיין ענדערונג. דו ביסט פאַר מיר דערזעלבער ליבער גמאַל.

— ווו איז זי? — האָט האַנס שוואַך געפרעגט.

— זי איז געלעגן ביי זיך אויפן בעטל א פּאָר שעה, געוויינט און געיאָמערט, דערנאָך האָט זי זיך אָנגעטאָן און איז אַוועק.

— און דו האָסט צו איר גאָרנישט גערעדט?

— אַ, יאָ, איך האָב צו איר גערעדט. זי האָט מיר אָבער נישט געענטפערט... זי האָט זיך געוואָרפן ווי אין קאָנוווּלסיע, און ביים אַוועקגיין א קלאַפּ געטאָן מיט דער טיר.

— מיין גאָט! — האָט זיך האַנס א הויב געטאָן פון געלע־גער — ווו איז זי געגאַנגען? עס קאָן דאָך עפּעס שרעקלעכעס פּאַסירן, פאַרוואָס ביסטו אַזוי קאַלט?

— איך בין נישט קאַלט, האַנס, — האָט פרוי פאַן לעווצאָוו אים געענטפערט — עס וועט קיין זאַך נישט געשען. זי איז יונג און שטאַרק. זי וועט עס דורכטראַכטן און זיך באַזינען. דו טאָרסט אָבער וועגן איר נישט טראַכטן. דער דאָקטאָר האָט דיר פאַר־אָרדנט רו, פולשטענדיקע רו.

האַנס האָט אָנגעקוקט זיין ווייב מיט דאַנקבאַרע בליקן. ער האָט באַוווּנדערט איר טאַקט און שטאַרקייט צו קאָנטראָלירן איר מורא וועגן איר טאָכטער, ווען ער מוז האָבן רו.

— מיין ליבע פרוי — האָט ער געזאָגט — פאַרגעב מיר דעם ווייטיק, וואָס איך האָב דיר פאַרשאַפט. איך בין נישט דער־שלאָגן מיט מיין אָפּשטאַם... מיין מוטער איז געווען א טייערע, האַרציקע פרוי... מיך אַרט נאָר מערלין... אונזער מערלין.

פרוי לעווצאָוו האָט אים ווידער געגלעט דעם שטערן מיט אירע ווייכע פּוכיקע הענט און געמורמלט שטיל:

— עס איז פאַר מיר נישט קיין אונטערשייד, מיין ליבער האַנס.

קאַפּיטל צוויי און פופציק

עס איז געווען ווי פרוי לעווצאָוו האָט פאָראויסגעזאָגט. די זאַפט און קראַפט פון דער יוגנט האָט אַלץ גובר געווען און אי־בערגעטראָגן.

מערלין איז אין אנפאנג ארומגעגאנגען ווי א צעמישטע. די שרעקלעכע נייעס האט איר צעשרויפט און אויפגעטרייסלט. אירע געפילן האבן נישט געוווּסט ווי צו רעאגירן אויף אזא פלוצלינג־דיקן קלאפ. עס זענען געווען מאמענטן, ווען זי איז געווען פאר־צווייפלט. זי איז געווען אנגעזאפט מיט דעם פאראורטייל, אז יידן זענען נידעריקער און פארדארבן, און עס איז איר אויסגעקומען, אז זי טראגט אין איר בלוט עפעס אומווירדיקעס, פון וואס זי וועט זיך קיינמאל נישט קענען באפרייען, ווי פון אן אומהיילבארע קראנקהייט.

אין יענע מאמענטן האט זי געברענט מיט צארן און אפילו האס צום פאטער, וואס האט אויף איר געברענגט אזא אומגליק און טראגעדיע. זי האט געטראכט וועגן זעלבסטמארד, דערלייזט צו ווערן פון אלע יסורים און חרפה.

די דאזיקע געפילן פון פארצווייפלונג האבן אבער לאנג נישט אנגעהאלטן. ווי אין א קערפערלעכער קרענק קומט א רעאקציע, וואס ענדערט דעם קריזיס צום בעסערן, אזוי איז אויך אריינגע־טרעטן אן ענדערונג אין איר געדאנקען־גאנג.

דאס אומעטיקע פנים פון פאטער, וועלכער האט זיך געדרייט ווי א שאטן אין הויז, האט אין איר אנגעהויבן צו וועקן מיטלייד און רחמנות, און פון דעם רחמנות איז אויך געקומען צו אנדערע אויסרעכענונגען: אפשר איז עס גארנישט אזוי שרעקלעך, ווי זי שטעלט זיך פאר? אפשר זענען גאר די גאנצע רייד אויף יידן אי־בערגעטריבן און פאלש? אט איז דאך איר פאטער א זון פון א יידישער פרוי, איז ער דען ערגער פון א דייטשן מענטש? איז ער דען געווען א שלעכטער פאטריאט? האט ער דען נישט זיין לעבן געווידמעט פאר זיין פאטערלאנד, דייטשלאנד? און אויב די מאכט זאל זיך דערוויסן פון איר פאטערס אפשטאם און אים דריקן, האט ער עס פארדינט? און עס זענען דאך דא טויזנטער אזעלכע ווי איר פאטער, וועלכע ווערן באשפיגן און דערדריקט, נאר צוליב דעם וואס זיי זענען אדער שטאמען פון יידן?

און כדי זיך נאכמער צו טרייסטן און דערמוטיקן, האט מערלין אנגעהויבן זיך פאראינטערעסירן מיט דער יידישער פראגע און יידן. זי האט דערזען, אז כמעט אלע גרויסע פערזענלעכקייטן, וועלכע האבן באצירט דייטשלאנדס נאמען אויף אלע געביטן פון

פּאָעזיע, וויסנשאַפט, מעדיצין, פילאָזאָפיע און פאָרשונג, זענען געווען קינדער פון יידישן פאָלק, דאַרף זי זיך דען שעמען, וואָס זי געהערט זיך אָן אין קרובהשאַפט צו אַזוינע מענטשן?

די איבערקערעניש האָט ביסלעכווייז אָנגעהויבן זיך באַזעצן אין מערלינס האַרץ, און האָט זי נאָר איינמאָל אָנגעהויבן קוקן מיט אַזעלכע אויגן — איז שוין אַלץ פאַר איר דערשינען אין דער ריכטיקער ליכט, די אויפגעבויטע שפּינוועבס־וואַנט פון רכילות אויף יידן איז זיך צעפאַלן. שלעכטקייט און גרויזאַמקייט פון די באַדריקער האָט צו איר אַרויסגעשריגן פון יעדער פאַרלוימדונג, וואָס זי האָט געהערט אָדער געלעזן. זי האָט זיך נאָר געוווּנדערט, ווי זי איז דאָס געווען בלינד ביז איצט? גאָט אין הימל! ווי האָט זי דאָס נישט איינגעזען? פאַרוואָס האָט זי, ווי אַ בלינדע שאָף, נאָכגעפאָלגט אַלץ וואָס מען האָט איר איינגערעדט?

געשפּירט האָט זיך איצט מערלין ווי אַ ניי איבערגעשאַפענע, אַלץ איז פאַר איר געווען אויסגעלייטערט, קלאָר, אָפּגעשניטן פון דער פאַרגאַנגענהייט. און נאָר איין פּראָבלעם האָט זי איצט גע־מאַטערט — און דאָס איז געווען איר ליבע צום סטודענט מאַרטין.

זי, מערלין, האָט אים, מאַרטינען ליב. ער, מאַרטין, איז אָבער אַ פאַרברענטער נאַצי. שוימט און ברויזט מיט אַלע זייערע לאָ־זונגען. מעגלעך אָבער, אַז מאַרטין איז נאָר פאַרפירט פון די דע־מאַגאָגישע געשרייען, פּונקט ווי זי איז ביזאהער געווען. אפשר, ווען זי וועט אים אויפקלערן, וועט ער אַלץ איינזען? יאָ, זי מוז אויף זיך נעמען דאָס צו טאָן. זי וועט אים אין אָנפאַנג נישט דער־ציילן פון איר אנטפּלעקטער אָפּשטאַמונג. זי וועט צוגרייטן דאָס פעלד דערצו. זי וועט מיט אים אָנהויבן גלאַט אַזוי זיך צו דיסקו־טירן. זי וועט וואַרפן ספקות אין די נאַצי־טעאָריעס, אים באַקאַנט מאַכן מיט דעם יידישן גרויסן גייסט, און דאַן, ווען ער וועט שוין זיין באַפרייט פון פאָראורטייל, איבערגעאַנדערשט, וועט זי אים אויך אויסזאָגן איר סוד, און דאַמאָלס וועט עס אים נישט מאַכן קיין אונטערשייד.

געהאָפט האָט מערלין, אַז איר וועט זיך עס זיכער איינגעבן. עס וועט איר זיכער געלונגען איבערצייגן מאַרטינען, אַז אַלץ ביז איצט איז געווען אַ פאַרפירונג און פאַלש, און זי וועט אַזוי אַרום דערגרייכן איר ענדציל — איר פרייד פון ליבע.

זי האָט זיך אָבער אָפּגענאַרט אין אירע רעכענונגען. שוין איר ערשטער שמועס מיט מאַרטינען האָט געבראַכט די אַנטוי־שונג.

מערלין און מאַרטין זענען געזעסן אויף אַ באַנק אין שטאָט־גאָרטן און געלייענט אַ צייטונג. אין יענעם נאַצי־בלעטל איז אויף אַ קאַרטאָן געווען אויסגעמאָלט אַ ייד מיט אַ גראָטעסק פּנים, מיט אַ שפּיציקער נאָז און גייציקע אויגן. אויף דעם יידס קאָפּ איז געווען אַרויפגעטאָן אַ שפּיציקע יאַרמולקע און פון די זייטן קער־פּער האָבן אים אַראָפּגעהאָנגען לאַנגע ציצית. דערדאָזיקער מיאוסער נפש מיט זיין שעלמיש געלעכטער, האָט געוויגן עפּעס אַ ציגל אויף אַ וואָג און האָט זיך באַגאָסן מיט הנאה. הינטן האָט געלויטעט אַן אונטערשריפט:

„איך וועל אפילו פינף יאַרמולקעס און צען פּאָר ציצית אָנ־טאָן, אַבי גלויבט מיר אַז עס איז ריין גאָלד".

מערלין האָט געוויזן אויף דעם קאַרטאָן און האָט געזאָגט:

— ווייסט, מאַרטין, אַז דאָס איז אַריבערגעכאַפּט די מאָס. יידן זענען נישט אַזוי שרעקלעך, ווי מען מאָלט זיי.

— וואָס? — האָט מאַרטין אָנגעשטעלט אַ פּאָר אויגן — דו האַלטסט מיט זיי? דייטשלאַנד וועט נישט אויפלעבן, כל זמן דער יודע וועט הערשן אין אונזער פאָטערלאַנד.

— הערשן? — האָט מערלין געפּרוווט זיין גלייכגילטיק און גערעדט מיט אַ רואיקן טאָן,—ווער רעדט וועגן הערשן? מען דאַרף אָבער זיי נישט באַטראַכטן ווי נידעריקע באַשעפענישן, באַרויבן זייער רעכט, נאָך אַלעמען...

— אָ, מערלין, — האָט מאַרטין איר איבערגעשלאָגן אינ־מיטן — ווי קומט עס, דו זאָלסט אַזוי רעדן? דער יודע האָט דאָך דייטשלאַנד רואינירט, דערנידעריקט, און ווען נישט היטלער, וואָלטן מיר אַלע געווען פאַרשקלאַפּט ביי דער וועלט. היטלער האָט אונז געבראַכט אונזער ערע. ער וועט פּאַר אונז נאָכמער דערגרייכן, נאָר דער פּעסטיקער יודע שטיים אים אין וועג.

— מאַרטין — האָט זי זיך מער איינגעשטעלט — מען דאַרף נישט זיין איינער פון דער מאַסע, נאָכזאָגן אַלץ, וואָס מען לייגט אַריין אין מויל אַריין, נישט באַטראַכט און נישט באַדענקט. וויי־

סטו דען נישט, אז יידן האָבן באַרייכערט די ציוויליזאַציע פון דער וועלט, און באַשיינט דייטשלאַנדס נאָמען?

מאַרטין איז אויפגעשפרונגען, ווי געביסן פון א שלאַנג.

— יידן האָבן באַשיינט? — האָט זיין פּנים זיך אָנגעגאָסן מיט צאָרן — זיי האָבן באַפלעקט, באַשמוצט! זיי האָבן פאַר־כאַפּט אַלץ מיט זייער חוצפּה, און דער דויטשע האָט געדולדעט. אָבער איצט — נישט מער! אויס מיט דעם יודע! דייטשלאַנד איז באַפרייט.

מערלין האָט געשוויגן, און מער גאָרנישט געענטפערט. עס איז פאַר איר געוואָרן קלאָר, אַז איר ליבהאָבער איז אונטער דער קראַפט פון נאַצי־פאַרבלענדעניש. און דאָס איז אים ליבער ווי זי אליין. ער איז מיטאַמאָל, ווי דורך א כשוף, געוואָרן אָפּגעווייטערט פון איר. עפּעס א פרעמדקייט האָט זיך מיטאַמאָל באַזעצט צווישן זיי ביידע.

— מערלין, איך וואונדער זיך, וואָס איז מיט דיר? — האָט מאַרטין אין א ווייַלע אַרום געזאָגט. — איך האָב נאָך קיינמאָל פון דיר אַזעלכע רייד נישט געהערט. עס איז קענטיק דאָ עמיצנס איינפלוס. מען דאַרף זען צו אַרבעט נישט אמאָל איבער דיר א פאַרבאַהאַלטענער יידישער קאָמוניסט, — האָט ער א שמייכל געטאָן. — אומבאַוווּסטזיניק ווערט ער פאַרגיפטן דיינע געדאַנקען.

— און דו מיינסט, אַז מיך איז אַזוי לייכט איבערצורעדן?

— האָט זי צו אים געמאַטערט געגעבן א שמייכל.

איצט האָט זי דערשפּירט, אַז זי מוז פאָרזיכטיק זיין. עס וועט דאָ מוזן אין איר לעבן עטוואָס געטאָן ווערן. עפּעס א פּלאַן וועט געשאַפן ווערן, און דערווייל מוז זי שווייגן און שווייגן, עס זאָל נישט פאַלן קיין חשד, וואָס וועט נאָך שטערן אירע פּלענער.

קאַפּיטל דריי און פופציק

געפילט האָט מערלין, אַז עטוואָס ראַדיקאַלעס מוז קומען אין איר לעבן, אָבער נאָכמער פון איר האָט עס געשפּירט איר פאָטער, האַנס.

הער פאָן לעוועצאָוו האָט איצט אויסגעזען אויפגעלעבט און צופרידן. די גוטע ענדערונג, וואָס איז געקומען אין זיין טאָכטער,

און זיך צעוואקסן אַלץ מער און מער, האָט אים דערפרישט און דערמוטיקט. ער האָט זיך געפילט גרינג און באַפרייט, ווי ער וואָלט נאָר וואָס געהאַט איבערגעקומען אַ סכנה, ווי ער וואָלט געהאַט אַריבערגעשפּרונגען איבער אָפּגרונטן און איז ניצול געוואָרן. זיין ווייב און קינד זענען איצט אים געווען נאָך ליבער. ערשט איצט זענען זיי געווען זיינע אייגענע. ער האָט מער פאַר זיי נישט געהאַט קיין געהיימניסן און סודות.

די יידישע פראַגע האָט איצט פאַרנומען דאָס וויכטיקסטע אָרט אין פאָן לעווצאָווס הויז. די נאַצישע מאַכט אַליין האָט די דאָזיקע פראַגע נישט געלאָזט איינשלאָפן. געוועקט האָבן זיי פון טאָג צו טאָג צו נייעם האַס און שטאַרקערע פאַרפאָלגונגען. האַנס און מערלין האָבן זיך געפילט, ווי מען וואָלט פּאַכען מיט בייטשן איבער זייערע לייבער, און ווי אין זעלבסטפאַרטיידיקונג געזוכט אַן אָנהאַלט און דערמוטיקונג. זיי האָבן אין דער שטיל געלעזן יידיש־דייטשע צייטונגען, דורכגעפילט און מיטגעלעבט די ראַנגלענישן פון דער יידישער באַפעלקערונג אין דייטשלאַנד פאַר זייער לעבן, כאָטש אויסערלעך האָבן זיי זיך נאָך גערעכנט צווישן די „יחסנים", די אַריער, אָן דעם מינדעסטן חשד.

די צייט איז דערווייל געלאָפן. טעג האָבן זיך פאַרוואַנדלט אין וואָכן, אין חדשים — און די לאַגע איז אַלץ געוואָרן ערגער.

און דאַן — אַ נייער באַשלוס האָט מיטאַמאָל אָנגעהויבן אויפשפּראָצן אין האַנסנס האַרץ.

די יידיש־דייטשע צייטונגען זענען געווען פול וועגן עמי־גראַציע פון די דייטשע יידן. פיל זענען געפאָרן קיין פראַנקרייך, קיין ענגלאַנד — און קיין ארץ־ישראל, און אַ געדאַנק האָט אויפגעבליצט אין הער פאָן לעווצאָווס מח — ער וועט אויסוואַנדערן פון דייטשלאַנד.

די דאָזיקע אידעע איז אים געפעלן געוואָרן צוליב אַ סך טעמים. ער וואָלט דערלייזט געוואָרן פון שטענדיקער שרעק „אַנטדעקט" צו ווערן מיט זיין „אָפּשטאַם". איצט, אַלס אַריער, וואָלט פאַר אים לייכט געווען אַלץ צו ליקווידירן, אָן באַגרענע־צונג און אָן פאַרפאָלגונגען, דערצו וואָלט ער זיך געפילט פריי, ער וואָלט נישט געדאַרפט טיילן די שולד, פון געהערן אויסער־לעך צווישן די גרויזאַמע באַדריקערס.

וואָס ווייטער איז האַנס פאַר דעם געדאַנק געוואָרן מער אַנטציקט, און ער האָט עס פאָרגעשלאָגן צו זיין ווייב און טאָכ־טער.

— מיר וועלן אַרויספאָרן פון דייטשלאַנד — האָט ער פאַר זיי אַנטוויקלט די פּרטים פון פּלאַן — ווי גליכע מענטשן. מיר וועלן אַלץ ליקווידירן. שוין איצט לאָז איך איבער דאָס געלד פון דער עקספּאָרטירטער סחורה אין ענגלישע בענק. ביסלעכווייז וועלן מיר אַזוי אַלץ טראַנספערירן קיין אויסלאַנד. — מיר וועלן נישט אויסזאָגן אַז מיר פאָרן אויף פּערמאַנענט, און אַז מיר וועלן קו־מען קיין אויסלאַנד, וועלן מיר האָבן גענוג קאַפּיטאַל.

— פאַר מיר איז עס אַ גלענצנדיקער אויסוועג — האָט מערלין געזאָגט — עס וועט מיר געבן אַ מעגלעכקייט איבער־צורייסן מיט מאַרטינען אינגאַנצן. איך האָב צו אים סיי ווי מער נישט קיין ליבע־געפיל. איך דולד אים נאָר צוליב שרעק, כדי צו פאַרמיידן גריבלעניש און רייד וועגן אונז.

— ווי גליקלעך איך וועל דאָרט זיין — האָט האַנס גע־זאָגט — צו קאָנען אָפן פּראָקלאַמירן מיין יידישע אָפּשטאַמונג, ווי איך וועל זיך פילן שטאָלץ.

פרוי פאָן לעווצאָוו איז געזעסן שטיל, זיך צוגעהערט צו האַנסנס רייד, און אַן אומעטיקער קנייטש איז אַדורכגעלאָפן אי־בער איר געזיכט. האַנס האָט עס אויפגעכאַפּט.

— איך וויים, מאַטילדע, איך וויים — האָט ער אָנגענומען זיין ווייבס האַנט — איך פיל דיך מיט. דו דאַרפסט זיך שיידן מיט דיינע עלטערן, דיין פאַמיליע, אָבער לאָמיר האָפן, אַז עס איז נישט אויף לאַנג. מיר פאַרוואַרפן נישט אונזער פאָטערלאַנד. דייטשלאַנד איז אונז טייער און ליב, נאָר שלעכטע מענטשן האָבן פאַרכאַפּט די מאַכט. זאָל נאָר דייטשלאַנד באַפרייט ווערן פון די גרויזאַמע, מענטשלעכע געזעצן זאָלן אָנפאַנגען הערשן אין לאַנד — און מיר וועלן באַלד צוריקקומען צו אונזער היימאַט.

— איך בין צופרידן, האַנס, צו גיין — האָט פרוי פאָן לעווצאָוו געענטפערט. — עס איז מיר קיינעם נישט שווער צו פאַרלאָזן, אויב נאָר דאָס וועט ברענגען גליק און רו צו דיר און אונזער קינד.

— זיכער וועט עס ברענגען, מאַטילדאַ, זיכער — האָבן

הער פאַן לעוועצאָוס אויגן געגלאַנצט מיט אַ נײַ פֿײַערל. — מיר וועלן זײַן מיט מענטשן גלײַך, קענען קוקן איטלעכן פֿרײַ אין די אויגן אַרײַן. ווי גליקלעך וועלן מיר זײַן.

קאַפּיטל פֿיר און פֿופֿציק

געצויגן האָט זיך דער שטראָם וואַנדערער פֿון די געפּלאָגטע דײַטשע ייִדן קיין ארץ־ישראל.

שיפֿן אויף שיפֿן זענען אָנגעקומען מיט יענע הײמלאָזע, פֿאַר־וואָגלטע. יעדער וואַנדערער — אַ קרבן פֿון זײַן ייִדישקייט; יע־דער אײנער מיט דער אײביקער ייִדישער טראַגעדיע אויף זײַן פּנים; אַ לעבעדיקער סימבאָל פֿון געטריבענעם ייִדישן פֿאָלק, אַן איבערגעחזרט היסטאָריש בילד פֿון אַמאָליקן גרוש־שפּאַניען.

די צײַטונגען אין ארץ־ישראל זענען אין אָנפֿאַנג געווען פֿול מיט באַשרײַבונגען פֿון יענע אומגליקלעכע, מיט געשיכטעס פֿון לײַדן און פּײַן. באַלד אָבער איז שוין מער נישט געווען קײן פּלאַץ פֿאַר פּרטים און פֿאַר פּאַסירונגען פֿון אײנצעלנע. די צאָל פֿון די אָנקומענדיקע איז געוואַקסן, און אַלץ איז געוואָרן אַ טעג־לעכע דערשײַנונג. באַריכטעט האָבן נאָר די צײַטונגען די צאָל פֿון די אָנקומענדיקע: נעכטן פֿופֿציק דײַטשע ייִדן, הײַנט — דרײַ־סיק, און מאָרגן ווידער עטלעכע צענדליק.

עס זענען אָבער אויך געווען אויסנאַמען, ווו געשיכטעס פֿון וואַנדערער האָבן נאָך אין זיך פֿאַרמאָגט אַ וווּנדער, אַ נײַעס, און דאַן זענען זײ געווען אויספֿירלעך געשילדערט אין די צײַטונגען.

אַזאַ אויסנאַם איז אויך געווען די אויסטערלישע געשיכטע מיטן גענעראַל האַנס פֿאַן לעוועצאָוו, ווען ער מיט זײַן פֿרוי און טאָכטער זענען אָנגעקומען צו די ברעגעס פֿון ארץ־ישראל.

אונטער אַ גרויסן קעפּל: „אַ דײַטשער גענעראַל, אַ זון פֿון אַ ייִדישער מוטער, קומט מיט זײַן משפּחה קיין תּל־אָביב" איז געווען באַשריבן פֿאָלגנדיקע געשיכטע:

„אַ געוועזענער דײַטשער גענעראַל פֿון מלחמה־צײַט, האַנס פֿאַן לעוועצאָוו, איז געווען אַ זון פֿון אַ ייִדישער מוטער, אַ פֿראַנק־פֿורטער רבס אַ טאָכטער, וועלכע האָט חתונה געהאַט מיט אַ קריסט, אַ דײַטש פֿון אַ יחוסדיקער פֿאַמיליע. דער גענעראַל האָט

ווינציק געוווסט פון זיין יידישקייט. אין אָנפאַנג אַליין געווען א טרייער נאַצי. זיין טאָכטער האָט געהאַט א חתן א נאַצי־סטו־דענט. אָבער ווען די נאַצים האָבן זיך גענומען צו די ראַסן־טע־אָריעס, און אָנגעפאַנגען צו דריקן יידן, האָט דער גענעראַל בים־לעכוויץ ליקווידירט זיין פאַרמעגן, אויפגעגעבן זיין פאַבריק פון שפּילצייג און אוועק מיט זיין ווייב און טאָכטער קיין פּאַריז.

„אַפּזייענדיק א פּאָר מאָנאַטן אין פראַנקרייך, איז זיין נאָנט־קייט מיט דעם יידישן פאָלק געוואַקסן, און ער האָט באַשלאָסן צו פאָרן קיין ארץ־ישראל, זיך צו באַזעצן אין תל־אביב, און אַרי־בערגיין אָפן צוריק צום יידנטום".

אין אַן אָפן בײדל אויף א פעלד אַרום תל־אביב איז מענדל, הערשלס זון געזעסן אין זיין מיטאָג־שעה, און דעם קאָפּ געהאַלטן איינגעגראָבן אין א צייטונג.

ער האָט געלייענט די געשיכטע מיט דעם גענעראַל און זיך אָנגעשטויסן אָן דעם נאָמען „פאָן לעווצאָוו".

„פאָן לעווצאָוו", א גענעראַל אין דער מלחמה — דער נאָ־מען איז אים פאַרגעקומען באַקאַנט. עפּעס האָט זיך אין אים א ריר געטאָן — און ער איז האַסטיק אויפגעשפּרונגען פון אָרט.

— חברים! — האָט ער אויסגערופן צו די אַנדערע אַר־בעטער, וואָס זענען דאָרט געזעסן ביי זייער מיטאָג — איך מוז גלייך ערגעץ אוועקגיין, איך ווייס נישט ווי לאַנג עס וועט דויערן צו קומען צוריק.

ער האָט האַסטיק אַראָפּגעוואָרפן פון זיך די אַרבעט־קליי־דער, זיך איבערגעטאָן — און ווי פייל פון בויגן געלאָפן קיין תל־אביב צום ברודער גבריאלן אין הויז.

א פאַרסאָפּעטער איז ער אַריינגעלאָפן אין הויז.

— מענדל? וואָס האָט געטראָפן? — האָט אים חנה באַ־געגנט מיט וווּנדער און איבעררעשונג.—ווי קומסטו איצט אהער? און וואָס ביסטו אַזוי צוהיצט?

— גאָרנישט, חנה — האָט ער געענטפערט איילִיק — איז דיין פאָטער דאָ?

— יאָ, ער האָט זיך צוגעשפּאַרט א ווײַלע. אָבער וואָס איז געשען?

— דו וועסט הערן, וועסט הערן — האָט ער אַלץ געענט־פערט היציק — גיב נאָר אַ קוק, אפשר איז ער וואך.

חנה איז געגאַנגען אויף די שפּיץ־פינגער פון די פיס צו ר׳ שמואלקעס צימער, און מענדל איז איר נאָכגעגאַנגען.

ר׳ שמואלקע איז נישט געשלאָפן. מיט אָפענע אויגן איז ער געלעגן אויף דער סאָפע.

— רבי — האָט מענדל אויסגעשריגן מיט האסט — איך דארף אייך עפּעס נויטיק פרעגן: ווי איז געווען דעם גענעראַלס נאָמען, וועלכער האָט מיך און דעם טאַטן געראַטעוועט פון טויט?

ר׳ שמואל האָט אַ ווײַלע אַ טראַכט געטאָן:

— פאָן לעווצאָוו?

— יאָ, פאָן לעווצאָוו.

— ער האָט אייך דערציילט, אַז זיין מוטערס פאָטער איז געווען אַ רבֿ?

— יאָ.

— ער קומט דאָך היינט אהער זיך צו באַזעצן! ער מיט זיין משפּחה! — האָט מענדל אויסגעשריגן מיט היץ, און אָנגעקוקט חנהן מיט צעפלאַמטע אויגן.

ר׳ שמואלקע האָט זיך אויפגעזעצט און גרויס וווּנדער און איבערראַשונג האָט זיך געשפּיגלט אין זיין בליק.

— אַ ווונדערלעכע זאַך, אַ גרויס ווונדער — האָט ר׳ שמואלקע געזאָגט — מיר דאַרפן זיי אריבערנעמען צו אונז — עס איז מן השמים. מיר דאַרפן זיי באַצאָלן מיט אַ טובֿה. ער האָט געראַטעוועט הערשן מיט מענדלען פון זיכערן טויט.

חנה איז אויך געשטאַנען איבערראַשט.

— געווים וועלן מיר זיי אויפנעמען ביי אונז — האָט זי ענדלעך געזאָגט — אַזאַ מערקווירדיקער צופאַל.

— עס איז פון הימל — האָט ר׳ שמואלקע געזאָגט — ער האָט אַ זכות.

— איך וועל שוין נישט שווייגן. איך וועל זיי באַגעגענען ביי דער שיף — האָט מענדל אויסגערופן — איך וועל שוין אָנזאָגן דעם טאַטן און גבריאלן.

און איז מיט אַ שפּרונג אַרויסגעלאָפן פון הויז.

אויפן אַנדערן פרימאָרגן איז דער גענעראַל מיט זיין ווייב

און טאַכטער געבראַכט געוואָרן פון דער שיף דורך מענדלען גלייך צו גבריאלן אין הויז.

ר׳ שמואלקע און האַנס פאָן לעווצאָוו האָבן זיך געדריקט די הענט.

ר׳ שמואלקע איז פון דער באַגעגעניש געווען גערירט. ער האָט אָנגעקוקט דעם גענעראַל און טיפע באַגייסטערונג האָט ארויסגעשטראַלט פון זיין פנים.

— הער ראַבינער, איר דערקענט מיך נישט? — איז פאָן לעווצאָוו אויך געווען אין אַנטציקונג — אייך איז געבליבן אין זכרון יענער שטייפער, פולברוסטיקער גענעראַל פון שעדלעץ מיט זיין מיליטערישן מונדיר. איך אָבער דערקען אייך גוט. אייער געשטאַלט איז מיר שטענדיק געשטאַנען פאַר די אויגן. זעט איר, הער ראַבינער, וואָס גאָט קאָן מאַכן?

— איין גוטע מצוה ברענגט די אַנדערע — האָט ר׳ שמואלקע געזאָגט, און מענדל האָט זיך באַמיט עס צו פאַרטייטשן אין דייטש. — דער וואָס ראַטעוועט נאָר איין נפש פון אַ ייד איז זיין זכות גרויס, און איר האָט געראַטעוועט צוויי נפשות. דערפאַר האָט איר זוכה געווען צו באַזעצן זיך אין ארץ־ישראל.

באַלד איז אויך אָנגעקומען דער אַלטער הערש. פאָן לעוו־צאָוו האָט אים אויך וואַרעם געדריקט די האַנט און נאָכאַנאַנד גערעדט אין איבערראַשונג.

— ווי וווּנדערבאַר! ווי וווּנדערבאַר! איצט איז מיין קומען קיין פאַלעסטינע פיל ליבער טויזנטער מאָל. איך וועל זען מיין גוטע טאַט שטענדיק פאַר די אויגן.

שפּעטער איז אויך אָנגעקומען גבריאל.

חנה האָט דערווייל צוגעגרייט עסן. מען האָט זיך געזעצט צוזאַמען ביי אַ טיש. ר׳ שמואלקע אויבנאָן, האַנס ביי דער זייט, און אַלע איבעריקע אויסגעמישט זייט ביי זייט.

ערשט איצט איז די פריינטשאַפט געשלאָסן געוואָרן. מען האָט געמיטלעך געשמועסט, און אָנגעהויבן אַרומצורעדן פּלענער פון פאָן לעווצאָווס קומענדיקן אָרט לעבן.

געשפּירט האָבן זיך האַנס מיט זיין ווייב און טאָכטער אַזוי צופרידן און אַזוי היימיש, ווי זיי וואָלטן דאָרט, אין גבריאלס

הויז שוין געווען יאָרן, און זיי וואָלטן מיט ר׳ שמואלקעס משפּחה געווען אַלטע קרובים.

— פריינט, — האָט האַנס פאָן לעווצאָוו געזאָגט — איך קען נאָך נישט וויסן מיינע צוקונפטיקע פּלענער. איין זאַך אָבער בין איך בײַ מיר זיכער, אַז איך וועל צוריקקערן צום יידישן פאָלק, צו דעם אַלטן שטאַם פון מיין מאַמען. דערדאַזיקער פאַר־לאַנג האָט מיך געשטויסן אַהער, און דאָ וועל איך עס פאַרווירק־לעכן.

— איר וועט עס דאָ זיכער קענען טאָן — האָט חנה אַ לאַך געטאָן. — בײַ אונז אין ארץ־ישראל, כאָטש מיר יידן זענען „יחסנים" לאָזן מיר אַלעמען ווערן יידן. מיר נעמען זיי אָן גערן און געבן זיי אַלע רעכט.

— — — — — — — — — — — — —

איינגעאָרדנט האָט זיך דער גענעראַל מיט זיין משפּחה אין אַ הויז נישט ווייט פון גבריאלן. זיי האָבן דערווייל זיך נישט גע־נומען צו קיין זאַך, און געלעבט פון פּראָצענט, לייענדיק געלד אויף „משכנתאות".

צווישן די צוויי הייזער, חנהס און הער לעווצאָווס (דעם „פאָן" האָט מען אַראָפּגענומען) האָט געהערשט טיפע פריינט־שאַפט. פרעמדע האָבן זיי גערעכנט פאַר קרובים אין בלוט און פלייש, און אַזוי האָבן זיי אַליין אויך זיך געהאַלטן.

מענדל האָט זיך באַפריינדעט מיט מרימען (אַזוי האָט דאָ מערלין געהייסן). ער האָט זי געלערנט העברעאיש און זי באַ־קאַנט מיט דער יידישער געשיכטע.

אין דער עלנדער, ערשטער צייט אין אַ פרעמד לאַנד, ווי די לעווצאָווס זענען געווען, איז מענדלס פריינטשאַפט מיט דעם יינגן מיידל געווען בײַ איר זייער טייער אָפּגעשאַצט. זיין שטורמישע פאַרגאַנגענהייט מיט אַלע זיינע איבערלעבונגען, וועגן וואָס ער האָט איר דערציילט, האָבן איר אויך אימפּאָנירט, און דער עט־וואָס איינגעבויגענער בחור מיט דעם טונקעלן, צוגעברענטן פּנים האָט אין איר אָנגעהויבן וועקן געפילן פון באַוווּנדערונג און אַנט־ציקונג.

געקוקט האָבן ביידע משפּחות אויף דער חברשאַפט, וואָס

הויבט אָן צו וואַקסן צווישן דעם בחור און מיידל, און פאַרבאַ־
האַלטענע מחשבות האָבן געמאַכט פרייען זייערע געמיטער; סיי
גבריאלס צד, און סיי די לעווצאָווס, וואָלטן געווען גליקלעך, ווען
די יונגע לייט דערנענטערן זיך מער, און אַ ליבע זאָל זיך אַנט־
וויקלען צווישן זיי ביידע. געגאַרט האָבן עס חנה און גבריאל,
ווייל מרים איז געווען אַ שיין, געבילדעט מיידל, מיט דעם יידיש־
דייטשן חן פון אַדל, זויבערקייט און ליבלעכקייט. געגאַרט האָבן
עס הער לעווצאָוו מיט זיין פרוי, כדי מרים זאָל דורך נייעם אײנ־
טערעם פאַרגעסן אינגאַנצן דעם ריס אין איר פאַרגאַנגענהייט,
אין דייטשלאַנד און איר געליבטן... און דאָס וואָלט געווען דער
ערשטער איינגעפלאַנצטער וואָרצל אין זייער נייער היים.

דערווייל האָט אָבער זייער פריינטשאַפט נאָך ערשט גע־
האַט געמאַכט די ערשטע טריט, און הער לעווצאָוו האָט נישט
געוואָלט וואַרטן מיט זיין דערנענטערונג צום יידישן פאָלק. זיין
אַמביציע איז געווען דורכגעפירט. ער איז אין לאַנד פון זיין
מוטער, ער איז דאָך נאָך אָבער נישט אַ זון פון איר פאָלק. ווי
אַ פרעמדער וואַנדערט ער אַרום צווישן די יידן, זיינע ברידער
אין בלוט און פלייש, און דאָך איז ער אָפּגעצוימט פון זיי. ווער
ער לאָזן שטיין די אייזערנע וואַנט צווישן זיי און אים? וועט ער
נישט באַזיצן דעם מוט אויך דורכצופירן דעם לעצטן שריט, וואָס
וועט אים אינגאַנצן אַריינפירן אין ברית פון יידישן פאָלק, און
אָפּמעקן, אָפּווישן אינגאַנצן זיין פאַרגאַנגענהייט?

ער, האַנס לעווצאָוו, האָט נישט גערוט, ביז זיין ווילן איז
דורכגעפירט געוואָרן.

שטיל, פאַרבאַהאַלטן, אין אַ שפיטאָל, אין דער אָנוועזנהייט
פון אַ מנין מענטשן, און אויך פון ר׳ שמואלקען, איז ער דורך
אַ דאָקטאָר אַריינגעבראַכט געוואָרן אין ברית פון אברהם אבינו,
און טאַקע באַקומען אַ נייעם יידישן נאָמען — אברהם.

— — — — — — — — — — — —

צעוואַקסן האָט זיך די פריינטשאַפט צווישן די ביידע
משפחות און נאָכמער צווישן ר׳ שמואלקען מיט אברהם לעווצאָוו.

זיי האָבן זיך נישט באַשעפטיקט מיט קיין אַרבעט און געהאַט
די טעג פאַר זיך.

ר׳ שמואלקע האט אברהמען געלערנט יידישקייט און געווען אינגאנצן באגייסטערט פון אים:

— איך בין דיר מקנא — פלעגט אפט זאגן ר׳ שמואלקע צו אברהם לעווצאוו — דיין חלק איז גרעסער פון מיינעם. אט זעסטו ווי גרויס עס איז דער כח פון איין מצוה. דו האסט מציל געווען יידישע נפשות — און דערפאר האט גאט ברוך הוא מציל געווען דיינע נפשות, און געבראכט איך צוריק צו זיין פאלק.

אין די נאכמיטאגס פלעגן זיי, ר׳ שמואלקע מיט אברהמען אפט ארויסגיין שפאצירן און פלעגן אזוי זיך פארציען שפרייזנדיק אויף דעם וועג, וואס האט זיך געצויגן לענג אויס דעם ברעג פון ים.

דארט ווייט, ביים ברעג פון הימל, אין מערב זייט, פלעגט זיך זעצן די זון אין פורפור־רויטע פלאמען פון איר שקיעה, און טונקען אירע פייערן אין די בלויע גארבנדיקע וואסערן פון ים. בלעזלענדיק פלעגן אפט קליינע כוואליעס, אונטער א מילד ווינטל, זיך א וויג געבן צו די ברעגעס, לייכט אנקלאפן מיט ווייסן שוים אן די זאמדן, און זיך אפכאפן אויף צוריק.

ר׳ שמואלקע מיט אברהמען פלעגן אין זיך זויגן די קילע ים־לופט,ווארפן זייערע בליקן אויף דעם אויסגעשפרייטן ים, און דער אפשיין פון דער פארגייענדיקער זון פלעגט אויך פאלן אויף זייערע פנימער.

דעמאלט פלעגט זיך ר׳ שמואלקע פארטראכטן. זיינע אויגן פלעגן זיך כמעט ווי צומאכן, און שטיל, ווי ער וואלט זאגן תורה ביי א זוועצקער טיש צו זיינע חסידים, פלעגן זיינע ליפן שעפטשען צו אברהם לעווצאוון:

— דאס יידישע פאלק איז געגליכן צו דעם ים. אזוי ווי די וואסערן פון ים שפרייטן זיך אויך די יידן איבער ברייטע וועלטן, אבער קומען צוריק און קלאפן אן, ווי די כוואליעס, אן די אייגענע ברעגעס.